STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07754

KALMAN BULAN

M. Tabatznik

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מענדל טאַבאַטשניק

קלמן בולאַן

מענדל טאַבאַטשניק

קלמן בולאַן

ראָמאַן פון יידישן לעבן

צווייטער בוך — דרום אפריקע.

פאַרלאַג קאַיאָר
יאָהאַנעסבורג
דרום אַפריקע
תש״ל / 1970

KALMAN BULAN by MENDL TABATZNIK

A Novel of Jewish Life in South Africa

BOOK TWO

Published by Kayor,
Johannesburg, South Africa, 1970

Author's address: 101 Cradock Heights, Rosebank, Johannesburg,
South Africa.

געדרוקט אין דער „פּאַסיפיק פּרעס“, יאָהאַנעסבורג, דרום אפריקע.

אַ מתנה מיין אייניקל לינדאַ גאָרדאָן
צו איר חתונה מיט פּאָאול מאנדעלע.

To my dear Grandchild, Linda Gordon,
on the occasion of her marriage to
Paul Mandele.

די הכנסה פון בוך האָט דער מחבר
אחעקגעשאָנקען לטובת קולטור־
געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס
אין יאָהאַנעסבורג.

1

דער וואַרטנדיקער קלמענען

ש בת נאָך מיטאָג, ווען ביי מ״ר מייקל אין שטוב האָט זיך די שטילקייט צעלייגט מיט סוף־וואָכיקער רו, האָט זיך דאָס טיר־גלעקעל גרילציק צעקלונגען. סאָניע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט אין מיטן אַ שמועס מיט איר לערער גרינבלוי. איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן מיט אומגעאַנטער דערוואַרטונג.

מ״ר מייקל האָט זיך אַ כאַפּ־געטאָן פון זיסן דרימל, אַראָפּגעשטעלט די פיס פון דיוואַן און פון געוווינהייט געטראָפן גלייך אין די שטעקשיך. ביידע האָבן זיך געלאָזט צו דער איינגאַנג־טיר — מ״ר מייקל, אַ האַלב־פאַרשלאָפענער, נאָך אים, סאָניע, מיט צופרידענער איבערראַשונג אין איר בליק.

אין טיר איז געשטאַנען אַ פאָסט־יינגל און געהאַלטן אויסגעשטרעקט אַ קאָנווערט. מ״ר מייקל האָט שנעל אַ קראַץ געטאָן אין קעשענע פון די

הויזן, וואָס זיינען געווען צעקנייטשט פון ליגן אויפן דיוואַן, און האָט אים דערלאַנגט אַ זילבערנע מטבע. דער פּאָסט־יינגל האָט זיך ברייט צעשמייכלט און אַוועק.

„אַ טעלעגראַמע״, האָט סאָניע אַ ביסל נערוועז אויפגעריסן דעם קאָנ־ווערט. זי האָט געלייענט: „איך פאָר היינט ארויס פון קייפּטאָן. קלמן טראַיעוויצקי״.

מ״ר מייקלען האָט עפּעס אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן פון דער ידיעה. ווידער זיך צולייגן איז ער שוין ניט געגאַנגען. אין אים האָט זיך גע־וועקט אַזאַ מאָדנער געפיל, ווען פרייד און פאַרדרוס מישן זיך אויס צו־זאַמען. ער וואָלט איצט גריילעך געוואָלט וויסן, וועלכע פון דיביידע זאַכן וועט פאַרנעמען מער פּלאַץ אין זיין וויטערדיקן לעבן, אז זיין פלימעניק וועט קומען און זיין מיט אים. ער האָט עס ניט געקענט פאַרויסזאָגן.

אין אַ געפּלאָנטער פון מחשבות האָט ער זיך ארייגעשאַרט אין ליכ־טיקן זאַל. די ווייכע טעפּיכער האָבן איינגעזויגן זיין טראָט. ער האָט זיך שווער אראָפּגעלאָזן אין א פאָטעל און פאַרזונקען אין זיין פּוכיקייט. ער האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן אַ קישעלע און געקוקט אויף אַ בילד אויף דער וואַנט, אזוי זיך, סתם אין דער וועלט אריין. מיט אַ מאָל איז פון דאָרטן פאַר אים אויפגעשוווּמען זיין אַלטע היים. ער האָט געזען זיין אָרעמע פאַרפינצטערטע שוועסטער און זיך דערמאָנט, אז ווען ער איז דאָס לעצטע מאָל געווען אין דער היים איז דער דלות געווען גרויס, אַ גאַנץ שטעטל יידן האָבן געלעבט אין אָרעמקייט.

ער האָט איצט געדענקט מיט אַ מאָדנער קלאָרקייט, ווי ער האָט יינגל־ווייז פאַרלאָזן די היים. פאַר זיינע אויגן האָט ער געזען ווי אַ לעבעדיקן זיין שוואָגער, בערל דעם וואַסער־טרעגער: אָט פירט ער דאָס פאַרמאָרעטע פערדל פאַרן אָברוטש און דאָס פעסל וואַסער שפּריינגט אונטער אויפן ברוק. ער שטעלט זיך אָפּ לעבן נגידישע הייזער און פילט אָן מיט זיין עמער זייערע גרויסע הילצערנע צעבערס.

דאָס איז טאַקע דעמאָלט געווען זיין פּלאַן, מייקלס, אז בערל זאָל קויפן אַ פערדל אויף אויסצאָלן און אים איינשפּאַנען אין אַ פעסל — זאָל דאָס פערדל איבערנעמען די שווערע אַרבעט. ער, מייקל, איז שוין דעמאָלט גע־ווען אַ מענטש מיט אונטערנעמערישע אידעען, טראַכט ער, און דעריבער האָט אים דאָ, אין אפריקע, אזוי באַגליקט.

און ווידער דערמאָנט ער זיך, ווי בערל פלעגט פּאַכען מיט דער נשמה ווען ער פלעגט זיך איינשפּאַנען אין קאַראָמיסל אויף זיינע פּלייצעס. פון גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער טראָגן די עמערס וואַסער. ניט נאָר די האָלצערנע נאַסצע האָט זיך אויסגעבויגן פון דער משא, נאָר אויך די אַקסלען פון בערלען. ער דערמאָנט זיך מיט צופרידנקייט ווי זיין שוועסטער, יענטע, מיט איר קראַנקן מאַן האָבן אויפגענומען זיין פּלאַן. טרערן זיינען זיי געשטאַנען אין די אויגן, ווען ער, מייקל, האָט צוגעזאָגט צו געבן אַן אויפגאַב צושטייער אויפן פערדל. ער רעכנט אויס אין גע־דאַנק וויפל יאָר זיינען שוין פאַרביי פון דעמאָלט אָן. ער פּלאָנטערט זיך אין חשבון און קען אויף קלאָר ניט אויסמאַכן די צאָל יאָרן. און זייט ער איז אוועק פון דאָרט, האָט ער פון זיי מער קיין מאָל ניט געהערט און האָט צו זיי קיין מאָל ניט געשריבן. ער פילט אז ער האָט ניט גוט געטאָן און דאָס פאַרדריסט אים. איצט, אז זיין שוועסטערס זון קומט צו אים, קען ער עס גוט מאַכן. ער געדענקט אים ניט, אָבער ווערדליק זיין שוועגערין סאָניע דערציילט, דאַרף ער ניט זיין קיין פאַרשלאָפענער חברהמאַן.

מיט אַ מאָל, ווי ער וואָלט זיך אויסגעניכטערט פון די אַלטע היים־זכרונות, גיט אים אַ שטאָך אין געדאַנק: און ווער קען וויסן וואָס פאַר אַ תכשיט דער קלמנקע איז? וויפל אזעלכע אריבערגעקומענע האָבן געגעבן זייערע קרובים אַ פּעקל מיט צרות? אָבער גלייך כאַפּט זיך מייקל צוריק: פאַר וואָס עפּעס נאָך איידער ער איז געקומען אַהער שוין אויסלייגן אויף דאָס ערגסטע? ניט יעדער גרינער איז שלעכט, אַנדערע זיינען גאָר טוי־געוודיק. אָט ווייס ער אליין, מייקל, פון גרינע אריבערגעקומענע, וואָס האָבן זיך גאַנץ פיין ארויפגעאַרבעט און אפילו שפּעטער געהאָלפן זייערע קרובים דאָ־הי. און ווערדליק סאָניע דערציילט וועגן אים, איז ער אַ יונג אַן אַ גאַל, אַ גוטהאַרציקער און אַ פריינדלעכער. איז אים, מייקלען, מסתמא באַשערט אויף די עלטערע יאָרן צו האָבן ביי זיך אין שטוב אַ פריינט, אַן אייגענעם, אייגן בלוט און פלייש. ער וועט זיך ניט פילן אזוי איינזאַם און עלנט אין זיין גרויסן רייכן הויז.

און מייקל איז איצט געוואָרן אומגעדולדיק, ווי ער אליין וואָלט זיך גאָר געקליבן צו משפחה און ער האָט רייזע־פיבער. ער האָט גענומען חשבונען, קוקן אויפן זייגער, וויפל איז נאָך געבליבן ביז די באַן וועט אריינפירן זיין פּלימעניק קיין יאָהאַנעסבורג. און זיין האַרץ האָט געצאַפּלט

אין דערוואַרטונג אויף דער שעה פון גיין באַגעגענען זיין אומבאַקאַנטן „גרינעם" פּלימעניק.

אויך סאָניען האָט די טעלעגראַמע וועגן קלמנס קומען צעטרייסלט. זי האָט זיך די גאַנצע צייט ניט אָפּגעגעבן קיין חשבון אַז זי דערוואַרט אים, אָבער בעת דעם היינטיקן קלונג אין טיר האָט זי עפּעס דערפילט ווי אַ סיג־נאַל פון אים. צוריק צום טיש איז זי שוין געקומען אַ פאַרביטערטע און פאַרזעצן די לעקציע האָט זי שוין ניט געוואָלט. זי האָט דערציילט איר לערער די נייעס און זיך באַמיט איינצוהאַלטן די אויפרעגונג. זי האָט גע־זאָגט, אַז די לעקציע פילט זי שוין ניט אַז זי וויל ענדיקן, אָבער זי בעט מ"ר גרינבלוי אַז ער זאָל מיטקומען מיט זיי, ווען זיי וועלן גיין באַגעגענען דעם גאַסט.

* * *

אַז מ"ר גרינבלוי איז אַרויס, איז סאָניען מיט אַ מאָל באַפאַלן אַ מאָדנע בענקשאַפט. איצט איז קלמן אויפגעקומען אַ שמייכלדיקער פּאָר איר בליק, ברייט צעוואַקסן און הילפלאָז, ווי אַ קליין קינד. אָט באַגלייט ער איר ביים אָפּפאָרן. ער טראָגט אַזוי גרינג אירע וואַליזעס, שפּרינגט אַריין צופרידן אין וואַגאָן, שטעלט זאָרגעוודיק אויס אירע פּעק. ביים געזעגענען זיך דריקט ער איידל איר האַנט און קוקט אויף איר מיט אַזאַ ווייך־אומרואיקן בליק. ער וויל עפּעס ריידן, איר זאָגן אַ וואָרט, קען ער ניט, נאָר זיינע גוטע אויגן ריידן שוין פאַר אַלץ. און זי האָט דאַן געפילט אַ רחמנות אויף דעם שטאַרקן געזונטן בחור מיט די מילדע אויגן, ער האָט אויסגעזען ווי אַן אומשולדיק יינגל, וואָס איז פּלוצלינג אויסגעוואַקסן.

סאָניע האָט מיט אַ מאָל דערפילט אַ ציעניש אין האַרצן, אַ נאָגע־ניש צו יענער היים פון וואַנען קלמן קומט איצט. די אָרעמע, ווייטע היים האָט אין איר אויפגעצאַפּלט. און סאָניע דערמאָנט זיך די יונגע טעג, אירע חברטעס, די שבת־פאַרנאַכטן אין פרילינג־צעדופטיקטן וואַלד. זי דערהערט מיט אַ מאָל ווי אַ ווייטן עכאָ איר אייגענעם הילכיקן געלעכטער פון אַ מאָל, די לעבעדיקייט און פריילעכקייט פון די יונגע טעג, און איר דוכט זיך, אַז אַזוי לאַכן און שפּרינגען האָט זי שוין אין גאַנצן פאַרגעסן. קיין זאַך, דוכט זיך, פעלט איר דאָ ניט, אָבער דאָך איז דאָס לעבן אַנדערש. זי איז טרויעריק, ווי יענע יונגע פּרינצעסין וועגן וועלכער זי האָט ניט לאַנג צוריק געלייענט אין אַ ראָמאַן.

פּאָר דער צייט, וואָס זי איז אין דרום־אפריקע, האָט זי זיך אין גאַנצן געביטן, איז עלטער און ערנסטער געוואָרן. זי ווייס ניט ווער עס איז שולדיק דערין. זי האָט אַ גוטע געזעלשאַפט, אירע נייע פריינד דאָ זיינען ניט שלעכט, אָבער דאָך פעלט איר עפּעס. אין דער היים האָט זי זיך ניט געניטיקט אין דעם לוקסוס, וואָס זי האָט דאָ אָן אַ מאָס. אָבער זי וואָלט די איינפאַכסטע קלייניקייט פון קינדערשע טעג ניט פאַרביטן אויף דאָס טייערסטע וואָס זי האָט היינט. עפּעס פעלט דערביי. אַלץ איז געמאַכט, אפילו די פריינדשאַפט, די כלומרשט האַרציקע חברשאַפט.

און מיט אַ מאָל האָט איר די ידיעה וועגן קלמנס קומען אריינגעבראַכט אין אַן אַנדער שטימונג. זי האָט זיך פּלוצלינג דערפילט נײַ, אָפּגעפרישט, דערמונטערט, ווי אַ ווינטל וואָס טוט אַ בלאָז אויף אַ מידן וואַנדערער אין אַ הייסן טאָג. זי האָט איצט דערוואַרט אין קלמנען אַ שטיק היים, וואָס דאַרף קומען נאָענט צו איר, צעליכטיקן אירע יונגע יאָרן.

סאָניע און איר שוואָגער מייקל האָבן ביידע געפּלאָפּלט פון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג אויף דער באַן, וואָס וועט ברענגען צו זיי אַ נאָענטן מענטשן מיטן גרוס און ריח פון דער היים און פון די קינדער־יאָרן.

שמעון מאַקאַרניק

שמעון מאַקאַרניק איז אַראָפּגעקומען קיין אַפריקע צוליב גאָר אַנדערע סיבות ווי אַלע זיינע לאַנדסלייט — ער איז אַנטלאָפן פון פּריזיוו. געקומען איז ער דאָ נאָך גאָר אַ יונג בחורל.

פון לאָנדאָן האָט ער זיך געשלעפּט מיט אַ פראַכט־שיף עטלעכע וואָכן און דורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום: וואָרפעניש און שליידערניש, שטורעמס און ים־קראַנקייט. ער האָט געבראָכן מיט גרינער גאַל, ביז די שיף האָט פאַראַנקערט ביי די ברעגעס פון קייפּטאָון. און גלייך אויף מאָרגן נאָך זיין קומען האָט ער זיך גענומען צו זיין פאַך, ביי וועלכן ער האָט פון קינדוויז געאַרבעט — שוסטעריי.

מיט דער הילף פון לאַנדסלייט האָט ער באַקומען אַ הלוואה. זיי האָבן אים איינגעקויפט אַ ביסל מאַטעריאַל, שוסטער־געצייג, אַוועקגעשטעלט אַ קאַסטן אין דער בלעכענער „שענטע״, וואָס זיי האָבן פאַר אים געדונגען, ביים

קאַסטן אַ נידעריקע טאַבורעטקע — און דאָס איז געוואָרן זיין וואַרשטאַט. הינטן איז נאָך געווען אַ קליין צימערל, דלד על דלד אמות, וווּ מ׳האָט אַריינגעשטעלט אַן אייזערן בעטל און עס איז געוואָרן זיין שלאָף־צימער און זיין קיך. דאָרט פלעגט ער איבערבייסן און טרינקען אַ גלעזל טיי.

פון ערשטן טאָג אָן, ווי נאָר די לאַנדסלייט האָבן צו אים געבראַכט די ערשטע פּאָר שטיקלעך אַרבעט, כדי אים „צו געבן אַ האַנט״, האָט מאַקאַר־ניקן קיינער און קיין זאַך מער ניט אינטערעסירט. ער האָט זיך מיט לייב און לעבן אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט און ניט געוואָלט וויסן און זען וואָס אַרום אים קומט פאָר, וואָס עס גייט אָן אויף דער וועלט. ער איז געזעסן אויף זיין נידעריק טאַבורעטקעלע, וואָס איז געווען אָנגעצויגן און דורכ־געקרייצט מיט ברייטע רימענע פּאַסן, ווי ס׳איז געווען די טאַבורעטקע ביים שוסטער, דאָרט אין שטעטל, און געפּילט אונטער זיך די וואַרעמע ווייכקייט פון קליינעם שוואַרצן קישעלע, וואָס איז געווען אונטערגעבעט אויף די האַרטע רימענס. זיין אַרבעטצייט האָט ניט געהאַט קיין גרענעץ, און ער — קיין אַנדער פאַרווײַלונג. פון סאַמע אויפשטיין גאָר פרי, ביזן שלאָפן גיין גאָר שפּעט אין דער נאַכט, איז זיין מויל געווען אָנגעפּילט מיט אייזערנע שטיפטלעך, וועלכע ער האָט קונציק אַרויסגעשפּיגן פון צווישן די פאַר־פרעסטע ליפּן אין די פינגער פון דער לינקער האַנט. דער גראָבער פינגער און דער ווייזפינגער פלעגן פלינק אַ כאַפּ טאָן דאָס שטיפטל און שוין פלעגט דער האַמער מיט איין קלאַפּ אים אַריינזעצן אין דער פּאָדעשווע אַריין.

ער האָט נאָך געאַרבעט ווי אַ מאָל אין שטעטל און דעריבער איז קיין צו געהויבענע קונדשאַפט צו אים ניט אַריינגעפאַלן. ער פלעגט פאַר די „שוואַרצע״ אַרויפלייגן אויף זייערע גראָבע, צעטראָגענע שיך לאַטעס פון לעדער. אַז עס פלעגט קומען צו אַן אײדעלערן שוך פון אַ לאַנדסמאַן, פלעגט ער עס מאַכן מיט דאָפּלטע, דראָבנע שטעכעלעך, האַלטנדיק אין ביי־דע ווינקלען פון מויל צוויי לאַנגע, שטעכעדיקע חזיר־האָר, וואָס זיינען געווען אַריינגעפלאָכטן זייער גענייט אין שוואַרץ־געפּעכעוועטע דראַטווען. אַז ער האָט זיך אַ ביסל אַרויפגעאַרבעט, האָט ער אַריינגענומען אַ יונגן שוואַרצן, אַ פּיקיניך, וואָס פלעגט אים צוגרייטן די דראַטווען, כדי די אַרבעט זאָל גיכער גיין. ער האָט געהאַט פלינקע הענט — דער אָל פלעגט אַ בויער טאָן אַ לעכל און שוין האָט ער אַ כאַפּ געטאָן פון מויל ביידע שפּיצן חזיר־האָר און פון די זייטן פלעגן זיי זיך פאַרבייגליטשן איינער אנטקעגן דעם

אַנדערן. נאָך דעם פלעגט ער עס באַקוקן און זיין צופרידן, וואָס עס איז ארויסגעקומען אזא שיין לאַטקעלע...

אזוי איז שמעון מאַקאַרניק געזעסן אויף זיין שוסטער־בענקעלע — טעג, וואָכן, חדשים, יאָרן. די צייט איז אומזעעוודיק געגאַנגען איבער זיין קאָפּ און ער האָט געטאָן זיינס — געהיט זיינע קונדן, זיי זאָלן צופרידן זיין, און געגלעט יעדן שילינג, וואָס ער האָט אריינבאַקומען. אז ער האָט צונויפּגעשלאָגן אַ פונט, פלעגט ער פון מאַטראַץ, אין הינטערשטן קאַמער, ארויסנעמען זיין קויטיק, שוואַרץ־גרינעם ביכעלע און זיך איילן אין פּאָסט אריין. דאָרט האָט אַ דאַרער און פריינדלעכער ענגלענדער צוגענומען ביי אים דאָס געלט, פאַרצייכנט עס אין ביכעלע מיט אַ גלייך און דין פּאַסיקל, ארויפּגעקלאַפּט אַ שטעמפּל, און מיט אַ שמייכל און אַ „טהענק יו" אים עס צוריקגעגעבן.

אַ צופרידענער פלעגט ער פאַררוקן דאָס ביכעלע טיף אין טאַש פון זיין שוסטערשן כאַלאַט און אַן אויפגעמונטערטער צוריק לויפן צום וואַרשטאַט, צו דער אַרבעט. נאָך איידער ער פלעגט זיך זעצן צו דער אַרבעט האָט ער דאָס ביכעלע צוריק פאַררוקט אין מאַטראַץ, צוקאָפּנס, און אויפן וואַנט אויסגעקריצט אַ פּאַסיקל, פונקט ווי עס איז אין ביכעלע פאַרצייכנט, אַ סימן אז נאָך איין פונט איז אים צוגעקומען צו זיין אָפּגעשפּאָרטן קאַפּיטאַל.

יעדע נאַכט, איידער ער איז געגאַנגען שלאָפן, האָט ער פון רגילות, ווי אַ פרומער ייד וואָס לייענט קריאת־שמע אויפן בעט, איבערגעציילט די פּאַסיקלעך אויף דער וואַנט. דאָס איז ביי אים געווען אַ סגולה פאַר אַ רואיקן שלאָף. די פּאַסיקלעך האָבן זיך אַלץ געמערט, געוואַקסן און דורך יאָרן האָבן זיי שוין כמעט באַזעצט די גאַנצע וואַנט, ביי וועלכער זיין בעט איז געשטאַנען. די פּאַסיקלעך האָבן אים געגלעט, און אין חלום האָט ער אַלץ אָפטער געזען פעק מיט גרינע, גלאַטיק־זיידענע און נייע פונטן — גאַנצע בערג...

גרשון שמויזער רעדט שמעונען אַ שידוך

איין טאָג האָט זיך אריינגעשאַרט אין „שענטע" גרשון דער שמויזער מיט זיינע גרויסע, פון שטרוי געפלאָכטענע קוישן, און זיך אוועקגעזעצט אים אַנטקעגן, אויף דעם קליין בענקעלע וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט פאַר אַ קונד. אין דער לעצטער צייט האָט ער אָפטער אָנגעהויבן אריינקומען צו

שמעונען. ער האָט געמיטלעך און לאַנגזאַם אָנגעשטאָפּט זיין ליולקע מיט טאַבאַק און פאַררויכערט. איבער דער „שענטע" האָט אָנגעהייבן ציען אַ וואָלקנדל רויך און אַ גערוך פון האַרבן און שטאַרקן טאַבאַק.

גרשון האָט ווידער אָנגעהויבן אריינריידן אין שמעונען די שטענדיקע פּאַרציע מוסר מיטן אַלטן פּיזמון, וואָס האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעהייבן אריינבויערן אין שמעונס קאָפּ, ווי די אייזערנע שטיפטלעך וואָס קריכן אזוי גליטשיק אין די פּאָדעשוועס פון די צעטראָגענע שיך.

„נו, שמעון, שוין צייט צו זען עפּעס אַ תכלית. ביז ווי לאַנג קען זיך אזא איינער ווי דו ארומוואַלגערן אָן אַ היים, אָן אַ וועטשערע, אָן אַ ווייבל אין שטוב? איך וועל דיר קריגן ערגעץ אַ מויד און מע וועט שטעלן אַ חופּה ווי גאָט האָט געבאָטן. אָנהייבן לעבן מיט לייטן גליידך, ווי אַלע מענטשן".

די ערשטע צייט פלעגן גרשונס ווערטער ניט צוקומען נאָענט צו שמעונס אויערן. ער פלעגט נאָר האַסטיקער אָנהייבן אריינזעצן די שטיפט־לעך, כדי דער האַמער זאָל פאַרקלאַפּן די מאָנענדיקע רייד. די קליינע אייגעלעך זיינע פלעגט ער נאָך טיפער אין פּאָדעשווע אריינגראָבן און ניט אויפהייבנדיק זיי צו גרשונען, פלעגט ער מיט אַ זויערער מינע ארויסברו־מען מיט זיין באַסאָווער שטים:

„לאָזט אָפּ, מ"ר קאָצין, איך בעט אייך, פּליז, לאָזט מיך צורו. ניט איך טראַכט איצט פון חתונה האָבן און כ'וויל זיך ניט סתם פאַרדרייען מיט מוידן... אַ ווייב, קינדער, עקספּענסעס?... יו נאָו, מ"ר קאָצין, אזוי פּעלט מיר דאָך גאָר ניט — ניט איך טשעפּע קיינעם, ניט איך בין קיינעם שולדיק, לעב זיך רואיק, אָבער אַ ווייב איז שוין עפּעס אנדערש..."

שפּעטער צו, אז שמעון פלעגט וועלן אָפּפּטרן גרשונען מיט אזעלכע רייד, פלעגט שוין גרשון אים פּרווון נעמען מיט רוגזה און אַ ביסל גראָב־לעך, ווי ס'טוט אַ גוטער ברודער:

„ווי לאַנג נאָך, שמעונקע, וועסטו זיך ארומוואַלגערן ווי אַ הונט אין דיין בודע און ניט זען די לעבעדיקע וועלט? דו זיצסט דאָך דאָ, ארומגע־פּאַקט מיט די אַלטע כאַדאַקעס און לאַפּטשעס, ווי אַ הונגעריקער אַרעס־טאַנט. אַ ווייב מאַכט כאָטש אַ טעפּעלע וואַרעמס, עס איז פריילעך, דו הערסט אַ קול פון עמעצן. מילא, גרינערהייט, בין איך דיר מוחל — מע האָט „געטרייט" צו מאַכן אַ לעבן, אָבער איצט, שמעונקע, דער קלאָג זאָל

דיך כאַפּן, קענסט דאָך שוין „דערפּאַדערן" צו נעמען אַ יידענע, קויפן אַ הייזקע און ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך".

פלעגט שוין שמעון פאַרביסן שוויגן און אַ ווערעמל האָט זיך געפּיקט אין מוח ביי אים, אז אפשר איז מ"ר קאַצין גערעכט. און ביי נאַכט, פאַרן שלאָפן גיין, פלעגט ער לאַנג קוקן אויף די שטומע פּאַסיקלעך, וואָס האָבן שוין כמעט אויסגעפּילט די וואַנט לעבן זיין בעט, און ער פלעגט פלוצלינג קומען צום באַשלוס: ער איז גערעכט, מ"ר קאַצין!

פלעגט ער שוין אַ גאַנצע נאַכט אומרואיק זיך וואַרפן אויפן אויסגע־ריבענעם, שמוציקן מאַטראַץ, וואָס איז געווען אויסגעפּלאַטשעוועט אין דער מיט פון יאָרן און יאָרן רואיקן שלאָף אויף אים. עס וואָלט שוין טאַקע צייט געווען, פלעגט ער אָפּמאַכן ביי זיך. יאָרן גייען און מען ווערט ניט יינגער, איז וואָס איז דער תכלית זיך אָפּוואַלגערן אזוי אַ גאַנץ לעבן? מיט אזעלכע מחשבות פלעגט ער זיך וואַרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער. די נעכט האָבן זיך געצויגן לאַנג, אָן אַ סוף. ערשט אין באַגינען פלעגט ער אַ מידער איינשלאָפן.

שמעון האָט ענדלעך נאָכגעגעבן דעם שמויזער מיט אַ „נו־נו, לאָמיך אָקאָרשט זען וואָס פאַר אַ סחורה איר האָט פאַר מיר".

און ווידער זיינען געגאַנגען טעג, וואָכן, חדשים. מיט קיין איינער האָט גרשון אים ניט צוגעטראָפן. פלעגט ער זיצן און איינטענהן מיט אים:

„אז איך קען דיר ניט פאַרשטיין וואָס אזוינס דו ווילסט? וועמען כ'לייג דיר פאַר געפעלט דיר ניט — אפשר גאָר אראָפּברענגען דיר די קווין מערי פון ענגלאַנד? אפשר וואָלט עס דיר אָנגעשטאַנען צו דיין ייחוס?..." פלעגט גרשון פרווון אים אַ שטאָך טאָן: „וויל וואָס, שימעלע, איז צווישן אונדז געדערט דיין ייחוס: קיין גרויסער למדן ביסטו ניט, קיין גרויסער פאַרשוין אויך ניט, און קיין „מאַנופעקטשערער", ווי אַנדערע, אויך ניט! איז וואָס איז מיט דיר די מציאה? און אויב דו האָסט שוין יאָ אָפּגעשפּאָרט אַ פּאָר פונט קישקע־געלט, מיינסטו אז דו ביסט פּרעזידענט קרוגער אליין? אָט האָב איך 'געטרייט מיי בעסט', געוואָלט פון דיר מאַכן אַ לייטישן מענטשן און דו לאָזסט זיך ניט — איז 'ליוו מי אַלאָין ענד גוט לאַק טו יו'. איצט קענסטו פון מיינטוועגן חתונה האָבן מיט אַ בורעטע, מיט אַ ברוינקע, צי גאָר מיט אַ קאַפּערטע. און אפשר ווילסטו — בלייב אָן אַלטער באָק!"

שמעון האָט דערפילט ווי גרשונס ווערטער שטעכן אים, צופּן פון אים שטיקער, בויערן זיך ווי נאָדלען אין זיין מאַרך.

„אַ פּנים אַז מיין טירחה איז אומזיסט און שדכנות־געלט קען איך ביי דיר קריגן, ווי פון אַ חזיר אַ האָר". און גרשון פלעגט אַ נעם טאָן זיין קוישל און אָן אַ זיי געזונט פאַרלאָזן שמעונס „שענטע".

„האָב חתונה מיט אַ בורעטע, מיט אַ ברוינקע, צי גאָר מיט אַ קאַפּער־טע..." האָבן אין שמעונס אויערן דעם גאַנצן טאָג געקלונגען מ״ר קאַצינס בייזע רייד און די שטיפּטלעך זיינען אים געפאַלן פון מויל אויף דער ערד.

יענע נאַכט האָט שוין שמעון ניט געקענט אַנטשלאָפן ווערן. ער האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעציילט די פּאַסיקלעך אויף דער וואַנט און ס׳איז אים אַלץ מער אומעטיקער געוואָרן. די גרויסע צאָלן האָבן זיך אויסגעמישט מיט גרשונס היזעריקער שטים: אַ בורעטע, אַ ברוינקע, אַ קאַפּערטע... דאָס בעטל אונטער אים האָט געסקריפּעט און ער האָט זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען. די דריי ווערטער האָבן ווי אַ וואָרעם גע־גריזשעט זיינע געדאַנקען. מיט איין מאָל האָט עס אים אונטערגעהייבן און די פראַגע האָט זיך אין זיין מוח קאַפּויער געשטעלט: פאַר וואָס עפּעס אַ בורעטע, אַ ברוינקע, אַ שוואַרצע? ניין, ער וועט חתונה האָבן — און דווקא מיט אַ יידיש מיידל, און אַ שיינע דערצו.

אַ פּלאַן איז געבוירן געוואָרן ביי שמעונען און זיך אויסגעלייגט אַזוי: אַז ער האָט זיך שוין יאָ אַרויפגעאַרבעט אויף אַ ביסל שווער־פאַרהאָרעוועטע פונטן, וועט ער איצט מאַכן אַ רייזע צוריק אַהיים, און אין אַ שטעטל ווו מ׳קען אים ניט, וועט ער שוין קריגן אַ לייטיש־באַלעבאַטישע מיידל, אויף צו להכעיס מ״ר קאַצינען, וואָס האָט אים צוליב די פּאָר פונט שדכנות־געלט געוואָלט וואָס גיכער פאַרשלייערן מיט אַבי וועמען. זאָל ער טאַקע זען אַז שמעון מאַקאַרניק איז שוין גאָר ניט קיין לא יוצלח און קען זיך אַן אים אויך אַן עצה געבן. און אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער זיך שוין געזען מיט זיין אויסדערוויילטער, ווי זיי קומען צוריק פון שיף און ער טרעפט דעם מ״ר קאַצין: „דאָס איז מיין ווייבל, מ״ר קאַצין, נו, ווי געפעלט זי אייך? אַן אַנטיק, האַ? אין אפריקע קריגט מען עס ניט..."

מיטן שפּראָץ פון טאָג, אַן אויסגעטשוכעטער און רואיקער, האָט זיך מאַקאַרניק אויפגעהייבן, אויפגעזוכט אַ באַקאַנטן קאָלירטן שוסטער און אים פאַרקויפט זיין וואַרשטאַט מיט דעם גאַנצן קלאַפּערגעצייג. ער האָט

ארויסגענומען זיין קויטיק, גרין־ביכעלע פון אונטערן מאַטראַץ און אַלע בעבעכעס פאַרקויפט צו אַ „סעקאָנד הענד דילער". די קונדן האָט ער אָפּ־געגעבן זייערע פאַרריכטע שיך און זיך מיט אַלעמען צעזעגנט.

אין אַ פאַרכמאַרעט האַרבסטיקן פרימאָרגן האָט זיך שמעון מאַקאַרניק אַוועקגעלאָזט צו די „דאָקס", ווו אַן אַלטע, סקריפּעדיקע שיף, וואָס האָט אים דערמאָנט זיין בעטל, האָט אים און זיין מאָגער רענצל פאַרשלונגען אין איר אינגעווייד, כדי אים צו פירן צו זיין באַשערטער...

2

דאַן

שוין גלייך נאָך די תנאים האָט ראָזי חרטה געהאַט אויפן שידוך מיט דעם אפריקאַנער גביר, אָבער זי האָט אירע געפילן באַהאַלטן פאַר פרעמדע און אייגענע, אפילו פאַר אירע עלטערן. זי האָט דער משפּחה, וועלכע איז געווען אַזוי גליקלעך מיט איר שידוך, קיין פאַרדרוס ניט געוואָלט פאַרשאַפן. זי האָט אין די נעכט איר אומצופרידנקייט געשטיקט אין האַרצן צוזאַמען מיט די טרערן, אָבער אין דער פרי פלעגט זי שוין טראָגן שטאָלץ און אויפגעהייבן איר שיינעם קאָפּ.

אז דער אַפריקאַנער גביר האָט זיך אין שטעטל באַוויזן, האָבן די כלה־מיידלעך אָנגעהייבן מער פּודערן זייערע פּנימלעך און אין די קעפּלעך האָבן זיך געשפּונען פאַנטאַזיעס פון זיין רייכקייט. יעדע האָט געוואָלט געפינען חן ביי אביגדור דעם שדכן, וועמען דער געקומענער האָט אָן קיינע צערעמאָניעס געבעטן, אז ער זאָל פאַר אים געפינען אַ שיין מיידל אויף חתונה צו האָבן. ער וועט זיין ווייב נעמען צו זיך קיין אפריקע און ער וועט זי

באַשיטן מיט פונטן, מיט גאָלד און בריליאַנטן, ממש גליקלעך מאַכן. אזוי האָט מען זיך דערציילט בסוד אין שטעטל און געשאַצט שמעון מאַקאַרניקן פאַר אַ מיליאָנער.

ווען שמעון מאַקאַרניק האָט איין טאָג אין אַ געזעלשאַפט געזען ראָזין האָט אים אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצן: זי איז די באַשערטע! אזוי האָט ער אָפּגעמאַכט ביי זיך, און נאָך דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך געטראָפן מיט זיין שדכן און אים געזאָגט קורץ און קלאָר, אז ער האָט שוין געפונען וואָס ער וויל — דאָס איז ראָזי. ער האָט מיט אַ מין יינגלשער פאַרליבטקייט אונטערגעשטראָכן דעם נאָמען, און געפרעגט אביגדורן, צי ער וואָלט קע־נען דעם ענין דערליידיקן אָן לאַנגע פאַרשלעפּענישן.

אביגדורן האָט עס פאַרשפּאָרט די גאַנצע שדכנות־האָרעוואַניע פון צו־זאַמענברענגען אויף טרעפענישן, פון פאַרהאַנדלען, ריידן און איינריידן איינעם פון די צדדים. ער איז געווען צופרידן און געוווּסט אז דער שידוך איז שוין אַ געשלאָסענער, ווייל הגם ראָזי איז געווען אַ יונג און שיין מיידל האָט זי זיך ארומגעטראָגן מיט די זעלבע מחשבות און געפילן צו שמעון מאַקאַרניק, ווי די אַנדערע מיידלעך. זיינע אַפריקאַנער אוצרות האָבן פאַר־שווינדלט ביי די מיידלעך די קעפּ.

ראָזי האָט ארויסגעצויגן דאָס גליקלעכע קוויטל. און ניט געקוקט אויף איר חרטה האָט איר דאָך הנאה געטאָן, וואָס אירע חברטעס און סתם באַ־קאַנטע זיינען איר מקנא אזוי שטאַרק, און טאַטע־מאַמע זיינען אויך גליק־לעך מיט איר רייכן בן־זוג. ווען זי איז אָבער אַ פּאָר מאָל ארויס אויף אַ שפּאַציר הינטערן שטעטל מיט איר חתן און זיך אינטימער באַקענט מיט אים, האָט אַ טיפע אַנטוישונג געגומען עגבערן איר האַרץ און מוח: צי וועט דער אומאינטערעסאַנטער בחור טאַקע זיין איר לעבנס־באַגלייטער? זי האָט נאָך אַלץ ניט געקענט גלויבן אז דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אויף אַן אמת, אז מיט דעם מענטשן וועט זי דאַרפן פאַרבינדן איר לעבן פאַר אַלע יאָרן, האָבן מיט אים קינדער און זיין אַ געטרייע ווייב. די פּראַקטישע ראָזי האָט תמיד געקוקט אויפן לעבן מיט אָפענע אויגן, און דאָ האָט איר דאָס אייגענע לעבן אזוי ביטער אָפּגענאַרט.

זי האָט זיך געערגערט, וואָס צוליב דעם פּוסטן חלום פון אַפריקאַנער גליקן האָט זי זיך אזוי בלינד אריינגעוואָרפן אין די אָרעמס פון אַזאַ פלאָקן, וואָס זי און אַלע ארום ווייסן אפילו ניט וואָס ער טוט אין אַפריקע. איז

דאָך איר אַמביציע תמיד געווען, אַז איר אויסדערוויילטער זאָל זיין אינטע־ליגענט, אינטערעסאַנט, באַלייענט און קלוג, מעג ער אפילו זיין אָרעם, און דאָ איז מיט איין מאָל געקומען אויף איר אַן אויסכאַפּעניש, ווי אין אַ מגפה, ניט דאָ געדאַכט. אָבער פון דער צווייטער זייט, שלאָגט זי צוריק אירע איי־גענע געדאַנקען און פאַרטיידיקט זיך, האָט דאָך דער טומל אין שטעטל ארום דעם אַפריקאַנער גביר פאַרשיכורט אַלע מיידלעך, און אַזוי ווי זי וואָלט דאָך יעדע אַנדערע איינגעשטימט צום שידוך ביים ערשטן פּיפּס.

נאָך די תנאים האָט ראָזי זיך נאָך מער אויסגעניכטערט פון „אַפריקאַנער טשאַד", ווי זי האָט עס ביי זיך אין האַרצן גערופן, און די אַנטוישונג האָט איר גענומען אַלץ מער פאַרפאָלגן. זי האָט גוט געוווסט אַז צעברעכן די תנאים מיינט צעברעכן טאַטע־מאַמעס הערצער און איר אייגענעם שטאָלץ. האָט זי זיך ניט געוואָלט מאַכן צו לייטיש געלעכטער און אַ פּאָר וואָכן שפּעטער זיך געלאָזט פירן צו דער חופה.

אירע אראָפּגעלאָזטע, טרויעריקע אויגן, איר שוויגן האָבן שמעונען דערציילט אַלץ וואָס זי פילט, בלייבנדיק מיט אים אויג אויף אויג. ער האָט ניט געוווסט ווי אַזוי איר פריילעך צו מאַכן, דעריבער האָט ער באַשלאָסן, מיט איר צושטימונג, אַז זיי זאָלן תיכף זיך קלייבן צוריק צו „זיין" אפריקע. זי איז געווען צופרידן וואָס גיכער אוועקצוגיין פון דער היים, כדי אירע האָ־ניק־טעג זאָלן ניט פאַרוואַנדלט ווערן אין גאַל און זי זאָל ניט ווערן צו שאַנד און צו שפּאָט אין פרעמדע מיילער.

* * *

גלייך ווי די באַן האָט געטאָן דעם לעצטן פייף און אוועקגעטראָגן ראָזין צו די אומבאַקאַנטע שטחים פון אַ נייער וועלט, האָט זי געוואָלט פאַרגעסן אַלץ וואָס האָט מיט איר פּאַסירט און אפילו אים — שמעונען. זי האָט גע־נומען שפּינען פּלענער וועגן איר נייער היים און איר צוקונפט דאָרט. זי האָט זיך געבויט לופט־שלעסער, כדי דורך זיי צו אַנטלויפן פון איר אייגע־נעם טרויער, פון אירע אומעטיקע געדאַנקען, עלעהיי דאָס וואָס האָט פּאַ־סירט נעכטן איז שוין אַוועק ווי אַ רויך.

אַז שמעון מאַקאַרניק איז אראָפּגעקומען קיין קייפּטאָן מיט זיין יונג ווייבל, האָבן אים זיינע באַקאַנטע און לאַנדסלייט כמעט ווי ניט דערקענט. ער איז אַן אַנדערער געוואָרן: ריין ראַזירט, פּאַרפומירט, און זיין פּנים האָט געשיינט. אַנשטאָט די אייזערנע שטיפטלעך איז צווישן זיינע ליפּן

געוועזן אָנגעגרייט אַ שמייכל. ער האָט זיך פּאַר דער גאַנצער וועלט גע־פליסט מיט זיין יונג ווייבל, הנאה האָבנדיק פון דער גוטער סחורה וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט אין דער אַלטער היים.

ראָזי האָט טאַקע אומעטום, ווו נאָר שמעון האָט זיך מיט איר באַוויזן, געמאַכט אַ פּוראָר מיט איר יונגשאַפט, מיט איר נאַטירלעכער חכמה, מיט איר לעבעדיקייט און רירעוודיקייט. זי איז געווען פיין געבויט, חנעוודיק און מיט אַ קלוגן, לעבעדיקן ברען אין אירע אויגן. גלייך פון דער ערשטער באַגעגעניש אירער מיט מענטשן, האָט זי זיך ניט פאַרלוירן. זי האָט פריי ארויסגעזאָגט אירע מיינונגען, אָנטייל גענומען אין געשפּרעכן און אפילו ארויסגעהאָלפן איר מאַן אין זיין פאַרלעגנהייט אין דער געזעלשאַפט.

אָבער שוין אויף מאָרגן נאָך איר אָנקום, טרעפנדיק זיך מיט אַ פּאָר פון שמעונס באַקאַנטע, האָט זי זיך דערוווּסט וועגן דער טרויעריקער מערכה פון איר מאַנס „גרויסע רייכטימער". גראָדע איצט האָט עס איר געמוטיקט. זי האָט מיט אַ נאַטירלעכן חוש דערפילט, אַז זי מוז אליין איבערנעמען די איניציאַטיוו און מאַכן אַ סוף צו איר מאַנס פאַרגאַנגענהייט.

פון זיינע פריינט איז זי אָן מחזקות פּטור געוואָרן, ווייל זי האָט געוווּסט אז קיין זעק מיט זאַלץ וועט זי מיט זיי ניט אויפעסן. און אזוי, פון די ער־שטע טעג, האָט ראָזי גענומען די לייצעס אין אירע הענט און געקירעוועט שמעונען וווהין זי האָט געוואָלט. די ערשטע זאַך טאָר ער זיך מער ניט נע־מען צום שוסטער־וואַרשטאַט. מיטן האַרבן וואָרט האָט זי אים פאַרזאָגט:

„ס'פּאַסט ניט פאַר מיין מאַן צו לייגן לאַטעס אויף שיך — דאָס איז אַן אַרבעט פאַר אַ טויגעניכטס!"

„טאָ וואָס וועט מען טאָן?" האָט שמעון געפּרווּוט ניט דרייסט און אומבאַהאָלפן פרעגן.

„מען דאַרף בויען אַ ניי לעבן!" האָט זי באַפעלעריש אַ זאָג געטאָן. „איך האָב שוין אַ פּלאַן — אז מען טראַכט דערטראַכט מען זיך, און ווי מען פירט זיך אזוי העלפט גאָט!"

שמעון האָט דערהערט נייע ווערטער. ער האָט דערפילט אין די שטרענגע און קלאָרע רייד פון זיין ווייב, אַז זי האָט אים באַזיגט. האָט ער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ מיט הכנעה און זי האָט פון דעם געדרונגען, אַז איצט איז זי געוואָרן בעל־הבית און ער וועט פאָלגן אַלץ וואָס זי וועט זאָגן. דאָס האָט איר הנאה געטאָן.

„מיר בלייבן דאָ ניט מער, אין קייפּטאָן", האָט זי ווייטער קאָמאַנדעוועט, „מיר מוזן אָפּמעקן די פאַרגאַנגענהייט וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם אָרט!"

שמעון האָט אונטערטעניק געשוויגן.

אין די עטלעכע חדשים פון זייער זיין אין קייפּטאָן האָט ראָזי זיך אַ סך אָנגעהערט פון באַקאַנטע וועגן דעם גרויס־שטאָטישן לעבן און די רייכע „פּאַרטיס" אין יאָהאַנעסבורג; וועגן די מיגלעכקייטן און גליקן וואָס איינעם דערוואַרט דאָרט, און זי האָט באַשלאָסן: איבערקלייבן זיך קיין יאָהאַנעס־בורג! — פאַר שמעונען איז עס געווען באַפעל.

אין יאָהאַנעסבורג

אַ פּאָר וואָכן שפּעטער איז שוין שמעון מיט זיין ווייבל געזעסן אין באַן, וואָס האָט זיי געדאַרפט ברענגען צו זייער נייער היים אין יאָהאַנעס־בורג. ראָזיס האַרץ איז געווען פול מיט דערוואַרטונג און פריילעכקייט. שמעון איז געווען אומעטיק און פאַרצווייפלט. זיינע געדאַנקען זיינען גע־שפּרונגען, ווי די לאַנדשאַפטן וואָס לויפן פאַרביי די באַן־פענצטער. זיינע מחשבות האָבן אים געפירט מיט בענקשאַפט צוריק צו קייפּטאָן, צו דער „שענטע", צום בעטל און צו דער מיט גלייכע פּאַסיקלעך פול־באַצייכנטער וואַנט.

זי האָט אים לוסטיק אַ וועק געטאָן פון זיינע אומעטיקע געדאַנקען, ווי זי וואָלט פאַרגעזעצט אַ שמועס וואָס האָט זיך איבערגעריסן אין מיטן.

„און כדי צו קענען בויען אַ ניי לעבן, דאַרף זיין אויס מיט אַלעם אַלטן! אָט, אַ שטייגער, דיין נאָמען: שמעון מאַקאַרניק — צו וואָס טויג עס דיר? אַזאַ לאַנגער נאָמען וואָס אַלע ענגלישע פאַרפּלאָנטערן זיך אין אים מיט דער צונג... פון היינט אָן וועסטו הייסן מיט אַ לייטישערן נאָמען — סעם מייקל! פאַרשטייסט, סעם מייקל איז דיר ניט שמעון מאַקאַרניק!" האָט זי אויסגערופן אין איר לוסטיקער באַריידעוודיקייט.

שמעון האָט זיך צוגעהערט צו דעם פּלוצלינגדיקן גזר און געשוויגן, פאַרביסן געשוויגן. אויף זיינע ליפּן האָט ער דערפילט דעם טעם פון די אייזערנע שטיפטלעך פון די קייפּטאָנער בחורשע טעג און זיין מויל האָט זיך פאַרקרימט אין אַ ביטערן שמייכל. ראָזי האָט אויפגעכאַפּט זיין אומצו־צופרידנקייט און געפּרוווט פאַרווייכערן אירע רייד:

„פאַרשטייסט, שמעון", האָט זי פאַרטייטשט, „אין שטעטל וואָלט טאַקע סעם געווען אַ ניט יידישער נאָמען, אָבער דאָ אין אפריקע קלינגט סעם בעסער. מאַקאַרניק איז דאָ אַ ווילדער און פרעמדער נאָמען, אָבער מייקל איז אַריסטאָקראַטיש".

„מסתמא ווייסטו בעסער... ביסט גערעכט... מ'קען זיך אויף דיר פאַר־לאָזן"... האָט ער נאָכגעביק געשטאַמלט, און ראָזי האָט געפילט אז זיין ווידערשטאַנד איז געבראָכן.

אין איין זאַך האָט אָבער ראָזי אים ניט געקענט איבערצייגן, ניט דורך באַפעלן און ניט דורך ווייכע און גוטע רייד: אויפגעבן זיין שוסטעריי. דאָ האָבן שוין ניט געהאָלפן קיין טענות און איר גאַנצע חכמה איז געווען אומ־זיסט. זי האָט אים פאָרגעלייגט אַנדערע פּרנסות, וואָס זיינען מער אָנשטענ־דיק, נאָר שמעון איז געווען איינגעשפּאַרט און זיך קעגנגעשטעלט יעדן נייעם פּלאַן מיט זיין גאַנצן כוח, ווי ער וואָלט פאַרטיידיקט זיין לעבן און זיין עקסיסטענץ אויף דער וועלט:

„ניין, ראָזי, דאָס וועסטו שוין ביי מיר ניט פועלן! איך בין געבוירן געוואָרן אַ שוסטער און אזעלכער וועל איך שטאַרבן. כ'וויל אפילו ניט פּרווון אַנדערע געשעפטן. וואָס ווילסטו פון מיר? ניט כ'קען שרייבן, ניט לייענען — טאָ וואָס וועל איך טאָן?"

ראָזי האָט געפילט אז ער וועט ניט נאָכגעבן. האָט זי אויפגעהערט זיך אַמפּערן מיט אים, אָבער איז ארויס מיט איר פּלאַן:

„טאָ גיב מיר גאָר דיין געלט און כ'וועל עפענען אַ שוך־געשעפט. מיר וועלן קויפן אַ הויז, ווי ס'פּירט זיך ביי לייטן, ווייל אייביק קען מען זיך ניט וואַלגערן אין אַ קליין צימערל פון אַ ביליקן האָטעל. איך וועל אָנפירן מיטן געשעפט, און דו מיט אַ וואַרשטאַט, ווו מ'וועט אוועקזעצן עטלעכע שוואַרצע".

שמעונען איז שווער געווען זיך צו שיידן מיט זיין אזוי שווער דורך יאָרן אָנגעקליבענעם פאַרמעגן, אָבער ראָזי האָט אים ניט געלאָזט לאַנג קלערן. מיט אַ שווער האַרץ האָט איר שמעון איבערגעגעבן ביז דעם לעצטן פונט, וואָס איז געווען דורך יאָרן פאַרצייכנט אין זיין גרין־קויטיק פאָסט־ביכעלע.

אַ פּאָר חדשים שפּעטער איז שוין ראָזי געשטאַנען אין אַ גרויס געשעפט אין מיטן יאָהאַנעסבורג, מיט פאַרלייגטע פּאָליצעס פון כל המינים שוכוואַרג אין קאַרטאָנענע קעסטלעך. פון גרויסן, מיט פראַזשעקטאָרן באַלויכטענעם

שוי־פענצטער האָבן ארויסגעפינקלט צו די פאַרבייגייער אַטראַקטיוו־גלאַנציקע מענער־ און פרויען־ שיך פון די לעצטע מאָדעס. דאָ האָט מען אויך אָנגענומען צו פאַררעכטן שיך. אין סאַמע הינטערשטן צימערל איז געזעסן שמעון מיט צוויי שוואַרצע שוסטער־געזעלן, און ראָזי האָט זיי צוגעשטעלט געגנוג אַרבעט.

שמעון איז געווען צופרידן פון זיין ווייבס אויפטו, אָבער נאָך מער איז ראָזי אליין געווען צופרידן. עפּעס איז זי אריין „מיטן רעכטן שוך", ווי זי האָט געזאָגט, אין יאָהאַנעסבורג. פון ערשטן טאָג האָט זיך אָנגעהייבן ציען אַ שנירל פון קונדן אין געשעפט.

ראָזי איז געווען פריינדלעך און האָט אויסגענומען ביי מענטשן מיט איר פיינקייט און קלוגשאַפט. ווער עס איז אריין איין מאָל אין געשעפט, איז שוין ניט ארויס ליידיק און איז ווייטער געקומען, און מיטגעבראַכט באַקאַנטע, פריינד. אַלץ אין געשעפט איז געוואַקסן: די פּאָליצעס זיינען געוואָרן געדיכט, אָנגעשטאָפּט מיט שיך־קעסטלעך, אין באַנק די חשבונות זיינען געוואַקסן און שוין געגרייכט אין די טויזנטער. וואָס פון טאָג איז ראָזי געוואָרן אויפגעלייגטער, פריילעכער, צופרידענער.

אָבער סעם מייקל, דער שוסטער אין הינטער־צימערל, איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ מער אומצופרידענער, דערדריקטער, אומעטיקער. ווען ער האָט חתונה געהאַט מיט ראָזין, דאָרט אין ווייטן שטעטל פון יענער זייט ים, האָט ער זיך גאָר ניט אויסגעמאָלט, אַז אזא קליינשטעטלדיק מיידל זאָל קומען צו אים אין אפריקע און גלייך אים אָנהייבן פירן פאַר דער נאָז. איצט האָט שמעון מאַקאַרניק זיך געפילט אומגליקלעך און דערשלאָגן צוליב זיין ווייבס גרויסע פלענער און אירע געניג. ראָזי איז איצט געוואָרן דער בעל־הבית איבער אים און זיין לעבן. עס האָט אים פאַרדראָסן פאַר וואָס זי באַציט זיך צו אים ווי צו אַ שיק־יינגל, ווי צו איינעם פון די שוואַרצע, וואָס ער זיצט מיט זיי ביי דעם וואַרשטאַט. ער האָט געוווסט, אז הגם אַלע דאָ קלאַפּן שטיפטלעך אין אַלטע פאָדעשוועס, איז ער דאָך פאָרט דער וואָס האָט מיט זיין קאַפּיטאַל דאָס אַלץ געמאַכט. דעריבער איז ער שטענדיק ארומגעגאַנגען אָן אָנגעבלאָזענער און ביסלעכוויז געוואָרן אַפּאַטיש צו אַלץ און אַלעמען. פונקט ווי אַ מאָל, בחורוויז, בעת ער האָט געקליבן איין פונט צום אַנדערן, האָט אים אויך איצט אויפגעהערט אינטערעסירן אַלץ וואָס קומט פאַר ארום אים, פונקט ווי קיינער האָט זיך ניט אינטערעסירט מיט

אים. אַ גאַנצן טאָג איז ער געזעסן פאַרכמורעט אין הינטערשטן צימערל, פלעגט זיך פאַרקוקן ווי די שוואַרצע קלאַפּן די שטיפּטלעך אזוי פלינק ווי ער, און ווי זיי ציען אַ דראַטווע ניט ערגער פון אים. ער האָט געטראַכט אז זיי זיינען גליקלעכער פון אים: זיי זיינען נאָך יונג און האָבן אַ צוקונפט. ווען ראָזי האָט זיך געקליבן צו פאַרמאַכן פאַרנאַכט די טירן, פלעגט זי אריינשרייען צו אים אין וואַרשטאַטל:

„סעם, מייק יורסעלף רעדי, ווי אַר גאָינג האָום“.

אין דרויסן האָט שוין געוואַרט דער שאָפער מיט דעם גרויסן אויטאָ. דעם גאַנצן טאָג האָבן זיי צווישן זיך כמעט ניט אויסגעטוישט אַ וואָרט. נאָך אָוונטברויט, זומערצייט, פלעגט שמעון מאַקאַרניק אָנטאָן די שטעקשיך, זיך זעצן אין אַ ווייכן פאָטעל אויף דער וועראַנדע, קוקן ווי די שטערן גייען אויף, גלאָצן מיט מידע אויגן אין דער נאַכט און זיך דערמאָנען זיינע בחור־ שע יאָרן, ביז ער פלעגט איינשלאָפן זיצנדיק. אין די ווינטערדיקע אָוונטן פלעגט ער אזוי איינדרעמלען ביים אָפענעם פייער.

דער גילגול פון שמעון מאַקאַרניק

ווי אין די בחורשע יאָרן האָבן זיך ווידער פאַר שמעונען געצויגן טעג, וואָכן, חדשים אין זיין שוסטער־וואַרשטאַט. איצט איז אָבער זיין לעבן גע־ ווען אָן יענע צאַפּלדיקע איבערלעבונגען פון ציילן די פּאַסיקלעך־פּונטן אויף דער וואַנט און אָן די זיסע חלומות פון בערג מיט אוצרות, פון לויפן אין פּאַסט אריינשרייבן נאָך אַ פונט און נאָך אַ פונט. איצט האָט זיך די צייט געצויגן מאָנאָטאָן. מיט לאַנגווייל האָט ער דערוואַרט די אָוונטן, און די נעכט זיינען געווען ווי שוואַרצע, ברודיקע זעק. ווען ניט די פאַרגאַנ־ גענהייט, וואָס פלעגט אַ שייך טאָן מיט דערמאָנונגען פון פאַרהאָרעוועטע טעג, טעג מיט תכלית, וואָלט שמעונען קיין זאַך ניט געווען געבליבן פון זיין אַ מאָל. ער האָט אָבער ניט באשולדיקט אין זיין האַרצן ראָזין מיט דעם וואָס פון אים איז געוואָרן. מיט זיין נאַטירלעכן חוש האָט ער דערפילט דעם אונטערשייד צווישן זיי ביידן.

ראָזי איז געווען יונג און פול מיט לעבן, זי האָט געשפּרודלט מיט ענער־ גיע און זיך בשום אופן ניט געוואָלט צופּאַסן צום לעבן פון איר מאַן, צו אַ לעבן פון איינזאַמקייט. זיינען טאַקע די ערשטע יאָרן פאַרגעקומען אָפטע

צאַנקערייען צווישן מאַן און ווייב, ווו די אייבערהאַנט האָט שטענדיק געהאַט ראָזי. די קריגערייען האָבן ניט לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל שמעון האָט צום סוף אַ פאַרייאושטער רעזיגנירט און ראָזי האָט זיך גענומען פולע פרייהייט צו לעבן ווי איר געפעלט.

ראָזי פלעגט זייער זעלטן פאַרבלייבן אין די אָוונטן אין דער היים. דער אַלטער חרטה־קאָמפּלעקס, וואָס איז אין איר אויפגעקומען גלייך נאָך דעם תנאים מיט שמעונען, האָט זיך ווידער געוועקט. כדי צו פאַרדעקן דעם ניט געראָטענעם שידוך האָט זי גענומען באַזוכן פריינד און לאַנדס־לייט, קומען אויף סאָסייטי־מיטינגען און אָנטיילנעמען אין קאָמפּיינס פון פרויען־אינסטיטוציעס. ביי די דאָזיקע געלעגנהייטן איז איר אויסגעקומען זיך באַגעגענען מיט מענער און זי האָט ניט אויסגעמיטן קיין פלירט. און אזוי איז זי געוואָרן שטאַרק פּאָפּולער אין אירע קרייזן.

ווען ראָזי האָט אָנגעהייבן אָפטער ארויסגיין אין די אָוונטן, פלעגט זיך שמעון קיין אָרט ניט געפינען. ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער זיצן אין זיין ווייכן פאָטעל און בגוואַלד זיך וואַך האַלטן. פלעגט כסדר רייבן די מידע אויגן, וואָס זיינען טיף געזעסן אין זיינע ארויסגערוקטע קינבאַקן, און האָט ארויפגעקוקט צום אויסגעשטערנטן הימל, ווי ער וואָלט פון דאָרט אַ ישועה דערוואַרט. זיין מאַסיווער קערפּער פלעגט פאַרזינקען טיפער אין געזעס אָ׳ן די אויגן פלעגן זיך קלעפּן, נאָר ער האָט אומגעדולדיק געוואַרט אויף ראָזין. אז זי פלעגט אריינפאַלן אין אַ שפּעטער נאַכט־שעה, איז ער שוין געווען בייז און אויפגערעגט. אין אזא מוט, אז ער פלעגט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט אָנהייבן קלאַפּן אין טיש און ברומען פאַר צאָרן, און גראָדע אויף ענגליש:

„אַיי וויל נאָט סטענד איט, ראָוז, אַיי וואָרן יו!" פלעגט ער מיט דראָ־אונג זיך אַ וואָרף טאָן צו איר.

נאָר ראָזי פלעגט ניט נתפּעל ווערן פון איר מאַנס סטראַשונקעס און געלאַסן ענטפערן, און דווקא אויף יידיש:

„נאָר ניט אויפרעגן זיך, מ״ר סעם מייקל, ווייל די ברירה, ׳מיי דיער׳, איז ביי דיר אין די הענט: זאָג נאָר איין וואָרט, אז דו ווילסט זיך פונאַנ־דערגיין און מיר׳ וועלן זיין צעטיילט, ווי צוויי באַזונדערע מענטשן. מ״ר מייקל, איך וועל ניט אָפּפינצטערן מיין לעבן אין דיין ׳אינטערעסאַנטער׳ גע־זעלשאַפט... איך וועל זיך ניט האַלטן אָן דיין שוסטערשן פאַרטעך, ניין!"

„איך בין עלנט... איך לעב ווי אַ הונט...״ האָט שמעון שטאַמלדיק זיך אָנגעהייבן באַקלאָגן פאַר זיין ווייב און געזוכט אַ פונק פון רחמנות ביי איר.

נאָר ראָזי האָט אים אַ שניט געטאָן:

„אין דעם ביסטו אַליין שולדיק, אזוי האָסטו געוואָלט. נאָר איך בין נאָך יונג און שיין און דאַרף נאָך אַ דאַנק גאָט צו קיינעם ניט אָנקומען. און דו זאָלסט וויסן זיין איין מאָל פאַר אַלע מאָל, אז מער קיין סקאַנדאַלן וועסטו מיר ניט מאַכן. דו קענסט זיך גיין אין בעט און האָסט ניט וואָס צו וואַרטן אויף מיר. איך גיי מיר מיין וועג, און דו קענסט טאָן וואָס דו ווילסט. און אויב עס געפעלט דיר ניט — קען מען זיך צעטיילן. ביז איין פונט וואָס דו האָסט מיר געגעבן וועסטו צוריק קריגן — איך דאַרף דיינע געלט ניט!״

פלעגט שוין שמעון חרטה האָבן וואָס ער האָט אָנגעהייבן מיט בייזן און פלעגט פרווון זיך פאַרענטפערן, נאָר דאַן האָט שוין ראָזי ניט נאָכגעגעבן. זי האָט אים געטריבן און געיאָגט פון זיך. און וואָס מער זי האָט זיך פון אים דערווייטערט, אַלץ שטאַרקער האָט ער זי ליב באַקומען.

האָט שמעון פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן, ביז ער האָט זיך צוגעווינט צו אירע גענג. אַ רעזיגנירטער פלעגט ער שוין גיין אין בעט און זיך וואַרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער פאַר שעהען. אין אַזעלכע נעכט פלעגט ער נאָך אַ מאָל טראַכטן וועגן זיין לעבן און וועגן זיין צוזאַמען זיין אין איין שטוב מיט ראָזין, זיין צוזאַמען און צו גלייכער צייט זיין צעטיילט, ווי צוויי באַזונדערע מענטשן. אָבער אין אזעלכע מינוטן פלעגט ער דאָך גע־פינען אַ זכות פאַר איר און זיך אַליין אין אַלץ באַשולדיקן: וואָס איז ראָזי שולדיק, אז מיר ביידע פּאַסן ניט צוזאַמען און כ׳בין נאָך דערצו אַ לאַ־יוצלח?

ער האָט געוווּסט, אז זי האָט עס אויפגעבויט די „מייקל שו מאָדלס״ און עס ארויפגעאַרבעט צו אַזאַ פאַרנעם: אַט גייט זי שוין עפענען אַ צווייטע אָפּטיילונג אין צענטער שטאָט. אָן איר וואָלט ער נאָך אַלץ געזעסן אין קייפּטאָן, אין דער בלעכענער „שענטע״, און אַ פאַרוואַנעטע יידענע, וואָס גרשון דער שמויזער וואָלט אים מיט איר פאַרקנסט, וואָלט זיך ארומגעדרייט און געבורטשעט גאַנצע טעג. איצט איז טאַקע אַלץ שיין און גוט, אָבער ער און ראָזי זיינען צעטיילט דורך אַ מחיצה, ווי צוויי וועלטן. אין שטעטל דאָרט, ווען ער האָט געשיקט אַביגדור דעם שדכן צו איר, האָט ער איר צוגע־זאָגט גאָלדענע בערג, דאָס גאַנצע שטעטל האָט אים געהאַלטן פאַר אַן עושר.

ער האָט טאַקע שווער געהאָרעוועט אויף דעם געלט, אָבער ראָזי האָט פאַר־שטאַנען ווי צו מאַכן פון געלט נאָך מער געלט און ער איז געבליבן ביים קאַפּול. די מחשבות וויקלען זיך שנעל, ווי די פאַרביקע בענדלעך מיטן נאָמען פון דער פירמע מיט וועלכע מען פאַרבינדט די פּעקלעך פאַר די קונדן.

מיט אַ מאָל הערט ער אין שטילן דרויסן קומט אָנגעלאָפן אַן אויטאָ מיט געפּרודער אין הויף אריין. ראָזי! עס איז פאַר אים ווי אַ סיגנאַל, אַז ער זאָל זיך אויפהערן וואַרפן אין בעט. זאָל זי מיינען אַז ער שלאָפט. עס אינ־טערעסירט אים מער אין גאַנצן ניט איר אוועקגיין ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער הערט ווי די טיר עפנט זיך און אַ בליאַסק פון ליכט טוט אַ שפּאַר צום שלאָף־צימער.

שמעון האַלט די אויגן פאַרמאַכט און טראַכט: אין דער אמתן איז זי דאָך אַ מלאך אַז זי שטייט מיט מיר, אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט דאָך מיר לאַנג שוין דורכגעטריבן, אָדער אַנטלאָפן פון מיר ווו דער פעפער וואַקסט. זי שטאַמט דאָך פון אַ שיינע, באַלעבאַטישע שטוב, טאָ ווי אַזוי איז עס מיר דאַן ניט איינגעפאַלן אַז מיר זיינען ניט קיין פּאַסיק פּאָרל און אַז קומענדיק קיין אַפריקע וועט זי זיך אַנטווישן אין מיינע גליקן... די מחשבות הייבן זיך אָן קלעפּן אָן אַ סדר. דאָס ליגן אויף איין אָרט אומבאַוועגלעך מאַכט אים מיד. אין דרימל דערמאָנט זיך אים זיין ניי, גרין ביכעלע, אין וועלכן ער האָט אָנגעהויבן לעצטנס ווידער שפּאָרן און ווו עס קלייבן זיך ווידער די פּאַסיקלעך...

מייקל קלייבט ווידער פונטן

ווידער האָט שמעון מאַקאַרניק געקליבן פונט צו פונט, ווי אַ מאָל פאַר דער חתונה. דאָס איז געווען זיין טרייסט אין זיין עלנט לעבן און זיין גרוי־סער סוד, וואָס פלעגט מאַכן צאַפּלען זיין האַרץ מיט פרייד אין די אומעטיקע מינוטן. באַהאַלטענערהייט פון ראָזין פלעגט ער דערטאַפּן זילבערנע מטב־עות, זיי אַראָפּלאָזן אין קעשענע, און שפּעטער צעבייטן זיי אויף גרינע פונטן. אָנקלייבנדיק עטלעכע פונט פלעגט ער עס אָפּטראָגן אין פּאָסט, ווו מען פלעגט עס אריינשרייבן אין ביכעלע. דאָס ביכעלע האָט ער געהאַלטן באַ־האַלטן בחדרי חדרים, אַז ראָזי זאָל עס חלילה ניט געפינען. און די וואַנט, אויף וועלכער ער האָט אַ מאָל אין קעמערל פון דער „שענטע“ געמאַכט זיינע פּאַסיקלעך, האָט אים איצט פאַרביטן זיין שוסטער־ברעט. אויף דעם ברעט

פלעגט ער פון איין זייט אויסקלאַפּן אַ האַרטע נאַסע פּאַדעשווע, אויף דער צווייטער זייט האָט ער געפּירט זיין בוכהאַלטעריע פון די אָפּגעשפּאַרטע פונטן. מיט זיין אַל פלעגט ער מאַכן קונציקע לעכעלעך אין ברעט, וואָס נאָר ער אַליין האָט זיך געקענט פונאַנדערקלייבן אין זייער צאָל — אַ פונט אַ לע־כעלע. דאָס ברעט האָט דעריבער ביי שמעונען באַקומען די חשיבות פון אַ חשבונות־פּינקס ביי אַ בוכהאַלטער. אין וואַרשטאַט־צימער האָט דאָס ברעט געהאַט זיין שטענדיקן און חשובן אָרט און שמעון פלעגט אים אָפּהיטן אזוי, אַז די שוואַרצע אַרבעטער האָבן אויף דרך־ארץ באַקומען פאַר דעם ברעט ווי פאַר אַ קמיע פון „באַאַס״.

דער שוואַרצער אויפרוימער פלעגט שוין וויסן, אַז דאָס ברעט טאָר ער ניט טשעפּען און פלעגט זיך האַלטן מיט זיין באַרשט אַ ביסל ווייטער פון דעם אָרט. ריין מאַכן דאָרט פלעגט שמעון אַליין. די שוואַרצע האָט עס גע־וואונדערט, אָבער זיי האָבן אויף זייער לשון, אויסקלאַפּנדיק די ווערטער מיט דער צונג, באַשלאָסן, אַז אין ברעט שטעקט אפשר דער גילגול פון זייער „באַאַס״... בעת מעשה פלעגן זיי שטיל לאַכן מיט צוויי רייען ארויסגע־שטאַרטשטע ווייסע ציין, אָבער שמעון האָט ניט געוווּסט פון וואָס זיי לאַכן.

פלעגט אַ מאָל טרעפן, אַז ראָזי פלעגט צוליב עפּעס מוזן אריינקומען אין הינטערשטן צימער, פלעגט שמעון דערפילן זיין אייגענע שטאַרקייט, זיין גבורה מיטן איבערקליגן ראָזין, וואָס האַלט זיך דאָך פאַר אַ גרויסע חכמה. דוכט זיך, וואָס? אַט שטייט אַ ברעט אין ווינקל, פונקט אנטקעגן ראָזין. אַ ברעט וואָס „רעדט״ מיט אַ גאַנץ היפּשע צאָל פונטן, נאָר ניט צו ראָזין — צו אים אַליין! און גראָדע ווען ראָזי שטייט קעגנאיבערן ברעט, קוקט ער מיט הנאה אויף דעם און זיין כיטרע ווייבל כאַפּט זיך גאָר ניט פון דעם גרויסן סוד מיט די אָנצאָליקע לעכעלעך־פונטן אויפן ברעט. אַ פייג ווּעסטו וויסן! טראַכט זיך שמעון בעת מעשה און קוקט מיט דרייסטקייט אויף דעם סכנה־פונקט מיט אַ געפיל פון זיסער נקמה.

די נאָז מיט די צוויי צעעפנטע לעכער אויף די ארויסגערוקטע קינ־באַקן, וואָס זעען אויס ווי אַ צירה, הייבט מיט אַ מאָל אָן שנעל אָטעמען מיט פאַרדאַכט, ווי אַ חיהלע וואָס דערשפּירט אַ געפאַר. אים דוכט זיך, אַז ראָזי האָט זיך עפּעס צו שטאַרק פאַרקוקט אויפן ברעטל.

„מייקל, טו נאָר אַ קוק ווי שמוציק דאָס ברעט איז, קענסט ניט זאָגן דעם ׳באָי׳ ער זאָל עס ארומווישן!״

מייקל אָטעמט אָפּ מיט דערלייכטערונג.

„לאָז דעם וואַרשטאַט צו מיר, דו הערסט, ניט דיינע ביזנעס!‟ ווערט שמעון דרייסט.

„קיפּ איט — האַלט זיך מיט דעם...‟ גיט זי זיך פלינק אַ דריי־אויס ארויסצוגיין.

פאַר ווען שמעון מאַקאַרניק האָט געקליבן דאָס געלט האָט ער אליין ניט געוווּסט — פאַר ראַזין זיכער ניט. עס איז אפשר געווען מער פון אַלץ צוליב אייגענער הנאה און צוליב דער אַלטער געוווינהייט. ער פלעגט מיט פאַרגעניגן איבערטווישן זיין זילבער־מינץ אויף פּאַפּירענע פונטן און טאַפּן מיט דער פאַרהאָרעוועטער האַנט זייער גלאַטקייט. פלעגט טרעפן, אז עס פלעגט אריינפאַלן אַ מאָל אויך אַ גאָלדענע קליינע מטבע, האָט ער זי לאַנג געגלעט מיט זיינע גראָבע פינגער, ווי מען צערטלט אַ קינד, און האָט זיך געשפּיגלט אין איר ליכטיקן גלאַנץ. ניט לייכט פלעגט ער זיך שיידן מיט גאָלדענע „סאַווערענס‟, אָבער דאָך איז זייער לעצטע סטאַנציע געווען דער פּאָסט־אָפיס.

די לעכלעך אויפן ברעט זיינען אַלץ געדיכטער געוואָרן, ווי אַ מאָל די פּאַסקעס אויף דער וואַנט אין דער בלעכענער „שענטע‟, און ער פלעגט אומ־באַמערקטערהייט זיי ציילן יעדן אָוונט פאַר זיין גיין אַהיים. זיי האָבן פאַר־מאָגט אַ מאָדנעם כישוף, וואָס פלעגט אים אויפמונטערן און פריילעכער מאַכן. אין די לאַנגווייליקע אָוונטן פלעגט ער אין קאָפּ ווידער און ווידער איבעררעכענען די לעכעלעך־פונטן און מאַכן אַ חשבון וויפל עס פעלט נאָך צו אַ נייעם קיילעכדיקן הונדערטער? וויפל וועט ער האָבן אין אַ חודש ארום — אויב... און די געדאַנקען פלעגן אים פאַרוויגן אין אַ זיסן חלום, ווי אַ מאָל: בערג מיט פונטן... בערג... בערג...

* * *

אומדערוואַרט איז פאַר שמעונען געקומען אַ נייע צרה: זיין ווייב האָט אראָפּגעבראַכט איר יינגערע שוועסטער פון שטעטל. זי האָט אפילו לכתחי־לה גאָר ניט דערציילט, ווי זי טוט עס אַלע מאָל, נאָר אַז ער האָט געזען אַז מ׳האָט געבראַכט נייע מעבל אין לײדיקן שלאָף־צימער, האָט זי עס שוין פאַר אים ניט געקאָנט מער באַהאַלטן:

„מיין שוועסטערל, שרהלע, קומט קומענדיקע וואָך און זי וועט שטיין מיט אונדז‟, האָט זי אים געזאָגט אָן צערעמאָניעס.

„פֿאַר וואָס האָסטו מיר פֿריער ניט געזאָגט״.

„און וואָס וואָלט געווען אז כ׳וואָלט דיר געזאָגט...״ האָט זי סאַרקאַס־טיש געענטפֿערט.

מיט דעם האָט זיך עס געענדיקט.

אָבער אז דאָס „שוועסטערל שרהלע״ איז געקומען, האָט שמעון דער־פֿילט אז אין שטוב איז צוגעקומען „אַ נייע צרהלע״. יאָ, יאָ, גאָר ניט קיין שרהלע, נאָר טאַקע אַ צרהלע, האָט ער זיך געטראַכט. שוין אין די ערשטע וואָכן פֿון די צוויי שוועסטערס באַלעבאַטעווען אין הויז, האָט שמעון אויפֿ־געהערט אין גאַנצן צו עקסיסטירן. קיינער האָט זיך מיט אים ניט אינטע־רעסירט און מ׳האָט אפֿילו אויפֿגעהערט דערמאָנען זיין נאָמען, כאָטש שרהלע האָט זיך באַצויגן צו אים זייער פֿריינדלעך.

איידער ראָזי האָט געהאַט איר „שוועסטערל שרהלע״ לעבן זיך, פֿלעגט נאָך אַ מאָל טרעפֿן אז טאָמער איז זי שוין יאָ אַן אָוונט געבליבן אהיים, פֿלעגט זיך שמעון פֿילן אַ ביסל פֿריילעכער און ער פֿלעגט זיך אפֿילו דער־לויבן איר צוברענגען אַ גלעזל טיי. כאָטש קיין צו פֿיל געמיינזאַמע אינטע־רעסן האָבן מאַן און ווייב ניט געהאַט, איז אָבער מיטן אריינקום פֿון איר שוועסטער פֿאַרשווונדן דער לעצטער שפּור פֿון שמעונס האָפֿערדיקייט. ער איז געוואָרן נאָך מער איינזאַם און עלנט און האָט זיך קיין אָרט ניט גע־קענט געפֿינען. „אפֿילו אויף אַ קאַץ אין אַ שטוב קוקט זיך די בעל־הביתטע אום און געפֿינט פֿאַר איר אַ וואָרט, אָבער איך בין דאָ עלנטער ווי אַ חיה״, האָט ער געטראַכט מיט פֿאַרדרוס.

איצט האָט ראָזי געהאַט איין אַרבעט: באַזאָרגן איר שוועסטער מכל טוב, פֿירן איר אין קאָמפּאַניעס, אויף פּאַרטיס, צו באַקאַנטע. אין איר שטענדיקער פֿאַרנומען זיין מיט איר שוועסטער האָט ראָזי אין גאַנצן פֿאַר־געסן, אז איר מאַן עקסיסטירט נאָך אויף דער וועלט. זי האָט אפֿילו פֿאַר־געסן צו זאָגן דער דינסט, אז זי זאָל אים אריינברענגען אין אַ זונטיק־פֿרי זיין גלעזל קאָפֿע מיט „קייק״, ווי תמיד. די דינסט האָט געמערקט די ניט אויפֿמערקזאַמקייט פֿון ווייב און האָט זיך אויך ניט וויסנדיק געמאַכט. דאָס האָט שמעונען געערגערט. און נאָך מער האָט אים ווײי געטאָן דאָס אָפּקילן זיך פֿון זיין שוועגערינס פֿריינדשאַפֿט, וואָס איז געווען גאַנץ שטאַרק אין דער ערשטער צייט. שמעון האָט נאָך שאַרפֿער דערפֿילט, אז ער און ראָזי זיינען שוין איצט אין גאַנצן צעטיילט, ווי צוויי באַזונדערע וועלטן.

3

קלמנס אַנגסט

גאָר אַן אַנדער אויסזען האָט באַקומען מ״ר מייקלס הויז זינט קלמן האָט אריבערגעטראָטן די שוועל. די שטוביקע האָבן גלייך באַמערקט אז מ״ר מייקל איז געוואָרן אַ נייער מענטש, ווי ער וואָלט באַשאָנקען געוואָרן מיט אַ נשמה יתירה אין די וואָכיקע טעג. קלמן האָט פון דער ערשטער רגע, ווי ער האָט זיך נאָר באַוויזן, אָנגעפילט די שטוב מיט לעבן, מיט באַוועגלעכקייט, מיט זאָרגלאָזער פריילעכקייט. מ״ר מייקל האָט מער ניט דערקענט זיין רייכע אומעטיקע הויז, וווּ ער איז תמיד געזעסן ווי אַן אַרעסטירטער אין אַ פּאַלאַץ...

מיט אַ מאָל האָט דער שטענדיק שווייגנדיקער מייקל באַקומען לשון, ווי דער גאַסט וואָלט אים דאָס מויל געעפנט. דער פריערדיקער מייקל, וועלכער איז געווען אַ האַלב־פרעמדער ביי זיך אין שטוב, האָט זיך מיט אַ מאָל געענדערט.

אין אָוונט איז ער שוין געזעסן אויפן שאָקלשטול, זיך געוויגט מיט הנאה. פון איין זייט איז געזעסן זיין ווייב, פון דער צווייטער זייט סאָניע, וואָס האָט אויפגעהערט זיין אַ שרהלע, און פאַר מ״ר מייקלען — אַ „צרה״, און אנטקעגן אים איז געזעסן אַ צופרידענער קלמן. דער פעטער האָט גע־האַלטן אין איין אויספרעגן קלמנען וועגן דער היים, וועגן זיין מאַמען, מייקלס שוועסטער, וועגן היימישן לעבן און אַלטע באַקאַנטע, וועלכע קלמן האָט קוים געדענקט. כאָטש ביז היינט האָט ער קיין צופיל שותפותדיקס ניט געהאַט מיט דיביידע פרויען אין שטוב, האָט עס אָבער איצט אויס־געזען, ווי ס׳וואָלט געזעסן צוזאַמען אַ גליקלעכע משפחה וועלכע זיינען פאַרבונדן איינער מיטן צווייטן מיט טויזנטער פעדעם. די שטוביקע אליין האָט דער דאָזיקער אומבייט איבערראַשט.

קלמן איז געזעסן א צעשמייכלטער און אויף זיין נאַטירלעכן שטייגער דערציילט דעם פעטער וועגן אַלץ וואָס ער פרעגט זיך נאָך. ער האָט נאָך דערציילט סתם מעשיות פון שטעטל, וואָס האָט פאַסירט מיט אים אָדער מיט אַנדערע. בשעת מעשה האָט ער געקוקט אויפן פעטער, נאָר מיט אַ זייטיק בליקל האָט ער ארייַנגעקוקט אין סאָניעס צעבליצלטע אויגן, וואָס האָבן געשלונגען זיינע ווערטער מיט הנאה. קלמן האָט זיך באַמיט צו האַלטן סטאַטעטשנע און מאַכן אַ גוטן איינדרוק.

די צוויי שוועסטער האָבן געפילט אַ דאַנקבאַרקייט צו קלמנען, אָבער זיי האָבן דאָס ניט ארויסגעוויזן. איבערהויפּט איז סאָניע געווען צופרידן פון דעם אומבייט, ווי אַ וואַרעם פרילינג־ווינטעלע וואָלט מיט אַ מאָל אריינ־געשטראָמט אין זייער הויז. קלמן איז געווען היימיש־אויפגעלייגט און סאָניע האָט זיך דערפילט נאָענט צו אים. זי האָט זיך אליין געלויבט, וואָס זי האָט אָפּגעשאַצט קלמנען מיט איין קוק, נאָך דעמאָלט, אויפן וואָקזאַל אין שטעטל, און זי זעט אז ס׳איז געווען ריכטיק. זי האָט ווידער אַ מאָל באַוואונדערט זיין פשוטקייט און זיין פאָלקישקייט.

קלמן איז אויך געווען צופרידן פון דער נייער סביבה, איבערהויפּט וואָס קיינער קען אים דאָ ניט און אַלע רופן אים מיטן היימישן נאָמען, קלמן, פון וועלכן דער בולאַן איז אין גאַנצן אוועקגעפאַלן. פרעמדע זאָגן אים אפילו איידל, ווען זיי ווענדן זיך צו אים, מ״ר טראַיעוויצקי, פונקט ווי צו זיין פעטער זאָגן זיי, מ״ר מייקל. אַנדערע זאָגן אויך: פליז, מ״ר טראַ־יעוויצקי, און דאָס מיינט: זייט מוחל, ר׳ קלמן.

* * *

קלמן בולאַן איז די ערשטע טעג ארומגעגאַנגען ווי היפּנאָטיזירט, פאַר־טשאַדעט פון זיסע ריחות, צעטומלט פון דער יאָגעניש פון לעבן ארום אים. וואָס אים איז קיין מאָל צו חלום ניט געקומען, איז איצט געווען ליכטיקע וואָר. פאַר אים איז געלעגן אָפן אַ נייע וועלט, אזא לופטיקע און ברייטע, וואָס אין זיין שענסטער פאַנטאַזיע וואָלט ער זי זיך ניט אויסגעמאָלט אזוי ווי עס איז דיווירקלעכקייט.

אַלץ איז געווען אַנדערש ווי ער האָט זיך געהאַט פאָרגעשטעלט. דאָס הויז וו:היין ער איז פאַרפאָרן האָט אים גלייך פאַרכאַפּט. ס׳איז געווען ווי אַ פּאַלאַץ. אין דער היים, האָט ער געטראַכט, האָט זיך געמעגט פאַר־גינען צו וווינען אין אזא ראָסקאָש דער גרעסטער פּריץ. איבערהויפּט איז ער געווען פאַרגאַפט פון די באַזונדערע גרויסע צימערן וואָס יעדער איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַנדער ציל: אַ צימער פאַר אלגעמיינע מאָל־צייטן, און אַ קלענערער צימער פאַר פרישטיק עסן. אַ גראַמאַדנער זאַל מיט פאַרשיידענע ווייכע מעבל און אַ פּיאַנאָ, מיט טישן און קליינע בענקע־לעך צו טרינקען קאַפע. אין זאַל קומען געסט זיך פאַרברענגען און שפּילן אַ קערטל. פאַרשטייט זיך, אז עס זיינען נאָך געווען באַזונדערע שלאָף־צימערן מיט פיין־פאָלירטע בעטן.

נאָר וואָס אים האָט אַמשטאַרקסטן געחידושט איז געווען דאָס באַזונ־דערע וואַנע־צימער, וו די וואַנט זיינען געווען מיט ווייסע קאַכלעס באַ־לייגט, מיט האַנט־בעקנס מיט זילבערנע קראַנען, וואָס האָבן מיט אַ זשו־מיקער פריילעכקייט געשאָסן מיט שטראָמען קאַלט און הייס וואַסער. האָט מען אויפגעדרייט דעם קראַן מיטן גרינעם פּינטל, האָט אַ שפּריץ געטאָן אַ קיל קלאָר וואַסערל, ווי פאַרפום, האָט מען אַ דריי געטאָן דעם קראַן מיטן רויטן פּינטל, האָט עס אַ צישע געטאָן מיט בריאיק־שוימיקן וואַסער, ווי מ׳וואָלט עס אויפגעקאָכט אין אויוון, אין אַ קעסל.

וואָס מענטשן אין אַפריקע קענען זיך אַלץ פאַרגינען? האָט קלמן געטראַכט מיט באַוווּנדערונג. צו האָבן אַן אייגענע וואַנע אין סאַמע מיטן שטוב! און ווען מען וויל און וויפל מען וויל קען מען זיך באָדן. און קלמן דערמאָנט זיך, ווי מ׳לויפט פרייטיק נאָך האַלבן טאָג אין מרחץ, אין פּרעסט און אין היצן. און וואַסער איז ניט אַלע מאָל דאָ גענוג, און שעפּעלעך פאַר אַלעמען איז אויך ניטאָ. און דאָ — מען טוט איין שפּרייז און שוין איז מען

אין וואַנע־צימער, מ׳טוט זיך אויס אָדם־נאַקעט און מ׳גיט זיך אַ וואָרף אריין אין דער ציכטיקער וואַנע ווי אַ מלך. אזוי טאַקע האָט מען אים גע־הייסן טאָן גלייך דעם ערשטן טאָג, ווי נאָר ער איז פון באַן אָנגעקומען. אוי, האָט ער זיך דאָס פּאַליושקעט אין הייסן וואַסער, זיך געזייפט מיטן אמתן בארסקען זייף וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט און זיך ארומגעווישט מיט אזא מאָדנע־ווייכן און גרויסן האַנטעך, וואָס וואָלט געקלעקט פאַר זיין גאַנצן זוואָד דראַגונער נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אויסגעבאָדן אין טייך.

היינט די אכילות דאָ. די מענטשן ווערן דאָך משוגע פון ווילטאָג. יום־טוב אין דער היים האָט מען ניט געגעסן אזעלכע גוטיקייטן ווי דאָ עסט מען אינדערוואָכן. און מ׳עסט ניט, נאָר מע פרעסט. ווייסע חלה איז דאָ פאַראַן מער ווי שוואַרץ ברויט אין דער היים, און גענדז, הינער גע־בראָטענע, שמאַלציקע פּופּקעלעך מיט גריווינקעס — אַ ן אַלץ מיט דער ברייטער האַנט. קיינער ציילט דיר ניט צו, נאָר מ׳האַלט גאָר אין איין דערלייגן אויף דיין טעלער, עלעהיי דו האָסט אַ קישקע אָן אַ דנאָ. און צו יעדער וואַרעמעס און וועטשערע גיט מען נאָך אַ שטעל ארויף אַ פּליאַכע בראָנפן אויפן טיש, וואָס האָט טעם גן־עדן. אזוינס האָט מען אפילו ביי אברהמל דעם פּראַטשעשניק אין שענק ניט אָנגעקוקט.

* * *

קלמן דערמאָנט זיך דעם ערשטן אָוונט, ווען ער האָט אראָפּגעשטעלט זיין פוס פון באַן־טרעפּל אויף דער יאַהאַנעסבורגער סטאַנציע. זיין פעטער, די מומע, סאָניע און מיט זיי נאָך עפּעס אַ פאַרשוין, האָבן אים אָפּגעוואַרט סאָניע האָט אים גלייך דערקענט. מ׳האָט זיך ארומגעכאַפּט, געדריקט די הענט, זיך געקושט.

נאָך דעם האָט מען אים אריינגעזעצט אין אַ גרויסן אויטאָמאָביל. ס׳איז געווען ווייך און אָנגענעם. ער איז געזעסן לעבן סאָניען און זיין האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי אָט־אָט ווערט עס צעשמאָלצן. ער האָט זיך געפילט גליקלעך, ווען דער אויטאָ פלעגט זיך אַ טרייסל טאָן און עס פלעגט אים אַ שטויס טאָן צו סאָניען — ווי ער וואָלט באַרירט אַ טייערן אוצר פון וועלכן ער האָט לאַנג געחלומט.

דוכט זיך קלמנען, אז גליקלעכער פאַר אים איז איצט קיינער ניט. נאָר איין מענטש שטערט אים אין זיין גליק, און דער דאָזיקער מענטש זיצט גראָדע ביי דער צווייטער זייט פון סאָניען. ער האָט אים ,ביים ערשטן

ארײנפאַר אַהער, זײַן שימחה צעשטערט. װען סאַניע האָט אים העפלעך פאָרגעשטעלט: „דאָס איז מ״ר גרינבלוי, מײַן טיטשער פאַר ענגליש״, האָט זיך קלמן גלײַך געכאַפּט, אַז אויב פאַר ענגליש איז ער מסתמא דער לערער װאָס לערנט סאַניען.

ביים ערשטן אָנבליק האָט קלמן שוין געװאָרפן אַן אומחן אויף אים. און כאָטש ער האָט זיך מיט קלמנען אַזוי פרײַנדלעך באַגריסט ביים באַ־קענען זיך, האָט ער שוין מער ניט געקענט פאַרטראָגן זײַן מיאוסן פּאָס־קודנעם שמײכעלע. אים האָט פאַרדראָסן װאָס ער האַלט אַזוי פאַן־בראַט סאַניען אונטערן אָרעם.

אין אויטאָ איז ער געזעסן צוגערוקט צו סאַניען. קלמנען האָט זיך גע־דוכט, אַז אָט דער שלימזל, דער יאָלד מיט דעם צעקנייטשטן קאַפּעליוש, קוקט אויף אים דורך זײַנע דיקע שפּאַקולן־גלעזער און אויף זײַנע גראָבע ליפּן צוקט אַ נערװעזער שמײכעלע. האָט עס אין קלמנען געקאָכט אויף אָט דעם נפש, מיט די גלעזער פון אַן אויטאָמאָביל, דורך װעלכע ער גלאָצט אויף אים, װי ער װאָלט היטן זײַן יעדן באַריר מיט סאַניען. ס׳האָט אים אַן עקל געשלאָגן צו אָט דעם יאָלד אין קאַפּעליוש. װען ער װאָלט זיך דעמאָלט ניט געשעמט פאַר סאַניען, װאָלט ער אים פאַרפאָרן דעם ריכטיקן מתנת־יד אין זײַנע נײַגעריקע קוקערס. האָט ער זיך אָבער מיט אַלע כוחות אײַנגעהאַלטן און בעת־מעשה זיך געטרייסט: מ׳דאַרף װאַרטן און זען װאָס פאַר אַ סאָרט פויגל דער דאָזיקער האָצמאַך איז.

נאָך דעם, אַז סאַניע האָט זיך אַזוי האַרציק דערפרײט מיט קלמנען, גענומען צו אים ריידן מיט אַ ליבן שמײכעלע און זיך פונאַנדערפרעגן װי אים איז געגאַנגען אויף דער רייזע, איז קלמנען דער כעס פאַרגאַנגען, װי די זון װאָס קריכט פלוצלינג ארויס פון הינטער די כמאַרעס און צע־שמעלצט דאָס אײַז. װען ער האָט נאָך דערזען אַז זי שטעלט אָן אויף אים אַ פּאָר װאַרעמע אויגן און אין אירע סאַמעטענע בעקעלעך שפּראָצן אויף אַ פּאָר חן־גריבעלעך, האָט ער מיט איין מאָל פאַרגעסן װעגן יאָלד און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זײַן פּנים. פון איר אינטערעס אין אַלץ איז ער געװען גליקלעך־צעטומלט, װי ער װאָלט פאַרשיכורט געװאָרן פון אַ שטאַרקן װײַן.

װען ניט אַלע נײַע פּנימער, װאָלט ער זיך צעשריען אויף אַ קול, אַז דער װעג איז אים געװען אַזוי לײַכט און אָנגענעם טאָקע צוליב איר, צוליב

סאַניען. ער וואָלט איר דערציילט וועגן יענעם מאָדנעם חלום אין דער שטורעמדיקער נאַכט, אויפן ים, פאַר זייער אָנקום אין קייפּטאָן. ער האָט איר געוואָלט זאָגן אַז דער ים האָט אים ניט געקענט פאַרשטעלן זיין וועג צו איר. אפילו דורך אַ וואַנט מיט פייער וואָלט ער זיך צו איר דערשלאָגן. די פאַנטאַזיע האָט זיך אין אים צעשפּילט, נאָר מיט אַ מאָל האָט ער אויף זיך דערפילט די אויגאַנעס פון דער ווילדער בריאה, וואָס איז געזעסן פון דער צווייטער זייט, און דאָס לשון האָט אים אָפּגענומען.

* * *

ביים פעטער אין שטוב איז קלמן שוין געווען אַן אַנדער מענטש. אַלץ איז דאָ געווען אַנדערש ווי אין דער אַלטער היים. ער האָט זיך געפילט צערודערט, אין גאַנצן איבערגעדרייט — וואָס טוט זיך דאָ: וווהין בין איך אריינגעפאַלן? איז טאַקע זיין פעטער אזא גרויסער גביר? האָבן אים געמאַטערט די פראַגעס. נאָר דער טיש, פאַרשפּרייט מיט אַ קלאָר־ווייסן טישטעך און אָנגעשטעלט מיט כל טוב, האָט ניט געלאָזן קיין ספק ביי אים אַז אזוי איז עס.

בראָנפן און רויטע ווייגען האָבן ארויסגעפינקלט פון פלעשער און קאַראַפינקעס. געלער לעקעך האָט פאַרשמעקט מיט דער שאַרפקייט פון געווירצן, געטריקנטע און פרישע פרוכטן, כלערליי זיסיקייטן, וואָס ער האָט אין זיין לעבן ניט געזען, האָבן פאַרשיינט דעם טיש. צי גרייט מען זיך דאָ גאָר צו אַ תנאים? איז אַ מחשבה, ווי אַ בליץ, דורכגעלאָפן זיין מוח. אין דער זעלבער רגע האָט זיין האַרץ אַ ציטער געטאָן און ער האָט דערפילט אַ שוואַכקייט אין די קני: אפשר איז אָט דער מאָדנער בחור, וואָס האָט אַן אויסזען פון אַן אָקס, נאָר אָנשטאָט הערנער טראָגט ער צוויי דיקע גלעזער, אפשר איז ער געוואָרן אַ חתן פאַר סאַניען?

קלמן האָט זיך אָנגעהייבן ארומקוקן, ווי ער וואָלט פאַרדעכטיקט אַז עפּעס גייט דאָ פאָסירן. דאָס איז ניט סתם אזוי, האָט אים געטאָטשעט אַ געדאַנק. דאָס איז דאָך ניט גלאַט אין דער וועלט אַ שימחה, און זיין פאַדען ארום איר געפעלט אים אויך ניט. וואָלטן זיי כאָטש ריידן מאַמע־לשון, אַז ער זאָל אויך פאַרשטיין, איז נאָך דאָ אַ מעגלעכקייט אַז ער זאָל זיך דערוויסן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. ריידן זיי אָבער, ווי צו להכעיס אים, אויף ענגליש, און ער פאַרשטייט קיין וואָרט ניט. און צוריקגערעדט, ווערט קלמנען מיט אַ מאָל לייכטער, ווען מ׳וואָלט דאָ זיך געגרייט פראַווען

אַ תנאים, וואָלט מען אים דאָך געזאָגט. חוץ דעם וואָלט מען דאָך איינגע־לאַדן עטלעכע שיינע בעלי־בתים, ווי עס פּירט זיך אין דער היים. איז קלמן געשטאַנען פאַרקלערט און געגלאָצט אויפן טיש.

אַ קלאַפּ איבערן פּלייצע האָט קלמנען אויסגעטשוכעט פון זיינע גע־דאַנקען. דער פעטער איז געשטאַנען אַ צעשמייכלטער לעבן אים, אריינ־געדרוקט אַ פעטע האַנט אונטער זיין אָרעם און אים צוגעפירט צום טיש. ער האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ שטול און קלמנען אוועקגעזעצט לעבן זיך. דער פעטער האָט אָנגעפילט צוויי גלעזלעך, פאַר זיך און קלמנען, און געבעטן אויך די אַנדערע נעמען זייער „דרינק״. ער האָט זיך אויפגע־שטעלט און געזאָגט אין אַ יידיש געמישט מיט ענגלישע ווערטער, אז מ׳ווער איצט טרינקען פאַרן געזונט פון גאַסט און אין אלעמענס נאָמען האָט ער אים געווונטשן גליק אין דער נייער מדינה.

* * *

קלמן איז געווען צעשטרייט און האָט אפילו ניט געוואָלט אָנרירן דאָס גלעזל, נאָר פּלוצלינג איז געפאַלן זיין בליק אויף סאָניען, וואָס האָט אויך געהאַלטן אַ גלעזל אין האַנט, און ער האָט זיך דערפילט מיט אַ מאָל דער־הייבן. ער האָט שוין אויף זיכער געוווסט, אז דאָ איז ניט פאַראַן קיין געפאַר פון תנאים שרייבן צווישן שלימזל מיט סאָניען. האָט ער מיט די שפּיץ פינגער אָנגענומען זיין גלעזל און האָט מיט יעדערן צוגעקלאַפּט, האָט גע־שאָקלט מיטן קאָפּ, וואָס האָט געמיינט אַ דאַנק, און האָט יעדערן צוגע־וווּנטשן לחיים. ער האָט באַנעצט די ליפּן, פון יוצא וועגן, אָבער ניט גע־טרונקען, ווייל ער האָט געדענקט די שבועה וואָס ער האָט זיך געגעבן. מער טרינק איך ניט, האָט ער אין האַרצן איבערגעחזרט די שבועה. און ער האָט דאָך דעמאָלט געשוואָרן ביי סאָניעס געזונט, און סאָניעס געזונט איז אים הייליק און טייער. קלמן האָט געזען ווי אַלע ליידיקן אויס די גלעזלעך און עס איז אים געוואָרן מאָדנע אומבאַקוועם. ער האָט אָנגעשטעלט אַ רחמנות־פּנים: „האָט קיין פאַראיבל ניט אויף מיר, וואָס איך האַלט ניט מיט. איך טרינק ניט... איך קען ניט טרינקען... איך טאָר ניט...״ האָט ער זיך ווי געבעטן און שטיל ארויסגעבראַכט די צעריסענע זאַצן.

די ערשטע נאַכט האָט קלמן ניט געקענט איינשלאָפן. ניט אזוי דער ווייכער מאַטראַץ אויף ספּרוזשינעס, וואָס ער איז ניט געווען געווינט דער־צו, נאָר גיכער פון אַלץ איז עס געווען די באַגעגעניש מיט סאָניען. איך

קאָפּ האָבן זיך אים געמישט געדאַנקען, בילדער, דערמאָנונגען, וואָס האָבן אים געהאַלטן וואַך. סאָניע איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן מיט איר ליבן שמייכעלע... זי האָט אריינגעזונגען אין פענצטער פון וואַגאָן, ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט: מיסטער טראַיעוויצקי! ער האָט דערפילט אז דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. גראָדע האָט ער זיך געהאַלטן אין פאַרען מיט זיין פּעקל, זיך צוגעגרייט, ווי די אַנדערע פּאַסאַזשירן, מיט וועמען ער האָט קיין וואָרט ניט געקענט אויסריידן. ער האָט געכאַפּט זיין פּעקל און געלאָפן צו דער טיר. זיין האַרץ האָט שטאַרק געקלאַפּט. פון וואַנען האָט זי גלייך געוווּסט זיך אָפּצושטעלן ביי דעם פענצטער? ער איז געבליבן שטיין קעגנאיבער איר אַ צעטומלטער, תּיכף באַמערקט אז זי האָט זיך פאַרענדערט. יאָ, דאָס איז זי, זי! ער האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אויסצושרייען פון פרייד: סאָניע, איר זייט שיין, שענער געוואָרן!

ער דערמאָנט זיך דאָס ראָזע היטעלע וואָס זי האָט געטראָגן, און די האָר, אריבערגעוואָרפן איבערן שטערן מיט אַ גלייכן שניט, האָט איר צוגעגעבן גאָר באַזונדערן חן. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אַ צעטומלטער, זי האָט נאָך אַלץ געשמייכלט. ער האָט אפילו ניט באַמערקט די אַנדערע מענטשן ארום זיי.

קלמן האָט זיך געכאַפּט אז זי האַלט אויסגעשטרעקט אַ קליין צאַרט הענטל. האָט ער עס אַנגעכאַפּט אין זיינע ידים אריין און דערפילט די פרישקייט און צאַפּל, ווי אַ קליין פישעלע אין טייכל. ער האָט זיך געהיט אז ער זאָל איר הענטל ניט שטאַרק דריקן, ער קען איר נאָך חלילה וויי טאָן. און איין רגע האָט אים דורכגעבליצט אַ געדאַנק: אפשר אַ קוש טאָן איר אין הענטל, אזוי ווי עס פירט זיך ביי די גראַפן מיט די גראַפינעס אין רוסלאַנד. נאָר גלייך האָט ער זיך דערמאָנט אז ארום זיי שטייען נאָך מענטשן. האָט ער אויפגעהייבן זיינע אויגן און זיך באַגעגנט מיטן בליק פון בחור וואָס איז ביי איר זייט געשטאַנען. יענער האָט אויף אים אויסגעטטאַרטשעט אַ פּאָר מאַטראַליקעס דורך זיינע שווינדלדיקע שפּאַקולן. סאָניע האָט זיך גלייך געכאַפּט, אז קלמן אין זיין צעטומלטקייט קען אָפּטאָן אַ נאַרישקייט און האָט איבערגעריסן די שטילקייט: „זייט באַקאַנט. מ״ר גרינבלוי, מיין טיטשער פאַר ענגליש, און דאָס איז אונדזער גאַסט, מ״ר טראַיעוויצקי״.

גרינבלוי האָט זיך לייכט אַ נויג געטאָן צו קלמנס זייט און אים צו־געוואָרפן אַ מין דריי־גאָרנדיקן „דו־יו־דו". שפּעטער האָט זיך דער־וווסט אַז דאָס מיינט אויף ענגליש: „וואָס מאַכסטו"? אַזוי פירן זיי זיך. אָבער צוערשט האָט ער ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, נאָר ער האָט געפילט וואָס ער וויל און ער האָט צו אים אויסגעשטרעקט אַ ברייטע האַנט, אריינגענומען זיין שמאָל הענטל, אַ דריק געטאָן און פראָסט גע־זאָגט: „שלום עליכם! אַ ייד מסתמא? טאָ רעדט מאַמע־לשון, אַזוי אַז אַ נאָש בראַט זאָל אויך פאַרשטיין".

סאָניע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און מ"ר גרינבלוי האָט זיך אַ קרים געטאָן. קלמן האָט אויף זיכער ניט געוווסט, צי דער גרינבלוי קרימט זיך פון דריק אין האַנט צי פון זיינע ווערטער. נאָר גלייך דערויף האָט דער מ"ר גרינבלוי פונאַנדערגעשפּרייט אַ פאָר דיקע ליפּן, וואָס האָט געדאַרפט באַ־טייטן אַ שמייכל, און זיך פאַרענטפערט אין אַ צעבראָכענעם יידיש, אַז ער ווייס וואָס שלום עליכם מיינט, נאָר ער טוט עס אין ענגליש מיט „דו־יו־דו". דאָס איז דער אופן ווי ענגלענדער שליסן באַקאַנטשאַפט.

סאָניע האָט זיך נאָך הילכיקער צעלאַכט און קלמן איז נאָך מער פון דעם צעטומלט געוואָרן. ער האָט אויף ריכטיק ניט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס לאַכט זי. אפשר האָט ער אַזוי ניט באַדאַרפט ריידן צו אַ נייעם פרעמדן מענטשן, און אפשר טוט איר הנאה זיין ריידן, סתם אַזוי. אָבער אַז סאָניע האָט אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, ווי אַן אַלטע באַקאַנטע, און אָנגעג־הייבן פירן צום אויטאָמאָביל, וועלכער האָט אויף זיי געוואַרט, האָט ער ווידער דערפילט איר פריינטשאַפט און אַ חיות האָט זיך אים צעגאָסן איבער אַלע גלידער. ער האָט זיך מיט צופרידענער אונטערטעניקייט געלאָזט פירן פון איר און געוואָלט אַז דער קורצער וועג זאָל דויערן וואָס לענגער.

פון דער וועטשערע האָט קלמן קיין הנאה ניט געהאַט, כאָטש דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט מיט גוטע זאַכן. ער האָט זיך ניט געפילט אַמבעסטן, וואָס ער מוז זיצן ביי אַזא רייכן טיש אין געהאַקטע ווונדן און ניט קענען הנאה האָבן מיט אַ פול מויל. מ'קען זיך דאָך דאָ ניט צעלאָזן ווי אין דער היים, אָדער ווי ביים פּראַטשעשניק אין שענק. איז ער געזעסן ווי די אַנדע־רע און געוואַרט, געקוקט און געוואַרט.

ער איז געזעסן אַנטקעגן דעם שלימזלדיקן מ"ר גרינבלוי, האָט ער זיך געפלייסט צו זיין איידל, יענער זאָל ניט מיינען אַז ער איז אַ גראָבער

יונג. נאָר אז מ׳האָט דערלאַנגט די טעלער מיטן קלאָר־גאָלדענעם יויך, האָט קלמן געזען ווי דער גרינבלוי האָט ארייגעטאָן דעם קאָפּ מיט די אויגן אין טעלער אריין, ווי אַ פערד בשעתן פּאַיען. שפּעטער האָט ער שוין גע־געסן ווי אַ פייגעלע און יעדע קליינקייט, פון אַ שטיקל ברויט ביז אַ ביסעלע זאַלץ, האָט ער זיך געבעטן מ׳זאָל אים דערלאַנגען. קלמן האָט פאַרשטאַ־נען, אז ער האָט אזוי ארייגעקוקט אין טעלער ווייל ער איז קורצזיכטיק. אָבער וואָס פאַר אַ בראַך איז אויף דעם סליעפּאַק, האָט קלמן געטראַכט, וואָס ער וויל מ׳זאָל אים באַדינען? איז ער חולה אליין אויסשטרעקן אַ האַנט און נעמען וואָס ער וויל.

„וואָס פראַוועט איר פאַר אַ ריזיקע? וואָס פאַר אַ פריץ זייט איר?" האָט קלמן געוואָלט אריבערשרייען צו אים איבערן טיש. אָבער צוליב סאָניען, וואָס קוקט אויף אים מיט אַ ליבלעכן בליק, האַלט ער זיך אין די האַלאָבליעס. און אז ער זעט אז אויך זי, סאָניע, בעט ביי איר שוועסטער איר עפּעס צו דערלאַנגען, פאַרשטייט שוין קלמן, אז דאָס איז מסתמא אַ מאָדע אזא. מ׳פוילט זיך אליין אַ הייב טאָן פון שטול און נעמען וואָס מ׳דאַרף. און בשעת מעשה גיט קלמן אַ טראַכט: איי, ווען מיר האָבן אָט אָ דעם טיש מיט די אַלע אכילות ביי אברהמל דעם פּראַטשעשניק, וואָלטן מיר זאַלבעדריט, איך מיט כאַטשען און העטשען, נאָך אַ גוטן שנאַפּס, אַ חרבה געמאַכט פון דעם אַלעמען אין איין הייע. און דאָ זיצן קיין עין־הרע פינף דערוואַקסענע מענטשן ארום טיש, קלערט קלמן מיט פאַרדרוס, און דער שוואַרצער דינער מיט דער דינסט טראָגן צוריק אוועק כמעט אַלץ וואָס זיי האָבן געבראַכט. נו, מילא, פאַלט קלמנען איין אַ פאָניעשער זאָג: צו אַלץ דאַרף מען האָבן מזל...

* * *

קלמן האָט אָפּגעאָטעמט פרייער אַ שטיק נאָך וועטשערע, ווען דער חושם, דער סליעפּאַק איז אַוועק אַהיים. זיין פעטער און מומע זיינען אַ ווײַלע שפּעטער אויך געגאַנגען שלאָפן און ער איז פאַרבליבן מיט סאָניען אליין. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ווייכער סאָפע, קעגנאיבער אים, און האָט אים מיט איר בליק געגלעט. קלמן האָט פון איר די אויגן ניט אַראָפּגענומען און זיין האַרץ איז צעגאַנגען פון גוטסקייט צו איר. ער האָט געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס, נאָר ער האָט ניט געוווסט פון וואָס אָנצוהייבן. סאָניע האָט עס קענטיק דערפילט און אים ניט געלאָזט אין פאַרלעגנהייט.

זי האָט אים גלייך גענומען פאַרוואַרפן מיט פראַגעס וועגן דער היים, וועגן זיין רייזע און ווי אזוי אים איז עס געלונגען זיך צו באַפרייען פון מיליטער.

סאָניע האָט מיט אירע פראַגעס אויפגעעפנט אַ קוואַל אין קלמנען און רייד האָבן זיך גענומען גיסן. ער איז אין גאַנצן געוואָרן פאַרכלינעט און ער האָט דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן וועגן זיין סלוזשבע, האָט ניט דורכגעלאָזט קיין איין אינצידענט. ער האָט מיט אַלע פּינקטלעכקייטן גע־שילדערט ווי ער האָט געשלאָגן דעם זוואָדנעם, וואָס האָט באַליידיקט זיין חבר געצלען ווייל ער איז אַ ייד, און ווי ער איז געזעסן אַלס שטראָף אין קאַרצער. דער עיקר אָבער האָט ער דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס, ווי ער איז לינק געוואָרן פון מיליטער, ווי ער האָט געשוואַרצט די גרענעץ, ווי אזוי כאַטשע און העטשע זיינען געקומען זיך זען מיט אים אויף אַ סטאַנ־ציע און ווי ער האָט זיך סוף־כל־סוף דערשלאָגן קיין לאָנדאָן.

נאָך דעם האָט ער דערציילט אַלע פּאַסירונגען אין לאָנדאָן און אויף דער שיף, נאָר דעם חלום האָט ער זיך ניט געטרויט צו דערציילן. ער איז ניט געווען זיכער ווי דאָס וועט ארויסקומען. סאָניע איז געזעסן אָן באַ־וועגונג און אים אויסגעהערט מיט גרויס אינטערעס. די חן־גריבעלעך האָבן געשיינט אויף אירע פרישע באַקן, ווי איר שטענדיקער שמייכעלע וואָלט אין זיי געווען פאַרבאַהאַלטן.

אז עס איז געוואָרן גאָר שפּעט, האָט סאָניע שטיל, כמעט שעפּטשענדיק, אים איבערגעריסן און געזאָגט: „אויף היינט וועט זיין גענוג". זי האָט זיך אויפגעשטעלט און אַנטשולדיקט. קלמן האָט אַ גערירטער גערדיקט איר קליין הענטעלע, זיך אַ נעם אָן געטאָן מיט מוט און שנעל ארויפגעדריקט מיט זיינע הייסע ליפּן אַ קוש אויף איר צאַרט הענטל. ער האָט געפילט ווי איר האַנט טוט אַ ציטער און זיין האַרץ האָט אָפּגעענטפערט מיטן זעלבן זיסן ציטער.

ליגנדיק אויף דעם ווייכן שמעקעדיקן געלעגער, האָט ער נאָך געפילט אויף זיינע ליפּן דעם טעם פון איר האַנט. דער ערשטער אָוונט ביי זיין פעטער איז געלעגן פריש אין זיינע גלידער און האָט אים איינשלאָפן ניט געלאָזט. אין זיין מוח האָט נאָך געזעבערט די אומזיכערקייט, צי זיין דער־ציילן האָט געמאַכט אויף סאָניען דעם ריכטיקן איינדרוק. ער האָט זיך דערמאָנט ווי פּיוול האָט אים אזוי געלויבט פאַר זיינע מעשיות און ווי ער איז געווען פאַרליבט אין זיין דערציילן.

איין פראַגע, וואָס האָט אים אַמשטאַרקסטן געמאַטערט און איז דורך אַלע זיינע טראַכטענישן און דערמאָנונגען ווידער און ווידער ארויסגעקראָכן ווי אַ גיפטיק שלענגעלע, איז געווען: פאַרשטייט סאָניע אָדער שטויסט זי זיך אָן, אז ער איז אין איר פאַרליבט מיט לייב און לעבן? און גלייך דערויף האָט דאָס שלענגעלע אין זיין האַרצן זיך צעצישעט: ווער ווייס צי ס׳איז שוין ניט צו שפּעט? ווייל וואָס טוט דאָ דער דאָזיקער שלימזל גרינ־בלוי? און וואָס עסט ער דאָ וועטשערע, אויב ער האָט קיין שום שייכות ניט צו סאָניען? עפּעס איז ער אַ גאַנצער ר׳ שמעלקע מיט סאָניען, און אז א בחור עסט שוין וועטשערע ביי אַ מיידל אין שטוב, איז אַ גוטער בראָך צו קלמן בולאַן. די מעשה הייבט אים ניט אָן צו געפעלן, מ׳וועט מוזן זוכן אַן עצה ווי אזוי ארויסצורייסן דאָס „גאָלדענע קינד" פון דעם מיאוסן סליעפּאַק.

4

טעם גן־עדן

קומענדיק אין אפריקע האָט סאָניע שאַפּיראָ זיך ארומגעזען, אז דאָס ביסל ענגליש וואָס זי האָט געלערנט אין גימנאַזיע איז ווייט ניט גענוג פאַר דעם טעגלעכן געברויך, בפרט נאָך אויף צו מאַכן אַ קאַריערע. אין דער נייער סביבה האָבן טאַקע די עלטערע יידן, אריבערגעקומענע פון די שטעטלעך, גערעדט אַ צעקאַליעטשעטן ענגליש, ווי מ׳פלעגט אַהיים ריידן אַ שלעכטן גויייש לשון. איר איז דאָס געווען ווידערווייליק און זי האָט באַשלאָסן אז זי מוז זיך פאַרפולקומען אין דער ענגלישער שפּראַך, און אויב עס וועט זיך לאָזן האָט זי אויך געהאַט חשק שפּעטער פאָרצוזעצן איר בילדונג.

אין אָוונט פלעגט זי באַזוכן קורסן פאַר דערוואַקסענע, אָבער חוץ דער אָוונט־שול פאַר ענגליש, האָט זי אויך געהאַט אַ לערער, וועלכער פלעגט

קומען ביי טאָג איר געבן אַ לעקציע. זי האָט געוואָלט מאַכן איר עקזאַמען וואָס גיכער און ניט האָבן קיין דורכפאַל. איר פּריוואַטער לערער איז געווען סעם גרינבלוי — אַ יונגערמאַן וואָס קיין זאַך אין דער וועלט, חוץ זיין לערנען, האָט אים ניט אינטערעסירט. פאַר מיטאָג האָט ער געאַרבעט אין אַ רעגירונג־שול און דעם אַנדער האַלבן טאָג איז ער געווען פאַרנומען מיט פּריוואַטע לעקציעס. ער פלעגט לערנען מיט גרינע אריבערגעקומענע יידן פון דער אַלטער היים און אויך מיט אָפּגעשטאַנענע שול־קינדער. דאָס האָט אויסגעפילט זיין גאַנצן נאָכמיטאָג ביז אַ שטיק אין אָוונט, ווען ער פלעגט דאַרפן לויפן אין אוניווערסיטעט. אין די אָוונטן פלעגט ער באַזוכן קורסן, אויף וועלכע ער האָט זיך געגרייט אָפּצוגעבן עקזאַמען אויף „עם איי״, און שפּעטער האָט ער געהאַט די אַמביציע צו „מאַכן״ אַ דאָקטאָראַט.

סעם גרינבלוי האָט זיין אַרבעט געטאָן ווי אַן אויטאָמאַט, אַזוי ווי אַ היימישער פערד וואָס האָט זיך אָן אויפהער געדרייט אין רינג צו פּומפּען דאָס וואַסער אין באָד, אָדער דרייען די שטיינער אין אַ היימיש מילכל. דער איינציקער אונטערשייד — אַ פערד האָט נאָך געהאַט אַ שבת צי אַ זונטיק אויף אָפּרו, ער האָט דאָס אויך ניט געהאַט. ער פלעגט גיין פון איין טראַמ־וויי צום אַנדערן, ווען ער האָט געדאַרפט קומען צו אַ ווייטן שטאָטטייל, אָבער אין דער נאָענט פלעגט ער אָפטער גיין צופוס און קוקן אויף דער ערד, מיטן קאָפּ אָנגעבייגן, ווי ער וואָלט עפּעס זוכן. דורך זיינע גראָבע גלעזער פלעגט ער נאָך קענען זען אַ פאָר שפּאַן פאָרויס, אָבער אויפהייבנ־דיק די אויגן פלעגט אים שוין אַ שווינדל טאָן דער גאַנצער ארום און אַלץ פלעגט זיך אויסמישן אין אַ קאָלירלאָזן נעפּל.

אויף די לעקציעס פלעגט ער זיך קיין מאָל ניט צוזעצן, נאָר שפּאַנען נערוועז הין און צוריק, ניט ארויסלאָזנדיק דעם סיגאַרעט פון זיינע גראָבע ליפּן. ער פלעגט צוהעלפן זיין שילער ניט קוקנדיק אין זיין זייט. עס האָט אויסגעזען ווי צוויי סעם גרינבלויס דרייען זיך ארום אין צימער — איינער וואָס לערנט און דערקלערט, און אַ צווייטער — וואָס בלאָנדזשעט מיט זיינע מחשבותן גאָר אין אַנדערע וועלטן.

סעם גרינבלוי איז שוין געווען אַ בחור אין די יאָרן, דאָך האָט ער קיין מאָל ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן זיך און זיין צוקונפט. וואָס איז געווען נוגע אים, איז ער געווען דער לעצטער — פריער פון אַלץ האָט ער געזוכט

ארויסהעלפן זיין משפחה. פון זיין מאָגערן געהאַלט אַלס שול־לערער און מיט די עטלעכע פונט דורכן חודש פאַר די פּריוואַטע לעקציעס, האָט ער געשטיצט זיין אָרעמע פאַמיליע. ער האָט געהאָרעוועט איבער די כוחות, אז זיין קראַנקער טאַטע זאָל ווידער ניט מוזן גיין אין דער תלמוד תורה, ווו ער איז פאַר אַ סך יאָרן געווען אַ „היברו טיטשער" און האָט די גאַל אויסגעשפּיגן האַקנדיק האָלץ מיט די „אַפריקאַנער גוים". ער האָט זיך באהבה איינגעשפּאַנט אין יאָך פון טאַטנס משפחה. אַזוי ווי אַ לאַכמאַנער פערד, וואָס איז געוווינט צו שלעפּן אַ שווערן וואָגן, אַזוי האָט סעם גרינבלוי אויף זיינע פּלייצעס געטראָגן די שוועריקייטן פון אַ היים. ער האָט געהאָלפן אויסצאָלן וואָס גיכער פאַר דעם שטיבל, פאַר וועלכן זיין פאָטער וואָלט נאָך געדאַרפט צאָלן יאָרן און יאָרן, כדי צו פאַרגרינגערן דאָס לעבן פון טאַטע־מאַמע אויף דער עלטער.

סעם פלעגט מיט דער מאַמען אוועקגיין צו אַ „קולי"־שניידער נאָר דעמאָלט, ווען זיין אָנצוג פלעגט זיך אָנהייבן אויסרייבן אין די עלנבויגנס און ס'איז שוין פּשוט געווען אַ חרפּה זיך צו ווייזן אַזוי פאַר זיינע שילער. ער פלעגט טראָגן זיינע זאַכן אַזוי לאַנג ביז זיי פלעגן אָנהייבן אָפּקריכן, בייטן דעם קאָליר, ביז זיי פלעגן קריגן לעכער אין די קני און אין די אַרבל, דאַן האָט ער זיי שוין ניט געקאָנט מער טראָגן. די מאַמע פלעגט איינגראָבן אירע שוואַכע אויגן אין דער סחורה, סעם פלעגט אָנשטעלן זיינע דיקע גלעזער, ווי שפּאַקטיוון, מ'פלעגט טאַפּן, זיך דינגען מיטן „קולי", ביז מ'פלעגט מושווה ווערן מיטן מקח. און דעם קומענדיקן זונטיק פלעגט זיך סעם אויספּוצן אין נייעם גאַרניטער און אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געשעמט צו באַווייזן אפילו פאַר די תלמידים זיינע. עפּעס האָט ער זיך געפילט ווי אַ שולדיקער. אָנטרעפנדיק אַ באַקאַנטן פלעגט ער אַ צעטומלטער אָפּקערן די שפּאַקולן, יענער זאָל אויף אים ניט קוקן.

אַזוי האָט ער די גאַנצע ערשטע וואָך זיך געפילט אומבאַקוועם און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אז אַלע קוקן אויף זיין גאַרניטער, אז מע טייטלט אויף אים מיט די פינגער. ווי נאָר די ערשטע וואָך איז פאַרביי, פלעגט ער אָפּאָטעמען פרייער: ער האָט געפילט ווי אַ מאָדנע שוועריקייט איז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע פּלייצעס. ווידער האָט דער שטענדיק־ווייטיקדיקער שמייכעלע זיך באַוויזן אויף זיינע דיקע ליפּן. און פון די גראָבע גלעזער האָבן ארויסגעקוקט טרויעריקע אויגן, פאַרצויגן מיט חלום.

* * *

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט סעם גרינבלוי דערזען זיינעם אַ שילער און אים באַלד אויפגעגעסן מיט זיינע קורצזיכטיקע אויגן — דאָס איז געווען דאָס „גרינע" מיידל סאָניע שאַפּיראָ. ער האָט מער ניט געשפּאַנט איבערן צימער, ווי זיין געוווינהייט איז געווען, — הין און צוריק, — נאָר געשטאַנען ווי צוגענאָגלט און ניט געקענט אָפּרייסן זיין בליק פון איר געזיכט. דאָס איז געווען בעת דער ערשטער לעקציע. און דעמאָלט טאַקע, דאָס ערשטע מאָל במשך פון 30 יאָר, האָט זיך אין אים עפּעס אַ טרייסל געטאָן. ער האָט דערפילט אַ מאָדנעם זיסן ציטער אין זיין האַרצן, און אין זיין וועזן האָט אָפּגעקלונגען אַן עכאָ פון ווייטע יונגע יאָרן. אים האָט זיך אויסגעדוכט אַז דאָס צימער האָט זיך אַ שאָקל געטאָן...

סאָניע איז געזעסן ערנסט, געהאַלטן דעם קאָפּ אריינגעטאָן אין בוך און געלערנט מיט כוונה. איר פּנים האָט געהאַט אַן אָנגענעמע יידיקע צאַרטקייט. אויף אירע יונג־ראָזעווע באַקן האָבן די חן־גריבעלעך געבליט ווי אַ פּאָר קווייטן. אירע שוואַרץ־סאַמעטענע האָר האָבן זיך אין אַ שאַרפן שניט אריבערגעלייגט איבער איר שטערן, אז אין געדאַנק האָט גרינבלוי זי אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ. און עפּעס ניט ווילנדיק האָבן זיך זיינע נאָזלעכער געגומען צעשפּרייטן, ווי ביי אַ פערד וואָס דערשמעקט דעם זיסן ריח פון קאָנעטשינע אין אַ דערבייאיקן פעלד. ער איז אזוי געשטאַנען מיט אויפגעהייבענע פּאַרקוקטע אויגן, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט דערגרייכן, עפּעס בעסער דערזען, און דערפילט ווי ער ווערט פאַרגאָסן מיט איר יונגשאַפט. ער האָט זיך אויפגעריסן פון זיין פאַרקוקטקייט, ווי איינער וואָס באַמערקט אז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט, און אַ ברייטער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין פּנים. אין דעם מאָמענט האָט סאָניע אויפגעהייבן אירע גרויסע ברוינע אויגן פון ביכל ארויס. זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט און סעם גרינבלוי האָט זיך פאַרלאָרן.

אין סעם גרינבלויס לעבן איז פון דעמאָלט אָן פאָרגעקומען אַ פולע ענדערונג. ווי צו אַ יום־טוב פלעגט ער זיך גרייטן צום טאָג ווען ער האָט געהאַט אַ לעקציע מיט סאָניע שאַפּיראָ. מיט אַ ציטערדיקער בענקשאַפט האָט ער געדענקט יענע איבערלעבונג בעת דער ערשטער לעקציע. ער פלעגט פּרוּוון ארויסרופן אין זכרון יענע רגע וואָס האָט אים אזוי פאַרכישופט. און בעת סאָניע פלעגט אויפהייבן אירע אויגן פון ביכל, פלעגט

ער מיט אַ ציטער אין די קני און מיט שנעלע טריט צוגיין צום טיש, פלעגט זיך אוועקזעצן לעבן זיין שילערין און אָנהייבן ריידן צו איר. מיט וואַרעמער פריינדלעכקייט פלעגט ער איר דערקלערן אַלץ און זיין צופרידן אז זי פאַרשטייט און באַנעמט.

די לעקציעס מיט סאָניע שאַפּיראָ זיינען געוואָרן אַ היילונג פאַר סעם גרינבלוי. זיין שטימונג אין די דאָזיקע טעג איז געווען אַן אויפגעהייטערטע, ווי ביי אַ מענטשן וואָס דערוואַרט אַ גוטן פריינד. ער פלעגט זיך איילן צו איר, ווי צו אַ חבר וואָס ער האָט אים שוין יאָרן ניט געזען. אז ער איז שוין געשטאַנען אויף דער וועראַנדע, קעגנאיבער דער בלאַנק-ווייסער טיר, פלעגט ער אויפגערעגט אַ דריק טאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, און אז ער האָט געהערט סאָניעס לייכטע טריטעלעך פלעגט עס אָפּקלינגען אין זיין האַרצן ווי זילבערנע גלעקעלעך.

סאָניע פלעגט אים באַגעגענען מיט צעלויכטענע אויגן און מיט אַ ליבן שמייכעלע. אירע חן-גריבעלעך פלעגן זיך בשעת-מעשה איינגראָבן אַ ביסל טיפער אין די ראָזע בעקלעך און פאַרפירעריש רייצן. סעם פלעגט ווערן צעטומלט און זיין האַרץ פלעגט שנעלער אָנהייבן קלאַפּן. דורך די גראָבע שווינדלדיקע גלעזער פלעגט ער זי זייטיק אַ מעסט טאָן פון קאָפּ ביז די פיס און האַסטיק אַראָפּלאָזן זיינע אויגן, ער זאָל זען ווו ער שטעלט די טריט. און אז ער האָט איין מאָל, ווען זי האָט אים געעפנט די טיר, זיך אָנגענומען מיט מוט, איר אָנגענומען אונטערן אָרעם, מעשה קאַוואַליער, און זי צוגע-פירט צום טיש, האָט אים פאַרגאָסן אַ כוואַליע זיסקייט און ס'האָט זיך אים געדוכט אז ער שווימט דורך אַ נעפּל. דאָס האָט געדויערט אַ רגע, אָבער דער באַריר פון איר אָרעם אין די נאָענטקייט פון אַ פרויען-לייב, וואָס ער האָט אפשר צום ערשטן מאָל דערפילט, האָט אים צו ערשט צעטומלט, אָבער נאָך דעם איז ער ארומגעגאַנגען און געפילט אַ לאַנגע צייט סאָניעס צאַרט-קייט אויף זיינע פינגער.

* * *

די לעקציע יענעם אָוונט האָט זיך שוין ניט געקלעפּט. האָט ער פאַר-געלייגט סאָניען איבעררייסן דאָס לערנען פון בוך און אָנשטאָט דעם פאַר-ברענגען אין שמועסן:

„באַמיט זיך, מיס שאַפּיראָ, צו ריידן צו מיר אין ענגליש. דורך ריידן וועט איר גיכער זיך איינאיבן אין קאָנווערסאַציע. דאָס ביכל קענט איר

לערנען אָן מיר אויך. פּרוּווט, האָט קיין מורא ניט, איך וועל אייך העלפן פירן דעם שמועס״.

סאָניעס איז דאָס ביכל מיט די נאַרישע קינדערשע מעשיות שוין געווען דערעסן, איז איר דער פּלאַן געפעלן: „אָבער פון וואָס זאָל איך מיט אייך ריידן, מ״ר גרינבלוי״. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט און צו־רעכט געמאַכט אירע האָר.

„פון וואָס נאָר איר ווילט, מיס שאַפּיראָ. אַלץ וועט מיך אינטערעסירן. אָט אַ שטייגער דערציילט פון אייער היים, אָדער דערציילט גאָר עפּעס פון זיך. איר ווייסט, אַז איך וועל וויסן עטוואָס מער פון אייער לעבן, וועט עס אפשר אונדזביידן פאַרלייכטערן דאָס לערנען״, האָט ער געזאָגט אַ ביסל דיסקרעט און האַסטיק צוגעגעבן: „איך וועל וויסן בעסער ווי צו פירן מיינע לעקציעס מיט אייך, פאַר אייער נוצן״.

סאָניע האָט אין אַ געבראָכענעם ענגליש גענומען דערציילן וועגן איר היים, וועגן דער גימנאַזיע, ווו זי האָט געלערנט, און וועגן דעם דערפּאָלג וואָס זי האָט געהאַט ביי אירע לערער. ווי זיי האָבן איר געליובט. זי האָט הנאה געהאַט פון דערציילן און זיך צעהיצט. שווערע אויסדרוקן האָט זי פּרובירט אויסמאָלן מיט די הענט, מיט די פינגער, זי האָט זיך אפילו אַרויס־געהאָלפן מיטן ריטעם פון אירע גלידער, פון איר קערפּער, וואָס האָבן גע־דאַרפט דערגאַנצן דאָס פעליקע וואָרט. עס איז איר אַ מאָמענט אפילו באַ־פאַלן אַ ווילן זיך צו באַרימען, קאָקעטירן. און מיט אַ מאָל, ווי זי וואָלט פאַרגעסן אַז ס׳איז אַ לעקציע, האָט זי אָנגעהייבן ריידן פשוט און פליסיק, ווי מענטשן טוען זאַכן אויף דעם נאַטירלעכן וועג און ווייסן עס אפילו ניט.

איר לערער האָט איר איצט ניט געדאַרפט העלפן מיט קיין וואָרט. ער איז געשטאַנען און געשמייכלט אַ צופרידענער. מיט זיינע אויגן איינגע־גראָבן אין איר צעהיצט פּנים האָט ער געזען אירע רויט־זאַפטיקע ליפּן, וואָס באַוועגן זיך, אָבער ער האָט שוין אפילו ניט געהערט וואָס זי דערציילט. ער האָט זי באַטראַכט פון אַלע זייטן, ווי ער וואָלט זי געוואָלט דורכקוקן, אַריינבליקן אין איר אינעווייניק. ער האָט געפילט ווי מיט די ווערטער וואָס קייקלען זיך פון אירע ליפּן, וואָלט זי אים צעהיצט, צעבערענט זיינע לוסטן וואָס זיינען יאָרן געווען פאַרקלעמט. עס האָט זיך אַ תהום געעפנט פאַר זיינע פיס, אָט נאָך אַ רגע וועט ער אַ שפּרונג טאָן און דאָרט פאַרלאָרן ווערן.

סעם האָט מיט די לעצטע כוחות זיך קאָנטראָלירט, געפּרווט באַהערשן. נאָר מיט אַ מאָל האָט אים אַ געהיימע קראַפט אַ שטויס געטאָן, ער איז שנעל צוגעלאָפן צו סאָניען, האָט זי צוגעדריקט צו זיין ברוסט און האָט אירליידנשאַפטלעך געקושט אין די ליפּן, שטאַמלענדיק מיט אַ הייסן אָטעם: „יו אַר וואָנדערפול... יו אַר ביוטיפול... סאָני... סאָני...״

אויף סאָניעס פּנים האָבן ארויסגעשאָסן רויטע פלעקן. זי האָט זיך באַפרייט פון זיינע אָרעמס און אויסגעשריען אויף יידיש: „וואָס טוט זיך מיט אייך, מ״ר גרינבלוי, זייט איר ביים פאַרשטאַנד?״ זי האָט געקוקט אויף אים מיט ברייט־צעעפנטע אויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט דערזען דאָס וואונדער וואָס האָט פלוצלינג פּאַסירט מיט מ״ר גרינבלוי.

ער איז געשטאַנען קעגן איר אַ פאַרלאָרענער. מיט אַ מאָל האָט ער פאַרבראָכן די הענט, ווי ס׳וואָלט פּאַסירט אַן אומגליק און אָנגעהייבן זיך בעטן:

„זייט מיר מוחל, מיס שאַפּיראָ, טויזנט מאָל זייט מוחל! איך ווייס אַליין ניט וואָס מיט מיר איז געשען. ס׳איז מיר באַפאַלן אזא משוגעת... כ׳האָב שוין מער ניט געקענט. אָבער גלויבט מיר, אז כ׳האָב דערביי קיין שלעכטס ניט געמיינט, איך שווער אייך אז מיין קוש איז ריין געווען, ווי דער אָטעם פון אַ פייגעלע...״

זינט יענעם פאַרנאַכט איז מ״ר גרינבלוי געוואָרן אַנדערש, ווי מיט דעם קוש וואָלט זיך עפּעס געביטן אין זיין לעבן. אַ לאַנגע צייט האָט ער נאָך געפילט די צאַרטקייט פון סאָניעס ליפּן אויף זיינע. זיין שטענדיק פאַרכמאַרעט פּנים האָט זיך אויסגעגלעט, ווי וואָלקנס וואָס גליטשן זיך אַראָפּ פון הימל, און אַ שמייכל האָט אויפגעשיינט אויף זיינע דיקע ליפּן. אָבער אין דער זעלבער צייט איז ער גאַנץ אָפּט ארומגעגאַנגען פאַרטראַכט און פלעגט אפילו ניט אויפכאַפּן וואָס זיינע תלמידים זאָגן אים. צייטנווייז פלעגט ער זיך פאַרשפּאַרן אין זיין צימער, כדי צו בלייבן מיט זיך אַליין און טראַכטן פון סאָניען. ער פלעגט זי פאַרגלייכן מיט די הי־געבוירענע מיידלעך, וואָס קוקן אויף אַ „גרינעם״ פון אויבן אַראָפּ. אָבער זיי זיינען פּוסט און נאַריש, זיי פאַרשטייען ניט זיך און ניט די וועלט. סאָניע איז קעגן זיי אַ מענטש מיט לאָגיק און פאַרשטאַנד, לעבעדיק־און דינאַמיש און קלוג דערצו. איר אָריענטאַציע איז פּשוט צו באַוואונדערן, זי קלייבט זיך פונאַנדער אין וועלט־פּראָבלעמען און אין פּערזענלעכע פראַגעס ווי אַ באַ־

וווסטזיניק־דענקענדיקער מענטש, וואָס אזעלכן געפינט מען זעלטן צווישן פרויען.

ער האָט זיך מיט באַגייסטערונג אָפּט דערמאָנט יענעם אָוונט אויף דער לעקציע, ווען זי האָט דערציילט וועגן איר היים און איר צעפלאַמט בליק דערביי. ער האָט אָבער ניט געקענט פאַרגעסן, ווי זי האָט אזוי נאַאיוו אויסגעשריען: וואָס טוט זיך מיט אייך, מ״ר גרינבלוי? אין דעם געשריי איז ניט געווען היסטעריע, נאָר רו...

מ״ר גרינבלוי טראַכט, ווי גליקלעך וואָלט ער געווען ווען סאָניע וואָלט וועגן אים אויך געהאַט אַ גוטע מיינונג. און דער נאָכלאָזיקער גרינבלוי האָט גענומען מער קוקן אויף זיך, אַכטונג געבן אז זיין אָנצוג זאָל זיין ריין און ניט צעקנייטשט. ער האָט שוין מער ניט געדאַרפט אז זיין מאַמע זאָל אים דערמאָנען זיך ראַזירן צו דער צייט, אים טרייבן צו גיין זיך שערן די האָר.

סעם גרינבלוי איז אין גאַנצן געוואָרן אַן אַנדער מענטש, אָבער צוויי מאָל אנדערש איז ער געוואָרן אין די טעג ווען ער פלעגט דאַרפן קומען צו דער לעקציע, ביי סאָניען. ער פלעגט דעם דאָזיקן טאָג דערוואַרטן מיט אַ מאָדנער שפּאַנונג. דער טאָג פריער פלעגט שוין ביי אים זיין אַן ערב יום־טוב, און דאָס האַרץ פלעגט אים ציטערן ווי ביי אַ יונג פאַרליבט ייִנגל.

ראָזיס פלענער

אויף ראָזין, מייקלס ווייב, האָט דער „גרינער" פלימעניק קיין צו יום־טובדיקן איינדרוק ניט געמאַכט. זי האָט זיך אפילו ניט געפּרוווט נאָכפרעגן אויף זיין ייחוס. זי האָט גלייך געזען אז ער איז אַ פּראָסטער רויער בחור, אַ גרויסע מצבה. לויט זיין באַנעמונג איז קאָנטיק, אז ער איז געווען אַ בעל־עגלה, צי אפשר אַ טרעגער גאָר, האָט זי זיך אַ צאַפּל געטאָן ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּטרייסלען פון דעם געדאַנק. און פאַר וואָס איר שוועסטער, סאָניע, איז אזוי פאַרקאָכט אין אים, קען זי בשום אופן ניט פאַרשטיין. ער זעט טאָקע אויס צו זיין ניט קיין נאַר און ניט מיט קיין שלעכטן כאַראַקטער, נאָר אזוי פּראָסט און אזוי האַמעטנע, אז ווען ער איז ניט איר מאַנס פלימעניק, וואָלט זי מיט אים קיין מגע־ומשא ניט געהאַט.

זי וויל כאָטש פאַרשטיין איר שוועסטער, וואָס לאַכט זי אזוי פיל פון זיינע חכמות. וואָרעם זינט דער קלמן האָט איבערגעטראָטן די שוועל פון

זייער הויז, איז סאָניע געוואָרן אַן אַנדערע. זי הערט ניט אויף צו כאַכאַ־טשען, ער רעדט און זי לאַכט. זי, ראָזי, זעט ניט פון וואָס אַזוינס ס׳איז דאָ צום לאַכן, דעריבער האָט זי אָפּגעמאַכט ביי זיך: קיין צו נאָענטע מחותנים מיט קלמנען וויל זי ניט ווערן, און נאָך בעסער, זי וועט זען וואָס גיכער פון אים פּטור צו ווערן.

ווען סאָניע איז געקומען צו זיי, האָט זיך ראָזי געטראַכט: זי וועט איר שוועסטער העלפן מיט אַלץ. זי האָט זיך טאַקע געלאָזט קאָסטן אויף איר, זי באַזאָרגט מיט אַלץ, פון שענסטן און בעסטן. ווי אַ מאַמע שפּרינגט ארום אַן אייגן געראָטן קינד, אַזוי איז ראָזי ארומגעשפּרונגען ארום דער שוועס־טער. אין די עטלעכע יאָר וואָס זי האָט איר ניט געזען איז זי אויסגע־וואַקסן, זיך פונאַנדערגעבליט מיט מיידלשער יונגשאַפט. זי האָט דערמאָנט אַן אַ בלום אין פרילינג. חוץ דעם איז זי געווען געבילדעט, מיט היימישער וואַרעמקייט און די קלוגשאַפט האָט שטיפעריש ארויסגעשיינט פון איר בליק.

מיט אירע פעאיקייטן און אַמביציע האָט זי זיך שנעל דערגאַנצט אין דער ענגלישער שפּראַך. אָבער דאָ גראָדע איז געקומען די אַנטוישונג פאַר ראָזין: זי האָט ניט ארויסגעוויזן קיין לוסט זיך אריינצוקריגן אין דער הע־כערער געזעלשאַפט.

ראָזיס פּלענער זיינען געווען, אַז סאָניע וועט חתונה האָבן מיט אַ מאַן לויט איר ווערט, אַ „פּראָפעשיאָנאַל״ — אַ דאָקטאָר צי אַן אַדוואָקאַט. זי האָט זיך אויסגעמאָלט איר שוועסטערס צוקונפט אין העלע פאַרבן: אַ ווייב פון אַ באַקאַנטן כירורג אָדער אַ לאָיער וואָס מ׳שרייבט פון זיינע אויפטועַן אין די „פּייפּערס״, אַ שיינע הויז, אַלץ מיט דער ברייטער האַנט, דינסטן, דינערס און גאָרטן־פּאַרטיעס פאַר די באַקאַנטסטע פאַמיליעס אין שטאָט.

האָט זיך טאַקע ראָזי באַמיט צו באַקענען סאָניען מיט די פאַסיקסטע יונגעלייט פון די רייכע משפחות, זי האָט איר אריינגעבראַכט אין פיינער געזעלשאַפט. אָבער סאָניע איז געבליבן קאַלט, ניט נתפעל געוואָרן פון איר שוועסטערס לויבן דעם און יענעם. אויף יעדערן האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און בשעת־מעשה פאַרקנייטשט מיט איר נעזל, אַ סימן — עס געפעלט איר ניט.

ראָזי איז געווען אויסער זיך, וואָס עס גיט זיך איר ניט איין צו פאַר־שדכנען איר שוועסטער. ווי אַ בייזער חלום איז איר געשטאַנען פאַר די אויגן איר אייגן לעבן, ווי זי האָט „אויסגעפירט״... זי האָט געציטערט

קלערנדיק, אַז איר שיינער געראָטענער שוועסטער זאָל חס־ושלום ניט טרעפן אַזאַ וויסטער מזל ווי איר: אָפּפּינצטערן מיט אַ מענטשן אַ גאַנצן לעבן און ניט האָבן קיין אינטערעס איינער צום צווייטן. אירער קען קוים מאַכן אַ צלמל אָנשטאָט אַן אונטערשריפט, און דאָ אַזעלכע יונגען, וואָס פּאַר זייער שרייבן אַליין דאַרף מען זיי אויסקושן יעדער פינגערל. פון אַזאַ מאַן ווי אירן האָט זי עס געוואָלט פּאַרהיטן די שוועסטער און איז דעריבער אַרום־געגאַנגען אַ פּאַרצאָרנטע.

סאָניע האָט געלאַכט אין האַרצן פון איר שוועסטערס פּלענער. נאָך דעם ווי איר אומצופרידענע שוועסטער פּלעגט איר דאַקוטשען מיט באַקאַנט־שאַפטן, פּלעגט זי מיט איינגעהאַלטענעם כעס אָבער אָפנהאַרציק אַ זאָג טאָן. „איך האָב פיינט די פּוסטע בעלי־גאווהס. עס שלאָגט מיך צום גאַל פון די צעבאַלעוועטע טאַטעשע זינדלעך, וואָס מיט ספּאָרט ווילן זיי אויספּילן זייער לעבן. און אויב איינער איז אַ קלענערער ספּאָרטמאַן איז ער דערפאַר אַ גרעסערער 'געמבלער' — אַ קאָרטן־שפּילער צי ער לויפט צו פערד־געוועטן. איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, שוועסטער טייערע, כ'האָב נאָך דאָ ניט באַגעגנט אַ בחור ווי אין דער היים — פּשוט, האַרציק און אָן קונצן. פאַרשטיי מיך, ראָזי, עס ציט מיך ניט צו זיי".

* * *

ראָזי פּלעגט זיצן און שווייגן. זי האָט געלאָזן איר שוועסטער זיך אַראָפּ ריידן פון האַרצן. אין איר האָט עס אָבער געקאָכט אויף דער נאַרישער מויד און אירע לעצטע רייד האָבן איר אַרויסגעבראַכט פון געדולד, זי האָט אַרויס־געפּלאַצט:

„דיינע שטעטלשע בחורים זיינען געווען גראָבע יונגען און אונד־זערע זיינען איידל און געבילדעט. זעסט דאָך, מיין מזל..."

סאָניע האָט דערפילט אַז זי האָט אָנגערירט אַ ווייטיקדיקן אָרט און זי האָט געזאָגט: „פאַרשטיי מיך, ראָזי, כ'בין נאָך ניט איינגעוווינט מיט די נייע מענטשן. איך האָב זיך נאָך ניט אַריינגעפּאַסט אין דער נייער סביבה און פון דער היימישער זיך נאָך ניט אָפּגעוווינט".

ראָזי האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט און פאָרשעריש אַ פרעג געטאָן: „און וואָס איז מיט מ"ר גרינבלוי?"

ניט געקוקט אויף דער ערנסטקייט פון שמועס האָט זיך סאָניע הילכיק פונאַנדערגעלאַכט און אויסגערופן: „ווי קומט צו דיר אזא מאָדנער איינפאַל, ראָזי? מיר זיינען צוויי באזונדערע וועלטן. ער איז אַ מענטש עפּעס גאָר פון אַן אַנדער וועלט, ווי אַ פרעמדער פּלאַנעט וואָלט דורכגעפלויגן איבער אונדזער ערד און האָט אים דאָ פאַרלאָרן. צוליב דעם טאַקע זעט ער דאָ אויס ווי אַ פאַרלאָרענער, ער פּאַסט זיך ניט אריין אין היגן לעבן. ער איז אָבער בכלל ניט מיין טיפּ, ווי מ׳זאָגט דאָ. איך בין אַ מענטש אַ לעבעדיקער און וויל לעבן און ער, פאַרקערט, איז אַ מענטש פון אַ יענער וועלט. וויל איך ניט, שוין אין אָנהייב פון לעבן זיך פאַרבינדן מיטן טויט!"

אַ רגע איז געהאַנגען אין דער לופט אַן אומבאַקוועמע שטילקייט. סאָניע האָט זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן, ווי זי וואָלט נאָך ניט דערזאָגט עפּעס וויכטיקס: „און די הויפּטזאַך, מיין שוועסטער, איך דאַנק דיר פון גאַנצן האַרצן פאַר אַלץ וואָס דו טוסט פאַר מיר, אָבער זאָרג זיך ניט אזוי שטאַרק פאַר מיר. מיין באַשערטער וועט נאָך קומען. איך בין זיכער אז ער איז פאַראַן ערגעץ ווו און וועט קומען צו מיר אין דער מזלדיקער שעה. איך האָב צייט צו וואַרטן. וואָס איז די איילעניש? אויב מיר איז באַשערט אַ גליק, וועט עס קומען!"

איצט איז געקומען איר גליק, האָט ראָזי געטראַכט מיט כעס וועגן קלמנען און איר שוועסטערס שפּרינגען ארום אים. די ענדערונג אין סאָניען גלייך מיטן אריבערקומען פון „גרינעם" האָט זי געשראָקן. מיין שוועסטער מיט אירע משוגענע אידעען קען זיך נאָך גאָר אַ מאָל פאַרליבן אין אָט דעם גראָבן יונג. ביי דעם געדאַנק האָט זי דערפילט ווי אירע אַלע פלענער וואַקלען זיך, ווי די שיינע האָפענונגען אירע ווערן צערונען. זי האָט פאַרשטאַנען אז וואָס לענגער זי וועט וואַרטן, פאַרקניפּט זיך אַלץ שטאַרקער די פריינדשאַפט צווישן סאָניען און קלמנען, און זי האָט באַשלאָסן אין דער זאַך צו האַנדלען שנעל און ענערגיש.

5

מיסטער באַרני פליישער

מיסטער באַרני פליישער , ווי דאָס רוב אַפריקאַנער יידן, האָט געשטאַמט פון דער ליטע. ער איז אָבער ניט געקומען אַהער מיט דעם זעלבן וועג ווי זיינע לאַנדסלייט. בערקע פליישערמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אַ קליין שטעטעלע, דאָרטן געגאַנגען אין חדר, אויפגעוואַקסן און פאַרבראַכט אַ שטיק פון זיין יוגנט. ווען ער האָט אָבער דערגרייכט 18 יאָר, איז זיין געבוירן־שטעטל מיט אַ מאָל געוואָרן פאַר אים צו ענג. דאָס שטעטל איז אָבער ניט צו קליין געוואָרן פאַר אים, מחמת ער איז ארויסגעוואַקסן פון איר, עלעהיי מ׳וואַקסט ארויס פון אַ גאַרניטער, נאָר פּראָסט־פשוט — ער האָט געמוזט גיך עוקר זיין.

טאַטע־מאַמע זיינען געווען אָרנטלעכע און פרומע יידן, נאָר דער תכשיט זייערער איז געווען ניט אין זיי געראָטן. דאָך איז ער געווען

זייער קינד, זיי האָבן אים ליב געהאַט און במשך פון יאָרן פאַרגלעט זיינע אַלע שטוקעס. זיי האָבן געהאַט געענוג בזיונות פון אים, נאָר איין מאָל האָט ער אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה: ער האָט אָפּגענאַרט דעם פריץ מיט פאַלשע סחורה און מ׳האָט אים ארומגעזוכט, האָט ער געמוזט מאַכן אַ ויברח נישט אריינצופאַלן און באַגראָבן ווערן יונגערהייט הינטער אַ שלאָס. האָבן זיינע עלטערן זיך פאַרשולדיקט און שנעל ארויסגעפּראַוועט בערקען צו זיינעם אַ פעטער, דער מאַמעס אַ ברודער, קיין אַמעריקע.

אין אמעריקע איז ער אריינגעפאַלן צום רייכן אָנקל און גלייך געכאַפּט דעם שניט ווי צו מאַכן אַ גרינגן דאָלער. דער אָנקל האָט אים אריינגענומען אין זיין געשעפט און בערקע האָט פאַרשטאַנען ווי זיך צו אים צו חנפענען. ער האָט געוויזן דעם אָנקל אז ער ארבעט שווער, מיט לייב און לעבן, און געדרייט, געכיטרעוועט, ביז דער אָנקל האָט זיך ארומגעזען אַז ער איז אַ „גוד באָי״ וואָס מ׳קען זיך פאַרלאָזן אויף אים.

אז עס זיינען אַוועק אַ פאָר יאָר און ער האָט זיך אויסגעט..יגט, האָט דער אָנקל אים אָנגעטרויט זיינע פאַרצווייגטע ארויפגעאַרבעטע געשעפטן ביז ער איז סוף־כל־סוף געוואָרן דער גאַנצער בעל־הבית. דער אָנקל האָט געקליבן נחת פון זיין געראָטענעם פלימעניק און הנאה געהאט ווי ער פירט די געשעפטן. בערקע האָט טאַקע געאַרבעט מיט ענערגיע און שכל, אָבער אין קאָפּ האָט ער שוין געהאַט אַלץ אויסגעאַרבעט און אויסגעפּלאַ־נעוועט פאַר זיינע אייגענע נוצן.

אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז בערקע נעלם געוואָרן, און מיט אים צו־זאַמען איז אויך אַוועק דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון זיין אָנקל. ס׳האָבן ניט געהאָלפן די זוכענישן פון פאָליציי, און די אַנאָנסן אין דער יידישער און אין דער ענגלישער פרעסע האָבן ניט געבראַכט קיין רעזולטאַטן. בערקע האָט זיך אין דער זעלבער צייט געשיפט פון ניו־יאָרק קיין לאָנדאָן. אין קעשענע פון שיינעם אָנצוג האָט ער געהאַט אַ פרישינקן פאַספּאָרט אויף אַ שפּאָגל־נייעם נאָמען און אין די וואַליזעס זיינען די טאָפּלטע דעקן געווען אָנגע־שטאָפּט מיט קנאַקעדיקע דאָלאַרן. פון לאָנדאָן האָט ער גלייך געכאַפּט אַ שיף וואָס גייט קיין דרום־אפריקע און בחפזון אָפּגעשוואומען, אַ האָן האָט ניט באַוויזן אַ קריי צו טאָן.

אזוי איז דער אַמאָליקער בערקע פליישערמאַן אַראָפּגעקומען פון שיף אין קייפּטאָן אַלס מיסטער באַרני פליישער. ער האָט שוין פריער געהאַט

אויסגעפּאַרשט אַלץ און האָט געוווסט אז קייפּטאַן איז קליין, אָבער יאָהאַ־נעסבורג איז אַ גרויסע שטאָט. ער האָט פאַרשטאַנען אז אין אַ גרויסער שטאָט קען ער בעסער אויסמיידן זיך צו טרעפן מיט לאַנדסלייט. ער האָט געוווסט מיט וואָס עס שמעקט אויב מ׳זאָל זיך דערוויסן וואָס ער האָט אָנגעאַרבעט אין אַמעריקע. ער האָט בכלל ניט געוואָלט אז מ׳זאָל זיך דער־וויסן זיין ייחוס און צעטרומייטערן אז ער איז דאָ. האָט ער געזוכט ערגעץ צו פאַרקריכן, וואָס ווייטער פון יידן.

* * *

דאָס מזל האָט אים ניט פאַרלאָזן. ער האָט אָבער געפילט אז ער טאָר ניט שפּילן צו פיל אויף מזל. האָט ער געזוכט אַ ביזנעס וואָס ווייטער פון שטאָט. אין ביורא, ווו ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, האָט אים דער אייגנטי־מער געזאָגט, אז ער האָט פאַר אים אַ „קאַנצעשן סטאָר״ ביי אַ גאָלד־גרוב, „דער בעל־הבית וויל עס פאַרקויפן צוליב שוואַכן געזונט. דאָס איז אַ ׳גאָלד מיין׳ — איר וועט דאָרטן שעפּן גאָלד. כאַפּט עס צו!״ האָט דער אַגענט גערעדט מיט היץ.

„דאָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר מיר״, האָט באַרני פליישער אַ באַגייס־טערטער אויסגערופן. „איך וויל טאַקע זיין ווייט פון שטאָט, אָן דעם טומל. כ׳וויל אַרבעטן אין שטילקייט און פאַרדינען, מאַכן אַ פיינעם לעבן״, האָט ער זיך פאַרטרויט אליין ניט וויסנדיק צוליב וואָס.

מ״ר פליישער האָט דעם אַגענט דערלאַנגט אַ נייעם „פייוועך״, נאָר וואָס פון באַנק, און דער אַגענט האָט אים געגעבן אַן אויסשניט פון אַ ציי־טונג־אַנאָנס מיטן אַדרעס. פליישער איז גיך אָפּגעפאָרן לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס און פון דער באַן זיך געדאַרפט שלעפּן עטלעכע מייל צופוס, אויף אַ זאַמדיקן וועג. אים איז שטאַרק געפעלן געוואָרן וואָס ער קען זיך פאַר־קלייבן אין אזא העק. די פאַרהאַנדלונגען מיט דעם אייגנטימער זיינען צו־געגאַנגען זייער שנעל, און ווייל ער גייט אים צאָלן אין מזומן האָט ער אים אראָפּגעלאָזן פון פּרייז. און אזוי איז באַרני פליישער געוואָרן דער בעל־הבית פון אַ „קאַנצעשן סטאָר״ מיט אַ „קאַפּעריטע״.

אין פאַרגלייך מיט זיין שטורמישן לעבן אין אַמעריקע פאַר די לעצטע יאָרן האָט ער געפילט, אז דאָס לעבן דאָ איז צו מאָנאָטאָן. איבערהויפּט האָט ער זיך ניט געקענט צוגעוווינען צו די פּנימער פון די שוואַרצע מינען־אַר־

בעטער, וואָס פלעגן אָנקומען אין קאָמפּאַניעס ווי כמאַרעס פליגן, אָבער ער האָט זיך געהאַלטן אין איין מונטערן: מוזט זיך צופּאַסן!

* * *

חדשים זיינען אַוועק און ער האָט זיך אַלץ געהאַלטן אין איין צופּאַסן. דאָ האָט ער אַזוי שטאַרק געפילט די לאַנגווייליקייט. צום ערגסטן איז אָבער געווען אין די אָן אַ סוף לאַנגע ווינטערנעכט. אין איינע אַזאַ נאַכט, וואָס האָט זיך געצויגן ווי די אייביקייט, איז אים איינגעפאַלן אַז ער דאַרף גאָר חתונה האָבן. אין די שפּעטערדיקע נעכט איז ער געלעגן וואַך לאַנגע שעהען און געמאַכט פּלענער וועגן דעם באַשלוס זיך צו פאַרבינדן מיט אַ פרוי, וואָס זאָל ווערן זיין לעבנס־באַגלייטערין, אַ פריינד מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן אין די נודנע שעהען פון לאַנגוויילּ. ער האָט איר אין זיינע געדאַנקען אויך אריינגענומען ווי אַ שותף צו זיינע געשעפטן, וואָס האָבן זיך צעצווייגט און צעוואַקסן. ער האָט געוווסט אַז ער האָט זיך ניט אויף וואָס צו באַקלאָגן. חוץ דעם וואָס די פאַרדינסטן ווערן גרעסער פון טאָג צו טאָג, איז שוין זיין באַנק־חשבון אַזוי פעט געוואָרן, אַז ער מעג זיך שוין פאַרגינען אפילו מער ווי איין ווייב... ער האָט אין זיך געשמייכלט מיט דער צופרידנקייט פון אַ מענטשן, וואָס ווייס וואָס ער וויל.

דער שלאָף ביינאַכט איז געווען אַ צעריסענער ווי שפּינוועב. ער האָט פאַרטאָג אַ ביסל איינגעדרעמלט און גאַנץ שפּעט זיך אויפגעכאַפּט. כאָטש ער איז געווען מיד פון ניט־דערשלאָפנקייט, איז ער דאָך אַ פריילעכער אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט און זיך אָנגעטאָן אין זיינע יום־טובדיקע קליי־דער. ס'איז געווען מאָנטיק. נעכטן אָוונט האָט ער שוין צוזאַמענגע־ציילט אין פּעקלעך די לייזונג פון דער לעצטער גאַנצער וואָך און עס פאַרפּאַקט אין זיין טעקע צו פירן אין שטאָט, אין באַנק. דער שוואַר־צער שאָפער האָט אויף אים געוואַרט אין דעם נייעם, שיינעם אויטאָ ביי דער טיר.

באַרני פליישער איז שוין לאַנג ניט געווען אין אַזאַ לוסטיקער שטי־מונג. ער האָט זיך אונטערגעפּייפט אַ היימישן ניגון, וואָס ער האָט אים ליב געהאַט. נעכטן האָט ער פאַרצייכנט אַן אַדרעס פון אַ שדכן, וואָס ער האָט געפונען אין דער יידישער צייטונג, וואָס פלעגט דאָ אָנקומען מיט אַ וואָך פאַרשפּעטיקונג. ער האָט נאָך אַ מאָל אַ קוק אריין געטאָן אין זיין ר'עקל־קעשענע, וווּ ער האָט אריינגעלייגט דעם אַדרעס, ווי ער וואָלט מורא

געהאַט אז ער זאָל עס נישט פאַרלירן. מיט אַפּעטיט האָט ער געגעסן דעם פרישטיק, וואָס די שוואַרצע דינסט האָט אים אריינגעבראַכט.

אַן אָפּגעראַזירטער און אויסגעפּוצטער איז ער ארויס אין דרויסן מיט זיין טעקע אין האַנט. ער האָט אָפּגעגעבן אַ ניט־געוויינלעכן ברייטן „גוד מאָרנינג" זיין שאָפער, וועלכער האָט זיך אַ צופרידענער צעשמייכלט מיט אַ מויל ווייסע ציין און אונטערטעניק אויפגעעפנט פאַר אים דעם אויטאָ־טיר. ער האָט כמעט אריינגעטאַנצט אינעווייניק.

„דזשאָן, היינט וועלן מיר זיך פאַרזאַמען אַ ביסל לענגער אין שטאָט. איך דאַרף זיין אין מייפער, ווייסטו ווו דאָס איז?" האָט מ"ר פליישער גע־פרעגט גוטמוטיק.

„יעס, באָס, איך ווייס ווו דאָס איז". איז דזשאָן געווען צופרידן, וואָס זיין בעל־הבית איז אין אַ גוטער שטימונג. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם שליסל און דער מאָטאָר האָט זיך צעזשומט. דער אויטאָ האָט אָנגעהייבן לאַנגזאַם פאָרן.

מ"ר פליישער האָט זיך אַ וויג געטאָן אויפן ווייך־אויסגעבעטן ברייטן געזעס און זיין קאָפּ איז פול געוואָרן מיט דער פאַנטאַזיע פון אַן אייגענער היים און אַ פרוי, מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורײדן. ער וועט זאָגן דעם שדכן אז נדן און שדכנות־געלט וועט זיין לרוב, נאָר ער מוז אים אויסזוכן עפּעס אַ מיידל אַ רעכטס, עס זאָל זיין וואָס צו זען און צו הערן. דער אויטאָ האָט געיאָגט לייכט אויפן גלאַטן אַספאַלט און זיין מזל איז מ"ר באַרני פליישערן געלאָפן פאַרויס.

גערטי

פון אַ ליטווישן קליין שטעטל איז געקומען אַ יונג מיידל מיט אירע עלטערן. אריבערגעבראַכט קיין אַפריקע האָט זיי אַ זון, וועלכער האָט אויך קיין גרויסע גליקן דאָ ניט געמאַכט. דער זון האָט זיך קוים דורכגעמאַטערט מיט דער בידנער חיונה. ער האָט פאַר טאַטע־מאַמע מיט דער שוועסטער גע־דונגען צוויי צימערלעך אין אַ „באָרדינג הויז" אין דער יידישער געגנט. פון זיינע אָפּגעשפּאָרטע עטלעכע פונט האָט ער עס געדאַרפט די ערשטע צייט, ביז ס'וועט זיך איינגעפינען אַרבעט און פּרנסה, אויסהאַלטן די דריי נפשות. האָבן זיי געלעבט אָרעם און אין האַרצן באַדויערט די „גליקן" פון דער נייער היים.

דער ברודער האָט גלייך, ביים אַראָפּשטעלן זייער פוס אויף דער פרעמ־דער ערד, געמאַכט פון זיין שוועסטער גיטל אַ גערטי. זאָל זי זיך כאָטש מיטן נאָמען ניט פילן ווי אַ „גרינע". און כדי זי זאָל ניט זיין ווי די אַנדערע אָקערשט אריבערגעקומענע, וואָס קענען ניט איבערדרייען אַ וואָרט מיט דער צונג, האָט ער זי איינגעשריבן אויף דעם קאָלעדזש, ווו אין די אָוונטן פלעגן זיין ענגלישע קורסן פאַר דערוואַקסענע. אָבער דאָרט איז זי ניט געווען איינע, גאַנצע קלאַסן אימיגראַנטן, יידישע און ניט יידישע, זיינען יעדן אָוונט געקומען. זי האָט גלייך באַמערקט די יידישע פּנימער פון קליינ־שטעטלשע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך געפלייסט צו כאַפּן דעם קלאַנג פון דער נייער שפּראַך, בעסער ארויסריידן די מאָדנע פרעמדע ווער־טער און זיי ווי ניט איז קענען אָנשרייבן אויף פּאַפּיר. דאָ אויף די קורסן, האָט זי זיך באַקענט מיט אַ יונגן בחור, וואָס האָט שוין אויך געהאַט איבער־געניצעוועט זיין נאָמען אויף דזשעק. אין זיינע גאָר יונגע יאָרן האָט ער געלערנט אין אַ ישיבה און געגעסן טעג, אָבער ווען ער איז אונטערגעוואַקסן האָט ער אָנגעהייבן לייענען אפּיקורסישע ביכלעך און מער ניט געוואָלט לערנען. האָט ער זיך פאַרלאָזט לאַנגע האָר, געוואָרן אַן אינטעליגענט און געמאָסטן די שטעטלשע בלאָטיקע געסלעך.

אַז בריוו האָבן אָנגעהייבן דערגיין צום שטעטל פון דער ווייטער אַפרי־קע מיט די גוטע בשורות פון „מאַכן אַ לעבן" און „ארויפאַרבעטן זיך", האָט זיין מאַמע, די אלמנה, געמוזט פאַרזעצן די פּאָר שטיקלעך צירונג און אים אוועקשיקן טאַקע אין סאַמע יאָהאַנעסבורג, אין דער שטאָט ווו מען שופלט גאָלד אין די גאַסן.

גערטי האָט זיך געפילט עלנט אין איר אָרעמקייט, און דזשעק איז אויך געווען אליין, אָן אַ קרוב און אָן אַ פריינד, האָבן ביידע גלייך געפונען אַ געמיינזאַמען אינטערעס און געקענט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן איינער פאַרן צווייטן. ווען נאָר זיי האָבן געהאַט אַ מעגלעכקייט פלעגן זיי זיך טרעפן און שפּאַצירן צוזאַמען. נאָך די לעקציעס פלעגט דזשעק איר באַגלייטן אַהיים. שעהען פלעגן זיי גיין און שמועסן. דאָס איז געווען די איינציקע פאַרגי־טיקונג פאַר זייער עלנט, און עס איז אויסגעוואַקסן צווישן זיי אַ וואַרעמע פריינדשאַפט.

גראָדע איז דער שדכן געווען אַ פריינד פון גערטיס ברודער. ביים קומען פון דער משפחה האָט דער שדכן געוואָרפן אַן אויג אויף דער אומע־

טיקער יונגער גערטי און אין זיין בעל־פּה ליסטע איר געהאַלטן אויף אַ „זאָל זיך נאָר מאַכן עפּעס רעכטס". און איצט, אז מ"ר באַרני פליישער איז אריינגעפאַלן צו אים אזא צעהיצטער און גרייט געווען זיך צו לאָזן קאָסטן אַ פאַרמעגן, נאָר עס זאָל זיין „עפּעס אַ מיידל אַ רעכטס", האָט דער שדכן גלייך דערשמעקט אז „עפּעס רעכטס" וועט שוין ארויסקומען פון דעם. „גערטי"! האָט זיך צעקלונגען ביי אים אין אויער דער נאָמען ווי אַ זיל־בער־גלעקל און ביי אים איז שוין געווען דער ענין אָפּגעמאַכט, דער שידוך איז שוין געווען געשלאָסן. ער האָט אויף זיכער געוווסט, אז די איידעלע און שטילע גערטי וועט דעם ניט יונגן און שמאַלציקן מ"ר פליישערן אוודאי געפעלן ווערן. דאָך האָט ער אויף מאָרגן, ווען ער האָט איבערגערעדט די זאַך מיט גערטיס ברודער, אים געגעבן אַ ניט זיכערן אָנווונק: „אויב זי, גערטי, זאָל נאָר געפעלן דעם מ"ר פליישערן, וועט ער אייך אַלעמען אָפּ־גילטן, ער איז אָנגעשטאָפּט".

דער שדכן האָט גוט געוווסט, אז ס'איז גאָר פונקט פאַרקערט: זי, גערטי, קען זיך צעבריקעווען, דערזעענדיק דעם גראָב־בייכיקן מאַנצביל. האָט ער עס איצט געוואָלט צוגרייטן דעם ברודער, ווייל ער האָט געהאַט אַ גרויסע דעה אין משפחה־ענינים, און האָט אין אים אריינגעטענהט: „זי וועט ביי אים לעבן ווי אַ גרעפין. ס'וועט איר ניט פעלן פון פויגלמילך. דיין גאַנצע משפחה וועט שוין גאָרניט פעלן, נאָר געזונט". ער האָט נאָך צוגע־געבן מוט דעם ברודער: „אז מ'שמועסט אַ יונגערמאַן אַ מיליאָנער, און ער איז איינער אליין, האָט קיינעם ניט צו באַזאָרגן, איז עס דאָך אויף אַן אמת אַ שמאַלצגרוב. דער איינציקער באַדינג איז, אז נאָך דער חתונה דאַרף זיין ווייב מיט אים לעבן אין זיין היים — אַ הויז אַ פּאַלאַץ, אָבער ווייט פון יאָהאַנעסבורג..." און צום סוף, כדי עס זאָל שפּעטער ניט זיין קיין איבער־ראַשונג פאַר גערטין מיט דער משפחה, האָט ער קוים אויסגעשטאַמלט, אז זיין הויז איז לעבן אַ „קאָנצעשן סטאָר".

* * *

כאָטש אַ „קאָנצעשן סטאָר" איז ניט געווען פון גרויסן ייחוס, ווייל דאָס רוב זיינען די בעלי־בתים געווען היימישע גראָבע יונגען, האָט עס אָבער געשמעקט מיט עשירות און א פארזאָרגטן מאָרגן. דער ברודער, וואָס האָט איבערגעגעבן די עלטערן דעם שדכנס רייד, האָט זיי אויסגע־מאָלט די גליקן וואָס גערטין קען ארויסקומען פון דעם שידוך. דער פרו־

מער טאַטע האָט אראָפּגעשלונגען די ניכטערע שפּייעכץ און געזאָגט: „טאַ־קע, אפשר איז דאָס אַן אצבע אלוקים, ווער ווייס?...״ און די מאַמע, וואָס האָט קוים פאַרשטאַנען דעם פּירוש פון אצבע אלוקים, האָט זיך געטראַכט מיט פייכטע אויגן: מסתמא אַ מלאך פון הימל... אַזאַ גליק... אזא עושר... זיי האָבן געוווסט, אז דער ברודער האָרעוועט און מיט זיינע אָרעמע גראָשנס האַלט ער אויס אַלעמען, האָבן זיי אים געוואָלט באַפרייען פון יאָך און אפשר אליין אויך געניסן פון אַ ביסל גליק.

דער ברודער האָט גערטין רואיק און פאַרזיכטיק דערציילט וועגן דעם גליקלעכן שידוך וואָס איר שטייט פאַר. גערטין האָט אַ טיאַכקע געטאָן אין האַרצן, ווי זי וואָלט עפּעס פאַרגעפּילט. זי האָט אויסגעהערט דעם ברודער אויפמערקזאַם. טאַטע און מאַמע זיינען געזעסן אַן אַ זייט און זיך ניט גע־טרויט אריינצוריידן אַ וואָרט, טאָמער וועלן זיי עפּעס קאַליע מאַכן. גערטי האָט געוווסט וויפל דער ברודער שטרענגט זיך אָן פאַר אירטוועגן און פאַר טאַטע־מאַמע, און דער געדאַנק אז אין אירע הענט ליגט דאָס גליק פון דער משפחה האָט מיט אַ מאָל אראָפּגעוואָרפן אַ שווערע אחריות אויף אירע יונגע מיידלשע פּלייצעס. פון איין זייט האָט איר אָנגעלאָקט די פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַר די עלטערן און וואָס זי וועט קענען לייכטער מאַכן דאָס לעבן פון ברודער, וועלכער האָט זיך מקריב געווען פאַר זייערטוועגן און אליין ניט גענאָסן פון זיין אייגענער פּראַצע. איר האַרץ איז אָבער געוואָרן נאָך מער אומעטיק, ווען זי האָט געהערט אז זי וועט זיך מוזן שיידן מיט דער שטאָט, מיט דעם קאָלעדזש און מיט אירע נייע באַקאַנטע דאָרט. זי האָט נאָר מיט אַ שוואַך קול זיך ווי געבעטן: „איך וואָלט זיך וועלן כאָטש פאַרפולקומען אין דער ענגלישער שפּראַך... מ׳לערנט דאָ אַזוי גוט...״ אין האַרצן אָבער האָט זי געוווסט, אז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, לפנים וועגן, ווייל אין אירע געדאַנקען האָט זי באַדויערט נאָר איין באַקאַנטן, וועמען זי וועט פאַרלירן, דזשעקן.

ביינאַכט האָט גערטי ניט געקענט איינשלאָפן. זי האָט בלויז גע־זען דזשעקן. אָט קומט ער צו די קורסן אין קאָלעדזש און געפינט זי ניט... ער איז טרויעריק... איר טוט וויי דאָס האַרץ. און מיט אַ מאָל האָט זי פאַרשטאַנען, אז זי קען דזשעקן אַזוי ניט לאָזן, זי מוז אים דערציילן די גאַנצע זאַך. פאַר אים טאָר עס ניט בלייבן קיין סוד. פּלוצעם האָט איר ווי אַ בליץ אַ שלאָג געטאָן אין מוח: זי קען דאָך אפילו ניט דעם מ״ר פּליי־

שער... ווער איז ער און ווי זעט ער אויס? וואָס טוט זיך מיט איר? און ס׳האָט זיך איר געוואָלט לאַכן, ווי עמעצער וואָלט דאָ אָפּגעשפּילט מיט איר אַ קאַטאָוועס.

אויף מאָרגן אין אָוונט, נאָך דער לעקציע, זיינען גערטי און דזשעק ארומגעגאַנגען פּאָר לאַנגע שעהען. זי האָט אים מיט טרערן אין די אויגן דערציילט די טרויעריקע געשיכטע, ווי מ׳וויל זי פאַרשדכנען. דזשעק האָט געשמועסט וועגן ענין ניכטער און קאַלט און האָט ניט ארויסגעוויזן קיינע געפילן. לויטן שכל הישר״, האָט ער געזאָגט מיט דעם געוווינטן גמרא־ניגון, „איז עס דאָך טאַקע אַ גליק און מ׳טאָר עס ניט אָפּלאָזן. אלא מאי...״ און ער האָט ניט געוווסט אליין וואָס ער וויל זאָגן ווייטער.

גערטין האָט אַ צאָרן אַ ברען געטאָן אין האַלדז און זי האָט געזאָגט טרוקן: „יאָ, דזשעק, מיך דוכט אויך אזוי... דיין מיינונג איז ריכטיק... גליק...״

זי האָט ניט געוווסט מער וואָס צו זאָגן און ער האָט ניט געפונען קיין איין וואָרט איר צו טרייסטן. ביי אים אין האַרצן האָט יאָ געצאַפּלט אַ רחמ־נות אויף איר, נאָר ער האָט זיך אליין ניט געקענט העלפן און אוודאי ניט איר. זיין עלנט האָט אים דערדריקט. ער וואָלט אליין איינגעבייגן דעם קאָפּ און זיך אונטערגעגעבן, ווען עס מאַכט זיך אים אזא מין גליק... ביי אים אין האַרצן האָט געטליעט אַ פּונק, אז ער קען אויך אַ מאָל געהאָלפן ווערן פון דעם. ער איז געגאַנגען און געשוויגן.

גערטי האָט אין דער טונקלקייט געפילט אַ הייסע טרער אויף דער נאָז, און פון נאָז האָט עס זיך אַראָפּגעקייקלט אויף דער טרוקענער ליפּ. מיטן שפּיץ פון צונג האָט זי די טרער אַראָפּגעלעקט און אַראָפּגעשלונגען.

גערטי און מ״ר פליישער

גערטי האָט דערוואָרט דעם צוזאַמענטרעף מיט איר קומענדיקן באַ־שערטן מיט מאָדנע געפילן פון שרעק און צאַפּל. איר האַרץ איז געווען באַטריבט, כאָטש מ׳האָט אין איר ארייַנגערעדט בערג מיט רייד וועגן איר גליק און אז זי וועט גליקלעך מאַכן איר פאַמיליע. דאָס ארויפצווינגען אויף איר אַ רייכן מאַן האָט זי באַליידיקט און ווייַ געטאָן. זי האָט געזען ווי איר ברודער און טאַטע־מאַמע האָבן שוין באַשלאָסן די זאַך, זיי גייען זי פאַר־

קויפֿן, אָבער מער נאָך האָט עס איר פֿאַרדראָסן אויף דזשעקן. אין אַ מינוט ווען די געפֿילן האָבן איר ניט באַהערשט און זי האָט קאַלט איבערגעטראַכט די זאַך, האָט זי פֿאַרשטאַנען אַז די פֿאַמיליע מיט איר צוזאַמען וויל זיך ראַטעווען און זי איז מחויב עס צו טאָן. און מיט יעדער שעה וואָס איז נענטער געקומען צום „זען זיך" האָט איר איין פֿאַרלאַנג באַהערשט: זאָל ער איר נאָר געפֿעלן ווערן, דער מ"ר פֿליישער.

זיין נאָמען אליין איז איר שוין לכתחילה ניט געווען צום האַרצן, ווי דער ריח פֿון רויע צוגעלעגענע זייטלעך פֿלייש אין אַ יאַטקע... דער שדכן איז אריינגעקומען אין צימער פֿון „באָרדינג הויז" אַ שטיק פֿאַר אָוונט און שוין געפֿונען דעם ברודער מיט די עלטערן אויסגעפּוצט, וואַרטן אויף אים. גערטי איז געווען אַראָפּ צו דער שניידערקע, וואָס האָט איר איבערגענייט אַ קלייד לויט דער לעצטער מאָדע. דער שדכן האָט זיי געזאָגט אַז מ"ר פֿליישער וועט שיקן זיין אויטאָ מיטן שאָפֿער, זיי אָפּצונעמען אין האָטעל ווו ער שטייט איין. גערטי האָט זיך פֿאַרזאַמט און זיי זיינען אַלע געווען אין ציטערניש, טאָמער וועט זי אויסטראַכטן אַ תירוץ אויף ניט צו קומען.

דער שדכן, אַ פֿיפֿיק היימיש יידל, האָט דערווייל צום ווילפֿטן מאָל דער־ציילט וועגן מ"ר פֿליישערן און זיין רייכטום. ער האָט אים אין די שענסטע פֿאַרבן אויסגעמאָלט, ווי ער וואָלט געווען אַ מדינה־חכם. איבערהויפּט האָט ער געלויבט זיין פֿעאיקייט אין ביזנעס, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן ניט. אַז ביים שדכן האָט זיך אויסגעשעפּט די מאָס רייד, האָט מען ערשט באַ־מערקט אַז די ווייזערס פֿון אַלט־היימישן זייגער אין „באָרדינג־הויז" זיי־נען שוין באַלד דערקראָכן צו דער זעקסטער שעה. אַז גערטי איז אריינ־געקומען אַן אויסגעפּוצטע און אַן אומעטיקע, מיט פֿריש־געמאַכטע האָר, איז אין טונקעלן צימער ווי אַ ליכט אויפֿגעגאַנגען און אַלע האָבן זיך דער־פֿרייט. אין דרויסן האָט די טרובע פֿון אַן אויטאָ אַ ברום געטאָן. „דער שאָפֿער", איז דער שדכן אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט. „מ"ר פֿליישערס אויטאָ איז געקומען!" האָט ער די ווערטער אונטערגעשטראָכן, כדי די זאַך חשו־בער צו מאַכן.

אַז גערטי מיט אירע באַגלייטער זיינען אריין אין קליינעם אויפֿנעם־צימער פֿון האָטעל, וואָס מ"ר פֿליישער האָט פֿאַר דעם אָוונט אָפּגעדונגען אויפֿצונעמען זיינע געסט, האָבן פֿאַר גערטיס אויגן צו ערשט אַ שיין געטאָן

די ווייכע פּאָטעלן, די בלומען אויף אַ ווינקל־טיש און די גלעזעלעך פינקל־דיקער ווײַן אויף אַ טישעלע, ביי יעדן פאָטעל. אָבער ווען צו איר האָט זיך צוגעקייקלט אַ פאַרשוין, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָנגעפּילט פעסל, איז איר פאַרגאַנגען די גאַנצע אַנטציקונג פון דער ארומיקער שיינקייט און פון ניט גוטקייט האָבן זיך איר איבערגעקערט די גלידער. אומווייליק האָט זי אים אויסגעשטרעקט אַ דין הענטל און געפּרווט שמייכלען. בעת־מעשה האָט זי געטראַכט, אז ער איז שוין גאָר ניט אזוי יונג, ניט ווי דער שדכן האָט אים אָנגעגעבן. אין גערטיס האַרץ זיינען אָנגעלאָפן טרערן און זי האָט מיט אַלע כוחות זיך באַמיט זיי זאָלן ניט אַ שפּאַר טאָן צו די אויגן.

„זייער אָנגענעם, מ״ר פליישער", האָט זי געשעפּטשעט, האַלטנדיק אין איר הענטל זיין פעטע לאַפּע, און ווען זי דאַרף ריידן נאָך אַ וואָרט וואָלט זי אויסגעבראָכן אין אַ געיאָמער. זי האָט זיך שנעל אַראָפּגעלאָזן אויף אַ פאָ־טעל דערביי און געקוקט ארום מיט צעטומלטע בליקן. זי האָט געזען ווי אַלע נעמען זייערע גלעזלעך ווײַן, זי האָט מעכאַניש גענומען איר גלעזעלע און מיט אַלעמען געטרונקען לחיים. שפּעטער האָט זי געזען ווי א קעלנער אין אַ ווייסן ראָק טראָגט אריין אַ גרויסן פולן טאַץ מיט טיי און „קייק" מיט אַנדערע זיסיקייטן, און צעשטעלט עס אויף די קליינע טישלעך, ביי די אורחים. מ״ר פליישער האָט באַשטעלט נאָך ווײַן און בראָנפן. ער האָט געגעבן כיבוד מיטן פולן האַרצן: זאָל מען זען אז ער איז ניט קאַרג, זשאַלעוועט ניט, אז זיין ווייב וועט לעבן פּאַר אים אַ גוטן טאָג. אָבער אים איז ניט געפעלן געוואָרן גערטיס שווייגן אַ גאַנצן אָוונט.

* * *

בעתן געזעגענען זיך, וואָס איז געווען זייער וואַרעם, האָט גערטיס ברודער פליישערן פאַרבעטן צו זיי אין אַ וואָך ארום. דעמאָלט וועלן גע־מאַכט ווערן די לעצטע צוגרייטונגען און מ׳וועט אַלץ באַשטימען. פליי־שער איז געווען אין אַ געהייבענער שטימונג און לויט זיין צובאָמקען צו אַלץ אַ צופרידענער, האָבן זיי געזען אז ביי אים איז שוין די זאַך אָפּגעמאַכט.

מ״ר פליישער האָט שוין געהאַט איינגענומען די כפּרה פּאַר גערטין מיטן ערשטן קוק און באַשלאָסן ביי זיך: איך מוז דאָס שטיקל סחורה קויפן... ביי אים איז עס פּשוט געווען אַ געשעפט־טראַנזאַקציע און עס איז געגאַנגען אויפן זעלבן שטייגער, ווי עס גייט יעדער מסחר ביי אַן אַלטן אײַן געניטן סוחר.

די נאַכט איז שוין גערטי געלעגן מיט אויפגעריסענע אויגן אין דער פינצטערקייט. איר קישן איז געווען דורכגעווייקט פון טרערן. זי האָט גע־ווּסט, אַז זי דאַרף זיך אויפהייבן איצט, אין מיטן דער נאַכט, און אַנטלויפן פון איר ענג שטיבל און פּטור ווערן פון מ״ר פליישערן. אָבער דער געדאַנק אַז דאָס וועט ברענגען אַן אומגליק אויף איר משפחה, האָט זי צוריקגע־האַלטן. האָט זי געפּרוווט דאָס פאַרקערטע: זיך אָנהייבן פאַרשטעלן דאָס גליק וואָס זי קען ברענגען אירע עלטערן, דעם ברודער, און אַליין אויך האָבן אַ צוקונפט, איז איר אַ ביסל לייכטער געוואָרן. אַ פאַרמאַטערטע פון וויינען און טראַכטן איז זי איינגעשלאָפן.

באַגינען, אין האַלב־דרימל, האָט זיך איר געחלומט, אַז זי שלעפּט מיט אַלע כּוחות אַ גרויסע שטיק פלייש און אויף דעם זיצט מ״ר פליישער און האַלט איר האַנט... פּלוצעם איז אָנגעקומען דזשעק און זי האָט אים געזאָגט: „דו האָסט אַ שיינעם פאַמיליע־נאָמען — אַראָנס!״ וואָלט איר צוקונפטי־קער מאַן כאָטש ניט געווען אַזוי פליישיק און דערצו געהאַט אַזאַ נאָמען: פליישער... און דזשעק האָט איר אָנגענומען ביי דער האַנט... אַז זי האָט זיך אויפגעכאַפּט איז זי געווען צופרידן פון חלום, וואָס איז איר נאָך גע־שטאַנען פאַר די אויגן, און געזען אין דעם אַ גוטן סימן.

אין אָוונט האָט זי זיך געטראָפן מיט דזשעקן און אים דערציילט אַלץ מיט אַנאַנדער. ער האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמען בליק און ס׳איז אים געווען אַ רחמנות אי אויף איר און אי אויף זיך. זיין אייגענע עלנטקייט און אומגליקלעך לעבן האָבן אים אונטערגעזאָגט, אַז פאַר זייביידן וועט זיין גלייכער אַז זי וועט חתונה האָבן מיט דעם מ״ר פליישער. זיי זיינען ארומ־געגאַנגען איבער די טונקעלע געסלעך און זי האָט געוואַרט אויף זיין ענט־פער. ער האָט זיך לאַנג איבערלייגט און לסוף איר געזאָגט:

„גערטי, מיין עצה איז, אַז דו זאָלסט יאָ אָננעמען דעם שידוך און חתונה האָבן מיט דעם מ״ר פליישער. ס׳איז היינט אַזאַ וועלט, אַז יעדער טוט וואָס פאַר אים איז בעסער — און פאַר דיר איז עס אוודאי בעסער. און פאַר מיר...״ האָט ער געשטאַמלט, „וואָלט אפשר פון דעם אויך ארויס אַ טובה...״ און אין האַרצן האָט ער געטראַכט: דורך גערטיס רעקאָמענדאַציע וואָלט ער געקענט קריגן אַרבעט ביי מ״ר פליישערן אין קאָנצעשן סטאָר, און אויך זייער פריינדשאַפט וואָלט ניט איבערגעריסן געוואָרן, ווייל זיי וואָלטן געווען נאָענט איינע צו די אַנדערע און זיך אָפט געקענט טרעפן.

גערטי האָט פון זיין אָנווונק אויף אַ טובה, געפילט וואָס ער טראַכט איצט. זי האָט געפילט ווי דער כעס שוימט אין איר. זי האָט אים געוואָלט אַ שפיי טאָן אין פנים און אַנטלויפן, נאָר אירע פיס זיינען געווען אזוי ווי אונטערגעהאַקט. זי האָט זיך קוים דערשלעפּט אהיים. זי האָט אפילו ניט געענטפערט אויף זיין „אַ גוטע נאַכט״.

ווי אַ גנב האָט זי זיך דורכגעשלייכט דורכן טונקעלן צימער. טאַטע־מאַמע זיינען שוין געשלאָפן. אין איר צימער איז דורכן דורכזיכטיקן גאַרדין געפאַלן אויפן בעט אַ זילבערפאַס פון דער לבנה. זי האָט געריסן פון זיך די קליידער מיט כעס און געפּליסטערט צו עמעצן, וואָס איז דאָ ניט געווען: „דיין עצה וועל איך פאָלגן... דזשעק... פאָלגן...״

אויף מאָרגן האָט זי געזאָגט איר ברודער, אז זי האָט געהאַט מיט זיך אַ לאַנגן יישוב־הדעת און באַשלאָסן צו מאַכן דעם שריט: ווערן אַ כלה פאַר מ״ר פליישערן. אין שטוב איז געוואָרן ששון ושימחה. גערטיס עלטערן זיינען געווען צופרידן, כאָטש זיי האָט געווונדערט וואָס גערטי האָט אָן איבעררײדעניש איינגעשטימט אויפן שידוך. זיי האָבן זיך געהאַט צוגע־גרייט, אז זיי וועלן דאַרפן מיט איר פירן אַ גאַנצע מלחמה. איצט האָט מען זיך געגרייט מיט פאַראַד אויפצונעמען ביי זיי מ״ר פליישערן, ווי ס׳איז געווען אָפּגערעדט, און מאַכן די לעצטע צוגרייטונגען.

* * *

דעם אָפּגערעדטן אָוונט, אַ וואָך שפּעטער, איז מ״ר פליישער געקומען צו זיי אין שטוב. גערטי איז איצט שוין געווען אַ ביסל באַרײדעוודיקער. דורך די לעצטע פאַר טעג און נעכט האָט זי זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אז אזוי וועט עס מוזן זיין, זי מוז די ווירקלעכקייט זען מיט קלאָרע אויגן. זי איז אפילו ניט געגאַנגען צוויי אָוונטן אין קאָלעדזש, כדי זיך ניט צו טרעפן מיט דזשעקן, אָבער לעצטן אָוונט איז זי געקומען און אים געזאָגט מיט אַ מין גאַליקן פאַרוואורף, אז זי האָט אָנגענומען זיין עצה. ער האָט איר געזאָגט אז זי טוט גוט, און זיי האָבן נאָך ארומגעשפּאַצירט אַ גאַנצן אָוונט.

די עלטערן און דער ברודער זיינען געווען גליקלעך, וואָס זי איז אויפ־געלייגט און גאָר אַן אַנדער מענטש. זיי האָבן זיך איבערגענומען מיט מ״ר פליישערן, ארומגעפּאַדעט ארום אים און ניט געוווסט ווו צו פאַלן, ווי דער ענגלישער מלך אליין וואָלט צו זיי אָפּגעשטעקט אַ וויזיט. דער טיש איז געווען אָנגעשטעלט אויפן אַמאָל־היימישן שטייגער — געלע לעקעכער מיט

בראָנפן, ווי אויף אַ גרויסער שימחה, און ארום דעם זיינען געשטאַנען טע־צעלעך מיט וואַרעניע, קערשעלעך האָבן ארויסגעפינקלט פון קליינע גלע־זעלעך. געהאַקטע הערינג מיט קיכלעך האָבן פון טיש אראָפּגעשיינט און מ״ר פליישער האָט געזען אין דעם, אז אלץ גייט כשורה און די גערטין האָט ער שוין ווי ביי זיך אין פּייער־קאָסע. האָט ער נאָר געדאַרפט איין גלעזל משקה, אז ער זאָל זיך דערפילן גאָר אויפגעלייגט. ער האָט אָנגע־הייבן מיט זיין פּיקחות אין מיסחר, דערציילט ווי ער האָט פאַרפירט גרויסע געשעפטן, און דערינען האָט ער דערציילט אַ וויץ און אַלע האָבן געלאַכט.

דער ברודער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און אריינגעשושקעט מ״ר פליישערן אין אויער, אז זיין שוועסטער איז מסכים צום שידוך. מ״ר פליישערן איז מיט אַ מאָל איינגעפאַלן אז מ׳זאָל אריינרופן אַלע שכנים און מ׳וועט גלייך אויף אָן אָרט פּראַווען א קנס־מאָל. „עלעהיי מ׳פּראַוועט אַן אמתן תנאים״, האָט מ״ר פליישער געגעדט שוין צום גאַנצן טיש, צו דער כלה און צו די עלטערן, און ער האָט משפּחהדיק־היימיש געזאָגט: „הייסט ארויפברענגען נאָך וויין און בראָנפן, מאָרגן וועל איך אויף דעם חשבון אַ גרויסן טשעק ברענגען״. גערטיס טאַטע האָט זיך קווענקלענדיק אָנגע־רופן: „אפשר דאַרף מען ניט מאַכן אַזאַ טאַראַראַם, נאָר אויב מ״ר פליישער באַשטייט אויף דעם, וועלן מיר עס טאָן״.

„אוודאי!״ האָט מ״ר פליישער אַ זאָג געטאָן און ניט געוווּסט, ווי ער זאָל אָנרופן דעם יידן וואָס דאַרף ווערן זיין שווער, כאָטש ווען ער זאָל זיך לאָזן אָפּשערן די באָרד וואָלט ער געדאַרפט אויסזען ניט עלטער פון אים.

דער זון האָט זיך אַ שטעל געטאָן גרייט אויסצופירן מ״ר פליישערס פאַרלאַנג, נאָר דער טאַטע האָט שטיל צוגעגעבן: „גראָדע איצט וווינט דאָ אין ׳באָרדינג הויז׳ אַ ניי־אריבערגעקומענער רב פון ליטע. לאָמיר אים אריינרופן און ער וועט מאַכן אַ היימישן תנאים״.

„ניט זשאַלעווען קיין הוצאות״, האָט מ״ר פליישער קאָמאַנדעוועט, „פאַר אַלץ וועל איך באַצאָלן! שוין מאָרגן ברענג איך דעם טשעק...״ האָט ער געגעדט צו גערטיס ברודער, ווי צו אַ סוחר וואָס טראָגט אים אונטער אַ מציאה, און ער וויל דאָס גלייך האָבן.

גערטיס ברודער האָט תּיכף אַלץ אָראַנזשירט. ער האָט געבראַכט דעם רב, וואָס איז געווען צופרידן אָנצוהייבן זיין קומען אין דעם לאַנד מיט אַ שימחה. ער איז אריין, געזאָגט „מזל טוב, חתן־כלה!״ און „זאָלן זיין

שימחות ביי יידן!" דער שוואַרצער דינער האָט אָנגעהייבן אריינטראָגן נאָך פלעשער. ביסלעכווייז האָבן זיך צוזאַמענגעקליבן אַ מנין יידן מיט עטלעכע ווייבער.

אין קליינעם צימערל איז געוואָרן דושנע און פריילעך. מ'האָט גערעדט און געטומלט. געטרונקען לחיים פאַר חתן־כלה. דער רב האָט אויפגעקלערט דעם אינהאַלט און מיין פון תנאים. ווען ער האָט געענדיקט האָט דער עולם אַ זשום געטאָן: מזל טוב! מ"ר פליישער האָט מיט פעטשמאַלציקע ליפּן אַ קוש געטאָן גערטין אויף דער רויט־אָנגעצונדענער באַק.

גערטין איז אַדורך אַ צאַפּל איבערן גאַנצן לייב. מ"ר פליישער האָט צו איר עפּעס גערעדט און זי האָט אים ניט געקענט פאַרשטיין, ווי זי וואָלט געשטאַנען הינטער אַ דיקן גלאָז. זי האָט נאָר געזען זיין פליישיק־גלאַנציקן פּנים מיטן גרויסן פּליך ביז איבער די אויערן. זי האָט אויף אַ סעקונדע פאַרמאַכט די אויגן און דערזען דזשעקן. מ"ר פליישער האָט איר אריינגעשריען אין די אויערן: „זאָרג זיך ניט, גערטי, ס'וועט זיין אַ חתונה ווי פאַר אַ קייסערינע! און וועסט צו לאַנג ניט דאַרפן וואַרטן..."

6

עקסטראַ־חתונה

די חתונה איז געפּראַוועט געוואָרן מיט גרויס פּאַראַד און מיט נגידישער ברייטקייט. עס איז געווען פון כל טוב און פּאַטראַוועס כּיד המלך, נאָר געסט זיינען געווען שיטערלעך. פון גערטיס מישפּחה און באַקאַנטע זיינען געווען בלויז אַ הייפל, און מ״ר פליישער האָט קיין פאַמיליע בכלל ניט געהאַט, און פון די לאַנדסלייט האָט ער זיך נאָך אַלץ אויסבאַהאַלטן. ער האָט נאָר געלאַדן עטלעכע רייכע געשעפט־לייט און פאַבריקאַנטן, מיט וועמען ער „טוט ביזנעס״. נישקשה, זאָלן זיי זען אַז ער פאַרשטייט זיך אויף אַ גוט שטיקל סחורה און וויס אַ פּרייז... — האָט מ״ר פליישער געטראַכט אַ צופרידענער — און געוואָרן נאָך ברייטער פון פאַרגעניגן צו זען ווי די אַלע „פּעמפּקיעס פּרעסן מיט זשעדנע אויגן, ווי הונגעריקע וועלף, זיין שטיקל סחורה, גערטין״.

מסדר קידושין איז געווען דער ניי־געקומענער רב פון ליטע, וואָס איז ביידע צדדים געווען צום האַרצן מיט זיין היימישקייט און מיט זיין פּשוט פאַרשטענדלעך יידיש לשון. מ״ר פליישער מיט גערטין האָבן זיך געזעצט ביים הויפּט־טיש, לעבן דעם גראַמאַדנעם חתן־קוכן. גערטי איז געווען נאָך אומעטיקער און שענער ווי תמיד און אַלע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, ווען איינער פון די פאַבריקאַנטן האָט געהאַלטן דעם צוגעגרייטן „טאָסט״ לכבוד דעם חתן און האָט אים אין הימל אריין געלויבט פאַר זיין „סענס אָוו ביזנעס״.

גערטיס ברודער איז געווען דער „בעסט מען״ און זיינער אַ חבר האָט געגעבן אַ „ספּיטש״ פאַר כלהס צד. ער האָט פאַרגליכן גערטין צו אַ שטילע טויב און געווונטשן אז דאָס יונג פּאָרל זאָל לעבן אין גליק און רייכקייט. ער האָט אויך דערמאָנט דעם ייחוס פון דער כלהס משפּחה — טאַטע־מאַמע, דעם ברודער און אַלע פריינד וואָס זיינען דאָ ניטאָ... נאָך דעם האָט ער אויסגערופן „מזל־טוב!״ אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט מיט די גלעזער בראָנפן אין האַנט און געזונגען „פאָר שי איס אַ דזשאָלי גוד פעלאָו״.

גערטי האָט געכאַפּט אַ זייטיקן בליק אויף איר ניי־איינגעהאַנדלטן מאַן. זי האָט באַמערקט ווי דאָס בייכל טרייסלט זיך אים פון זינגען פאַר איר דאָס ליד, און טרערן זיינען איר אַנגעלאָפן אין די אויגן. זי האָט געוווסט אז אַ כלה מעג וויינען ביי דער חופּה, אָבער זי האָט זיך איינגעהאַלטן: קיי־נער וועט ניט זען ווי זי וויינט! האָט זי פאַרביסן די ליפּן און נאָך דעם אפילו געפּרוווט שמייכלען. קיינעם איז ניט איינגעפאַלן, אז אין האַרצן פון דער כלה האָט פאַר די לעצטע פאַר וואָכן זיך אָנגעקליבן אַן אומעט, וואָס איז מער ווי דער טרויער פון אַ כלה בעת זי דערוואַרט זיך צו פאַראייניקן מיט איר באַשערטן.

שפּעט אין דער נאַכט האָט דער שאָפער געטריבן דעם גרויסן אויטאָ איבער די פינצטערע וועגן צום הויז פון מ״ר פליישער, וואָס ער האָט פריער רעמאָנטירט און געלאָזט פאַרבן און פּוצן, אז זיין ווייבל זאָל פאַרגיין דאָס האַרץ פון שיינקייט. ער איז געווען אַ ביסל בגילופינדיק און פריילעך געפּלוידערט דעם גאַנצן וועג. ער האָט אפילו ארויפגעלייגט אַ פעטע שווערע האַנט אויף גערטיס פּלייצע און זי צוגעדריקט צו זיך. זי האָט אַ ציטער געטאָן, ווי אַ זשלידנע פליג וואָלט איר אַ שטאָך געטאָן. אַ פאַר־קראַמפּטע איז זי געזעסן און געשוויגן, זיך געלאָזט צערטלען פון זיינע

דיקע קורצע פינגער און נאָר געטראַכט דעם איין געדאַנק: איך מוז זיך צוגעוווינען, איך מוז!...

צו שווער איז אָבער געווען אָנגעקומען זיך צוגעוווינען צו אירע נייע אומשטענדן. זי האָט געוואָלט זיין פאַרנומען, אז ניט וואָלט זי אין דעם העק, אָן אַ ליבן מענטשן ביי דער זייט, לאַנג ניט אויסגעהאַלטן. האָט זי אויסגענוצט די מעגלעכקייט וואָס איר מאַן האָט איר געגעבן און זיך פאַרנומען מיטן אויסריכטן דאָס הויז, אויפהענגען גאַרדינען, קויפן מעבל און סערוויזן לויט איר געשמאַק. אירע אַלע פאַרלאַנגען האָט איר מאַן, באַרני פליישער, באַפרידיקט, אָבער איר האָט עס צופרידנגעשטעלט נאָר אויפן מאָמענט. דער פאַרגעניגן פון האָבן אַ נייע זאַך האָט לאַנג ניט אָנגעהאַלטן און ווידער האָט דער אומעט זיך פאַרגנבעט אין איר געמיט, ווי אַ ווערעמל וואָס פאַרקריכט אין פלייש און גראַבלט און קראַצט ביז ווייטיק.

האָט זי געזוכט צו פאַרטרייבן די צייט און אָנגעקויפט זיך אין שטאָט אַ באַרג מיט די טייערסטע און אינטערעסאַנטסטע מאַגאַזינען און פאַרשיידענע זשורנאַלן, בעת זי איז געפאָרן איינהאַנדלען נייע זאַכן. און יעדער מאָל, צוריקקומענדיק, פלעגט זי זיך אַ וואַרף טאָן אויף דער לעדערנער זאָפע און פאַרזינקען אין די קורצע ליבע־דערציילונגען און פיקאַנטע פאַסירונגען וואָס קומען פאָר אויף דער וועלט צווישן מענער און פרויען: באַטרוג און ליבע, אייפערזוכט, זעלבסטמאָרדן און שווינדל, משוגענע בעלער און שאַמפּאַניער.

* * *

אז איר איז מיאוס געוואָרן דאָס לייענען האָט זי אָנגעהייבן בלעטערן די אַלע מאַגאַזינען און גוט ארייננקוקן אין די בילדער. זי האָט עפּעס געזוכט און אליין ניט געוווּסט וואָס, נאָר אז זי פלעגט געפינען אַ קאַריקאַטור ענלעך אויף איר מאַן — און אַזעלכע מיט פעט־אראָפּהענגענדיקע בייכער זיינען געווען אַ סך — האָט עס איר הנאה געטאָן, ווי זי וואָלט געפונען אַן אוצר. מיט אַ מאָל פלעגט זי אַ שליידער טאָן דעם גאַנצן פּאַק זשורנאַלן, אריינרופן איר דינסט און מען פלעגט זיך נעמען איבערשטעלן אַלע מעבל. זי פלעגט דעם זאַל איבערדרייען, די שיינע בילדער אויף די ווענט איבערהענגען און איבערלייגן די טייערע טעפּיכער פון שלאָפצימער אין זאַל און פאַרקערט. עס פלעגט אַלץ אויסזען ווי ניי, איבערגעשטעלט ,אַנדערש, און איר פלעגט זיך דוכטן אז אויך זי האָט זיך באַנייט.

די טעג ווען מ׳פלעגט אריינברענגען נייע באַשטעלונגען פון שטאָט פאַר איר, פלעגט זי זיין פאַרנומען מיט אויסשטעלן, איבערשטעלן, איבער־הענגען און אַלץ צופּאַסן אז עס זאָל זיין שיין. אָבער די טעג ווען קיין זאַך פלעגט ניט אָנקומען האָבן זיך געצויגן לאַנג און מאָנאָטאָן. פאַר נאַכט, אז די זון פלעגט זיך אַראָפּקייקלען צום גאָלדיק־בלויען האָריזאָנט, פלעגט זי שטיין און ארויסקוקן צום זונפאַרגאַנג און דאָס האַרץ פלעגט איר ציטערן, ווי זי וואָלט דערוואַרט עפּעס טרויעריקס. די טונקלקייט פלעגט לאַנגזאַם אָנהייבן קריכן מיט לאַנגע שאָטנס איבער דער ערד. גערטי פלעגט בלייבן שטיין פאַרגליווערט און איינגעוועבט אין דעם נאַכטיקן עלנט. זי פלעגט זיך אַ טרייסל טאָן, ווען די טיר פלעגט זיך אָן עפן טאָן און הינטער איר פּלייצע פלעגט מ״ר פליישער אַ ברום טאָן „וואָס עפּעס אין דער פינצטער, גערטי?״ און פלעגט אַ דריק טאָן דאָס קנעפּל. דאָס צימער פלעגט פאַר־פלייצט ווערן מיט אַ ליכטיקן שטראָם און גערטי האָט מיט די אויגן גע־פינטלט, ווי זי וואָלט ארויסגעפאַלן פון אַ חושכדיקן תהום.

„זע, האָסט שוין ווידער אַלץ איבערגעדרייט! צו וואָס דאַרפסטו עס?״ האָט ער זיך געלאַסטשעט צו איר און מיט אַ מאָל באַמערקט עפּעס: „דאָס איז אַ נײַ בילד, מסתמא טייער, האַ? ווי שיין עס איז!״ האָט ער באַוווּנ־דערט דאָס בילד און מיט זיין העסלעכן שמייכעלע אָנגעהייבן זיך דער־נענטערן צו איר. גערטי האָט געפילט ווי אַן עקל גייט אויף אין איר גאַנצן לייב און עס שווינדלט איר פאַר די אויגן. האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און זיך געלאָזט קושן און האַלדזן.

„זיך צוגעוווינען! מוזט זיך צוגעוווינען!״ האָט זי געהאַלטן אין איין ריידן צו זיך, ווי אין דער ערשטער נאַכט, בעת זיי זיינען געקומען אַהער, אָבער צוגעוווינט האָט זי זיך ניט. צוגעוווינט האָט זיך מ״ר פליישער. די ערשטע צייט איז אים דאָס געווען מאָדנע, וואָס זי איז אזוי פרעמד און קאַלט צו אים, ווי אַ סטאַטוע. ער האָט איר אפילו אַ פּאָר מאָל געפרעגט, וואָס זי גיט אים אפילו קיין גלעט ניט. זי האָט עס געטאָן, איבערגוואַלד, און דערפילט ווי זי וואָלט אָנגענומען אַ הויפן מוראַשקעס אין איר האַנט.

מיט דער צייט האָט זי זיך צוגעוווינט מעכאַניש אים צו גלעטן און ער האָט פון דעם געהאַט הנאה. וואָלט זי געפילט עטוואָס ליבשאַפט צו איר מאַן, וואָלט זי זיך באַמיט צופּאַסן צום נייעם לעבן, אָבער אָנשטאָט ליבע צו אים האָט זי גאָר אָנגעהייבן ליבן די שטומע זאַכן און איר שטוב.

דער טאָג איז געווען בעסער ווי די נאַכט. אַז זי פֿלעגט דערפֿילן זיין וואַרעמען ווייך־פֿליישיקן קערפּער לעבן זיך, פֿלעגט זיך עקן איר וועלט. ער פֿלעגט שוויצן, פֿרייכן און מורמלען מאָדנע ווערטער, און זי פֿלעגט מיט פֿאַרפּרעסטע ציין און מיט צוגעמאַכטע אויגן נאָכגעבן אַלע תאוות פֿון איר מאַן. נאָך דעם פֿלעגט ער פֿאַרהילכן דעם שלאָפֿצימער מיט אַ כראָפּען פֿון אַן איבערגעזעטיקטן אָקס. זי פֿלעגט נאָך מיט אָפֿענע אויגן ליגן וואַך און אין איר האַרצן האָט געברויזט כעס און חרטה אויף זיך און אויף איר משפּחה, וואָס האָבן זי פֿאַרקויפֿט. זי פֿלעגט פֿאַרקריכן אין ווייטסטן ווינקעלע אין בעט און ליגן שטיל און פֿאַרקראַמפּט, כדי ניט צו פֿילן דעם אָפּשטויסנדיקן גוף. אַז זי פֿלעגט זיך אויפֿכאַפּן פֿלעגט שוין דער טאָג זיין צעליכטיקט מיט פֿאַסמעס זון איבערן צימער. זי פֿלעגט אַ שפּרונג ארויס טאָן פֿון דעם ליידיקן בעט, ווי פֿון אַ גרוב מיט שלאַנגען, זיך איינוויקלען אין זיידענעם כאַלאַט און זיך פֿאַרשליסן פֿאַר אַ לאַנגע צייט אין באָד־צימער.

* * *

פֿיל מאָל האָט געגרטין אַ ברען געטאָן דער געדאַנק: אַ סוף זאָל עס נעמען! זי וועט אים איבערלאָזן אַלץ, זיין הויז, זיין רייכקייט מיט אַלע גוטע זאַכן און אַוועק ווו די אויגן וועלן איר טראָגן. אָבער אָפּגעהאַלטן פֿון דעם האָט זי צוויי זאַכן. ערשטנס, וואָס איר מאַן, באַרני פֿליישער, האָט זיך גראָד ארויסגעוויזן אָרנטלעך און פֿינקטלעך אין אויספֿירן זיינע צוזאָגן. דאָס וואָס ער האָט געהאַלטן וואָרט האָט אין אַ ווינקעלע פֿון איר האַרץ געוועקט צו אים סימפּאַטיע: ער האָט אַ גוטן כאַראַקטער! — האָט זי צו זיך אַ זאָג געטאָן, ווי זי וואָלט דערפֿונדן עפּעס וואָס קען אָנוואַרעמען אירע געפֿילן צום מאַן. אַז זי האָט געזען אַז אַ קורצע צייט נאָך דעם האָט ער שוין איינגעהאַנדלט אַ הויז פֿאַר אירע עלטערן, זיי זאָלן זיך ניט שטיקן אין די צוויי צימערלעך אין „באָרדינג הויז" און געגרטיס ברודער האָט ער געגעבן מיטלען צו עפֿענען אַ געשעפֿט, וואָס זאָל דער משפּחה געבן בכבודיק חיונה, האָט ער אין אירע אויגן געקראָגן אַ מער מענטשישן אָנזען. אָבער דער עיקר איז געווען, וואָס עס האָט זי געוואַרעמט די האָפֿענונג וועגן אריבערנעמען דזשעק אַראָנס, ווי זי האָט אים צוגעזאָגט, אַלס אָנגעשטעלטן אין איר מאַנס קאָנצערשן סטאָר.

איצט, נאָך מער ווי פֿאַר דער חתונה, האָט זי דערפֿילט אַז זי דאַרף האָבן דזשעקן נאָענט לעבן זיך. כאָטש אין איר האַרצן האָט זי נאָך אַלץ

געטראָגן אַ ניט געשטילטן פאַראיבל אויף אים, וואָס ער האָט זי צוגע־רעדט צום שידוך און אָפּגעשטויסן פון זיך, דאָך האָט זי געפילט אַז ס׳וועט לייכטער מאַכן איר לעבן אַז ער וועט דאָ זיין. ווען באַרני פליישער פלעגט ארויפליגן זיין פעטע האַנט אויף איר, פלעגט זי צומאַכן די אויגן און טראַכטן: דאָס איז דזשעק. פליישערן האָט זיך געדוכט, אַז גערטי האָט זיך ביסלעכווייז געענדערט, האָט ער זיך געשמאָלצן פאַר נחת און נאָך מער זי צעבאַלעוועט.

אַז באַרני פליישער האָט באַמערקט ווי זיין ווייב ווערט אַלץ מער צו־געלאָזן צו אים, האָט ער ביסלעכווייז אויך אָנגעהויבן זיך אַראָפּריידן פון האַרצן זיינע דאגות. צווישן אַנדערן האָט ער איר דערציילט, אַז ער איז ניט צופרידן פון עטלעכע אָנגעשטעלטע אין זיין סטאָר. „מענטשן" קען מען פאַרבייטן, האָט ער איר דערקלערט, נאָר אים פעלט איצט אַ מענטש מיט אַ פּען אין האַנט. אזא וואָס זאָל קענען אָנשרייבן אַ ציפער, אַן אינטעליגענ־טער בחור, וואָס זאָל זיין פעאיק אָנצופירן מיט דעם גרויסן ביזנעס. ווען ער האָט אַ מענטש, האָט ער זיך פאַר איר געקלאָגט אַן אַנדער אָוונט, אויף וועמען ער זאָל זיך קענען פאַרלאָזן, וואָלט ער געקענט מער אריינקומען אין דער קאַפעריטע, וואָס אַלץ, ווי אים דוכט, גייט דאָרטן כאַדאָראָם. חוץ דעם וואָלט ער דאָס לעבן „גענומען לייכטער, שוין צייט..." האָט ער צו איר צווײדייטיק געזאָגט. אים איז געפעלן געוואָרן, וואָס גערטי הערט אים אויס אזוי אויפמערקזאַם און קוקט אויף אים מיט פאַרטרוילעכע און אפילו פאַרליבטע בליקן. זי האָט זיך אין גאַנצן געענדערט, האָט ער געטראַכט אַ באַגייסטערטער.

„געוווינסט זיך צו ביסלעכוויז. ס׳איז דאָך אַלץ פאַר דיר!" האָט ער אָ צעוואַרעמטער זי ארומגעכאַפּט מיט די פעטע הענט און אַ קוש געטאָן.

„מע מוז זיך צוגעוווינען..." האָט זי באַשטעטיקט זיינע רייד.

זינט זי איז פאַרוואָרפן געוואָרן אין דער דאָזיקער וויסטעניש האָט גערטי אָנגעהאַלטן אַ שטילע קאָרעספּאָנדענץ מיט דזשעקן. די דאָזיקע בריוו־פאַרבינדונג האָט זי מאַסקירט אונטער דעם משפחה־שלייער — די בריוו פון דזשעקן האָבן פיגורירט ווי משפחה־בריוו. באַרנין איז גאָר קיין מאָל ניט איינגעפאַלן, אַז עס קען זיין אַנדערש. נאָך דעם געשפּרעך מיט איר מאַן האָט זי גלייך אָוועקגעשריבן אַ בריוו צו דזשעקן, אַז ער זאָל זיך ווענדן צו איר מאַן און אים פרעגן וועגן אַ שטעלע אין זיין קאָנצעשן סטאָר. זי

האָט אים געגעבן אויסגעשריבן די פּונקטן וואָס ער דאַרף אָנגעבן און זיינע דערפאַרונגען אין מיסחר. אויב ער וועט טאָן אזוי ווי זי עצהט אים, איז זי זיכער אז ער וועט באַקומען די שטעלע און ביידע וועלן זיין נאָענט — ער און אויך זי וועלן זיין צופרידן...

* * *

גערטי האָט קיין טעות ניט געמאַכט. אין די פאַרנאַכטן פלעגט זי שוין ניט שטיין מער פאַרגליווערטביים פענצטער און וואַרטן אז די נאַכט זאָל אַראָפּפאַלן אויף אירע שולטערן. איצט פלעגט זי שוין אָנצינדן אַלע לאָמפּן און מיט אַן אויפגעמונטערטער שטימונג דערוואַרטן גוטע נייעס. זי פלעגט זיך נאָכפרעגן ביים מאַן, ווי עס גייט אין ביזנעס, צי ער האָט געהאַט היינט אַ גוטן טאָג, צי די אָנגעשטעלטע זיינען געוואָרן בעסער, וועמען ער האָט געביטן און וועמען ער וויל אריינגעמען.

איין נאָכמיטאָג איז ער געקומען פריער פון געשעפט און גערטי האָט באַמערקט, אז זיין שטימונג איז אַ געהייבענע.

„מיר דוכט אז איך האָב דעם העכט", האָט ער פריילעך אַ פּאַק געטאָן מיט אַ בריוו צו גערטין און איר אַ קוש געטאָן. גערטי האָט פאַרמאַכט די אויגן און געפילט אויף איר באַק דעם אָנריר פון בייגעלע פּאַפּיר. דזשעק...

„לייען!" האָט ער אויסגערופן, איר דערלאַנגענדיק דעם בריוו. „דער באַי, דוכט מיר, שרייבט אַ גאַנץ פיינעם ענגליש".

גערטי האָט הויך אויפן קול געלייענט, אקצענטירט יעדן וואָרט, און באַרני האָט זיך באַלעקנדיק די פעטע ליפּן געזאָגט:

„ווי דו לייענסט עס, דאַרלינג! ביסטו ניט קיין קלענערע בריה אין ענגליש פון בריוו־שרייבער".

„אַ דאַנק פאַר דעם קאָמפּלימענט, באַרני", האָט זי געזאָגט אויפגעהייטערט.

„לויט מיין מיינונג איז ער דער פּאַסיקסטער קאַנדידאַט, ווי מיינסטו?"

„דו ווייסט בעסער, באַרני", האָט גערטי געענטפערט באַשיידן און צוריקגעהאַלטן.

באַרני פליישער איז געווען גליקלעך דעם אויפדערנאַכט. קיין מאָל איז נאָך גערטי אזוי ליבלעך און צוגעלאָזן ניט געווען.

אויף מאָרגן, נאָך איידער ס׳איז אַוועק אַן ענטפער פון מ״ר פליישערס ביוראָ צו דזשעק אַראָנס, האָט שוין גערטי אריינגעגעבן דעם שאָפּער אין האַנט אַ בריוו, ער זאָל עס מיטנעמען און אריינוואַרפן אין פּאָסט־קעסטל. זי האָט אויפגעמונטערט דזשעקן אז ער זאָל מאַכן אַן אָנשטרענגונג, טאָקע טאָן גוטע אַרבעט און געפעלן ווערן איר מאַן. ער דאַרף זיך היטן מ׳זאָל ניט דערקענען אַז צווישן זיי איז עפּעס פאַראַן און נאָך אַנדערע וואָרענישן האָט זי אים פאַרזאָגט אין איר בריוו.

אין עטלעכע וואָכן ארום איז שוין דזשעק אַראָנס געווען איינגעקוואַר־טירט אין דער גרויסער ווױנונג פון מ״ר פליישער און האָט אויך ביי זייער טיש געגעסן. ער האָט זיך מיט איבערגעגעבנקייט אַ נעם געטאָן צו מאַכן אַ טאָלק אין קאָנצעשן סטאָר, אויפנעמען און סאָרטירן די סחורות, און אַלץ האָט באַקומען אַ נייעם פּנים. די פּאָליצעס האָבן געצויגן דעם בליק פון יעדן קונד.

„מיר האָבן מיט אים געטראָפן!״ האָט באַרני אַ זאָג געטאָן צום ווייבל דעם זונטיק באַגינען נאָך דער ערשטער וואָך פון נייעם „מענטשן״. ער האָט געערעדט אַ צופרידענער פאַר ביידן: „מיר וועלן מיט אים אָפּכאַפּן די יאָרן, בעת די אַנדערע דערגייען די יאָרן״, האָט ער זיך געסטאַרעט צו זאָגן אַ קלוג ווערטל.

„גוט אז דו ביסט צופרידן מיט אים, באַרני!״ האָט זי מיט פריילעכע בליקן דורכן פענצטער באַגלייט דעם קוואַרטיראַנט, דזשעק אַראָנס, וואָס האָט אין זונטיקדיקן באַגינען זיך ארויסגעשפּאַצירט ווייט אין פעלד. ער האָט זיך געפרייט וואָס גערטי האָט באקומען אַ ליכטיק געזיכט, די לעצטע וואָכן שיינט זי.

גערטי האָט איצט געטראָגן צוויי פּנימער און ביידע פריילעכע — איי־נעם פאַר איר מאַן, אַ צווייטן פאַר דזשעקן, איינעם אַ געמאַכטן, דעם צווייטן — אַן אמתן.

מ״ר פליישער האָט זיך איצט אין גאַנצן געקענט פאַרלאָזן אויף דזשעקן. היות ווי די קאָנצעשן סטאָר האָט געמוזט שטענדיק האָבן אַ פּאָר אויגן פון אַ בעל־הבית, פלעגט מ״ר פליישער פאַרבייטן מ״ר אַראָנסן, ווי ער פלעגט אים בכבודיק רופן, פאַר דער שעה וואָס ער פלעגט גיין צום מיטאָג־עסן. אין דער שעה האָט גערטי ניט אָפּגעלאָזן דזשעקן אויף אַ רגע. זי האָט ארום אים ארומגעפלאַטערט, ווי אַ פאַרביק שמעטערלינג, וואָס שפּילט זיך

אין זון. פאַר גערטין האָט זיך גוט אריינגעפּאַסט וואָס איר מאַן האָט גע־מוזט בלייבן אויף דזשעקס אָרט און ביידע האָבן זיך געקענט אומגעשטערט אונטערהאַלטן און פריי זיך אויסריידן זייערע הערצער.

* * *

גערטי האָט געוווסט, אז איצט דאַרף זי זיין פיל מער געהיט ווי תמיד, ווייל דער קלענסטער פעלער קען אויפוועקן אַ חשד ביי איר מאַן און צע־ברעכן אַלע אירע פּלענער און אפשר אויך איר לעבן. זי האָט געזאָגט דזשעקן, אז מען מוז זיך שטאַרק היטן פאַר אַ פרעמד אויג און פאַר אַ פרעמדן אויער, ווייל אויב עמעצער, אפילו אַ שוואַרצער, וועט עפּעס באַ־מערקן צווישן זיי, קען עס שנעל דערגיין צום „באָס באַרני״.

גערטיס האַרץ האָט געציטערט ווען דזשעק פלעגט זי ארומנעמען ביי דער דינער טאַליע און צודריקן צו זיך — זי האָט געציטערט פון גליק און פון שרעק. אָבער מיט דער צייט האָט גערטי אויסגעשפּירט אַ זיכערן ווינקל דורך וועלכן זי האָט געקענט זען פון ווייטן צי עמעצער קומט פון געשעפט. דאָ האָט מען געקענט זען דורך אַ זייטיקן פענצטער, פאַרצויגן מיט אַ דיקן גאַרדין, אַלע אָפענע ווינקלען וואָס האָבן געפירט צום הויז. און כדי צו מאַכן זיכערער, האָט גערטי געזאָגט איר מאַן אז זי וואָלט גאָר ניט וועלן באַדינען מ״ר אַראָנסן מיטן מיטאָג. האָט באַרני גוטמוטיק צעשפּרייט זיינע דיקע ליפּן און געזאָגט: „וואָס אַרט דיך, גערטי, אז דו דערלאַנגסט אים די פּאָר טעלער, ס׳וועט דיר גאָרניט שאַטן. ער איז אַן אָרנטלעכער בחור״.

גערטי האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און געשוויגן, ווי אַ נאָכגעביקע פרוי.

די באַציאונגען צווישן גערטין און דזשעקן זיינען געוואָרן וואַרעמער און נענטער. פון טאָג צו טאָג זיינען געוואָרן אַלץ ווייניקער רייד און מער קושן — הייסע, זיסע, מיט בריאיקן אָטעם און מיטן דערפילן די צערטלדיקע האַנט אויפן נאַקעטן לייב, אונטער דער בלוזע. גערטי האָט שוין ניט איין מאָל געוואָלט אַראָפּרייסן פון זיך די קליידער, ווי מען רייסט אַראָפּ אַ דאַך פון אַ ברענענדיק הויז. איר לייב האָט געפלאַקערט פון דזשעקס יעדע באַ־רירונג. עס איז געווען ניט די פעטע פליישיקע האַנט פון איר מאַן מיט די קורצע פינגער, וואָס זיינען געקראָכן אויף איר ווי נאַסע זשאַבקעלעך... די שרעק האָט אָבער געצוימט אירע אַלע געפילן און לײדנשאַפטן.

אָבער איין מאָל אַ נאָכמיטאָג האָט פּאַסירט דאָס גרויסע גליק. איר מאַן איז אַ פאַרסאָפּעטער אריינגעפאַלן מיט אַ טעלעגראַמע אין האַנט: „זע,

גערטי, אַ טעלעגראַמע פון מיינע אַגענטן: 10.000 וואַלענע דעקעס צו פאַרקויפן בזיל הזול. די פאַבריק איז געגאַנגען 'מכולה' און איך קען אַמאָל גאָר אָפּקויפן די גאַנצע פאַבריק. גענוג געווען קרעמער, מיר וועלן ווערן פאַבריקאַנטן...״ האָט ער זיך געחכמעט און איר אַ פּעטן קוש געטאָן אין די ליפּן.

זי האָט אים וואַרעם צוריקגעקושט און נאַאיוו געפרעגט: „נו, וועט דער אַגענט די סחורה פאַר דיר אָפּקויפן?״

ער האָט אויף איר אַ כיטרען קוק געטאָן, ווי מען קוקט אויף אַ ניט דערפאַרענעם טויגעניכטס און פריילעך געענטפערט: „וואָס מיינסטו, כ׳וועל קויפן אַ קאַץ אין זאַק? כ׳מוז אליין די סחורה זען. עס גייט דאָך אין טויזנטער״.

„ווּעסטו מאָרגן גלייך באַגינען ארויספאָרן״, האָט זי אים געפּרוווט פאָרשן.

„וואָס? מאָרגן?״ האָט ער געשמייכלט. „ביז מאָרגן קען עס דער ווינט אוועקבלאָזן... איך פאָר טאַקע באַלד. כ׳האָב מ״ר אראָנסן שוין גע־געבן אָנווייזונגען וואָס צו טאָן. ער וועט פאַרשליסן די סטאָר און מיטנע־מען אַלע שליסלען צו זיך אין צימער און מאָרגן פרי עפענען. דאַרפסט זיך וועגן קיין זאַך ניט זאָרגן.״

גערטי האָט זיך ווי אַ באַליידיקט קעצל געטוליעט צו איר מאַן: „דאַרפסט מיך ניט לאָזן אליין... כ׳וויל דיר האָבן... פאַר ניט...״

„האָסט מורא, גערטי״, האָט ער איר געגלעט איבערן באַק מיט די פע־טע פינגער.

„ניין, אָבער ס׳וועט זיין אומעטיק״.

„כ׳וועל דיר טעלעפאָנירן אין אָוונט פון האָטעל, ווען כ׳וועל זיך האָבן ארומגעטאָן מיט ביזנעס״.

„בעסער וועל איך דיר טעלעפאָנירן״, האָט זיך גערטי געוואָלט פאַרזי־כערן, „ווּעסט דאָך זיין אין זעלבן האָטעל ווו מיר שטייען איין שטענדיק. כ׳וועל דיר טעלעפאָנירן 9 אַ זייגער און נאָך דעם גלייך שלאָפן גיין. ס׳איז אומעטיק אליין״.

זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים, אים אַ קוש געטאָן און געזאָגט: „פאָר געזונטערהייט און זאָל זיין מיט הצלחה!״

גערטי איז אים געגאַנגען באַגלייטן צום אויטאָ, צו ווייזן איר גינציקייט. זי האָט זיך אפילו אָנגעהאנגען אָן זיין פעטער האַנט. זי האָט געוווסט אז דאָס פאַרשאַפט אים הנאה. דער שאָפער האָט געעפנט דאָס טירל מיט אַ „גוד אַפטערנון, מע׳עם״, אויף וואָס גערטי האָט אַ שאָקל געטאָן מיט איר קעפל, און געשמייכלט צום מאַן. באַרנין איז געפעלן געוואָרן וואָס דער „שוואַרצער״ איז אזוי העפלעך צו זיין ווייב און ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך, אז היינט אָוונט וועט ער אים געבן אַ גוטן מאַלצייט, ווייל ער וועט דאָך דאַרפן שלאָפן דורך נאַכט אין אויטאָ. זי האָט אים נאָך פאַרריכט דעם זייַ־דענעם בלוי־רויטן געקעסטלטן קראַוואַט, וואָס ער פלעגט אָנטאָן בעת ער פלעגט פאָרן אין שטאָט זען סחורה און מאַכן באַשטעלונגען. ער פלעגט פאָרן אין דער פרי און שפעט נאָך מיטאָג, נאָך פאָרן פאַרשליסן די סטאָר, פלעגט ער שוין זיין צוריק.

דאָס מאָל איז געווען אזא איבעררראַשונג פאַר גערטין, אז דאָס האַרץ איז איר באַלד ארויסגעשפרונגען ווען דער אויטאָ האָט אַ ציִ געטאָן און לאַנגזאַם ארויסגעפאָרן פון הויף. זי האָט נאָך אַ שאָקל געטאָן מיט דער האַנט, ווען איר מאַן האָט דורכן פענצטערל ארויסגעשטעקט דעם קאָפּ און געשמייכלט. זי האָט געוואַרט אַ ווײַלע און אריינגעפאַלן אין שטוב.

מיט אַ קרעכץ פון דערלייכטערונג האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער זאָפע און געפילט ווי אַלע אירע גלידער ציטערן. ס׳איז געווען אזוי אָנגענעם צו ליגן אין דערוואַרטונג צו עפּעס גוטס וואָס דאַרף קומען. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און די שטילקייט ארום האָט איר איינגעוויגט ווי אין אַ זיסן חלום.

ווי לאַנג זי איז געלעגן האָט זי ניט געדענקט. זי איז געווען איינגע־דרימלט מסתמא אַ רגע צי צוויי. אַ ווינטל פון דרויסן האָט באַוועגט די דורכזיכטיקע גאַרדינען. דער נאָכמיטאָג איז געווען אַ גאָלדיק־זוניקער און די גרויסע פלאַכקייט פון ארום האָט דערמאָנט אָן שטעטל. זי וואָלט איצט זיך אריינגעוואָרפן אין קילן טייכל און געשווומען, נאָך דעם וואָלט זי גע־לעגן אויף דער גרינער שמעקעדיקער לאָנקע און זיך געלאָזט לאַשטשען פון די וואַרעמע זונשטראַלן.

פאַרנאַכטלעך האָט זי צוגעשיקט אַ צעטל דורך אַ שוואַרצן דינער צום „באָס מ״ר אַראָנס״. זי האָט אים געשריבן אז ארום 9 אַ זייגער, נאָכן טעלע־

פאָנירן איר מאַן, זאָל ער זיך אריינגנבבענען צו איר אין צימער. דער סימן: זי וועט אויסלעשן דאָס ליכט. דעם „באַי״ האָט זי געזאָגט, אז ער דאַרף איר גלייך ברענגען פראָדוקטן וואָס זי האָט דאָ אויסגעשריבן. זאָל ער גלייך שיקן אַ פעקל און צערייסן איר בריוו.

דער „שוואַרצער״ האָט צוריקגעבראַכט אַ פעקל. גערטי האָט אים געגעבן אַ שילינג פאַר דעם „גאַנג״ און ער האָט צוזיפגעלייגט בײדע הענט מיט הכנעה און דאַנק: „די מע׳עם איס גוד...״

פונקט ניין אַ זייגער האָט זי אָנגעקלונגען דעם האָטעל. דער „טעלעפאָן־באַי״ האָט איר געזאָגט, אז מ״ר פליישער האָט אים אָנגעזאָגט אז אויב מ׳וועט טעלעפאָנירן זאָל ער אים רופן — ער איז אין „באַר״ מיט אַ „גרויסן באָס״. זאָל די „מע׳עם״ וואַרטן אַ מינוט.

גערטי האָט געוואַרט און זיך אויפגערעגט, ווייל עס האָט אַ ביסל געדויערט, אָבער ווי נאָר זי האָט דערהערט דאָס קול פון מאַן האָט זי פריידיק אויסגערופן: „באַרני, דאַרלינג, ווי גייט דיר? מיר איז דאָ אזוי אומעטיק...״ האָט זי זיך געפּיעסטשעט מיט שטילינקע ריידעלעך. „דאָ האָסטו אַ קוש!...״ האָט זי אַ שמאָטשקע געטאָן אין טרייבל.

„גערטי דאַרלינג, איך גיב דיר צוריק אַ קוש. און כ׳וועל דיר ברענגען אַ פיינע מתנה. גראָדע זיץ איך איצט מיט מיין אַגענט אין באַר. דער מיסחר איז שוין כמעט פאַרטיק. איך וועל מאַכן אַן אייגנס״, האָט ער איר די גוטע נייעס דערציילט. „מאָרגן פרי וועל איך אָפּצאָלן און מ׳וועט מיר גלייך ארויסשיקן די סחורה״. איר האָט געלאַנגעווייליקט און געעקלט פון זיינע רייד און זי האָט שוין געוואָלט ער זאָל ענדיקן. אז זי האָט געהערט: „איצט גיי שלאָפן, דאַרלינג, מאָרגן ארום מיטאָג וועלן מיר זיך זען״.

„אַ גוטע נאַכט, באַרני, שלאָף גוט!״ האָט זי אריינגעשריען אין טרייבל און עס אוועקגעלייגט.

אַ האַלבע שעה שפּעטער איז געווען פינצטער אין הויז. דורכן אָפענעם פענצטער האָט די פרילינג־נאַכט אריינגעווייט אַ זיס־שיכורן דופט. גערטי איז געשטאַנען אַ באָרוועסע, אין זיידענעם נאַכטהעמד. זי האָט געשמעקט מיט פאַרפומען און פריש־ווייבלעכן לייב. עמעץ האָט אריינגעשלייכט און צווי שאָטנס האָבן זיך פאַראייניקט.

7

קלמנס ערשטע [illegible]

קלמן איז געזעסן בײַ זײַן פֿעטער װי אַן אײדעם אויף קעסט. דער גאַנצער װוילטאָג איז אים ניט אײַנגעגאַנגען און ער האָט זיך קײן אָרט ניט געפֿונען. ער איז אַרויס פֿון שטוב אין גאָרטן, פֿון גאָרטן אין גאַס אַרויס, געשפּאַצירט לענג אויס דעם טראָטואַר, אײַנגעקוקט אין פּנימער, שוואַרצע און װײַסע, און געפֿילט װי די כּוחות שפּאַרן אין אים. ער האָט געהאַט לוסט אַרונטערצוװאַרפֿן די מאַרינאַרקע און זיך שטעלן גראָבן דעם גאָרטן, צופּן די גראָז, גיסן װאַסער אויף די בלומען, װי דער שוואַרצער טוט עס. ער האָט שוין געװוּסט אַז מ׳קוקט קרום אויב אַ װײַסער שטעלט זיך אַװעק טאָן די אַרבעט. ער האָט אַפֿילו װעגן דעם מיט סאָניען זיך דורכגעשמועסט, זיך אַראָפּגערעדט פֿון האַרצן. ער האָט איר אָפֿנהאַרציק געזאָגט, אַז ער פֿילט זיך װי אַ בעל־עגלה װאָס זיצט אויף אַ װאָגן אָן אַ

פערד — עס רירט זיך ניט... ער האָט זיך פאַרשעמט, ווייל ער איז ניט זי־כער געווען, צי ער האָט זיך גוט אויסגעדריקט, נאָר סאָניע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און מיט התפעלות ארויסגעשריען:

„בראַוואָ, קלמן, דאָס איז דאָך אַ וואונדערלעכער פאַרגלייך, אַ זעלטע־נער קאַלאַמבור!"

קלמנען האָט דאָס מאָדנע וואָרט צעטומלט. ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אז ער האָט נאָך אַ מאָל געהערט אזא ענלעכן נאָמען, דער וואָס האָט אַנטדעקט אַמעריקע... קאַלאַמבוס, דוכט אים, האָט ער געהייסן. אויף אַ קרייזל פון „בונד" האָט איינער אַ מאָל גערעדט ווי דער דאָזיקער קאַ־לאָמבוס האָט אנטדעקט אמעריקע. איצט האָט ער פאַרשטאַנען, אז דער קאַ־לאַמבור מוז זיין אַ גרויסער מענטש, אפשר נאָך גרעסער ווי קאַלאַמבוס...

„מיר דוכט אז כ׳וועל שוין גאָר אַ גאַנצער אינטעליגענט..." האָט ער זיך געפּרוווט פאַרענטפערן פאַר סאָניען און געוואָלט אויסמיידן צו פרעגן ווער דער קאלאמבור איז. „איר זעט, מיינע הענט זיינען שוין דורך די עט־לעכע טעג אויסגעאיידלט געוואָרן".

„אויסגעאיידלטע הענט מיינט נאָך ניט אז מ׳איז אַן אינטעליגענט", האָט אים סאָניע אין פּנים ארייגעשמייכלט. „מ׳קען האָבן אויסגעאיידלטע הענט און זיין ווייט פון אַן אינטעליגענט, און פאַרקערט — מ׳קען האָבן מאַזאָלירטע הענט און זיין אַן אינטעליגענט. עס ווענדט זיך וויפל מען ווייס און ווי מען פאַרשטייט זאַכן. חוץ דעם איז עס אויך אין דער נשמה פון מענטשן — אַ מענטש קען פאַרמאָגן אַן איידעלע נשמה מיט האַרעפּאַשנע הענט".

קלמן האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר פרעגנדיקע אויגן אויף סאָניען און זיך באַמיט צו פאַרשטיין וועגן וואָס זי רעדט. ער האָט געפרעגט מיט חברישער וואַרעמקייט:

„מיינט איר, סאָניע, צו זאָגן, אז צווישן פּראָסטע און ניט געלערנטע מענטשן קען מען אויך אַ מאָל טרעפן מענטשן אינטעליגענטע?"

„געוויס!" האָט סאָניע באַשטעטיקט. „אָבער איך זע, קלמן, אז איר לייגט דעם טראָפּ אויף אינטעליגענץ, אָבער ניט אַלע מאָל איז עס אַ פּאָזי־טיווע דערשיינונג. מ׳קען זיך זיין אַ גאַנץ אינטעליגענטער מענטש און גלייכצייטיק האָבן אַ פאַרדאָרבענעם כאַראַקטער. און אויך קען מען עס אומדרייען פאַרקערט: מען קען זיין אַ פּראָסטער מענטש, ניט קיין גע־

בילדעטער און אפילו מיט ווייניק אינטעליגענץ, אָבער מיט אַ גאָלדענעם כאַראַקטער. פאַרשטייט איר, קלמן״.

„יאָ, איך פאַרשטיי, אזא זאַך קען איך טרעפן...״ ער האָט זיך אַ רגע פאַרטראַכט און גאָר אומפאַרהאָפט אַ פרעג געטאָן: „זאָגט מיר, סאָניע, וואָס פאַר אַ סאָרט מענטש איז דער לערער אייערער, אָט דער מ״ר גרינבלוי?״ און קלמנס גוטמוטיק פּנים איז פאַרגאָסן געוואָרן מיט אַ רויטקייט.

סאָניע האָט אריינגעקוקט מיט איר ליבן שמייכעלע אין קלמנס צעטומלטע אויגן, און קלמן האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, ווי זי וואָלט אים געכאַפּט ביי דער האַנט...

„וועל, מיין לערער, מ״ר גרינבלוי...״ האָט סאָניע גערעדט בנעימות־דיק, זוכנדיק גלייכצייטיק די פּאַסיקע ווערטער. „יאָ, ער איז זייער אַ פיינער מענטש. ער ווייס אַ סך. ער האָט געלערנט פיל און הערט נאָך היינט ניט אויף לערנען. ער איז אַ גאָר אינטעליגענטער מענטש, אפילו מער ווי דאָס — ער איז אַן אינטעלעקטואַל!״

קלמן האָט פון דעם פאַרשטאַנען אז דאָס לעצטע וואָרט באַצייכנט מסתמא אַ גאָר הייכע מדרגה פון אַן אינטעליגענט, ווי פון אַ הונדערטער ווערט אַ טויזנטער... איצט האָט קלמן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם געפרעגט: „האָט ער אויך דעם גאָלדענעם כאַראַקטער, וועגן וואָס איר האָט ערשט גערעדט?״ ער האָט זיך מיט ליכטיקע בליקן איינגעגראָבן אין סאָניעס פּנים, ווי איינער וואָס דערוואַרט דעם מעכטיקן אויפרייס פון אַ דונער נאָך דעם בלענדיקן בליץ.

„אויף אזוי וויט קען איך אים ניט״, האָט סאָניע געלאַסן גערעדט. „ער איז ניט מיין טיפ״, האָט זי געזאָגט. געמיינט האָט זי מיט דעם אז ער געפעלט איר ניט.

* * *

קלמנען האָט ארומגעכאַפּט אַ פרייד. דער דערוואַרטער קלאַפּ איז ניט געקומען. ער האָט זיך באַרואיקט און געוואַרט אויף נאָך רייד פון סאָניען.

זי האָט זיך אויפגעהויבן פון דער ווייכער סאָפע און אויסגעגלייכט די גלידער. זיי זיינען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן און געשמייכלט. זי האָט אים געקוקט גלייך אין פּנים אריין און ווייטער גערעדט:

„איך וועל אייך זאָגן דעם ריינעם אמת, קלמן: דער מ״ר גרינבלוי אינטערעסירט מיר נאָר אויף אזוי פיל אויף וויפל ער איז מיין לערער,

אוודאי שאַץ איך אָפּ זיינע קענטעניש און זיין גוטן מעטאָד אין לערנען די ענגלישע שפּראַך. איך האָב געמאַכט מיט אים אַ גוטן פּראָגרעס. דאָס איז אַלץ. אַלס קאַוואַליער אינטערעסירט ער מיך זייער ווינציק, און ריכטיקער וועט זיין: ער אינטערעסירט מיך אַבסאָלוט ניט ווי אַ מאַן...״

אויף קלמנס פּנים האָט זיך דער שמייכל נאָך ברייטער צעגאָסן. ער האָט זיך געפּרייט צו הערן די דאָזיקע רייד. ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט, אים איז געוואָרן לייכטער אויפן האַרצן. סאָניע איז געשטאַנען אַנטקעגנאיבער. ער האָט געפילט די וואַרעמקייט פון אירע באַקן, וואָס רויטלען זיך. ער האָט איצט פאַרשטאַנען, אַז מיט איר דערקלערן דעם אומאינטערעס אין מ״ר גרינבלוי, האָט זי עס געמיינט צו זאָגן אַז אין אים, אין קלמנען, האָט זי יאָ אינטערעס.

ניט דרייסט האָט ער אָנגענומען סאָניעס האַנט, וואָס איז געווען וואַרעם און זיידיק. ער האָט זי מיט צאַרטקייט צוגעצויגן צו זיך, ווי מ׳ציט איידל אַ דין־גאָלדענעם האָר ער זאָל ניט פּלאַצן. ער האָט מיט ליבשאַפט אַריינגעקוקט אין אירע אויגן און שטיל געררעדט: „אָבער ער איז דאָך פאַר־ליבט אין אייך, סאָניע. דאָס קען דאָך יעדערער זען. און אויף וויפל איך פאַרשטיי, מוז ער דאָך זייערליידן דערפון״.

זי האָט זיך לייכט אָנגעלענט אָן זיין ברוסט. קלמן האָט זי מיט זיין ברייטער האַנט צוגעטוליעט צו זיך. עס האָט זיך אים געדוכט אַז דאָס איז אַ חלום. זי האָט גערעדט אַזוי שטיל, אַז מ׳האָט עס קוים געהערט: „בין איך דען שולדיק אין דעם ?״

„געוויס ביסטו ניט שולדיק!״ האָט קלמן מיט איין מאָל אָנגעהייבן סאָניען זאָגן „דו״. ער האָט געפילט אַז ער טאָר אַנדערש צו איר ניט ריידן אין דעם מאָמענט. ער האָט געפילט אַז פון איצט אָן וועט זי זיין זיינע, זיינע! ער האָט זיך באַהערשט ניט אויסצושרייען זיין פרייד איבער דער גאַנצער שטוב. קלמן האָט זי אַריינגענומען אין זיינע ברייטע אָרעמס ווי אַ קליין קעצעלע. זי איז געווען ווייך און צוגעלאָזן. ער האָט איצט גע־פּליסטערט אין איר אויער אַזעלכע ווערטער, וואָס זיינען אים אַליין אויס־געקומען מאָדנע: „ווי קענסטו גאָר זיין שולדיק, אַזאַ מלאך ווי דו ביסט! און וואָס איז דיין שולד אַז איך ליב דיר? איך בין משוגע פאַר דיר פון דער ערשטער מינוט, ווען איך האָב דיר דענסטמאָל געטראָפן ביי אונדז אויפן וואָקזאַל. גלויב מיר, סאָניע, אַז פון דעמאָלט לעב איך נאָר פאַר דיר...

איך טראָג דיר ארום אין מיין האַרצן שוין אַ סך חדשים. איך טראַכט נאָר פון דיר. און צוליב דיר בין איך טאַקע פון פאַניען אַנטלאָפן. כ׳האָב געשטעלט מיין לעבן אין סכנה, ווייל עס האָט מיך געצויגן צו דיר... כ׳האָב געפילט אז איך וועל ניט קענען לעבן אָן דיר. איך האָב פאַרלאָזן מיין מאַמען, כאַטשען און העטשען און אלע מיינע פריינד נאָר צוליב דיר. און איצט בין איך אזוי נאָענט לעבן דיר... האַלט דיך אין מיינע אָרעמס... מיין מלאך... מיין מאַמעלע... פאַרשטויס מיך ניט פון זיך, לאָז מיך דיך ליבן... סאָניע... טייערע... סאָניע...״

קלמן האָט זי געדריקט צו זיך, ליבלעך און ציטערדיק. ער האָט דערפילט דעם גערוך פון אירע האָר, וואָס האָט אים אַ שלאָג געטאָן אין נאָז מיט שיכרות. עס איז געווען ניט די שיכרות פון ווייַן, נאָר אַ שיכרות וואָס האָט אים פאַרשווינדלט מיט אַ וואַרעמע זיסקייט ארום האַרצן. ער האָט זיך אָנגעבויגן און זי געקושט אין קאָפּ, אין שטערן, אויף די סאַמעטענע באַקן, אין די צוגעמאַכטע אויגן און ווען ער האָט באַרירט אירע ליפּן, האָבן זיך מויל צו מויל צוזאַמענגעשלאָסן ביז עס האָט זיי אָטעם פאַרפעלט.

ער איז געשטאַנען ווי פאַרטראָגן אין אַ פרעמדער וועלט. סאָניע האָט אים צוריקגעשמייכלט ווי פון אַ נעפּל ארויס. איז עס אַ חלום?... און זיי האָבן זיך קוים אָפּגעריסן איינער פון צווייטן.

קלמן גרייט זיך צו אַרבעטן

קלמן האָט שוין געוווסט אַלץ וואָס טוט זיך אין און ארום הויז פון זיין אָנקל, אָבער די שטאָט האָט ער נאָך רעכט ניט באַוויזן אָנצוקוקן, זיך באַקענען מיט די פאַרשיידענע מענטשן פון די הויפּט־גאַסן, מיט זייער געלאָף און געאייל. אים איז אויך געווען דערעסן דאָס ארומדרייען זיך אין ענגן קרייז פון די באַקאַנטע. דאַן האָט זיך גראָדע אָנגערוקט אַ שטעלע אין אַ „קאָפּעריטע״.

אין אַ זונטיק, ווען אַלע זיינען געזעסן ארום טיש צו מיטאָג, האָט זיין אָנקל דערציילט אז ער האָט די וואָך געטראָפן זיינעם א באַקאַנטן, אַ סוחר און אַ בעל־הבית פון אַ קאָנצעשן סטאָר, וואָס זוכט ארום אַ מענטשן. ער האָט געזאָגט, אז ער וויל אָן אָרנטלעכן בחור, מעג ער אפילו זיין אַ „גרינער״. ער האָט מ״ר מייקלען דערציילט, אז בלאַטע חברה האָבן אים בדלות גע־

שטעלט, מ׳האָט ניט אכטונג געגעבן אויף די שוואַרצע און אליין אויך ניט פאַרשטאַכן די פינגער. ווייל ער איצט מער קיינעם ניט געבן קיין „דזשאב״, ביז ער וועט אויף זיכער ניט וויסן אז דער מאַן וואָס קומט צו אים איז אָרנטלעך און ער קען זיך אויף אים פאַרלאָזן. אז מייקל האָט אים דער־ציילט, אז ביי אים געפינט זיך אַ פלימעניק, אַ היימישער, טאַקע נאָך אַ „גרינער״, האָט ער זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, כאַטש גיי גלייך און שיק אים אַפּ אין דער „קאַפּעריטע״ אריין.

„דאָס איז אַ מהלך רב, ווייט פאַרוואָרפן פון אַ יישוב, ארום אַ הונדערט מייל פון שטאָט, טאָ ווי האָט מען עס אַ האַרץ און מ׳שיקט אוועק אַן אייגענעם פלימעניק, וואָס האָט נאָך רעכט ניט אָנגעוואַרעמט די פיס אין דער מדינה? האָב איך אים געגעבן צו פאַרשטיין״.

קלמן האָט זיינע אויגן ברייט צעעפנט. ער האָט זיך ניט געקענט איינ־האַלטן און אָן צערעמאָניעס זיך אַ קער געטאָן צו מ״ר מייקלען: „אַנקל, ווו איז דער מאַן? גלייך מאָרגן קען איך דאָך פאָרן צו דער אַרבעט. מ׳טאָר עס ניט אָפּלאָזן!״ ער האָט אָנגעהייבן אָנשטאָט פעטער זאָגן „אַנקל״.

מ״ר מייקל האָט געקוקט מיט פאַרלאָפענע אויגן אויף קלמנען און ארויסגעברומט: „זע נאָר אַן איילעניש אויף אים! מ׳קען נאָך מיינען, אז מ׳יאָגט דיר פון דאַנען. עס ברענט ניט! פריער עס אָפּ, מ׳וועט זיך דורכ־שמועסן און דורכטראַכטן די זאַך. ניט עס ברענט און ניט דער דזשאָב וועט אַנטלויפן. אז ער דאַרף דיר, איז בעסער אז ער זאָל קומען צו דיר!״ האָט מ״ר מייקל געלערנט זיין פלימעניק הלכות דזשאָב־סטראַטעגיע.

„אַנקל״, האָט זיך קלמן געבעטן, „איך וויל אַרבעטן! כ׳קען זיך ניט ארומדרייען אָן אַ שטאָך אַרבעט. איך האָב אַלע מאָל פיינט געהאַט די ליידיקגייערס און קיין מאָל ניט פאַרשטאַנען, ווי אזוי אַ מענטש קען לעבן אָן אַ מלאכה, סתם אזוי אין דער וועלט״.

מייקלען איז געפעלן געוואָרן זיין פלימעניקס רייד און ער האָט ארויס־געכיכיקעט מיט אַן אויפגעהייטערט געלעכטערל: „קלמן, כ׳האָב גאָר ניט געוווּסט, ביסט דאָך מיר אַ גאַנצער פילאָסאָף... מיר געפעלסטו אזוי, קלמן״.

ראָזין האָט אָבער אַ ברען געטאָן דאָס ליובען זיך פון איר מאַן מיט קלמנען. חוץ דעם האָט זי איצט געזען אַ פּאַסיקע געלעגנהייט ווי אזוי אוועקצושיקן קלמנען, וועט אפשר סאַניע פאַרגעסן אָן דעם גרויסן גראָבן יונג. האָט זי זיך אַ ריס געטאָן:

„און איך האַלט אז ס׳איז ניטאַ וואָס צו שמועסן און וואָס צו טראַכטן. קלמן איז גערעכט, אז ער וויל אָנהייבן אַרבעטן, דאַרפסטו אים ניט אָפּ־האַלטן״, האָט זי געטייטלט אויף איר מאַן מיט אַ פינגער, ווי זי וואָלט אים וועלן מיט דעם קלאָר מאַכן זיין טעות. „זעסט דאָך אז קלמן קריכט פון דער הויט אַרויס צו קריגן אַ דזשאָב, איז דאָך אַ קאַפעריטע דער פּאַסיקסטער אָרט פאַר אים. אין שטאָט וועט ער קיין אַרבעט אָן אַ שפּראַך ניט קריגן. ווער וועט נעמען אַ גרינעם? און אין קאַפעריטע וועט ער זיך אַ ביסל אויס־גרינען״.

קלמן האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן ראָזיס רייד און איר ניט געלאָזט פאַר־ענדיקן: „אזא מזל אויף מיר, ווי די טאַנטע איז גערעכט! די ערשטע צייט, וואָס עס מאַכט זיך נאָר איז גוט, אַבי אָן אַרבעט. כ׳האָב איך דאָך שוין געזאָגט, אָנקל, אז אומגיין ליידיק קען איך ניט, איך ווער משוגע זיך ארומדרייענדיק מיט פאַרלייגטע הענט. איך וויל ניט ווערן אַ כביאַק, וואָס זיצט אויף קעסט. ווי רופט איר עס, אָנקל, אַ ׳קאַפעריטע׳? טאָ זאָל זיין אַ ׳קאַפעריטע׳ און אַראָפּ פון מאַרק. קלמנקע איז געווינט צו האָרעווען, נישקשה, די ׳קאַפעריטע׳ וועט אים ניט אויפעסן...״ און ער האָט אַ קוק גע־טאָן צו סאָניען מיט אַ פאָר בעטנדיקע אויגן, ווי ער וואָלט געזוכט איר הילף.

סאָניע האָט אָנגעשטעלט אויף קלמנען אַ פּאָר גרויסע אויגן. אין זיי איז געווען אי פאַרדרוס און אי פאַרוואונדערונג פאַר וואָס ער האָט זיך אריינ־געצויגן אין אָט דער זאַך. איר האָט געערגערט פאַר וואָס ער וויל אַוועק אזוי ווייט, צוליב דעם איז זי געווען אָנגעשטויסן אויף אים און זיין באַגייס־טערונג האָט זי אויפגערעגט:

„איר ווייסט ניט וואָס איר רעדט, קלמן. איר ווייסט ניט וואָס דאָס הייסט אַרבעטן אין אַ קאַפעריטע. וועט איר נאָר פאַרזוכן דעם טעם, וועט איך אָפּפאַלן דער אַפּעטיט. דאָס איז אַ שקלאַפישע אומדאַנקבאַרע ארבעט. און ווערדליק מיר, די וואָס געפינען זיך דאָ שוין לאַנג, ווייסן, איז עס איינע פון די שווערסטע ארבעטן און ניט אַלע קענען אויסהאַלטן לאַנג ביי דעם״.

קלמנען האָט געוואונדערט אירע ערנסטע רייד און נאָר מער אירע כעסדיקע בליקן. אָבער גראָדע דאָס האָט געהאָט די פאַרקערטע ווירקונג; ער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן און האַרציק זיך צעלאַכט מיט זיין געזונטן געלעכטער.

„סאָניע לעבן, געזונט זאָלט איר מיר זיין! די שווערסטע ארבעט, זאָגט איר. איז מיינט איר אוודאי אז קלמן דערשרעקט זיך פאַר דעם. איך האָב פאַר קיין שווערע אַרבעט קיין מורא ניט. אַ נאָש בראָט איז געווינט צו שווערע אַרבעט, און איך געדענק בכלל ניט דעם טאָג, ווען איך האָב געטאָן אַ גרינגע ארבעט. מיין גאַנץ לעבן האָב איך געאַרבעט און מיר קומט אָן די שווערסטע אַרבעט גרינג. פאַר מיר איז ניטאָ אזא זאַך ווי שווער. מ'דאַרף נאָר וויסן ווי אזוי צוצוגיין צו אַן ארבעט, און די שווערסטע אַרבעט ווערט לייכט ווי אַ האָר פון מילך".

סאָניע איז געזעסן אַ צעטומלטע פון זיינע האַרטע רייד. זי האָט זיך שנעל איבערגעלייגט: אפשר איז טאַקע קלמן גערעכט. אַ יונג ווי אַ דעמב און דער כוח שפּאַרט פון אים, ווי די וואַסערן וואָס פלייצן אויס אין פרילינג. האָט זי שוין ניט געוואָלט אים איבעררײדן און ניט געענטפערט.

ראָזי האָט מיט צופרידענע זיגערישע בליקן געקוקט צום געזונקענעם קאָפּ פון איר שוועסטער, ווי צו אַ שונא וואָס איז געפאַלן אין שלאַכט. איצט, אין דער שטילקייט, נאָך קלמנס פאָדערונג, איז שוין קלאָר געווען אז די זאַך איז אַ באַשלאָסענע.

מ"ר מייקל האָט געמאַכט אַ פּלאַן, אז נאָך דעם מיטאָג־שלאָף וועט ער זיך צוכאַפּן צו זיין פריינד און דערליידיקן דעם „דזשאָב" אין קאַפּעריטע. קלמן איז געזונט ווי אַן אָקס און וועט זיך אויסטויגן.

סאָניע איז שוין אין האַרצן אויך געווען אויף קלמנס זייט און איר האָט פאַרדראָסן די שאַרפע רייד קעגן דעם. זי האָט אויך געפילט אין די דע־צידירטע רייד פון קלמנען די שטאַרקייט פון זיין כאַראַקטער, וואָס האָט איר אָנגעפילט מיט שטאָלץ. קלמנען האָט געטריבן זיין פעסטער ווילן אָנצוהייבן עפּעס טאָן, אַרבעטן און פאַרדינען אויף אויסקומעניש, ניט זיין אָנגעוויזן אויף דעם אָנקל מיט דער טאַנטע, וואָס זי, ווי ער האָט גע־מערקט, ווייזט טאַקע ניט ארויס קיין צופרידנקייט פון זיין ארומדרייען זיך אין די אויפגעראַמטע שטובן. און ווייל ער איז שוין געווען פאַרמאַטערט פון אומגיין ליידיק, האָט ער זיך איצט אָנגעכאַפּט אָן דעם פאָרשלאָג פון אָנקל, אין גאַנצן פאַרגעסנדיק אז ער וועט זיך דאַרפן צעשיידן מיט דעם, וועמען ער האָט אזוי ליב און צוליב וועמען ער איז געקומען אין דער מדינה.

אַלע זיינען זיך צעגאַנגען פון מיטאָג־טיש. דער אָנקל איז אריין אין שלאָפצימער כאַפּן זיין זונטיקדיקן נאָכמיטאָג־שלאָף. מיט אים צוזאַמען איז געגאַנגען די טאַנטע. סאָניע איז אויך ערגעץ פאַרשווונדן, ווי זי וואָלט אים געוואָלט אויסמיידן. קלמן איז געבליבן אליין אין גרויסן עס־צימער און ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. אים האָט איצט געעגבערט אין מוח איין געדאַנק: דאָס צעשיידן זיך מיט סאָניען. איצט, ווען ער איז שוין אזוי נאָענט מיט איר, וועט ער פאַרוואָרפן ווערן אין אזא ווייטקייט. אים האָט אזוי ניט געאַרט די איינזאַמקייט און אוודאי ניט די שווערע ארבעט, נאָר דאָס אַוועקגיין פון סאָניען. פאַר קלמנען איז אומעטום געווען אַ וועלט און אַלע מענטשן זיינען געווען פאַר אים גוט, אָבער איצט האָט אים גע־דריקט דער אומעט פון אָפּגעריסן ווערן פון סאָניען. מסתמא האָט זי עס געפילט, ווען זי האָט גערעדט קעגן דעם פּלאַן, האָט ער געטראַכט. ער האָט אויסגעקוקט אז סאָניע זאָל אריינגיין. קיינער איז ניטאָ ווער עס זאָל זיי שטערן.

קלמן איז געשטאַנען אין זיין גאַנצער הייך און ארויסגעקוקט דורכן פענצטער. ער האָט געוואַרט אויף סאָניען. זי מוז צוריק אריינקומען, האָט ער אָנגעשטרענגט געטראַכט און געפילט אז באַלד וועט זי דאָ זיין. קען זיין אז זי האָט זיך פאַרזאַמט, ווייל זי וויל ניט נאָכגעבן, אָדער זי וויל אז דער אָנקל און איר שוועסטער זאָלן דערווייל איינדרימלען.

* * *

די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און אריינגעפלייצט גינגאָלדענע שטראָמען דורך די ברייטע פענצטער. אזא זון האָט קלמן אין שטעטל קיין מאָל ניט געזען, אפילו אין די שענסטע זומער־טעג. דאָ איז טאַקע אַ גאָלדן לאַנד, האָט ער געוואָלט אויסשרייען. ער האָט געפילט ווי די ליכטי־קע שטראַלן דרינגען אריין אין זיינע גלידער און גיסן אים אָן מיט נייע קרעפטן. ער האָט פון הנאה צוגעמאַכט די אויגן און זיין ברוינעם פּנים אויפגעהייבן צו דער זון. דאָס ווינטל וואָס האָט אריינגעבלאָזן דורכן אָפע־נעם פענצטער האָט געקילט זיין פּנים. ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע מוס־קולירטע אָרעמס פון ביידע זייטן, אַזש די ביינער האָבן אויסגעקנאַקט, און דערשפּירט דעם אייגענעם כוח.

מיט אַ מאָל האָט ער דערפילט אַ פּאָר ווייכע הענטלעך אויף זיינע פאַרמאַכטע אויגן. ער האָט זיך אַ קער געטאָן אַ דערפרייטער, אָנגעכאַפּט

סאַניען און מיט שווינדלדיקער גיכקייט זיך געדרייט מיט איר אויף איין אָרט, ווי מיט אַ קליין קינד.

„סאַניע!..״ האָט ער געשעפּטשעט פון איבערראַשונג און זי אַראָפּ־געשטעלט אויפן טעפּיך ווי אַ ליאַלקע, באַזאַכט און פּאַמעלעך. זי האָט אים געדראָט מיט אַ קליין פינגערל: „שששא, זיי וועלן זיך אויפכאַפּן... זיי וועלן דערהערן... כ׳וויל זיך מיט דיר דורכריידן...״

זיי זיינען אריבער אין זאַל. דאָ איז געווען אַ ביסל ווייטער פון די שלאָפצימערן און מ׳האָט זיך ניט געדאַרפט אַזוי היטן. דער קאָרידאָר פון די שלאָפצימערן איז געווען לאַנג און די שווערע טירן האָבן ניט דורכגע־לאָזן קיין קלאַנג. זיי האָבן זיך געזעצט אויף דער סאָפע און שטיל געשוויגן, ווי זיי וואָלטן געוואַרט ווער ס׳זאָל אָנהייבן.

„קלמן, איצט פאַרשטיי איך דיך, אַנטשולדיק״, האָט סאַניע וואַרעם ארויסגעפּליסטערט. קלמנען האָט אַ זיסקייט זיך צעגאָסן אין האַרצן. אירע רייד האָבן אים געגלעט. „איך ווייס ווי שווער דיר איז ארומצוגיין ליידיק. איצטער פאַרשטיי איך עס... איך האָב זיך פון דעם קיין חשבון ניט אָפּגעגעבן און דערפאַר בין איך געווען קעגן...״

„סאַניע... איך ווייס...״ האָט קלמן קיין ווערטער ניט געפונען. דאָס האַרץ איז פון אירע רייד געווען אויפגעוואַרעמט און ער האָט געפילט אַז ער דאַרף ריידן מיט איר אָפן, זיך ניט שעמען.

זי האָט געהאַלטן זיין האַנט און עס געגלעט, ווי אַ קינד וואָס מ׳וויל איינגעמען און באַרואיקן: „קלמן, כ׳ווייס. איך ווייס אַלץ, אַלץ!״

קלמנען איז נאָך וואַרעמער געוואָרן פון איר קליין סאַמעט־הענטל אויף זיין מענעריש־ברייטער האַנט. ער האָט געוואָלט זיך אַראָפּריידן פון האַרצן, זאָל זי וויסן וואָס ער טראַכט:

„סאַניע, וואָלט איך געקענט די שפּראַך פון די מענטשן, וואָלט איך זיך אפשר צו מיינע היימישע אַרבעטן גענומען. כ׳וואָלט זיך ניט געשעמט, סאַניע. מיטן אָנקלס הילף וואָלט איך זיך אַ פּערדל איינגעהאַנדלט און וואָלט אפילו געוואָרן אַ היגער איזוואָשטשיק. צי כ׳וואָלט גאָר אוועק אויפן וואָקזאַל און אַ טרעגער געוואָרן, אָבער טו און מאַך, אז איך בין טויב און שטום. און אז מ׳וויל אין קאָפּעריטע אָננעמען אַ גרינעם ווי מיר...״

„הער אויף זיך צו פאַרענטפערן!״ האָט אים סאַניע ליבלעך־שטרענג איבערגעריסן.

„יאָ, און דאָס זיין ווייט פון דיר, סאָניע!" האָט קלמן שאַרף ארויסגע־רעדט, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט דאָס וויכטיקסטע. זי האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ און געשוויגן. האָט ער זי אַ קוש געטאָן אין נאַקן און שטיל און קלאָר געפרעגט:

„וואָס אַרט דיך מער — מיין שווערע אַרבעט אָדער דאָס זיין צעשיידט און ווייט איינער פון צווייטן?"

זי האָט נאָך אַלץ געשוויגן, האָט ער מיט צוויי פינגער איר אָנגענומען אונטערן גאָמבעלע, און אויסגעדרייט איר פּנים צו זיך און באַמערקט אין אירע א"יגן אַ פייכטן גלאַנץ, אין וועלכן די זון האָט געטאַנצט מיטן ציטער פון דימענטלעך.

„ביידע זאַכן!" האָט זי געענטפערט שטיל און דעצידירט, און אירע בליקן האָבן אויפגעלויכטן מיט ליבשאַפט.

קלמן האָט איר געוואָלט אַ כאַפּ טאָן, אַ הייב טאָן און זיך ווידער דרייען מיט איר. ער איז געווען באַגייסטערט, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן ניט צו מאַכן קיין טומל. ער האָט איר אָנגענומען ביי די דינע אַקסלען, און גלעטנדיק אירע באַקן האָט ער גערעדט מיט עקסטאַז און אָן אויפהער, ווי אַ וואַסער וואָס שטראָמט באַרג אַראָפּ:

„סאָניע טייערע, כ'האָב זיך ניט גערעכט אַז דיין ענטפער וועט זיין אַזאַ גוטער, אַז אין איין שעה וועסטו מיך קענען פאַרשטיין און פילן מיין לאַגע. דיין ענטפער וועט מיר געבן מוט צו גיין ווייט און די שווערסטע אַרבעט וועט מיר לייכט זיין. אָבער זאָרג זיך ניט, סאָניע, צו לאַנג וועלן מיר ניט זיין צעשיידט. איך וועל זיך נאָר אַ ביסל אויסגרינען און אָפּשפּאָרן עטלעכע גראָשן, כדי ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעמס טובות, וועל איך גלייך צוריק־קומען. און אפילו די צייט וואָס כ'וועל זיין פאַרוואָרפן אין דער ווייט, וועל איך אויך זיין מיט דיר און לעבן דיר. מיט מיין האַרצן און מיינע געדאַנקען וועל איך שטענדיק זיין מיט דיר, אַזוי ווי פריער. ווען דו ביסט געווען טויזנטער מיילן ווייט, בין איך אויך געווען מיט דיר, האָט עס מיך געצויגן צו דיר. און וואָס איך האָב ניט געטאָן, האָב איך תמיד געהאַט אין זינען דיר און עס געטאָן צוליב דיר. ווו איך בין ניט געווען, ביסטו שטענדיק געווען לעבן מיר... כ'האָב תמיד געפילט ווי מיר וואָלטן געווען צוזאַמען, מיך האָט געצויגן צו דיר און איך ווייס אַז דו האָסט אויך געטראַכט וועגן

מיר". ער האָט אָפּגעצויגן דעם אָטעם אַ ין געפּילט ווי איר בליק בלאָנדזשעט אויף זיין געזיכט, ווי זי וואָלט עפּעס געזוכט.

זי האָט געזוכט זיינע ליפּן. ער האָט דערפילט איר וואַרעם זאַפטיקן מויל, וואָס האָט זיינע ווערטער פאַרהאַלטן. מיט אַ מאָל איז ער געוואָרן ווילד, צערייצט, אַנטציקט פון איר וואַרעמער ליבשאַפט. ער האָט זי אַרומגעקלאַמערט, געדריקט צו זיין ברייטער ברוסט און פאַרוואָרפן מיט קושן איר האַלדז, איר נאַז, אירע אויערן און אויגן. שפּעטער אַ ווייִלע האָט ער גערעדט ווי אין אַ זיסן טשאַד:

„איצט איז אָבער גאָר אַנדערש, סאָניע, ווייל אויך די ווייטקייט איז פאַר אונדז נאָענט, זי איז נאָר אויף אַ קירצער צייט. אונדזערע אַלע חלומות און האָפענונגען וועלן מקוים ווערן. איך פיל עס, טייערע! מיין האַרץ זאָגט עס מיר. טאָ וואָס איז שוין דער חילוק דאָס ביסל צייט צעשיידט זיין, אַבי מיר ווייסן אז מיר וועלן זיך באַלד ווידער טרעפן און גליקלעך זיין. יאָ, מיר וועלן גליקלעך זיין, גליקלעך! גליקלעך!"

פון גרויס ענטוזיאַזם האָט ער די לעצטע ווערטער ארויסגעשריען און ווען סאָניע האָט ארויפגעלייגט די האַנט אויף זיין מויל איז שוין געווען צו שפּעט. ס'האָט זיך געהערט ווי עמעצער עפנט די טיר פון שלאָפצימער און שאַרנדיקע טריט האָבן זיך דערנענטערט. ער האָט זיך שנעל אויפגעשטעלט און סאָניע איז געבליבן זיצן סטאַטעטשנע אויף דער סאָפע.

אין טיר איז געשטאַנען דער אָנקל און געזשמורעט מיט די פאַרשלאָפענע אויגן אין דער זוניקער צעשטראַלטקייט, וואָס האָט אריינגעפלייצט דורכן פענצטער. ער האָט זיך געריבן די אויגן. די ברייטע אַרבל פון זיין שלאָף־ראָק זיינען געהאַנגען ווי צוויי רויט־צעפלאַטערטע פייגל פון זיינע עלנבויגנס. ער האָט זיי אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט, ווי ער וואָלט זיך ניט גערעכט זיי דאָ צו טרעפן איצט און געפרעגט: „ווי שפּעט איז איצט? איך האָב שוין מסתמא פאַרשלאָפן דעם גאַנצן עסק. געוואָלט זיך צוכאַפּן ווענגן דיין אַרבעט אין קאָפּעריטע, דיר אָפּפיקסן". איצט האָט ער געקוקט מיט אַן אויסגעניכטערטן בליק צו קלמנען.

„ס'איז ניט שפּעט, אָנקל, איר זייט ניט פאַרשלאָפן. איצט איז די ריכטיקע צייט, ס'איז באַלד 'טי טיים' און איר וועט די מענטשן טרעפן אהיים". האָט סאָניע גערעדט צו איר שוואָגער, אים רופנדיק „אָנקל", אזוי ווי קלמן.

„גיי איך טאַקע גלייך״, האָט דער אָנקל זיך געטאָן אַ דריי אויס און זיך אָנגעשטויסן אויף ראָזין, וואָס האָט זיך אריינגעשליכט אומבאַמערקט און זיי זיינען געבליבן שטיין אַ נאָז קעגן אַ נאָז.

ראָזי האָט אים פאַרדעכטיק אָפּגעמאָסטן, און ארויסגעקוויטשעט:

„וועסט אין ערגעץ ניט גיין. היינט איז זונטיק, און כ׳וויל קיינע ביזנעס ניט. מיר וועלן פריער טרינקען טיי אויף דער וועראַנדע! פאַרשטייסט?!״ זי האָט גערעדט האַלב באַפעלעריש, האַלב מיט פאָרוווּרף.

„כ׳מוז גיין וועגן קלמנען. די קאַפעריטע וועט ניט וואַרטן אויף אים! פאַרשטייסט?!״ האָט ער פאַרענדיקט מיטן זעלבן אויסרוף וואָס זי, ווי ער וואָלט איר איבערגעקרימט. איצט האָט ראָזי פאַרשטאַנען וואָס דאָ קומט פאָר און איז געווען צופרידן אפילו פון דעם וואָס ער קרימט נאָך אירע רייד.

„יאָ, יאָ״, האָט זי אים צוגעאײַלט, „אויב וועגן קלמנען, דאַרפסטו טאַקע גלייך גיין, מ׳קען פאַרשפעטיקן און עמעצער אַן אַנדערער קען זיך אונטער־דרייען״, האָט זי צעקייט די רייד אונטערטעניק און פאַרשעריש געקוקט אויף דער שוועסטער, וועלכע האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן די אויגן און מיט גאָרניט פאַררעטן אירע געפילן.

8

אין קאַפּעריטע

ווען קלמן האָט אריבערגעטראָטן די שוועל פון קאַפּעריטע, האָט עס אים תּיכּף דערמאָנט אַ היימישע יאַטקע. דער אונטערשייד נאָר, וואָס אין דער היים איז אַ יידישע יאַטקע געשטאַנען נאָענט צום שולהויף, ניט זעלטן אונטערן פרייען הימל, און יעדן ערב־שבת פלעגט דאָרט זיין פול מיט יידישע ווייבער.

די יאַטקע דאָ, וואָס מ׳רופט עס „קאַפּעריטע״, איז באַשטאַנען פון אַ לאַנגער בלעכענער „שענטע״, פאַרמאַכט ארום און ארום, ווי נאָר צוליב דעם אז די חמרים פליגן זאָלן ניט קענען ארויספליען אין דרויסן.. די קאַפּעריטע איז געשטאַנען פאַרוואָרפן ערגעץ אין אַ העק, ווי אין מיטן דער וועלט, אָן שום שוץ פאַר זון, פאַר ווינט אָדער רעגן, און געדינט האָט זי ניט פאַר יידישע ווייבער, נאָר בלויז פאַר שוואַרצע אַרבעטער.

אז קלמן איז אריינגעקומען אין דער דאָזיקער קאַפּעריטע, האָט אים פאַרכאַפּט דער אָטעם פון געדיכטן, פאַרעדיקן געשטאַנק, וואָס האָט זיך געטראָגן אין דער אָנגעהיצטער לופט. אַ הודזשעריי פון פליגן האָט אים מקבל־פּנים געווען, אזוי ווי זיי וואָלטן אויסגעזשומט: „אַ נייער גאַסט קומט, ברוך הבא, מאַכט אַ וואַרע!"

אין אַ ווינקל, רעכטס פון טיר, איז געשטאַנען אַ כפול־שמונהדיקער יאַטקע־קלאָץ, אויף וועלכן עס איז געלעגן אַ האַק מיט אַ לאַנג־אויסגע־קרימטער הענטל, אַ מעסער, לאַנג און שאַרף, און אנדערע קלאַפּער־געצייג פון דעם מין. ניט ווייט פון קלאָץ איז געשטאַנען אַ לאַנגער, ברייטער טיש, וואָס אויף אים זיינען געווען אויסגעלייגט זייטלעך פלייש פון כלערליי בהמות.

זיי זיינען געווען געדיכט באַזעצט פון מחנות גרויסע און קליינע, שוואַרצע און ברוינע פליגן, וואָס האָבן מיט הנאה געזויגן דאָס בלוט פון די ניט לאַנג געשאָכטענע בהמות. די פליגן האָבן אין אַ פריילעכן כאָר אויסגעזשומט זייער לויב צום בורא פאַר זיין ניט פאַרלאָזן זיי, פאַר געבן זיי עסן און טרינקען צו זאַט...

אין לינקן טייל פון דער קאַפּעריטע זיינען געשטאַנען אויסגעשטעלט לאַנגע טישן און הילצערנע בענק. ביי די טישן זיינען געזעסן עטלעכע שוואַרצע, געקניפּן מיט די פינגער שטיקער פון ווייסן ברויט, וואָס איז געלעגן נעבן זיי און געזופּט מיט הנאה מוטנעם־קאָכעדיקן טיי.

די שוואַרצע האָבן זיך אויף קלמנען נישט אומגעקוקט. פאַרטיפט אין דער אכילה האָבן זיי פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ שמועס צווישן זיך, אויסקנאַקנדיק דערביי די ווערטער קונציק מיט דער צונג, ווי ביקסלעך וואָלטן אויסגעשאָסן מיט לויזע קנאַלן.

אין דער קאַפּעריטע האָט זיך ארומגעדרייט און באַדינט די שוואַרצע אַ יידישער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך דערפרייט מיטן אָנקומען פון קלמן בולאַן. אָפּווישנדיק זיין רעכטע האַנט מיטן גראָבן, געשטרייפטן פאַרטעך, האָט ער אויסגעשפּרייט רחבותדיק זיינע פינף פינגער און האָט זיי פריינט־לעך צוגעטראָגן צו קלמנען.

„שלום־עליכם, אַ ייד, ס'קאַצל קומט! זיך קוים דערוואַרט, אזוי ווי אויף משיחן... און דער פעט־בייכיקער האָט מיר די עצמות ארויסגעצויגן. אַלע

טאָג מיטן זעלבן פּיזמון: מאָרגן, איבערמאָרגן, די ניכפּה זאָל אים נעמען, בלאָפער! ׳איי עם טעלינג יו׳, ווען דו קומסט ניט היינט, איז מיין נאָמען ניט טשאַרלי, ווי איך לאָז אים איבער, דעם ׳פּוזע׳, די ׳בלעדי׳ קאַפּעריטע, מיט די ׳בלעדי׳ שחורדיקע און ׳לעט אים גאָו טו העל׳! ער מיינט, אַ שידוך האָב איך געטאָן מיט אים. ׳יו סי׳, האָט איבערגעלאָזן אויף מיר אליין אַ גאַנצע קאַפּעריטע און האָרעווע פאַר דעם ׳בלעדי פּיוועך׳ טאָג און נאַכט. אליין שמעקט ער ניט אריין אַהער, ס׳פּאַסט אים ניט, דעם באַלעגאָלע. ער שטייט דאָרט אין זיין אויסגעפּוצטער שאָפּ און איך מוז דאָ פּינצטערן דעם גאַנצן טאָג און קען אפילו קיין ביסל פרישע לופט ניט כאַפּן.

„נו, מילא, מ׳עט דאָס ריידעכץ איבערלאָזן אויף שפּעטער, נאָך דער אַרבעט״, האָט ער אַלץ אין איין אָטעם אָפּגעקלאַפּט, דערזעענדיק ווי די שוואַרצע האָבן זיך פון די בענק אויפגעהייבן. „דערווייל, ווי רופט מען דיך? טו זיך אויס, איך וועל דיר געבן אַ פאַרטעך און דו וועסט מיר גלייך געבן אַ האַנט: צעהאַקן די זייטלעך פלייש, וואָס זיינען ערשט ניט לאַנג אָנגעקומען״.

* * *

קלמן האָט באַטראַכט מיט נייגער און מיט אַ שמייכל דעם פּאַרשוין, וואָס האָט אין איין אָטעם אָפּגעמאָלט אזא גוזמא רייד. ער איז געווען פון נידעריקן וווקס, אָנגעטאָן אין אַן אנטבלויזט, ווייס העמדל, וואָס האָט זיך געבעטן אין די שמוציקע גרעט. ער איז געשטאַנען מיט פאַרקאַטשעטע ארבל, און אַ ברייטער פאַרטעך איז מיט אַ שטריק געווען ארומגעבונדן שטייף ארום זיינע לענדן. דער פאַרטעך האָט קענטיק פאַרמאָגט אַ מאָל אַ ווייסן גרונט מיט בלויע פּאַסן, אָבער איצט איז שוין קיין זכר פון קיין קאָליר אויף אים ניט געווען, ווייל דער גרעסטער טייל זיינער איז געווען באַדעקט מיט רויטע בלוט־פלעקן. אויפן קאָפּ ביים דאָזיקן פּאַרשוין איז קיין סימן פון האָר ניט געווען, אַ חוץ וואָס אויף די שלייפן און ביים נאַקן האָבן זיך געקרייזלט שיטערע, בלאָנדע הערלעך, וואָס זיינען געוואַקסן ניט רעגולער. פון די פּיאות האָבן זיך אַ פּאָר שנירלעך פּיכטע, גלאַנציקע האָר געדראַ־פּעט ארויפצו, צום מיטן פון קאָפּ, נאָר זיי זיינען געבליבן הענגען אין מיטן וועג, ביי די שלייפן. דער קאָפּ זיינער האָט זיך צונויפגעגאָסן מיטן שטערן, וועלכער וואָלט זיך אראָפּגעלאָזן ביז צו דער סאַמע נאָז, ווען ניט די צוויי קופּקעלעך געקרייזלטע ברעמען וואָס האָבן זיי דעם וועג פאַרשטעלט. אין

איילעניש, אַ פּנים, איז איין ברעם געלונגען זיך צו באַזעצן אַ ביסעלע ני־דעריקער פון דער צוויטער. קוקנדיק אזוי אויף זיין נייעם חבר, וועלכער האָט אים דערגרייכט אַ ביסעלע העכער פון זיין קאַמעזשעלקע, האָט ער אין קלמנס אויגן אויסגעזען ווי איינער, וועמען מ׳האָט אָנגעטאָן אַ קאַפּ פון אַ שניי־מענטש, ווי ער פלעגט זיי אַ מאָל, אין די ווינטערס, אין דער היים, אויסצאַצקען.

קלמן האָט מיט אַ שמייכל זיך געלאָזט פירן פון דעם מאָדנעם פאַרשוין און געפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט אים געהייסן טאָן.

אַ ווילע שפּעטער האָט זיך אין דער קאָפעריטע, סאָפּענדיק, אריינגע־לאָזן דער בעל־הבית, מ״ר פליישער. דער בויך האָט זיך אין דער טיר אריינגערוקט פאָרויס, ווי איינער זאָגט: מאַכט אַ וואַרע, דער בעל־הבית איז דאָ. ער איז אויך געווען פּליכעוואַטע, ביז צו דער פּאַטעלניצע. האָט ער אָבער דאָס ביסל האָר, וואָס איז אים געוואַקסן אין די זייטן, אויסגע־מושטירט אזוי, אז דעם שרונט האָט ער קונציק צעטיילט ניט ווייט פון רעכטן אויער. דעם אַ חלק האָט ער מיט אַ ספּעציעל בערשטעלע אַלע ווילע ארויפגעקעמט ארויפצו, צום הוילן פליך, כאַטש אַ שטיקל פון דעם צו פאַר־שטעלן. דאָס גלייכן, קאָנטיק, האָט ער זיך באַמיט טאָן מיטן ביסל הינטער־שטע האָר פון דער פּאַטעלניצע. נאָר יענע האָבן זיך איינגעעקשנט — וויפל ער פלעגט זיי ניט ווען איינגלעטן אויף ארויף צו, פלעגן זיי ניט פאָלגן. ווי נאָר מ״ר פליישער פלעגט אוועקנעמען דאָס בערשטל, פלעגן זיינע האָר ווידער צוריקפאַלן.

די הענט אין די קעשענעס, מיט דער ליולקע אין מויל, איז ער מיט בעל־הביתישע טריט צוגעגאַנגען צום טיש, ווו זיינע צוויי באַדינער האָבן זיך געפּאָרעט. ער האָט זיך געווענדט צו קלמנען:

„אָט דאָ, טראַיעוויצקי, וועסטו שטיין און ארבעטן. ׳יו סי׳, קיינער וועט דאָ מיט איך ניט ׳אונטערפירן׳, ׳ענד איי האָופּ, יול בי אָללרייט׳, ווי זאָגט מען דאָ ביי אונדז: אין אפריקע ווערט מען ניט איינגעוואַקסן, מ׳ווערט דאָ אויסגעריסן, ׳יו אַנדערשטענד?׳ וואָס זאָגסטו, טשאַרלי, אויף אונדזער נייעם מענעדזשער, טאַקע אַ גרינער, אָבער ביי דיר וועט ער זיך שוין אויס־גרינען!...״

„אָוקאָאורס, מ״ר פליישער״, האָט טשאַרלי אונטערטעניק געענטפערט, „אָל סי טו איט, היל בי אָללרייט!״

קלמן איז געשטאַנען, האָט זיך צוגעהערט צום מאָדנעם יידיש און האָט באַטראַכט די צוויי פּאַרשוינען, דעם בעל־הבית און דעם משרת, און האָט ביי זיך געטראַכט:

וואָס פאַר אַ מאָדע איז עס דאָ, אין דער מדינה, אז מען פאַרלאָזט זיך פליכן: דער בעל־הבית — אַ פליכעוואַטער, טשאַרלי האָט אראָפּגעלאָזט זיין פליך איבער די אויערן, מיין פעטער, מ״ר מייקל מיט אַ פליך, דער טיטשער וואָס דרייט זיך ארום ביי מיין פעטער אין שטוב — מיט אַ פליך... פאַר־שטיי איך אָבער ניט איין זאַך: מילא, דער בעל־הבית, צו אַזאַ פּאָסטאַטשע, מיט אזא גרויסן, געשוואָלענעם פּעמפּיק פּאַסט זיך טאַקע דער פליך. אָבער וואָס זשע וויל ער אים רק פאַרדעקן מיט די עטלעכע הערעלעך פון די פּי־אות? טשאַרלי אָבער, און מיין פעטער?! ווי קומט צו אַ משרת אַ פליך, און ווי קומט צו אַ שוסטער אַ פליך?...

דער בעל־הבית האָט געהאַלטן אין איין טענהן דעם גאַנצן טאָג: „ניט קיין שלעכטע מדינה אַפּריטשקע, מ׳ווערט דאָ ניט איינגעוואַקסן, מ׳ווערט דאָ אויסגעריסן״... קלמן האָט זיך אָבער אין קיין וויכוחים מיטן בעל־הבית און מיט טשאַרלין ניט ארייַנגעלאָזן, ער האָט פלינק געאַרבעט מיט דער האַק איבער די בהמהשע הינטנס.

* * *

נאָך מיטאָג האָט זיך אין קאַפּעריטע אָנגעהויבן שטאַרק באַוועגן: מחנות שוואַרצע האָבן געקומען באַזעצן אַלע בענק ארום די טישן. אָנגע־טאָן זיינען זיי געווען פאַרשיידן: טייל — האַלב־נאַקעט, מיט ברוינע גלאַנ־ציקע לייבער, טייל — האַלב איינגעהילט אין שרייאיק־קאָלירטע קאָלדרעס, און די וואָס זיינען שוין כלומרשט געגאַנגען אָנגעטאָן — זיינען עס געווען אין שמאַטעס, וואָס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון זייערע לייבער.

ביי דעם גרעסטן טייל שוואַרצע זיינען זייערע אויערלעפּלעך געווען פאַנאַנדערגעצויגן און אין די גרויסע לעכער זיינען קונציק געווען אריינ־געפּאַסט פאַרביקע קלעצלעך, געמאַכט פון שפּולקעס פון פאָדעם א״א האָלץ־שניצערייען. קלמן האָט זיך פון דעם ניט געקענט אָפּקוקן.

דער טומל האָט זיך געשטאַרקט פון מינוט צו מינוט. טשאַרלי איז פלינק געלאָפן פון איין שוואַרצן צום צווייטן, געהאָלפן זיי קלאַפּן מיט דער צונג, געוווּנקען כיטרע צו יעדן איינעם, גערעדט און געטענהט מיט זיי זייער לשון און פאַר איינוועגס געגעבן באַפעלן צו קלמנען:

„גרינער, טראָג צו דעם זולו די טיי; דערלאַנג דעם מאַסוטו דאָס ברויטל!"

קלמן האָט בשום אופן ניט געקענט זען דעם חילוק צווישן דעם זולו און דעם מאַסוטו. פאַר אים האָבן אַלע שוואַרצע געהאַט דעם זעלבן פנים. נאָר ער האָט זיך ווי עס איז אַן עצה געגעבן, אַז אפילו טשאַרלי אליין האָט געמוזט מודה זיין אַז דער גרינער וועט זיך „אויסטויגן".

נאָכן הייסן, אָנגעהאָרעוועטן טאָג האָבן טשאַרלי, קלמן און דזשעק, מ"ר פליישערס געהילף אין קאָנצעשן סטאָר, זיך פאַרקליבן אויפן וועראַנדע פון זייער שלאָפצימער צו כאַפּן פרישע לופט און דורכשמועסן זיך מיטן גרינעם.

די נאַכט איז געווען אַ מחיהדיקע. דער הימל איז אַ בלויער און אַ ווייטער געהאַנגען איבער זיי און די שטערן זיינען געווען אין אים מער ווי אַלע מאָל. ווו דאָס אויג וואַרפט אַ בליק — שטערן, סודותדיקע, פינקלדיקע, מיסטעריעזע שטערן...

* * *

דזשעק, אָדער ווי מ'האָט אים אין דער היים גערופן, יענקעלע יענטע באַשעס, איז אין שטעטל געווען אַ באַלעבאַטישער ליידיקגייער. ווען ער איז נאָך אין חדר ניט געגאַנגען איז זיין טאַטע געשטאָרבן. דאָן האָט זיין מאַמע, יענטע־באַשע, געמוזט איבערנעמען דעם יאָך פון חיונה, אליין פירן דאָס באַקאַליי־קרעמל, וואָס איז געשטאַנען אויפן ווינקל פון דער יידישער גאָס, ניט ווייט פון דעם טייך.

קיין צו גרויסע השגחה אויף איר בן־יחיד האָט יענטע־באַשע ניט גע־קענט האָבן און זי האָט געלאָזט וואַקסן איר יענקעלען אויף גאָטס באַראָט.

אַז יענקעלע איז אַלט געוואָרן 13 יאָר און מ'האָט געדאַרפט טראַכטן וועגן אַ תכלית, האָט ער געוואָלט ווערן אַ בעל־מלאכה, אָבער יענטע־באַשע האָט עס בשום אופן ניט געקענט פועלן ביי זיך, אַז איר בן־יחיד זאָל פאַר־שוואַרצן איר משפחה... זי האָט צווישן אירע אַלטע פּאַפּירן, ווו די כתובה איז געלעגן, געהאַט אַ ייחוס־בריוו מיט נעמען פון רבנים אין איר משפחה. דעריבער האָט זי באַשלאָסן ביי זיך, אַז וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכן — איר יענקעלע וועט מוזן גיין אין די וועגן פון אירע זיידעס און עלטער־זיידעס. זי האָט איר גאַנצן לעבן געחלומט, אַז איר יענקעלע וועט פאָרן אין דער סלאָבאָדקער ישיבה און אַזוי אַרום וועט ער אָנהאַלטן די רבנישע קייט, וואָס האָט זיך געצויגן מי יודע וויפל יאָרן. נאָכן אָפּלערנען אַ פּאָר יאָר

האָט אָבער יענקעלע זיך איינגעשפּאַרט און בשום אופן ניט געוואָלט ווערן קיין ישיבה־בחור. אים האָט בעסער געצויגן זומער צום טייך און ווינטער צום גליטש. ער האָט זיך טאַקע גערעכנט פאַרן בעסטן שווימער און קונציקסטן גליטשער אין שטעטל.

אַנהייב זומער, פּאָר שבועות, ווען די ברעגן פון טייך האָבן זיך געגומען פאַרציען מיט מאָדנע ווילדע גראָזן, האָבן יינגלעך, כאָטש גוטע שווימער, ניט געקענט פועלן ביי זיך אוועקצושווימען אין די געדיכטעניש פון די גראָזן און דורכלייגן אַ וועג צום אינדזעלע, וואָס האָט זיך געפונען ווייט, אין מיטן טייך. האָבן שוין יינגלעך מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יענקעלע יענטע־באַשעס, און זיי פלעגן אים מיט שימחה מקבל־פּנים זיין ווען ער פלעגט זיך באַווייזן ביים טייך.

אַראָפּגעוואָרפן די תחתונים, פלעגט זיך יענקעלע, לייגנדיק קלאַפּטער, אוועקלאָזן צו די טיפענישן פון טייך. מיט רוגזה פלעגט ער פונאַנדערוואַרפן די ווילדע גראָזן און אָטעמענדיק שווער פלעגט ער דער ערשטער דערגרייכן דעם אינדזל. אָפּגערוט זיך, פלעגט ער, צוריקוועגס, מיט דער זעלבער רוגזה לייגן קלאַפּטער צווישן די איבערגעבליבענע גראָזן. און ווען ער פלעגט דערגרייכן די ריינע וואַסערן, ווו קלענערע שווימער האָבן פאַרשיידענע קונצן געמאַכט, פלעגט ער ווי אַ זיגער וואָס האָט איינגענומען אַ גרויסע מלחמה, ארייננשווימען צווישן זיי און אָנהייבן באַווייזן זיינע קונצן: אַ צי טאָן זיך אויפן פלייצע, די הענט פאַרוואָרפן אַהינטער, פלעגט ער בלייבן ליגן ווי אַ פלאַכטע האָלץ, זיך ניט רירנדיק. אָדער ער פלעגט זיך צונויפקנוילן ווי אַ פילקע און זיך דרייען אין אַ ראָד, צי גאָר זיך איבערקוליען, מאכן קאָזשלקעס עטלעכע מאָל, ביז ער פלעגט ארויסשטעקן דעם קאָפּ און ארויסשפּריצן פון זיין מויל ווי פון אַ פאָנטאַן אַ לאַנגן, האַלב־קייַלעכדיקן שנור וואַסער, וואָס האָט געשימערט קעגן זון מיט די קאָלירן פון רעגן־בויגן.

יינגלעך זיינען געשטאַנען, געגאַפט און האָבן אים שטאַרק מקנא געווען. דאָס זעלבע פלעגט פאַרקומען ווינטער אויפן גליטש. אז יענקעלע יענטע־באַשעס פלעגט זיך מיט זיינע גליטשערס אַראָפּלאָזן אויפן פאַרפרוירענעם אייז, פלעגן שוין יינגלעך מאַכן פאַר אים אַ וואַרע. כל מיני קונצן פלעגט ער באַווייזן אויף זיינע גליטשערס — און יינגלעך האָבן אים ווידער מקנא געווען.

דערפאַר אָבער, ווען מ׳האָט יענטע־באַשען פאַרגעניגן געוואָלט אָנטאָן, פלעגן די ווייבער מיט התפעלות איר דערציילן די גרעאַטנקייט פון איר זון. פלעגט יענטע־באַשע זיך לאַנג ניט לאָזן בעטן, אָנהייבן שנייצן די נאָז און ווישן די אויגן מיט איר פאַרטעך. נאָך לאַנגע וויכוחים מיט יענקעלען און נאָך אַ סך טרערן פאַרגיסן, איז ביי יענטע־באַשען געבליבן אוועקצושיקן איר יענקעלען אין דער וועלט אריין, צום פעטער קיין אפריקע.

און אָט איז שוין דזשעק דאָ, ביי מ״ר פליישערן אין קאָנצעשן סטאָר, אַ שיינע פּאָר יאָר, מ׳קען שוין זאָגן — אַ תושב. ער האָט ניט דורכגעמאַכט די קאָפּעריטע, זיך פיין ארויפגעאַרבעט און זיין בעל־הבית האָט אים דער־הייבן צום „שני למלך״...

קלמן איז דזשעקן פון ערשטן אויגנבליק געפעלן געוואָרן: זיין אויס־זען, זיין אָפּגעוואָקסנקייט און זיין שטענדיקער, גוטער שמייכל. זיין פשוט מאַמע־לשון האָט שוין עטלעכע מאָל ארויסגערופן ביי אים אַ האַרציקן לאַכן. גערעדט האָט מען אַלץ פון דער היים, פון די שטעטלעך, פון די יידן און גויים, מען האָט פאַרגליכן דאָס דאָרטיקע לעבן צום היגן, ביז מען האָט זיך דעררעדט צו דער קאָפּעריטע.

„פון דעסטוועגן וואָלט איך בעסער איצט געפאָרן צוריק אַהיים״, האָט נאָך אַ לאַנגן יישוב־הדעת טשאַרלי זיך אויסגעגענעצט. „דאָרט איז מען פאָרט געווען אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, און דאָ ביסטו אַ קאָפּער...״

„רעדסט נאָנסענס״, האָט דזשעק איבערגעריסן, „דו מוזט אוודאי מיי־נען, אַז דאָ, ביי מ״ר פליישערן אין קאָפּעריטע, איז אַפריקע, מאַכסטו אַ ׳מיסטייק׳, דאָ ביסטו טאַקע אַ גאָרנישט, אָבער ניט דאָ הייבט זיך אָן דאָס לעבן און ניט דאָ לאָזט עס זיך אויס. ווער איז דיר שולדיק, אַז דו האָסט זיך פאַרקליבן אין דעם העק?״

„איך טראַכט אפילו ניט צו פאַרבלייבן דאָ, פאַר קיינע געלט ניט, אַז די „פּוזע״ זאָל מיר אפילו אָנשיטן דעם צימער פול מיט גאָלד. אין אַ פּאָר חדשים ארום וועסטו מיך דאָ שוין מער ניט זען. איך האָב ניט חתונה גע־האָט מיט מ״ר פליישערן. ׳יו סי׳, דזשעק, יעדערער האָט זיך זיין חשבון, און מיין חשבון מיט פליישערן ׳פינישט׳ זיך אָפּ אין אַ פּאָר חדשים ארום״. אזוי האָט טשאַרלי זיך אַראָפּגערעדט מיט פאַרדרוס פון האַרצן.

„און וואָס מיינט איר וועל איך טאָן״, האָט זיך קלמן אָפּגערופן, „איך קלער אויך ניט צו פאַרבלייבן דאָ צו לאַנג. מ׳עט אָפּשפאָרן עטלעכע פונט

און מ׳עט צוריק פאָרן אין שטאָט, איר דאַרפט וויסן זיין, יאַטן, אז איך האָב צו וואָס און צו וועמען צו פאָרן. איי, איך בין אַהער געקומען? איז, ווייסט איר דאָך ווי דאָס איז, מען איז אַ גרינער. אָן אַ שפּראַך, גוטער ברודער, קענסטו זיך אין שטאָט ניט דערשלאָגן צו קיין שטעלע. נו, האָב איך קיין ברירה ניט געהאַט. אָבער כ׳האָב אין דר׳ערד די קאָפּעריטע. מ׳עט נאָך אויך אין שטאָט אַ האַנט פונאַנדערנעמען״.

„טו העל וויד איט״, האָט טשאַרלי אַרויסשלעפּנדיק אַ פּעקל סיגאַרעטן מכבד געווען די חברים, „איך האָב קיין מזל ניט צו דער שטאָט. דער קלאָג וויס מיך, וויפל איך האָב ניט ׳געטרייט׳ צו קריגן אַ דזשאָב, האָט מען פאַר מיר אַלערליי ׳עקסקיוזעס׳ געפונען: דאָ איז שוין ׳פול אַפּ׳ און דאָרט ענטפערט מען מיר: ׳איי וויל לעט יו נאָו׳, איז האָב איך אין דר׳ערד די שטאָט מיטן טומל. חוץ דעם וועל איך נעקסט מאָנאַט קריגן אַ ׳רייז׳ פון מ״ר פליישערן״.

„אַ רייז? אַ הוסט וועסטו גיכער קריגן פון „פּעטי״. יענער וועט זיך פריער אויפהענגען בעפאָר ער וועט דיר געבן אַ רייז״, האָט דזשעק אים פאַרזיכערט.

קלמן האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט מ״ר פליישערס ווערטל און אַ זאָג געטאָן:

„דאָ ווערט מען ניט איינגעוואַקסן, יאַטן, ניט געזאָרגט. אָט איך, אַ גרי־נער, דאַרף דערווייל האַלטן דאָס מויל, לאָזט מיר אָבער זיך אָנוואַרעמען און אַ ביסל זיך אויסגרינען, וועט מען שוין זען וואָס מ׳האָט צו טאָן. דער־ווייל, חברה, וועט מען פאַרגעסן פּאָליטיק. ביי מ״ר פליישערן אין קאַ־פּעריטע דאַרף מען זיין אַ קאָפּעריטניק, ווי זאָגט פּאָניע? ביסטו אַ סאָלדאַט, דאַרפסטו שמעקן פולווער!״

„דו וועסט זיך שוין גוט אָנוואַרעמען דאָ, ׳דאָנט יו וואָרי׳, קיין פולווער שמעקן וועט דיר דאָ ניט פעלן״, האָט טשאַרלי זיך אויפהייבנדיק, מיט אַ לאַנגן גענעץ, אים פאַרזיכערט. „דערווייל דאַרף מען גיין אריינוואַרפן דאָס פּעקל ביינער אין בעט, זאָל עס זיך אויסרוען ביז מאָרגן, און דו, גרינער, פאַר דיר איז אויך צייט צו גיין שלאָפן, קום כ׳וועל דיר ווייזן דיין מקום מנוחה״.

„טשאַרלי, ברודער״, האָט אים קלמן אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, „פאַר מיר דאגה ניט, איך בין שוין, גוטער ברודער, געווען אין מיין לעבן נאָ קאָניע און פּאָד קאָניאָם, אַ דראַגונער געווען, אין קאַרצער געלעגן, געליטן

צייטנגווייז הונגער, געשלאָפֿן מיטן קולאַק צוקאָפּנס און זיך צוגעדעקט מיטן הינטן, אַ ן איך האָב דאָס אַלץ אריבערגעטראָגן אָן אַ קרעכץ. דעריבער האָב איך אַלץ אַ־ן דר׳ערד און פייף אויף דער גאַנצער וועלט״. און ארומנע־מענדיק טשאַרלין ברידערלעך איז מען אַוועק שלאָפֿן.

קלמנס רו־טאָג

קלמן האָט זיך אויפגעכאַפּט און בשום אופן מער נישט געקענט אנט־שלאָפֿן ווערן. ער האָט מיט ברייט־אָפֿענע אויגן געקוקט צום פֿענצטער און געזען ווי די ערשטע זונשטראַלן, ווי גינגאָלדענע פֿליגעלעך, שפּרינגען אויף די שויבן. ניט האָבנדיק קיינעם ארום זיך, האָט קלמן ברייט צע־שמייכלט זיך קעגן דער זון, ווי ער וואָלט איר אָפּגעגעבן אַ גוט־מאָרגן. צום ערשטן מאָל פֿאַר די לעצטע דריי טעג האָט זיך די זון באַוויזן. דריי טעג איז זי געלעגן ערגעץ הינטער די הרי־חושך באַהאַלטן, און אָט איז זי איצט אריינגעפֿאַלן צו קלמנען אין פֿענצטער, ווי אַ גאַסט וואָס ברענגט פֿריילעכקייט און מאַכט מונטער. דער געשמאַקער מאָרגן־שלאָף איז שוין געווען אויסגערונען פֿון קלמנס אויגן. ער האָט זיך ניט פֿאַרגונען אריבער־צוציען די דעקע איבערן קאָפּ און ווייטער פּרווון שלאָפֿן. ער האָט הנאה געהאַט פֿון די ימען ליכט וואָס האָבן פֿאַרפֿלייצט זיין צימער.

זיין אייזערן בעטל גיט אַ קרעכץ אינטער אים פֿון שווערקייט. ער גיט זיך אַ וואָרף ארויס ווי אַ האַרטער באַל און בלייבט שטיין האַלב־נאַקעט און מוסקולירט, אין זיין גאַנצער גרויס. ער גיט אַ סווישטש און פֿילט ווי די כוחות שפּאַרן אין אים. מיט איין שפּרונג איז ער אין דערבייאיקן דוש און דאָס קאַלטע וואַסער שפּריצט מיט אַ שטראָם איבער זיין קערפּער. ער רייבט דעם שטייפֿן גוף מיטן האַרטן האַנטעך און פּייפֿט אויס אַ באַקאַנטן ניגון, ווי דאָס וואַסער וואָלט אין זיינע גלידער אריינגעשטראָמט אַ צופֿרידנ־קייט. די זון האָט אים היינט וואַרעם־ליבלעך באַגעגנט און זאָגט צו אַ שיינעם טאָג. זיינע פּלענער פֿאַר דעם טאָג האָט ער שוין פֿאַרטיקע. די ערשטע זאַך וועט ער מאַכן אַ וויזיט דער קאָנצעשן סטאָר. נעענטער זיך באַקענען מיטן אופֿן ווי דזשעק פֿירט דאָס געשעפֿט, זען ווי ער דינגט זיך מיט די שוואַרצע און טאַקע כאַפּן דעם שניט פֿון זיין אַ „מענטש״ אין אַ קאָנצעשן סטאָר. מ׳דאַרף דאָס אויך קענען.

ביי טאָג וועט ער זיך צוכאַפּן צו די מיינס, זען מיט די אייגענע אויגן ווי די שוואַרצע קומען ארויף פון די טיפענישן פון דער ערד אויף דער ליכ־טיקער וועלט. און אויב עס וועט זיין אַ געלעגנהייט, וואָלט ער וועלן באַ־טראַכטן די מאַכינאַציעס פון די גאָלדגרובן — זאָל זיין כאָטש אויבן — ווי מ׳פירט פונאַנדער אויף די בערג דעם גאָלדענעם זאַמד.

קלמן האָט לאַנגזאַם זיך צוגעגרייט אליין דעם פרישטיק. ס׳איז געווען ברויט מיט פוטער, אייער און מילך. ער האָט געגעסן מיט אַ געזונטן אַפּעטיט. די פייגעלעך אין דרויסן האָבן געטרילערט, געסווישטשעט און גע־זונגען אַ לויב דער זון.

קלמן האָט אויפגעריסן דאָס פענצטער. די שטילקייט ארום האָט נאָך מער צעקלונגען אין צימער דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך, וואָס האָבן זיך ארויסגעלאָזט פון די נעסטן אונטערן דאַך, כאַפּן אַ פליג צי אַ ווערעמל אויף פרישטיק. קלמנס האַרץ האָט געשפּאַרט מיט פרייד. ער האָט זיך אויס־געפוצט אין די יום־טובדיקע מלבושים. דעם קאָלנער פון זיין ווייס העמדל האָט ער איבערגעלייגט איבער זיין בלוי־געקעסטלטן רעקל, וואָס דזשעק האָט אים אויסגעקליבן אין קאָנצעשן סטאָר. אַ צופרידענער האָט ער גע־שטעלט ברייטע טריט אויפן זאַמד, וואָס איז נאָך געווען פייכטלעך פון נאַכטיקן טוי, און געלאָזן אָפּצייכענונגען פון די גומענע פּאָדעשוועס, ווי ער וואָלט געשטעמפּלט זיין גאַנג. די נייע האַלבע טופליעס האָבן זיך פאַר־צויגן מיט אַ מאַטקייט און זעמדעלעך האָבן געקלעפּט ארום.

ער האָט זיך אריינגעשאַרט אין דער אָפענער טיר פון קאָנצעשן סטאָר. צוליב די גומענע ווייכע טרעטערס האָט מען אפילו ניט געהערט זיין אריינ־קומען. ער איז ניט זיכער געווען וואָס פאַר אַ קבלת־פנים מ״ר פליישער וועט אים געבן. טאָמער איז ׳פוזע׳ אויפגעשטאַנען אויף דער לינקער זייט, קען ער אים נאָך הייסן זיך דורכגיין און זיך ניט אר׳מדרייען אַ „שבתדי־קער״ צווישן די מענטשן. אָבער דזשעק האָט אים גלייך באַמערקט און אים אויפגענומען מיט פאַראַד און מיט אַ גוט־ברודערישן קלאַפּ איבערן פּלייצע. ער האָט פריילעך אויסגערופן: „סאקאבאָנא, קלמן! אַ גאַסט, ס׳קאָצל קומט. טאָ קום נאָר אַהער נענטער, וואָס שאַרסטו זיך דאָרט ביי דער טיר? אָט אזוי, גוטער ברודער, וואָס דען, אָפליגן אַ גאַנץ לעבן אין קאַפּעריטע, אָן אַן אָפּרו־טאָג? ס׳איז גוט צו האָבן אַ האָלידיי, האַ? אַ שלעכטע מדינה עפּעס אפריקע, האַ? איז וואָס זשע הערט זיך?״

נאָך דעם באַריידעוודיקן אויפנעם האָט דזשעק אַ ווונק געטאָן צו קלמנען אויף דער גלעזערנער טיר פון מ״ר פליישערס אָפּיס, דאָס האָט געמיינט: דער בעל־הבית איז דאָ.

קלמן האָט מיט איין בליק גלייך באַמערקט, אז „די פּוזע״ זיצט אַ פאַר־כמורעטער. ער איז געזעסן אין ווייכן פאָטעל, אָן אַ רעקל, די הויזן ארומ־געגאַרטלט מיט אַ לעדערנעם רימען, וואָס האָט זיך געהאַלטן אויפן אונ־טערשטן טייל פון זיין בויך. די אויסגעפּאַשעוועטע טרעמבע איז ווי גע־לעגן אויף די קני. פון זיכערקייט וועגן, אז ער זאָל ניט פאַרלירן די תחתו־נים, האָט ער געהאַט שלייקעס, אריבערגעצויגן איבער די אַקסלען.

קלמן האָט אים אָבסערווירט: געזען ווי ער מאַכט זיך באַקוועם. אזוי ווי פּסח צום סדר שפּאַרט ער זיך אָן צום אָנלען און דער קיילעכדיקער בויך באַוועגט זיך ארויף און אַראָפּ, ווי אַ בלאָזאַק. מ״ר פליישער האָט אויסגעזען זייער קאָמיש און קלמן האָט זיך קוים איינגעהאַלטן ניט ארויס־צופּלאַצן מיט אַ געלעכטער.

דערווייל האָט שוין מ״ר פליישער באַמערקט קלמנען, מיט אָנשטרענ־גונג און שווער אָטעמענדיק האָט ער זיך אויפגעהייבן פון פאָטעל. ער האָט אַ שפּיי געטאָן אויף די דלאָניעס פון די הענט און מיט זיי איינגעגלעט זיינע פאָר האָר פון די פּיאות ארויפצו, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צופּוצן פאַר קלמנען. מיט שווערע שאַרנדיקע טריט איז ער צוגעקומען צו קלמנען און אַ ברום געטאָן, ווי פון אַ פּוסטער פאַס:

„העלאָ, באָי!״ און גלייך זיך אַ קער געטאָן צו דזשעקן מיט אַ טאָן וואָס איז געווען אי גוט־ברודעריש, אי באַפעלעריש, מעשה בעל־הבית: „דזשעק, היינט וועט קיין ביזי טאָג ניט זיין, דאַרף מען דעריבער מאַכן אַן אָרדער אין שאָפּ. זע נאָר ווי די פּאָליצעס זעען אויס, אזוי ווי אין דער היים פאַר ביעור חמץ. קלמן קען זיך דאָ זיצן מיט דיר, אין צווייען וועט איך זיין פריילעכער. אז איך וועל צוריקקומען וועל איך אויך געבן אַ האַנט, געהערט! כ׳וועל איצט אויף אַ ווײַלע זיך צוכאַפּן אין קאָפּעריטע״.

„וואָס איז די ׳פּוזע׳ אזוי אָנגעכמורעט?״ האָט קלמן אַ פרעג געטאָן דזשעקן, ווען מ״ר פליישער איז שוין געווען אויף יענער זייט טיר.

„אַ נאָווינע אז ׳פּוזע׳ איז אָנגעבלאָזן... ׳הו קערס׳? ווייסט אויס געהאַט אַ שטיקל ארגומענט מיט זיין פלוניתטע און זי האָט אים געגעבן אַ וויסטע

מפּלה. ער האָט פון איר קאַלט און וואַרעם, אָבער וועמעס באָבעס דאגות איז עס? וואַרט, אָט קומען אורחים!"

אין שאַפּ זיינען אריינגעקומען אַ פּאָר שוואַרצע. דזשעק האָט דעם ערשטן אַ פּנים דערקענט, ווייל ער האָט אים באַגעגנט מיט אַ ברייטן „סאקאַ־באָנא", אים אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער נאַקעטער פּלייצע, עלעהיי ער וואָלט געווען זיינער אַ קרוב, און האָט מיט אים גלייך פאַרפירט אַ שמועס וועגן זיין „קאַסטן", וואָס דזשעק ווייסט אז ער איז שוין באַלד פול. דער שוואַר־צער איז געווען צופרידן וואָס דער „באָס" פריינדלט זיך צו אים און ער האָט אים געזאָגט, אז ער האָט געבראַכט זיין חבר וואָס וויל זיך אויך איינ־שאַפן אזא קאַסטן און וועט באַלד אָנהייבן קלייבן ווי ער. און אז זייערע קאַסטנס וועלן ווערן אָנגעפּראָפּט אז ס׳וועט מער ניט זיין קיין אָרט, וועלן זיי מיטנעמען די קאַסטנס אין קראַאַל און זיך שדכנען צו די שענסטע מיידלעך...

* * *

דזשעק האָט אַראָפּגעשלעפּט פון דער סאַמע אייבערשטער פּאָליצע אַ קופערט, אָנגעמאָלן מיט פאַרביקע קווייטן, האָט אים אָפּגעשטויבט און מיט גרויס פּאראַד אָן עפן געטאָן. ער איז געווען אָנגעפּאַקט מיט פאַרשיי־דענע חפצים, נאָר גאָר פון אויבן זיינען געלעגן בליציקע שנירלעך קרעלן, גלעזערנע פּאַטשערקעס, בלעכענע נאָז־ און פוסרינגען, וואָס האָבן גע־בלישטשעט ווי גאָלדענע און זילבערנע, האַנט־רינגען און אַ גאַנצער אוצר שפּיגעלעך, קעמעלעך, פּאָמאַדעס און זיידענע טיכלעך, וואָס האָבןביים נייעם שוואַרצן אַ געשריי פון פאַרוווּנדערונג ארויסגעבראַכט. אַ צעחושטער און באַגייסטערטער איז ער געשטאַנען ביים אוצר מיט ברייט־אויפגעריי־סענע אויגן און פאַר התפּעלות האָבן זיך די געלבלעכע וויסלען געהייבן ארויף און אַראָפּ.

דזשעק איז אָבער נאָך אַלץ ניט געווען זיכער צי ער האָט דעם שוואַרצן אין האַנט. ער האָט שוין געוווּסט פון דערפאַרונג אז צוליב עפּעס קען מיט איין מאָל אַלץ אויסרינען. דעריבער האָט ער אָנגעהייבן איינטענהן מיט אים, וואָס פאַר אַ גליק ס׳וועט אים פּאַסירן אז דער קאַסטן וועט פול ווערן. ער האָט אים אָנגעהייבן איינריידן און אפילו הייליק שווערן, אז אויב ער וועט אראָפּקומען מיט אזא פאַרמעגן און מיט אזעלכע אַנטיקן אין קראַאַל, וועט ער זיכער ווערן דער גליקלעכסטער מענטש דאָרט.

דזשעק האָט אים אָנגעהויבן אויסרעכענען וויפל „לאבאַלא״ ער קען איינשפּאָרן צוליב דעם אַ קאַסטן מיט די שיינע זאַכן. ער קען זיך איינ־שאַפן די בעסטע ווייב און ס׳וועט אים קאָסטן מיט אַ פּאָר אָקסן ווייניקער. דזשעק האָט נאָך אויסגעמאָלן וואָס פאַר אַ פעטע גראַטענע ווייב ער וועט קריגן און האָט בעת מעשה באַמערקט ווי דער שוואַרצער צינדט זיך פון אומגעדולד צו האָבן דעם קאַסטן. ער האָט נאָך אָבער אַלץ ארייגגערעדט אין אים, כדי צו ווייזן קלמנען מיט וואָס פאַר אַ געניטקייט ער קען איינ־ריידן, און אויספּועלן ביי אַ שוואַרצן, אז יענער זאָל קויפן וואָס ער וויל.

* * *

קלמן האָט מיט גרויס דרך־ארץ געקוקט אויף דזשעקן און אים מקנא געווען ווי ער רעדט מיט אזא לייכטקייט דעם משונהדיקן לשון פון די שוואַרצע, ווי ער קלאַפּט קונציק מיט דער צונג ווי איינער פון זיי. דזשעק האָט געמערקט קלמנס קוק און האָט זיך נאָך מער געבריהט. אויך דער שוואַרצער איז געווען באַגייסטערט פון ווייסן באָס׳ רייד. און ער האָט זיך ניט דינגענ־דיק גענומען ארויסשקראַבן פון זיין לעדערנעם פּאַסעק די קלינגערס.

ווען דער שוואַרצער האָט זיך אויסגערעכנט מיט דזשעקן, איז פאַר קלמנס בליק מיט אַ מאָל אויפגעגאַנגען דאָס בילד פון דעם אַ יענקעלע יענטע־באַשעס, ווי מען האָט אים אין דער היים גערופן. דאָרט איז ער געווען אַ שטעקל־דרייער, אַ גאָלע גאַרניט, און דאָ איז ער אַ גאַנצער „יאַ טעבע׳דאַם״. דאָרט האָט ער זיך אַ גאַנצן זומער געוואָלגערט אויף דער לאַנ־קע און ווי אַן ענטל גאַנצע טעג געשווומען אין טייך, און ווינטער געוויזן קונצן אויף דעם גליטש, באַרג אראָפּ, און דאָ איז ער אַ גאַנצער מאַכער אין אַזאַ גרויסן געשעפט.

צו ערשט האָט עס קלמנען אַ ביסל דערדריקט, אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך דערפילט האָפערדיק: דזשעק אליין האָט אים דערציילט, אז ער האָט ניט געוואָלט לערנען און פלעגט זיך ארויסגנבענען פון ישיבה און אַוועק אין דערבייאיקן וועלדל אויף אַ גאַנצן טאָג. ווי ער האָט דער מאַמען אָנגעטאָן בזיונות און פאַרדרוס, ביז מ׳האָט אים משלח געווען קיין אפריקע. ער האָט אים אויך אָנדערציילט פון זיינע פלאָגענישן די ערשטע צייט אין דער אפריטשקע, אז ער האָט זיך צו קיין זאַך ניט געקענט דערשלאָגן. האָט ניט געהאַט געננוג דורכצוקומען אַ טאָג.

איצט האָט קלמן אַן אויפגעמונטערטער געטראַכט, אז מה דאָך אזא טוי־

געניכטס האָט זיך דאָ געקענט ארויפאַרבעטן און ווערן דער גאַנצער בעל־הבית ביי מ״ר פליישערן אין קאָנצעשן סטאָר, וועט ער, קלמן, זיך אויך אויסטויגן מיט דער צייט. די ערשטע זאַך מוז ער זיך אויסלערנען דאָס לשון פון די שוואַרצע, וועט ער פאַרנעמען אַ בכבודיקן אָרט הינטערן טאָמבאַנק, ווי אַ ייד א תלמיד־חכם אויף דער מזרח־וואַנט.

און קלמן דערזעט זיך אין שטעטל: אַ ייִנגל אַ כוואַט. נאָך פאר בר־מיצווה לויפט ער שוין מיט די פערד. כאַטשע און העטשע קוועלן אָן פון אים. אלע ווייסן אז ער איז ניט קיין פוילער. די שווערסטע ארבעט גייט ביי אים ווי אַ פידעלע. איז אַ שמייסער ביי אַ בעל־עגלה. פירט אָן „אַבאָז״ אין די זומערדיקע שטורעמס, צווישן דונערן און בליצן, אין די ווינטער־דיקע קעלטן, אין שנייען און זאַווערוכעס איז ער שטענדיק געווען דער פירער ביי אַלע שמייסערס, ווייל ער האָט געקענט אונטערשטעלן אַ פלייצע. נאָך דעם, ווען ער איז געוואָרן אַ נאַסילשטשיק אויף דער באַן, צווישן גויים שיכורים, האָט ער אויך געקענט דאָרטן זיין שטעטל באַשטיין...

און איצט האָט ער דאָך סאַניען, גיט אים מיט אַ מאָל אַ פּיק אזא צי־עניש אין האַרצן. ניין, ער וועט דאָ אין אַפריקע אויך ניט פאַרלאָרן גיין. און עפּעס גיט אים פלוצלינג אַ הייב אונטער, ווי עס וואָלט אים אַ טראָג געטאָן און מיט איין שפרונג שטייט ער שוין אויף דעם טאָמבאַנק. ניט גע־בעטנערהייט נעמט ער אויספּאַקן קאָלדרעס פון די קאַרטאָנענע קעסט־לעך, נעמט ארויס שאַכטלעך מיט שיך און צעלייגט זיי שנעל און אין אָר־דענונג אויף די פּאָליצעס.

„קוק נאָר אויפן גרינעם, ווי ער האָט זיך פאַרמאַכעוועט״, האָט דזשעק ארויפגעשריִען זיין באַוווּנדערונג צו קלמנען, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן די מאַרינאַרקע און געאַרבעט מיט פאַרקאַשערטע אַרבל און אונטער זיינע הענט איז אַלץ פאַרברענט געוואָרן.

אַ שעה שפּעטער, ווען קלמן איז געווען פאַרטיק, האָט אים דזשעק גע־קלאַפּט אַ צופרידענער איבער דער פּלייצע: „מאָלאָדיעץ, קלמן! ניט אומ־זיסט זעט די קאַפּעריטע אויס אין גאַנצן אַן אַנדערע זינט דו האָסט דאָרט אריינגעשטעלט אַ פוס. ׳פוזע׳ לויבט דיר טאַקע אונטער די אויגן״, האָט ער אים פאַרטרויט, „ער זאָגט אז דו טויגסט זיך אויס, און אז ׳פוזע׳ זאָל עס זאָגן איז שוין אַ סימן אז דו האָסט ביי אים חן״.

קלמנס אויגן האָבן געגלאַנצט פון צופרידנקייט.

* * *

דזשעק האָט געכאַפּט קלמנס צופרידענעם בליק און האָט אים גע־געבן אַ לעקציע ווי ער זאָל זיך פירן מיט „פּוזען", אריינבראָקנדיק אין זיינע רייד אַ סך ענגלישע ווערטער:

„דיר, ברודער, וועט ער טאַקע די נשמה ארויסיאָגן, און אז ער וועט זען אז קוים וואָס דו דערכעסט, וועט ער נאָך אַלץ מאַכן דעם אָנשטעל אז עפּעס איז דיין ארבעט ניט דאָסיק, אז ער איז ניט גאָר צופרידן. ער טוט עס, דער 'באַסטערד', אומישנע, כדי דו זאָלסט ניט בעטן קיין 'רייז'. אָבער דו, קלמנקע, מיט דיינע פּלייצעס, האָסטו ניט וואָס מורא צו האָבן! 'דאָנט בי אַ בלעדי פּול' און נעקסט מאָנאַט בעט אַ רייז. 'דאָנט וואָרי', ער וועט דיר געבן אַ נאָבאַווקע, ער וועט וויינען און געבן! און דו ווער נאָר ניט נתפּעל אז ער וועט אָנהייבן וויינען פאַר דיר, אז די אָדערן אויף זיין פּליך וועלן זיך אָנציען ווי בלוילעכע שנירלעך און ער וועט דיר זאָגן, אז ער לייגט צו צום ביזנעס, אז ער וויל עס פאַרקויפן. ס'איז אַ 'ביג ליי', ער פראַוועט שוין די שטיק פאַר יאָרן, כדי מען זאָל ניט פאַרלאַנגען קיין הע־כערונג. ער וועט קיין בעסערן קאַפּעריטניק פאַר דיר ניט קריגן און האָב אים אין דר'ערד, די 'פּוזע'!"

דזשעקן האָט אָנגעהויבן שוויצן דער שטערן פון אָנשטרענגונג. ער האָט געכאַפּט פון טאַמבאַנק אַ שטיק לייוונט, זיך ארומגעווישט דעם פאַר־שוויצטן שטערן און ווייטער גערעדט:

„מיר דערציילט ער אויך די זעלבע חד־גדיא פון זיינע צולייגענישן צום ביזנעס, ווייל כ'האָב אים לעצטנס אויך געבעטן אַ 'רייז'. ער מיינט דאָך אז כ'האָב מיט אים חתונה געהאַט און וועל זיך דאָ אייביק וואַלגערן, מאַכט ער אַ 'מיסטייק', דער בלעדי 'פּוזע'. אַט וועסטו זען, גאָר אינגיכן וועל איך אים אָפּזאָגן אַ רבנן קדיש און וועל אוועק אין שטאָט. טו העל וויט הים!"

קלמן האָט אויסגעהערט דזשעקן רואיק און זיין ברייטער שמייכל איז געלעגן צעגאָסן אויף זיין אָפענעם פּנים. ער האָט געטראַכט אז דזשעק האָט מסתמא אַ סך דערגרייכט דאָ, אז ניט וואָלט ער ניט געווען אזוי יחסנדיק ביי זיך. און ווי ער וואַרפט עס מיט די ענגלישע ווערטער, די זעלבע זאַך ווי ער פלעגט לייגן קלאַפּטער אין שטעטלשן טייך.

„צאָלרייט, דזשעקי באָי!" האָט קלמן אויך אָנגעהייבן מיט אַ פּאָר ענגלישע ווערטער, וועלכע ער האָט אָפּט געהערט באַנוצן, אָבער ער האָט געפילט אז זיי זיינען ביי אים ארויסגעקומען אַ ביסל צעקאָליעטשעט. „זאָרג זיך ניט פאַר מיר, גוטער ברודער! ווי זאָגסטו: ׳דאָנט וואָרי׳. קלמן בולאַן, ווי חברה האָבן מיך אַמאָל גערופן, איז שוין ניט קיין נעכטיקער, ער איז געווען ׳נאָ קאָניע און פאָד קאָניאָם׳. מיר דאַרף מען ניט געבן אַן אָגיטאַ־ציע וואָס אזוינס עס איז אַ בעל־הבית. איך בין געווען א חבר אין ׳בונד׳ און אפילו געזעסן אין ׳קאָזע׳ מיט די סאַמע גלאַוונע", האָט קלמן געוואָלט ארויסווייזן זיין ידיעה אין דעם ענין פון האַנדלען מיט בעלי־בתים. ער האָט נאָך געוואָלט דערמאָנען דעם שטרייק, די אַרעסטן אין שטעטל און אויסדערציילן פאַר דזשעקן די גאַנצע היסטאָריע פון יענע יאָרן, ווי ער האָט אָנגעפירט מיט באַיוווקעס און אנדערע זאַכן, נאָר דורכן טיר האָט ער געזען פון ווייטן ווי „פּוזע" שלעפּט זיך לאַנגזאַם צוריק פון קאַפעריטע און ער האָט זיך אראָפּגעלאָזן פון טאָן:

„ווי פלעגט מען ביי אונדז זאָגן: ׳טישע יעדעש, דאַלשע בודעש׳. דאָס הייסט, דזשעק, אַ מענטש דאַרף זיין אַ מענטש און ניט גאַלאָפּירן צו גאָר אויסטראָגן ווי אַ נאַרעוויסטער פערד. און קלמן איז שוין גאָר קיין פראָמאַך ניט, אז ׳פּוזע׳ זאָל אים קענען איינריידן פייגעלעך אין בוזעם. חוץ דעם", האָט ער זיך צוגעבויגן צו דזשעקן, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן אַ גאָר גרויסן סוד, „איך האָב אַ מיידל אין שטאָט און דאַרף אָנקלייבן עטלעכע פּעקעלעך סיגנאַציעס. איך וויל ניט אז מיין אָנקל זאָל מיר האַלטן אויף קעסט, פאַר־שטייסט... וועל איך שוין זען אז ווען די ריכטיקע צייט וועט קומען, וועט שוין ׳פּוזע׳ מוזן אַ קראַץ טאָן אי זיין פליך, אי אַ קראַץ טאָן אין קעשענע. שאַ, אָט קומט ער דאָך, די ׳פּוזע׳!"

„ויבא המן..." האָט דזשעק אויסגעדרייט מיטן ניגון פון דער מגילה. מ"ר פליישער איז געשטאַנען אין טיר אַ פאַרמאַטערטער. ער האָט גע־פרייכט ווי אַן איבערגעשטאָפּטע גאַנדז און מיט אַ גרויסע טאַשנטוך זיך געווישט פון הינטערן פעטן קאַרק די שוויים. אז ער האָט זיך אראָפּגעזעצט אויף זיין ווייכן שטול, לעבן טאָמבאַנק, און ארויפגעקוקט צו דער וואַנט מיט פאָליצעס, וואָס זיינען געווען פיין אויסגעסאָרטירט, האָט ער זיך צע־שמייכלט. ער האָט קיין וואָרט ניט געזאָגט, נאָר אַ צופרידענער אַ קרעכץ געטאָן.

9

באַצק-טשאַרלי און קלמן

גלייך מיטן באַגינען האָבן גענומען די פייגעלעך זינגען שירה אין נעסט פון דעם איינזאַמען בוים, וואָס איז געשטאַנען ניט ווייט פון פענצטער פון דעם שלאָף-צימער פון די צוויי קאַפּעריטניקעס טשאַרלי און קלמן. פון הינטערן באַרג האָט זיך אויפגעהייבן אַ גליאיק רויטע קויל, וואָס האָט אַ שאָס געטאָן בונטן בלענדיקע שטראַלן צו דער ערד. אַ ווינטעלע האָט לייכט זיך אַ שפּיל געטאָן מיט דעם ציצענעם פאָרהאַנגל איבער דעם אָפענעם פענצטער פון די צוויי בחורים.

טשאַרלי האָט זיך אַ וועק געטאָן דער ערשטער. זיין אייזערן בעטל האָט גענומען סקריפּען און קרעכצן פון זיקנה. ער איז געלעגן אויף דעם קויטיק האַרטן מאַטראַץ און אויסגעריבן דעם שלאָף פון די אויגן. זיין

ערשטער בליק איז געפאַלן אויף „דעם גרינעם", וואָס דער באַלעבאָס, מ"ר פליישער, האָט אים מיט אַ וואָך צוריק אַהער געבראַכט זיך אויסצולערנען די „קאַפעריטע־תורה". מיט קולות האָט טשאַרלי גענומען וועקן זיין גע־הילף:

„געגנוג צו פּאָפן, גרינע חיה! אפריטשקע איז דיר ניט יוראָפּ. דאָ אין קאַפּעריטע מוז מען שוין פאַרטאָג זיין אויף די פיס. דאָ מוז מען געדענקען: עס איז דאָ אַ 'פוזע' אויף דער וועלט..."

קלמן האָט שטאַרק פאַרקוועטשט די אויגן. ס'האָט זיך אים געוואָלט ליגן כאָטש נאָך אַ פּאָר מינוט.

טשאַרלי האָט אים אַ טאַרקע געטאָן אין זייט אריין:

„האָסטו שוין געזען אַזאַ מין פּאָפן? כראָפּעט ווי אַ מאַשין. ליגט ווי אַ געהרגעטער. נו, קאָם אָן, שטיי שוין אויף, בורילע אײנער!"

קלמן האָט שוין פאַר דער צייט אין קאַפעריטע זיך לייכט אריינגעפּאַסט אין דער אַרבעט. די תורה פון „צעבוטשערן" גאַנצע זייטן פליש פון אָקסן האָט ער שנעל באַנומען. ער האָט שוין אפילו באַוויזן צו אונטערשיידן פון איין שוואַרצן ביז אַ צווייטן, וואָס אין די ערשטע פּאָר טעג האָבן זיי אַלע גע־האָט ביי אים איין פּנים. דאָס איינציקע, וואָס איז אים שווער געפאַלן, איז געווען דאָס אויפכאַפּן זיך זעקס אזייגער אין דער פרי, אין סאַמע רעכטן, געשמאַקן שלאָף.

איצט עפנט קלמן אויף אַ פאַרשלאָפן אויג, ציט אויס געשמאַק זיינע גלידער, און ווי יעדן פרימאָרגן פאַר דער לעצטער וואָך באַגעגנט ער טשאַרלין מיט אַ שמייכל:

„האַלאָ, טשאַרלי!"

טשאַרלי לאָזט זיך ניט אונטערקויפן מיט אַ שמייכל:

„דו הערסט, גרינער, מיין ניט אז כ'וועל דיך אזוי אַלע פרימאָרגן וועקן. ביסט ניט חולה אליין זיך אויפכאַפּן אין צייט, אזוי ווי איך. הער נאָר אַ ביסל", צעבייזערט ער זיך נאָך מער, „אַ נייער 'דזשאָב' פאַר מיר — צו וועקן אים אַלע אין דער פרי. פאַר דעם, ברודערקע, צאָלט מיר 'פוזע' קיין געלט ניט, דו הערסט?"

„איך הער גאַנץ גוט, ברודערל טשאַרלי, אָבער לאָז מיר נאָר אַ רגע זיך אויסטשוכן". קלמן גיט אַ קוק אויף זיין זייגערל און רעדט ווי מיט פאַר־

וורף: „וואָס איז היינט די איילעניש? ס'איז דאָך נאָך אפילו קיין זעקס אזייגער ניט".

„שאַראַפּ, גרינער! אַ פּנים דו קענסט נאָך ניט 'פּוזען'? וועסט אים שוין דערקענען, אז דיינע באַקן און דיין בייכל וועלן אַנהייבן איינדאַרן. פּאַר־שטייסט, ער אליין, דער גרויסער בעל־הבית, דרושפּעט זיך דאָרטן ווי אַ פּריץ ביז ניין אזייגער, אָבער זיינע מענטשן, זאָגט ער, מוזן אַכטונג געבן אויף זיין 'בלעדי' קאַפּעריטע פון פינצטער ביז פינצטער. אַ קאַפּעריטניק, זאָגט 'פּוזע', טאָר ניט קוקן אויפן זייגער; אַ קאַפּעריטניק, זאָגט ער, טאָר בכלל קיין זייגער ניט האָבן, אז האָבן זאָל ער שוין די פּאַליקע, דער 'בלעדי' בעל־הבית! אליין האָט ער זיך אַנגעהאַדעוועט אַ בויך, אז קוים וואָס ער שלעפּט אים, אָבער פון אונדז וואָלט ער די געדערעם ארויסגעשלעפּט".

„וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אויף דיר, כאַצקל, כ'מיין — טשאַרלי, וואָס דו קלאָגסט כסדר ווי אַ כלב אין די ניין טעג? אדרבא, וואָס פעלט דיר דאָ אַ שטייגער?" רייסט קלמן איבער דעם מבול רייד פון טשאַרלין, ארויפ־ציענדיק אויף זיך די תחתונים. „פרעסן האָסטו דאָ, דוכט זיך, אריבער דיין גרגרת, שלאָפן שלאָפסטו אויף אַ מאַטראַץ מיט ספּרוזשינעס, און אַ שחור־דיקער פאַרבעט דיין בעט, רוימט אויף דיין ווינקל, צעוואַשט דיינע גרעט און ער פרעגלט אפילו אָפּ אַ 'סטייק' פאַר דיר — איז וואָס זשע האָסטו געוואָלט, ס'טעלערל פון הימל?"

„ווייס איך וואָס אַ 'גרינער' פּלאַפּלט דאָרט..." טוט טשאַרלי אַ בור־טשע אומצופרידן.

„מיך אַרט ניט אז דו רופסט מיר 'גרינער', אָבער זאָג נאָר כאַצקל, אין דעם היים האָסטו דאָרט אויך געלעבט אזוי ווי אַ גראַף? אַ ניכפּה האָט גע־מעגט אריין אין דיין טאַטנס זון אריין! דאָרטן האָסטו דאָך געדרייט אַ קעלבל פאַרן עק, דאַר ווי אַ שפּאָן ביסטו געווען און ניט זעלטן זיך געלייגט שלאָפן אַ הונגעריקער — אַ וואַזשנע מציאה מיט דיר געווען. און היינט, טו נאָר אַ קוק, ר' טשאַרלי, דו פּלאַצסט דאָך שוין ארויס פון דיינע תחתונים און אַלע וואָך מוזטו אָפּלאָזן אַ לעכל פון דיין פּאַפּרושקע. האָסט געמעגט אין ים אריינפאַלן איידער ביסט דאָ אָנגעקומען, קלאָג־מוטער!..."

און קלמן גלייכט זיך אויס, גיט גוט־ברודעריש אַ נעם טשאַרלין, טוט אים אַ הייב אויף, אַ דריק־צו צו זיין ברוסט און לאָזט אים אַראָפּ.

טשאַרלי גיט אַ קרעכץ און ציט אָפּ דעם אָטעם:

„הער אויף מיט דיין גבורה, שבת הגדול! כוח ווי ביי אַ פערד. אַ מענטש זאָל עס אזוי אויסוואַקסן, ווי אַ שמשון הגיבור. זעסטו, גרינער, איך מיט דיינע מוסקלען און מיט דיין פאַסטאַטשע וואָלט געהאַט אין דר׳ערד אריין ׳פּוזען׳ מיט זיין קאַפּעריטע. כ׳וואָלט בעסער געוואָרן אַ באָקסער, אַ פייטער, אַ רעסלער — אַלץ בעסער ווי אַ בלעדי קאַפּעריטניק״.

קלמן רייסט איבער דעם שטראָם פון טשאַרליס רייד:

„כאַפּ ניט אזוי, גוטער ברודער טשאַרלי, יאָג זיך ניט. דו ווילסט שוין אז די ערשטע וואָך זאָל איך שוין ווערן אַ גאַנצער גענעראַל דאָ. לאָז נאָך אַ ביסל זיך אויסטשוכן, דערזען די וועלט, אָפּשפּאָרן אַ פּאָר פונט — דאַן וועט מען זיך אזוי לאַנגזאַם פאַרפאָרן אין שטאָט אריין און זיך צו עפּעס דערשלאָגן — פאַרלאָז זיך אויף קלמנען!״

„אזא מזל אויף דיר וואָס פּאָר אַ וועלט דו קאָנסט זיך שוין דאָ אָנזען צווישן די שחורדיקע. אז אָבער שחורדיקע און ווידער שחורדיקע — אַ פולע מיט נאָך ווערסטו פון זיי זיך אויסלערנען, ברודערקע!״

„ווי זאָגסטו, טשאַרלי, ׳נעווער מיין׳, אָדער ׳מיין עווער׳, אָבער שחור־דיקע זיינען אויך מענטשן — און איך דאַרף דאָ ניט דורכגיין קיין גימנאַזיע מיט אַכט קלאַסן. איך האָב אַ טראַכט געטאָן, אז אפשר אַ מאָל קאָן גאָר ׳פּוזען׳ איינפאַלן מיר אריינצונעמען אין קאָנצעשן סטאָר, אזוי ווי דזשעקן. דאַן, גו־טער ברודער, וואָלט איך שוין אליין געקראַכן אַ שטאָפּל העכער. און דער־נאָך, אז מ׳קומט אין שטאָט אריין איז זיך שוין דאָ מיט עפּעס צו ווייזן״.

טשאַרלי האָט זיך מיט אַ מאָל אויפגעקאָכט און גענומען שילטן:

„אָלרייט, אָלרייט, גרויסער אויפטוער! גיי אין קאָנצעשן סטאָר, גיי אין שטאָט, גיי אין דר׳ערד אריין! וואָס אָבער האָט עס צו מיר און וואָס פאַרקאלאָטשעסטו מיר גאַנצענע טעג דעם קאָפּ מיט דיינע ׳נאָנסענס׳. טאָג און נאַכט הערט עס ניט אויף צו האַקן אַ טשייניק וואָס ער וועט דאָ טאָן, וואָס ער וועט טאָן אין שטאָט. ווער פרעגט דיר קשיות און ווער וויל הערן דיינע חד־גדיאס? בלויז אַ וואָך ווי ער איז דאָ, דער בלעדי ׳גרינער׳, און די גאַנצע קאָפּעריטע איז פול מיט אים! פון מיין ׳פּאַרט׳ קאָנסטו אליין ווערן אַ ׳קאָנצעשניק׳ און ווערן געשוואָלן ווי ׳פּוזע׳; מעגסט אפילו פאָרן אין שטאָט און ווערן אַ רב דאָרט, וועט מיך אויך ניט אַרן. דערצייל מיר

אָבער קיין מעשיות ניט. ׳גאָו טו העל׳ און שלאָג זיך דיין אייגענעם קאָפּ אָן וואַנט!״

קלמן האָט דערפילט, אַז ער האָט אָנגעטראָטן אויף טשאַרליס נאַגניאָט־קעס. ער האָט אָנגעצויגן זיין שטענדיקן שמייכעלע, אים אריינגעקוקט אין פּנים און זיך גוטמוטיק אָפּגערופן:

„סאָרי, כאַצקל, כ׳מיין — טשאַרלי, כ׳האָב זיכער ניט געוואָלט דיך אויפרעגן. דו ווייסט דאָך, אַז יעדער איינער טראַכט וועגן זיך און פאַרגעסט דעם צווייטן. בעט איך דיר: זיי ניט אין כעס אויף מיר און זיי מיר הונ־דערט מאָל מוחל!״

די ווייכע רייד, וואָס האָבן ניט געפּאַסט צום האַרטן, רויען קלמנען, האָבן טשאַרלין נאָך מער צעקאָכט. אויפן שפּיץ פון זיין פּליך האָבן זיך אָנגעצויגן בלויע אָדערלעך. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן זיין שמוציקן האַנטעך און פאַר כעס זיך אַ לאָז געטאָן אויף די פליגן, און מיט איין קלאַפּ אוועק־געלייגט גאַנצע חמרים פון זיי. דאַן האָט ער אויסגעשאָסן מיט זידל־ווערטער:

„פּוצאָק, דו באָבעיאַן! ווער טראַכט פון דיר און ווער קלערט פון ׳פּוזע׳? דו האָסט אוודאי געמיינט, אַז איך גיי שוין דאָ אָפּזאָגן ווידוי, אַז דאָ ענדיקט זיך מיין וועלט. האָסט אַ טעות, איר אַלע האָט אַ טעות, ווייל מיין גאָט לעבט נאָך אויך״.

דאָס איז געווען טשאַרליס שטענדיקער פּיזמון, ווען ער האָט געוואָלט זיך אַראָפּשרייען פון האַרצן. אין דער אמתן אָבער האָט טשאַרלי אליין גע־פילט, אַז אים וועט עס אָנקומען גאָר שווער זיך ארויסצורייסן פון דער קאַ־פעריטע. שוין ניט איין מאָל האָט ער געפּרוווט זוכן אַ „דזשאָב״ אין שטאָט, אָבער בשום אופן ניט געקאָנט קריגן. מען פלעגט אים אפילו ניט טרייסטן מיט אַ צוזאָג סתם, נאָר אָפּפּטרן מיט אַ „ווי לעט יו נאָו״ און ווייטער איז עס ניט געגאַנגען. קאָנטיק, אַז מער פון אַלץ איז אין דעם שולדיק געווען זיין אסאָבע; קורץ געוואַקסן, אַ פּליך ביז איבער די אויערן — סימנים פון אַן אמאָל איינגעגעסענעם פּאַרך, גרויע, זשוואַווע אייגעלעך, וואָס רוען ניט אַ רגע, אַ נאָז, ווי אַ ליולקע, וואָס קוקט אין מויל אריין. חוץ דעם זיינען די בגדים אויף אים געהאַנגען, ווי ער וואָלט אריינגעקראָכן אין זיין עלטערן ברודערס גאַרניטער. אזוי פלעגט זיין גאַנצע פּאַסטאַטשע מאַכן אַן אומ־היימלעכן איינדרוק אויף יעדן, וואָס האָט אים געזען צום ערשטן מאָל.

קיין איין מאָל איז מ״ר פליישערן גאָר ניט איינגעפאַלן טשאַרלין אי־בערצופירן פון קאַפּעריטע אין קאָנצעשן סטאָר, ווו ס׳איז געווען רייִנער און ייחוסדיקער צו אַרבעטן. האָט זיך טשאַרלי במילא צוגעווינט צום גע־דאַנק, אַז ער וועט זיך שוין מוזן עלטערן ״מיט דער קאַפּעריטע״, ווי מיט אַ ווייב אַ צרה. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים אויפגערעגט איז דער ״גרי־נער״ און זיין באַרימערייַ שוין די ערשטע וואָך, אַז ער, דער ״גרינער״, זאָל וועלן קריכן אַ שטאָפּל העכער פון אים. דאָס האָט טשאַרלין ארויסגעבראַכט פון געדולד און ער איז קאַפּאַבל געווען אים זידלען, אָפּבריען מיט די מיאו־סטע קללות, באַדיי באַפאַלן אים שלאָגן, אַבי ניט דאַרפן אויסהערן די דאָ־זיקע רייד.

איצט אָבער, ווען דער גרויסער איבערגעוואַקסענער קלמן איז גע־שטאַנען פאַר אים מיט זיינע גוטמוטיק שמייכלענדיקע אויגן, מיט אַ בעטנ־דיק פנים און מיט אַ ניי וואָרט ״סאָרי״, איז טשאַרליס פאַרביטערט האַרץ ווייכער געוואָרן און ער האָט זיך אויך צעשמייכלט מיט אַ ברייטן ,פריינד־לעכן שמייכל.

קלמן און דזשעק

קלמן און דזשעק זיינען געוואָרן גאָר גרויסע פריינד. ניט נאָר איז עס געווען אַ פריינדשאַפט פון אַרבעט און ווי אַזוי מ׳קען פון ״פּוזען״ ארויס־פּרעסן אַ העכערונג אין לוין, נאָר עס האָט זיך אָנגעהייבן אויסשפּרייטן אויך אויף אנדערע געביטן, מער אינטים־גייסטיקע, וואָס קלמן איז געוואָרן פאַר־אינטערעסירט אין זיי.

דזשעק האָט קלמנען גערן געהאַט און האָט זיך באַצויגן צו אים זייער ערנסט. קלמן האָט קעגנאיבער אים ניט געפילט קיין געפאַלנקייט און האָט דזשעקן פאַררעכנט אי ווי אַ גוטן ברודער, אי ווי אַ לערער. אין דער איינזאַמקייט האָט קלמן דערפילט אַז די נאָענטקייט פון דזשעקן טוט אים גוטס. ער האָט גלייך אויסגעפונען אַז דזשעק קען חוץ זידלען און שילטן, וואָס קומט פון פאַרביטערונג, אויך ריידן געלאַסן און שיין וועגן וויכטיקע און הויכע זאַכן, אין וועלכע ער, קלמן, ווייס ניט און פאַרשטייט ניט ווו מ׳הייבט אָן און ווו מ׳ענדיקט. איז ווי ער האָט נאָר געהאַט עטלעכע פרייַ שעה, איבערהויפּט אין אַ רו־טאָג צי סתם אַ זונטיק, ווען די קאָנצעשן סטאָר

איז געווען פאַרמאַכט, פלעגט ער שוין באַגינען אריינפאַלן צו דזשעקן און ווערן זיין גאַסט ווי לאַנג ס׳האָט זיך געלאָזן.

ער פלעגט זיצן רואיק און מיט אַן אָפן מויל אויסהערן די וווּנדער־לעכע געדאַנקען, וועלכע דזשעק פלעגט פאַר אים אויסטייטשן און דער־קלערן, ווי אַ רבי וואָס רעדט אריין געדולדיק אין זיין תלמיד.

דזשעק, וואָס איז שוין געווען געוווינט צו דער איינזאַמקייט און דאָס בלייבן מיט זיך אַליין פאַר גאַנצע טעג, האָט דערזען לעבן זיך אַזאַ גע־האַרכזאַמען און טייערן חבר ווי קלמנען און איין מאָל האָט אין אים אַ שפּאַר געטאָן דער ווילן זיך צו טיילן מיט אים מיט די געדאַנקען און מיינונגען וואָס האָבן זיך פאַר יאָרן אָנגעקליבן אין זיין האַרצן.

ער האָט אין אים דערקענט, אַזוי ווי פּיוול מיט אַ צייט צוריק אין „שעלטער״, דעם גוטן און ברייטהאַרציקן בחור, וואָס איז פול מיט וואַרע־מער היימישקייט און איז אין דער זעלבער צייט רוי, ווי ניט קיין פּאָליר־טער דימענט. און ניט איין מאָל האָט ער שוין באַמערקט, אַז קלמן איז גרייט צו העלפן יעדן מענטשן וואָס נייטיקט זיך אין אַ ביסל הילף — און אנדערע מאָל וואָלט ער אפילו גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר אַ גוטן חבר.

דזשעק האָט אָנגעהויבן מיט קלמנען לייכט שמועסן. כאָטש קלמן האָט קיין אייגענע מיינונג ניט געקענט ארויסזאָגן, האָט דאָך דזשעק געפילט אַז זיינע ווערטער דרינגען אריין צו קלמנען אין האַרצן און ער זאַפּט זיי איין אין זיך, זייער מיין און באַטייט. ער האָט געהאַלטן אַז ער טוט אויף אַ גרויסע זאַך, וואָס ער קען עפענען די אויגן ביי אַ מענטשן מיט אַ פאַר־בלאָנדזשעטער נשמה.

דזשעק איז געווען שטאַרק אַנטי־רעליגיעז און געהאַלטן אַז דאָס אַלץ וואָס ער האָט געלערנט אין ישיבה איז פּוסטע נאַרישקייטן. דאָך האָט די גירסא דינקותא אַ סך געהאָלפן אין זיינע אויפקלערונגען פאַר דעם רויען קלמנען. ער האָט אויך אריינגעפּלאָכטן און אונטערגעשטראָכן דעם סאָ־ציאַלן מאָמענט, וואָס האָט געהאָלפן קלמנען גרינגער צו פאַרשטיין די ענינים.

ווען קלמן האָט זיך אויסגעפּאַקט האָט ער אויף זיין טישל אוועקגע־לייגט דעם סידור און תפילין־זעקל, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך נאָך פון זיין בר־מיצווה. ער האָט געדענקט, ווי די מאַמע האָט עס אים אַזוי

זאַרגעוודיק איינגעפּאַקט און אָנגעזאָגט דורך כאַטשען און העטשען: מיין קינד, פאַרגעס ניט אז אין אפריקע דאַרפסטו אויך זיין אַ ייד, זאָלסטו ניט פאַרגעסן אז אַ ייד דאַרף אַ מאָל אויך דאַוונען. דער דאָזיקער רעליגיעזער רעקוויזיט איז פאַר קלמנען געווען גאַנץ נאַטירלעך.

אָבער אז דזשעק האָט באַמערקט, אז קלמן איז נאָך „אָנגעשטעקט מיט די רעליגיעזע אָנשויאונגען פון קלער", וואָס קלמן האָט ניט געוווּסט מיט וואָס מ'עסט עס, האָט ער זיך פאַרלייגט אויף אים. צו ערשט האָט קלמנען געוווּנדערט דזשעקס איראָניע וועגן זיין „נאַאיווער פרומקייט", ווי ער האָט עס גערופן, ניט געקוקט וואָס קלמן האָט אַ מאָל געהערט צום „בונד". נאָר שפּעטער האָט ער געזען אז דזשעק רעדט ערנסט.

„די רעליגיע, מיט די אַלע שמאָנצעס", האָט אים דזשעק א ווייז געטאָן אויף זיין תפילין־זעקל מיטן סידור, „איז דאָס גרעסטע אומגליק פון דער מענטשהייט. ווען ניט די רעליגיע וואָלטן אפשר קיין מלחמות ניט געווען אויף דער וועלט און מענטשן וואָלטן לעבן ווי דער נביא ישעיהו האָט פאָרויסגעזאָגט, אז אַ וואָלף וועט זיך פיטערן מיט אַ שעפּס; פון אַ שווערד וועט מען אויסשמידן אַן אַקעראייזן און איין פאָלק וועט לעבן מיטן צווייטן אין שלום און די ערד וועט פול זיין מיט וויסן".

„וואָס, ביסט שוין גאָר קיין ייד ניט?" האָט אים קלמן אָנגעקוקט א צעשמייכלטער, ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט זאָגן: הער שוין אויף פראָווען דיינע חוזק־שטיק.

* * *

דזשעק האָט פאַרשטאַנען אז מיט קלמנען וועט ער אויף דעם וועג ווייט ניט פאָרן, האָט ער אָנגעהייבן אַנטוויקלען דעם זעלבן געדאַנק אויף אַן אַנדער אופן:

„באַטראַכט זיך, קלמן: יעדער רעליגיעזער מענטש איז טאַקע פרום און אָרנטלעך, ווייל אויב איינער איז אזוי איז טאַקע די פרומקייט אין זיין האַרצן, אָבער מיט די רעליגיעזע פירער איז עס אַנדערש, זיי דאַרפן דאָך זיין א מוסטער פאַר אַנדערע. אָט, נעם, למשל, אונדזערס אַ רב, אַ דיין צי אַ שוחט, אָדער זייערן אַ גלח, אַ בישאָף צי אַ פּראָסטן דיאקאָן און אפילו אַ דינער אין טעמפּל פון בודאַ — זיי זיינען טאַקע פרום און פירן אויס די רעליגיעזע קולטן לויט זייערע געבאָטן, אָבער דערביי האָבן זיי ניט אין זינען דעם מענטשן אַלס מענטש. זייער באַציאונג צו מענטשן מעג זיין ווי

ערלעך, אָבער אומבאַוווסט, אפשר, פאַר זיי אליין ברענגען זיי גענוג צרות אויף דער מענטשהייט״.

דזשעק האָט געזען אז קלמן שלינגט זיינע ווערטער, האָט ער אָפּגע־כאַפּט דעם אָטעם און ווייטער גערעדט:

„האָסט דאָך, קלמן, ניט איין מאָל מסתמא געהערט א דרשה פון אַ רב, צי פון אַ מגיד, האָסטו דען ווען געהערט אז זיי זאָלן ריידן וועגן אַלע מענטשן? עס איז פאַר זיי דאָ נאָר איין פאָלק — יידן! און ס׳הייבט זיך אָן אַ סדרה: מיר, יידן, זיינען די אויסדערוויילטע פון אַלע פעלקער, דאָס הייסט: די אמתע מענטשן און דערפאַר איז אונדזער גאָט דער אמתער גאָט און אונדזער אמונה איז די איינציקע אמתע אמונה!

„קומט דער גלח און זאָגט דאָס זעלבע צו זיינע גלויביקע און אזוי זאָגט דער קאַטוילישער בישאָף און דער בודיסטישער פריידיקער — אלע אין איין קול: די קריסטן אָדער די בודיסטן זיינען די אמתע ריינע מענטשן און ווייל זיי דינען דעם אמתן גאָט, האַלט ער זיי אונטער זיין שוץ און פאַר זיי איז אָנגעגרייט דאָס אייביקע לעבן. מיט איין וואָרט: יעדער רעדט נאָר וועגן זיינע מענטשן, זיין סעקציע, זיין אמונה און דעם אופן ווי אזוי צו דינען גאָט אויף זייער וועג. דורך אזא פריידיקן פאַרפירן זיי די מענטשן און שאַפן אַ וואַנט צווישן מענטש און מענטש. זיי צעטיילן די מענטשן אין גרופעס און שאַפן אַ האַס צווישן איין גרופע און דער אַנדערער.

„אָבער ווען יעדער פון די אַלע רעליגיעזע דרשנים וואָלט אָנשטאָט מיר יידן, מיר קריסטן, מיר בודיסטן און ווי זיי הייסן דאַרט, פשוט געזאָגט: מיר מענטשן, מיר, די קינדער פון איין טאַטן — ווייל אין דעם זיינען זיי דאָך אַלע צוזאַמען איינשטימיק, אז מיר האָבן איין גאָט — און ווי יעדער פאָטער האָט ער ליב זיינע קינדער אַלע גלייך — צי וואָלט אזא מענטש־צו־מענטש באַציאונג ניט געשאַפן אַ בעסערע פאַרשטענדעניש און פרידן צווישן די פעלקער?״

ער האָט אָפּגעמאָסטן קלמנען מיט זיין בליק און פאַרגעזעצט מיט אַ ביסל אַ שטילערן קול, ווי אין זיינע רייד וואָלט געווען אַ פאַרענטפערונג:

„קלמן, פאַרשטיי מיך. איך בין ניט פון די אַטעאיסטן, וואָס גלויבן בכלל ניט אין אַ העכערע קראַפט איבער אונדז, ווי מ׳רופט עס לויט דעם יידישן באַגריף: די השגחה. דער וואָס גיט אכטונג אויף דעם לעבן און פירט אָן מיט דעם קאָסמאָס, מיט די אַלע שטערן און וועלטן וואָס רינגלען

אונדז ארום. וואָס זיינען די אַלע נאַטור־דערשיינונגען, וואָס דער מענטש־לעכער שכל קען זיי ניט באַגרייפן, ווער האָט זיי באַשאַפן און מיט וועמענס כוח באוועגט זיך אין אייביקן פּראָצעס אונדזער ערד, אַלע פּלאַנעטן און שטערן? אונדזער מוח איז ניט מסוגל אויפצונעמען אָט דאָס ווונדער און אים פאַרשטיין. דער פּשוטער מענטש קען די נאַטור זען און פאַרשטיין אירע וועגן ביז אַ געוויסן גראַד, אָבער די גרעסטע פילאָזאָפן פון אַלע צייטן קענען נאָך אַלץ ניט אויפקלערן די מיסטעריע פון דער נאַטור, די פאַר־הוילנקייט אין די הימלען.

„עס איז ווייל דער מענטש האָט נאָך ניט אויפגעדעקט דעם סוד פון לעבן און דעם סוד פון טויט און ער וועט זיי אפשר קיין מאָל ניט אנטדעקן. דעריבער קען טאַקע דער אַפיקורס ניט אויפווייזן אויף זיכער אז ס׳איז ניטאָ קיין גאָט, פּונקט ווי דער רעליגיעזער מענטש און דער גרעסטער צדיק קען ניט אויפווייזן דאָס פאַרקערטע. אָבער אויב ס׳איז דאָ א גאָט, ווי אַלע רע־ליגיעס פּריידיקן, און ער איז דער טאַטע פון אונדז, מענטשן, און מיר — זיינע קינדער, צי קען אַ בעל־שכל גלויבן אז דער גאָט וויל באמת פון זיינע יידן אז זיי זאָלן אים לויבן און בענטשן דריי מאָל אַ טאָג און ער זיצט נאָר און וואַרט אויף אונדזערע יידישע ברכות? נייטיקט ער זיך אין זיי?"

* * *

קלמן האָט אים אָנגעקוקט און האָט זיינע אויערן ניט געגלויבט: אָט דער יענקעלע, וואָס הייסט היינט דזשעק, דער געוועזענער ישיבה־בחור, האָט זיך אויסגעקאָשערט אויף דער לינקער זייט, פּונקט ווי ער האָט אי־בערגעדרייט זיין יידישן נאָמען.

אויף קלמנס ליפּן האָט געצאַפּלט אַ פראַגע: טאָ פאַר וואָס שמדסטו זיך ניט און אַ סוף זאָל עס נעמען? אָבער ער האָט מורא געהאַט עס צו פרעגן, ווייל ער האָט געזען אז דזשעק פאַרשטייט די זאַכן וועגן וועלכע ער רעדט און וועט אים גלייך „לייגן אויף די לאָפּאַטקעס". איז איידער קלמן האָט נאָך געהאַט צייט איבערצוטראַכטן דזשעקס ווערטער, האָט דזשעק ווידער איבערגעחזרט זיין פראַגע:

„נו, מיינסטו טאַקע אז גאָט דאַרף אונדזערע ברכות? צי ער קימערט זיך אפשר שטאַרק אויב קלמן אָדער דזשעק האָבן געפאַסט יום־כיפור? מיינסטו אז די אַלע תרי״ג מצוות, וואָס זיינען פאַרשריבן אין דער תורה, פאָדערט גאָט אז מיר יידן זאָלן זיי אָפּהיטן מיט אַלע פּיטשעווקעס? איך

גלייב ניט אין דעם!" האָט דזשעק מיט איין קלאַפּ פאַרענטפערט זיינע אַלע פראַגעס און עס דערקלערט קלמנען:

„אויב גאָט איז טאַקע דער פאָטער פון אַלע מענטשן, קען ער ניט מאַכן קיין אונטערשייד צווישן זיינע קינדער, אז זיי זאָלן זיך שטענדיק ארומרייסן און האָבן מחלוקתן צוליב דעם אופן פון דינען אים. אין וואָס איך גלויב יאָ איז, אז יעדער מענטש דאַרף זיך באַציען צו גאָט ווי אַ קינד צו אַ פאָטער, אים אַכטן און צוליב זיין כבוד וועגן טאָן גוטס, ווי ער האָט עס אָנגעזאָגט. ווייל דאָס אמתע גאָטס וואָרט איז: דין צו מיר אויף אַ פשוטן אופן, מיט מעשים טובים, העלף דעם שוואַכערן און דעם אָרעמערן, זעטיק דעם הונגעריקן און גיב אַ קלייד דעם נאַקעטן. און אויב איינער וויל דאַוונען און צו אים בעטן, קען ער עס טאָן אומעטום, וווּ ער גייט און וווּ ער שטייט און ניט דווקא אין אַ בית־מדרש — אומעטום איז גאָטס הויז, מלא כל הארץ כבודו.

„וווּ נאָר אַ מענטש קומט איז ער מיט גאָט, אויב נאָר זיין האַרץ איז ריין און זיין מחשבה איז ערלעך. ווייל אויב גאָט איז דער באַשעפער פון אַלע מענטשן און אלע עולמות, פאַרשטייט ער דאָך ניט נאָר די פאַרטיקע צוגעפּראַוועטע תפילות, נאָר ער ווייס דאָך די טראַכטונגען פון מענטש און לויט זיי משפּט ער. קענסט ניט מתפּלל זיין פון אַ סידור, אויב דו ווייסט ניט וואָס דאָס מיינט. עס איז נאָר אַ פרעפלעריי, אַ געצנדינעריי.

„מיינסטו אז די אַלע שיינע בתי־מדרשים און רייכע שולן זיינען די ריכטיקע הייזער פון גאָט? דער אמת איז אז זיי זיינען עס ניט. פאַרקערט גאָר: אין דער איצטיקער צייט זיינען די אַלע מכלומרשטע געבעט־הייזער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין ערטער ווו כלי־קודש דרייען זיך ארום אויף צו מאַכן אַ לעבן. אן ערלעכער מענטש מוז אויפציטערן פון די פאַרביזנעוועטע בתי־תפילות, ווו מ'האָט גאָט אריינגענומען פאַר אַ שותף אין אלערליי געשעפט־טראַנזאַקציעס און מ'האָט די רעליגיע אין גאַנצן קאָמערציאַליזירט. געוויס שרייען די אַלע פאַראינטערעסירטע כלי־קודש אז מ'טראַכט אויס אַ בילבול אויף זיי, אז זיי זיינען ריין פון זינד און זיי טוען אַלץ פאַר גאָטס תורה, אָבער דאָס איז נאָר זיך ריינצוואַשן".

קלמן האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען וואָס דזשעק האָט אָנגערעדט. ער האָט ניט פאַרשטאַנען ווי קומט תורה צו ביזנעס און ווי קענען עס רבנים טאָן, האָט ער אַ פרעג געטאָן אין מיטן:

„איז וועדליק דו זאָגסט, דזשעק, איז אַלץ מיט אַנאַנדער ניט ווערט אַ שפּיי און די תורה איז ביי אונדזערע רבנים גאָר ניט ווערט, נאָר צו מאַכן מסחר. איז ביי מיר רעכט אז דו לייקנסט אפילו אין די עשרת הדברות, וואָס גאָט האָט געגעבן משה רבנו אויפן באַרג סיני. גאָט האָט דאָך גע־געבן די עשרת הדברות צוזאַמען מיט דער תורה!״

דזשעק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, ווי קלמן וואָלט אים צוגעוואָרפן אַן אבן טוב:

„הער נאָר קלמן, דו האָסט צוזאַמענגעמישט אַ קאַשע פון תורה, רעלי־גיע און עשרת הדברות — זיי וויסן אז תורה און רעליגיע זיינען צוויי באַ־זונדערע זאַכן: תורה מיינט לערנען און רעליגיע מיינט גלויבן און לויט דעם גלויבן זיך פירן. עס זיינען פאראַן פאַרשיידענע פילאָסאָפיעס און שיטות פון די אלערליי אמונות, אָבער וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער ריידן. איין זאַך פאַרשטיי: מ׳קען זיין אַ למדן און אין דער זעלבער צייט זיין ניט רעליגיעז, פון דער צווייטער זייט קען מען זיין אַ רעליגיעזער ייד, גלויבן אין גאָט און פרום אויספירן זיינע אַלע געבאָטן און גאָר ניט זיין קיין למדן. איך וויל, קלמן, דו זאָלסט זיך אריינטראַכטן אין די זאַכן טיפער, ערנסטער און דו וועסט זען ווו דער אמת איז. אָבער איצט איז שוין שפּעט און מיר האָבן אַ סך גערעדט. נאָך מיטאָג וועסטו מיר דערמאָנען, וועל איך דיר דערקלערן וועגן די עשרת הדברות״.

* * *

„און וואָס איז מיט די עשרת הדברות?״ האָט קלמן אַ זאָג געטאָן צו דזשעקן ווי נאָר זיי האָבן זיך ספּראַוועט איין זונטיק מיט דעם פּעטן מיטאָג.

דזשעק האָט ארויסגעפּלאַצט מיט אַ הילכיק געלעכטער, ווי עמעצער וואָלט אים געפּרעגט, וואָס וועט זיין מיט די פּאָר שילינג וואָס ער קומט אים. קלמן האָט אַ פאַרשעמטער פון זיין אייליקייט געפּרווט שטאַמלען: „פאַרשטייסט, דזשעק, כ׳וויל עס וויסן...״

„יאָ, כ׳האָב דיר צוגעזאָגט און איך קום דיר דעם חוב, כאָטש מ׳וואָלט זיך געדאַרפט אַ ביסל אָפּרוען נאָך אזא פולן מיטאָג. אָבער אַ וואָרט איז אַ וואָרט און איך וועל עס דיר פּרובירן דערקלערן ווי איך פאַרשטיי עס.

„ניט איין מאָל האָב איך וועגן דעם געטראַכט און זיך אליין געוואָלט קלאָר מאַכן דעם ענין — און אַן ענין איז עס אַ שווערער. מיר וועלן דאָ

אפילו ניט פאַנאַנדערקניפּן דעם גאַנצן פּלאָנטער, ווער עס איז דער מחבר פון די עשרת הדברות, גאָט אַליין, משה רבנו, צי גאָר אַ דריטער מענטש פון וועמען משה האָט גענומען זיינע געבאָטן פאַר דעם פאָלק ישראל.

„לאָמיר נאָר אַ קוק טאָן אין תוך פון דער זאַך. אָט שוין ביים ערשטן געבאָט פון אנכי ווערט דער גאַנצער ענין אַ ביסל קשה: צי איז עס דער וועג פון אַן אַלמעכטיקן גאָט, אז ער זאָל פאַרזאָגן דעם שוואַכן און הילפ־לאָזן מענטשן, אז איך בין דיין האַר, דיין גאָט, ווייל ער, דער כל יכולדיקער גאָט שרעקט זיך פאַר דער קאָנקורענץ פון האָלצערנע צי שטיינערנע גע־טער וואָס אַ מענטשנס האַנט האָט זיי געשניצט צי געטשעשעט? די זאַך לייגט זיך ניט אויפן שכל אזוי פשוט. כדי עס צו מאַכן קלאָר און פאַר־שטענדלעך, מוז מען אויפדעקן דעם טיפערן זין פון אַזאַ געבאָט. זעען מיר דאָך, קלמן, אז נעמענדיק די זאַך פלאַך און ניט אריינטראַכטנדיק זיך אין די סיבות, איז עס גאָלע נאַרישקייט: דער גאָט וואָס האָט באַשאַפן הימל און ערד, די זון און די שטערן און וואָס זיין געהיימע קראַפט פירט אָן מיט אַלע נאַטור־דערשיינונגען אויף דער ערד און אין די רוימען, וואָס איז בעל־הבית איבער לעבן און טויט; דער וואָס קען מיט איין וואָרט ברענגען אַ מבול און ערד־ציטערניש און אומברענגען זיין באַשאַף, און פאַרקערט — וואָס קען מיט איין יהי נייע וועלטן באַשאַפן, אז דער אייבי־קער און מעכטיקסטער כוח זאָל דאַרפן שטרענג אָנזאָגן זיין שוואַכן יצור, אז ער איז דער איינער און דעריבער זאָל ער זיך היטן, דער מענטש, און ניט דינען קיין פרעמדע געטער פון האָלץ און ליים".

קלמן איז געזעסן ווי פאַרכישופט פון די נייע און קלאָרע געדאַנקען און ער האָט אים געקוקט אין מויל און אין זיך נאָכגערעדט זיינע ווערטער, ווי איינער זאָגט נאָך אַ תפילה. דזשעק האָט זיך צעהיצט פון די אייגענע ווערטער און זיי זיינען ארויסגעקומען פון זיין מויל פּאַטעטיש, ווי ער וואָלט גערעדט פאַר אַן עולם פון דער בימה.

„אָבער אז מען טראַכט זיך גוט אריין אין דעם גאַנצן ענין איז פאַראַן אין דעם אַ זין און מען מוז קומען צו גאָר אַנדערע אויספירן: דאָס דינען צו פאַרשיידענע און באַזונדערע געטער, איז די סיבה וואָס מענטשן זיינען פונאַנדערגעטיילט אויף רעליגיעזע גרופּעס, אויף פעלקער און ראַסן. און אין די ראַמען פון די זעלבע רעליגיעס זיינען נאָך פאַראַן באַזונדערע סעק־טעס, פאַרשיידענע אָפּצווייגונגען אין פאָרמאַציעס, וועלכע באַקעמפן איינע

די אַנדערע און ברענגען מלחמות און אלע פורעניות אויף דער מענטשהייט. יעדע רעליגיע מיינט ניט נאָר אז אירע גלויביקע זיינען די אמתע קינדער פון איינציקן פאָטער אין הימל, נאָר אז זיי מוזן ראַטעווען מיט זייער אמת די וועלט, ווייל חוץ זיי זיינען אַלע מענטשן בלינד. דעריבער איז געקומען דער פאַרזאָג אנוכי, כדי מיט דעם צו פאַרמיידן אין די אַלטע צייטן אַ גרויסע צעשפּליטערונג פון פעלקער אויף געצנדינערישע שבטים — דאָס איז געווען דעמאָלט די ריכטיקע כוונה פון משהן".

דזשעק איז שטיל געבליבן. קלמן האָט אָנגעהייבן זיך קראַצן אין פּאַטעלניצע, ווי פון דאָרטן וואָלט ער וועלן ארויסקריגן די נייטיקע ווערטער פאַר דער פראַגע וואָס האָט אים געקלעמט די גאַנצע צייט וואָס דזשעק האָט אים באַשאָטן מיט אזא געדיכטעניש פון רייד.

„איז וועדליק דיין נייער תורה איז דאָס דאַוונען און לייגן תפילין לחלוטין אַן איבעריקע זאַך?" האָט קלמן שטיל געפרעגט און זיך אליין באַדויערט: „אוי ווי, ווי ביטער מיר איז אָנגעקומען דאָס ביסל עברי און וויפל קלעפּ און צרות דאָס ניט דאַוונען האָט מיך פאַרשאַפט. אַלע האָבן געוואָלט אז איך זאָל דאַוונען: מיין מאַמע, דער רבי און סתם פרומע יידן. זיי האָבן געוואָלט איך זאָל זיין פרום, קדיש זאָגן און לויט דיר קומט גאָר אויס, אז ס'איז איין שוואַרץ יאָר, יאָ אָדער ניט דאַוונען."

* * *

דזשעק האָט געקוקט אויף קלמנען, ווי אַ רבי קוקט אַן זיין תלמיד ווען ער וויל אַ שווערע סוגיא צעקייען. ער האָט לאַנגזאַם גערעדט און געציילט די ווערטער, כדי מיט דעם אונטערצושטרייכן זייער חשיבות און אז קלמן זאָל ניט אָננעמען זיינע תשובה־רייד לייכט, מיט גרינגשעצונג:

„פאַרשטיי מיך, קלמן, וואָס איך וויל דיר פאַרטרויען, אז ביי פרומע יידן וואָלט איך היינט געווען פאַררעכנט פאַר אַן אפיקורס גמור. ס'איז נאָר דערפאַר, ווייל דער פרומער וויל ניט וויסן וואָס ביי מיר אין האַרצן טוט זיך. ער קען בלויז משפטן לויט דעם, צי איך שאָקל זיך דריי מאָל אַ טאָג ביים דאַוונען? צי איך טו אָן תפילין? און אז איך דאַוון ניט און לייג ניט קיין תפילין, בין איך ביי זיי אין די אויגן אַ בעל־עבירה. אָבער פאַרשטיי אין וואָס באַשטייט מיין חטא — ווייל איך פיל זיך אַנטקעגן גאָט גאָר ניט זינדיק, אויב איך האַלט אים ניט אין איין לויבן דריי מאָל אַ טאָג. צי דען דאַרף עס דער אייביקער גאָט, אז אַ שטערבלעכער בשר ודם זאָל צו אים דעם

זעלבן פּיזמון אַרויפשרייען גאַנצע טעג: ביסט אַ גוטער גאָט! ביסט אַ ווילער גאָט! ביסט אַ שטאַרקער גאָט! ביסט אַ גרויסער און אַ פּאַרכטי־קער גאָט! איז אַנשטאָט צו חזרן ווי אַ פּאַפּוגיי די אַלע תּפילות, וואָס דער זאָגער פאַרשטייט במילא ניט, איז דאָך בעסער זיך מתיחד זיין מיט אַ גו־טער מחשבה, צי גאָר טאָן אַ גוטן טאַט. ווייל אויב גאָט גיט שכר דעם צדיק, גיט ער דאָך עס פאַר די מצוות בין אדם לחברו. דיין גאָט וועסטו קיין בייז ניט טאָן מיט ניט דאַוונען, אָבער מיטן באַוועלען דיין חבר, צי סתם אַ פרעמדן, טוסטו אָן יסורים אַ לעבעדיקן מענטשן. איז כּדי צו זיין רעכט־פאַרטיק אין די אויגן פון גאָט מוזטו דעם מענטשן העלפן — מיט דעם האָסטו שוין געטאָן גענוג אויך פאַר גאָט. דאָס איז פיל מער ווי דאַוונען, פאַסטן און סתם פרום זיין און היטן מיצוות, ווען דאָס העלפט ניט אַ צווייטן מענטשן, נאָר עס שטעלט דיך אליין צופרידן. פון אַנעסן זיך האָט מען אויך הנאה, אָבער אין דער זעלבער צייט קען שטיין אַ הונגעריקער און ווערן צעפּלאַצט צו זען ווי דו פרעסט, אָבער אים זעטיקט עס ניט אויב אפילו דו האָסט פאַרן עסן געמאַכט אַלע נייטיקע און פאַרזאָגטע ברכות צו גאָט. האָסטו מיך פאַרשטאַנען, קלמן?" און דזשעק האָט אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט אָפּגעוואָרט קלמנס ענטפער.

קלמן האָט אָבער ניט געוווסט וואָס צו ענטפערן. ער האָט נאָר שע־מעוודיק געשטאַמלט, ווי איינער וואָס איז פאַרפּלאָנטערט אין יענעמס רייד:

„מסתמא ביסטו גערעכט, דזשעק. איך בין דאָך ניט געלערנט אַזוי ווי דו. ביסט געווען אין אַ ישיבה און אויסגעלערנט אַלע גמרות. איצט זע איך אַז דו לייענסט שוין אפילו די אַלע גראָבע ענגלישע ביכער. אַלץ קענסטו און אַלץ ווייסטו, און וואָס ווייס איך, איך בין געגאַנגען אַ פּאָר יאָר אין חדר, זיך אויסגעלערנט אַ ביסל עברי. און אַז איך פלעג דאַוונען פון סידור, פלעגן אַלע לאַכן פון מיינע גרייזן. און אַז דו רעדסט צו מיר און דערקלערסט די אַלע זאַכן, מסתמא ווייסטו וואָס דו רעדסט. איך וועל עס נאָך אָבער מוזן איבערטראַכטן און ריכטיק צעקייען. ניט אַלץ האָב איך געכאַפּט..." און ער האָט מיט אַ מאָל אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט זיך געכאַפּט אַז ער האָט שוין צו פיל זיך צערעדט.

„יאָ, קלמן, מוזט עס צעקייען. איך האָב דיר אָנגעהאַקט אַ פולן מוח און ס'וועט זיך דיר נאָך חלומען, חלילה, אַז דו ביסט אין גיהנום און דער מלאך שמייסט דיר מיט פייערדיקע ריטער פאַר ניט דאַוונען. איז אויב דו

וועסט האָבן אַ געלעגנהייט, טו אַ כאַפּ דעם מלאך פּאַר אַ פליגל און שיק אים אָפּ צו מיר, זאָג אים אז איך האָב עס דיר אָנגערעדט...״

קלמן האָט געקוקט מיט פריילעכע אויגן אויף דזשעקן. ער האָט די חכמה פאַרשטאַנען, אָבער ער איז געווען צו ערנסט ארויסצופלאַצן מיט אַ געלעכטער ווי זיין געוווינהייט. ווי אַ פאַרטראַכטער האָט ער געזאָגט אַ גוטע נאַכט.

ער איז ארויס פון דזשעקן און אין קאָפּ האָבן זיך אים געבאָמבלט אָן אַ שיעור מחשבות: וועגן דאַוונען און תפילין לייגן, וועגן גאָט און די פרומע לייט וואָס ווילן ניט זען דעם נויטבאַדערפטיקן. ער איז ביז שפּעט אויף זיין בעט געלעגן און געטראַכט וועגן דער נייער תורה פון דזשעקן. ער האָט איצט געזען ווי גערעכט דזשעק איז מיט זיינע רייד, אז מ׳דאַרף העלפן יעדן מענטשן אין זיין נויט. האַלב אין דרימל האָט ער געהערט אין זיך אַ שטימע, וואָס האָט שטיל און גלעטנדיק געזאָגט, עס איז געווען ווי זיין אַלטער מאַמעס קול: קלמן, מיין קינד, מ׳טאָר קיינעם ניט אָפּנאַרן, אפילו אַ שוואַרצן ניט. אַ שוואַרצער איז נאָך מער אָרעם און עלנט ווי דו ביסט. טאָרסט זיך ניט לאָזן באַווירקן פון טשאַרליס באַרימערייַ. ניט אָפּנאַרן איז אַ גאָר הייליקע זאַך, מיין קינד... ״יאָ, מאַמע, מאַמע...״ האָט קלמן געקרעכצט אין חלום און געדריקט זיך צום האַרטן קישעלע.

10

אן אַ פּיי־דיי אין קאַפּעריטע

הײנט הודזשעט און טומלט אין קאַפּעריטע ווי אין אַ בינ־שטאָק — עס איז „פּיי־דיי״. די שוואַרצע קומען אַריין זיכערער און מער האָפּערדיק ווי תּמיד. יעדער פון זיי איז היינט דער בעל־הבית איבער אַ בייטעלע, ווו עס ליגט פאַרשטעקט אַן אוצר — דאָס געהאַלט וואָס ער האָט באַקומען פאַר אַ גאַנצן חודש אַרבעט. זיי האָבן טאַקע געאַרבעט שווער און ביטער, מיטן שווייס פון פּנים און אונטער דער קאָמאַנדע פון די ווייסע „באָסעס״ הינטער דער פּלייצע, אָבער היינט איז זיי פריילעכער אויפן האַרצן. די פּאָר פּאַפּירלעך און די עטלעכע שטיקלעך זילבער גיבן זיי אַ צוטריט צו אַלע גוטע און געשמאַקע זאַכן אין דער קאַפּעריטע. די סלינע קומט זיי שוין אין מויל בלויז פון טראַכטן פון די געפּרעגלטע און געפּעפּערטע פליישן, וואָס דער ווייסער באָס וועט זיי אונטערטראָגן.

נאָך איידער זיי טרעטן אריבער די שוועל, פאַרשמעקט שוין די לופט פון די געווירציקע ריחות. זיי ציען אין זיך אריין דעם שאַרפן אַראָמאַט מיט די נעזער, ווי מענטשן אָטעמען אריין טייערע פאַרפומען. די טיר פאַרמאַכט זיך ניט אויף אַ רגע. שוואַרצע קומען און גייען. אַלע טישן זיינען באַזעצט, די געדיכטעניש ווערט ענגער אויך ארום די ווענט. אַלע קאָך־פּליטעס, ווי אויך די דערבייאיקע טישן, זיינען באַלייגט מיט גאַנצע זייטן פלייש. אויף די טעלער קנאַקן נאָך די שפּריצעלעך פעטס פון די ברוין־באַטעמטע שטי־קער פלייש. די שוואַרצע כאַפּן די געפּרעגלטע סטייקן אין זייערע שמוציקע פינגער, און יעדער פּאַסמאַקעוועט זיך אויף זיין אופן. אָט בייסט זיך איינער אריין מיט ווייסע געזונטע ציין אין „סטייק” און זיינע ברוין־וואַרעמע אויגן פינקלען פ.ן הנאה. אָט רייסט אַ צווייטער מיט לאַנגע פינגער און בלאָטיקע נעגל שטיקער פון זיין ווייס ברויטל און טונקט זיי אין דעם גלאַנציקן אייל אין זיין טעלער; באַלד וועט ער שוין האָבן אויפגעכראָמסקעט דאָס גאַנצע לעבל ברויט. אָט זויגט אַ דריטער די פעטס פון זיינע פינגער און אַלע גלי־דער צעקוועלן זיך אין אים פון דעם פאַרגעניגן.

היינט איז טשאַרליס גרויסער טאָג. דאָ איז ער היינט דער גלאַנצנער בעל־הבית. ער ווייס אַז „פּוזע”, זיין „כאַזאַיען”, פאַרלאָזט זיך אויף אים, אָבער פאַר אַזאַ האָרעוואַניע ווייס ער, דאַרף ער זיך אַליין אויך „צוזען”. ער לויפט פון איין שוואַרצן צום צווייטן, קנאַקט אויס קונציק מיטן צונג איבער די שוואַרצע נאַקעטע פּלייצעס.

אָבער פּלוצלינג צעקאָכט ער זיך און צעשרייט זיך מיט קולי־קולות אויף אַ שוואַרצן, וואָס שטייט אַ פאַרציטערטער. ער ווייס, טשאַרלי, אַז מיט די שוואַרצע דאַרף מען אַרבעטן מיט ביידע הענט — איינע דאַרף גלעטן און די אַנדערע שלאָגן; מיט אַ גוט וואָרט און מיט אַ זידל־וואָרט. אויב ניט וועלן זיי ווערן פאַן־בראַט מיט דיר, זיי וועלן דיר ארויפקריכן אויפן קאָפּ. נישקשה, טשאַרלי האָט זיך שוין דאָ ריכטיק אויסגעלערנט די „מענ־טאַליטי” פון די שחורדיקע — די קאָפּעריטע איז געווען אַ גוטער חדר פאַר אים.

זיין פּליך איז באַדעקט מיט טראָפּנס שווייס, און צוזאַמען מיט די גע־שרייען אויף די שוואַרצע שרייט ער פאַר איינוועגס אריבער זייערע באַ־שטעלונגען צו קלמנען, וואָס גיט אַכטונג אויף די גרויסע סקאָוואָראָדעס, אויף די פּליטעס. קלמן כאַפּט אויף מיטן אויער די באַשטעלונגען פון

טשאַרלין און מיט די אויגן איז ער אריינגעטאָן אין די ריזיקע פאַנען און סקאָוואַראָדעס, ער היט אז די „סטייקן" זאָלן ניט פאַרברענט ווערן. אַט דער־זעט ער אַ קליין רויכעלע, וואָס הייבט אָן ארויסשפּאַרן פון אונטער אַ פעט „סטייקל", און ער טוט עס אַ כאַפּ אויפן גאָפּל, נאָך אַ האָר וואָלט עס פאַר־סמאַליעט געוואָרן.

קלמן קיניגט איבער די פליטעס. ארומגעגאַרטלט איז ער מיט אַ גרויסן פאַרטעך מיט ברייטע בלויע און ווייסע פּאַסן. ניט איין מאָל איז אים שוין געקומען אויפן געדאַנק, אז די כוהנים ביים מיזבח זיינען אויך געווען אזוי פאַרגאַרטלט און מסתמא פון דעם שטאַמט עס דער טלית.

* * *

מיט איין מאָל איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. איבער דער קאַפּעריטע האָבן זיך געטראָגן טשאַרליס ווילדע קולות. ער איז געשטאַנען איבער אַ נעבעכ־דיקן שוואַרצן און געפילדערט אויף אים מיט באַנומענע געשרייען. דער שוואַרצער, אַ דערשלאָגענער און פאַרצווייפלטער, האָט אונטערטעניק זיך געבעטן ביי טשאַרלין, אז ער זאָל אים געבן זיין רעשט פון דעם צען שי־לינג־פּאַפּירל וואָס ער האָט אים ערשט־איצט דערלאַנגט. טשאַרלי ווערט נאָך מער אויפגעקאָכט און שרייט דעם שוואַרצן אין פּנים אריין, אז ער האָט אים שוין געגעבן אַ רעשט, קיין צוויי מאָל גיט ער ניט. מיט זיין פעט פויסטל דראָט ער דעם שוואַרצן, אז ער וועט אים צערייבן די ביינער אויף פּאָרעך, אויב ער וועט גלייך ניט אָפּטרעטן פון אים.

די געמיטער פון די שוואַרצע ווערן אָנגעהיצט פון מינוט. טשאַרלי אָבער ווייס ווי צו מאַנעווורירן, ער קען שוין זיינע קליענטן. ער באַמערקט אז זיי ווייסן ניט ווער פון די קריגער איז גערעכט — און דאָס איז פאַר זיין טובה וועגן. אָבער קלמן קוקט אריבער בייז פון דער פליטע צו טשאַרלין. אים געפעלט ניט אזא מיאוסער שפּיל. און דער שוואַרצער איז היינטיקס מאָל איינגעעקשנט, ער טרעט ניט אָפּ פון טשאַרלין און פאַרלאַנגט אומבאַ־דינגט זיין רעשט. טשאַרלי פילט אז ער האָט זיך דאָס מאָל פאַררעכנט, עס טרעפט אַמאָל... אָבער ער ווייס אויך אז קיין שוואַרצן טאָר מען ניט נאָכ־געבן, ביז ער רעזיגנירט, מעג עס אפילו קומען צו קלעפּ, צו אַ געשלעג. טשאַרלי פּרוווט אָפּטרעטן, אָבער דער שוואַרצער טוט אים אַ כאַפּ ביים אַרבל. דאַן פּלאַצט שוין טשאַרליס געדולד און ער וואַרפט זיך אויף אים מיט ביידע פעטע קולאַקעס.

דער שוואַרצער, כאַטש גרעסער, געזינטער און מיט פעסטערע מוס־קלען, פאַרטיידיקט זיך נאָר. טשאַרלי בוכצעט אים אין די זייטן, אין פּנים, און יענער פאַרשטעלט זיך מיט די עלנבויגנס, נאָר היט זיך ניט אָנצורירן חלילה דעם ווייסן באַס, ער ווייס מיט וואָס אזא זאַך שמעקט. די שוואַרצע שטייען ארום צעטומלט, צעשראָקן. קיינער פון זיי מישט זיך ניט, נאָר די אויגן ביי זיי גלאַנצן מיט אומעט און מיט האַס.

מיט איין שפּרונג איז קלמן צווישן די שלעגער. ער פאַרשטעלט דעם שוואַרצן מיט זיין גרויסן קערפּער פון טשאַרליס פויסטן. טשאַרלי קאָכט און זידט. זיינע אויגן זיינען ווילד, אָנגעלאָפן מיט בייזקייט. אויף זיין פּליך גלאַנצן שווייס־טראָפּנס, ווי די טראָפּנס פעטס וואָס שפּריצן פון די שמאַל־ציקע סטייקן. די אָדערן אויף זיין שטערן זיינען אויפגעשוואָלן און דיק, ווי לויזע שנירלעך וואָלטן ארויסגעשפּרונגען פון אונטער דער הויט. סאַ־פּענדיק שווער באַפאַלט ער, כלומרשט, מיט זיינע קולאַקעס קלמנען, וואָס שטייט אים אין וועג צום שוואַרצן. פאָכענדיק מיט די פויסטן שרייט ער:

„דו, גרינער בורילע איינער! דו, דו גייסט זיך אָננעמען פאַר אַ שחור־דיקן? דו באָבויאַן איינער!" ער האָט אָבער מורא אָנצורירן קלמנען, ווייל ער ווייס זיין כּוח. שטייט ער אנטקעגן אים און שפּאַרט פון זיך ארויס זיינע לעצטע כעס־געשרייען, ווי אַ פייער וואָס האַלט זיך ביים אויסלעשן.

קלמן פאַרלירט ניט קיין מאָל דעם קאָפּ. שטייט ער קאַלטבלוטיק און קוקט אים אָן מיט אַן ערנסטן שמייכל, ווי אַ דערוואַקסענער מענטש קוקט אָן אַ ייִנגל וואָס האָט זיך באַנאַרישט. טשאַרלין פאַרדריסט קלמנס שמייכל און זיין בליק, וואַרפט ער אים אין פּנים אַ לעצטע אָנצוהערעניש:

„איך וועל שוין דאָ מיט דיר קיין פּוד זאַלץ ניט אויפעסן, גרינער!"

קלמן ענטפערט ניט, ער פילט אז טשאַרליס צעהיצטקייט איז ארונ־טערגעפאַלן, אז ער האָט זיך אונטערגעגעבן. עס פאַרדריסט אים גריילעך דער געשלעג מיטן שוואַרצן. וואָס פון טשאַרלין איז געוואָרן, טראַכט ער מיט באַדויער. בשעת מעשה נעמט ער ארויס פון זיין קעשענע עטלעכע זילבערנע מטבעות און ניט אויסצייילנדיק דערלאַנגט ער זיי דעם שוואַרצן. ער באַגלייט אים ארויס פון קאַפעריטע. דער שוואַרצער קוקט אויף אים מיט דאַנק. אויף דער שוועל כאַפּט ער זיין גרויסע האַנט און וויל זי אַ קוש טאָן. קלמן טוט אַ נעם אַוועק זיין האַנט און שמייכלט צו אים גוטמוטיק.

* * *

כאָטש טשאַרלי איז אין האַרצן געווען צופרידן מיטן סוף, ווייל דער שוואַרצער האָט אים געקענט אריינפּלאָנטערן אין „טראָבל", דאָך האָט ער זיך ניט געקענט באַרואיקן: קלמן האָט זיך ארויסגעשטעלט פאַר אַ צדיק, און וואָס פאַר אַ פּנים, מישטיינס געזאָגט, קען ער שוין האָבן ביי די שוואַר־צע וואָס האָבן צוגעזען די גאַנצע סצענע. זיי האָבן דאָך אָנגעקוואָלן פון זיין מפּלה. אַלע האָבן זיי אים פיינט און ניט איינער פון זיי דערמאָנט זיך ווי ער האָט אים אָפּגענאַרט.

דרייט זיך טשאַרלי ארום אין געזעמל פון די שוואַרצע מיט אַ פינצטער פּנים און וואָרטשעט, ווי אַן אַלטע מכשפה, צו זיך אליין: וואָס אַ גרינער בורילע ניט קען — ארויסשפּרינגען זיך אָננעמען פאַר אַ „בלעדי קאָפער"? ניט לאָזן אים שלאָגן, און נאָך אויסצאָלן דעם שוואַרצן פון אייגענעם „פּאָ־קעט", נייך, אזוינס האָט נאָך דאָ ניט פּאַסירט! ניט אַנדערש, אז קלמנקע האָט אויך אַ קאָפּערשע נשמה. אז פאַרברענט האָט ער געמעגט ווערן, אָט דער „שבת הגדול", איידער ער האָט דערלעבט ארויפצושטעלן א פּוס אויף דער שוועל! שילט ער אים פון גאַנצן האַרצן. אָבער איך האָב נאָך מיט אים ניט פאַרענדיקט, מיט דעם בורילע, „איי וויל סטיל סעטל וויטה הים", רעדט ער צו זיך אין ענגליש. ער וועט נאָך האָבן פון מיר צו זינגען און צו זאָגן. איך וועל אים שוין „אָפּפיקסן"! כ'וועל שוין מאַכן, אז פאַר דער היינטיקער מעשה זאָל אים „פּוזע" ארויסהאַצקען פון דאַנען מיט האַק און פּאַק, און ווו וועט ער זיך אַהינטאָן, דער גרינער? „נעווער מיינד, איי וויל סי טו איט!"

מיט קלמנען דירעקט האָט טשאַרלי אויסגעמיטן צו ריידן אַ גאַנצן טאָג. די „אָרדערס" פון די שוואַרצע האָט ער ארויסגעשריען סתם אזוי, אין דער לופט, ניט צו קלמנען. ער האָט זיין נאָמען ניט דערמאָנט און האָט אויס־געדרייט אַ פּלייצע צו זיין זייט. ווי נאָר ער פּלעגט זיך דערמאָנען דעם אינצידענט האָט עס אָנגעהייבן ווידער קאָכן אין אים. און ווי נאָר ער האָט נאָך דער אַרבעט אריבערגעטראָטן די שוועל פון שותפותן צימער האָט ער ארויסגעפּלאַצט מיט דער גאַנצער תוכחה אויף קלמנס קאָפּ:

„דו, שוואַרצע נשמה וואָס דו ביסט! מיינסט אוודאי אז כ'האָב שוין מיט דיר 'געפינישט', נאָ, מיי באָי, טשאַרלי האָט פיינט אַזעלכע חזירשע

שטיק! אַ העזה פון אַ בלעדי גרינעם זיך אָנצונעמען פאַר אַ שחורדיקן קאַפער, אז געמען זאָל דיר שוין די גוטע כאַליערע, קלמנקע! כ׳ווייס וואָס דו האָסט געמיינט מיט דיין געבן די עטלעכע שילינג דעם קאַפער: האָסט געוואָלט זיך ארויסשטעלן פאַר די שחורדיקע מיט דיין גוטסקייט און מיך פאַרשוואַרצן פאַר די קאַפערס, אז פאַרשוואַרצט וועסטו שוין ביי מיר ווערן! מסתמא מיינסטו אז דערמיט וועסטו זיך איינקויפן אין פריינדשאַפט ביי די שחורים, זאָג איך דיר אז דו מאַכסט אַ טעות, בלעדי בורילע! ווייסט נאָך ניט, אז וואָס בעסער מען איז צו אַ קאַפער, אַלץ אַ גרעסערער שונא איז ער דיר. ביסט נאָך אַ גרינע חיה, מיינסט דאָך אוודאי אז זיי זיינען אויך מענטשן. דאָס זיינען ווילדע באַבודזשאַנעס, און ווי אזעלכע מוז מען זיי באַהאַנדלען. זיי זיינען שוואַרץ און דו ביסט גרין — אַ שלאַק זאָל אייך ביידן נעמען, דיר מיט דיינע שוואַרצע!״

קלמן האָט אָנגעקוקט טשאַרלין מיט אַן ערנסטער מינע און מיט אַ גוט־מוטיקן בליק. ער האָט געפילט, אז יענער דאַרף זיך איצט אַראָפּריידן פון האַרצן, אָבער ער האָט אויך געפילט, אז איצט דאַרף ער אים אויך עפּעס זאָגן, רואיק, חבריש:

„טשאַרלי, סטאָפּ מאַשינאַ! אפשר וועסטו אויך מיר לאָזן אויסריידן אַ וואָרט. מיינסט אוודאי אז אלץ וואָס דו האָסט איצט אָנגעקאָלאָטשעט אויף מיין קאָפּ איז תורת לאָקשן, נאָר איך מיין פּונקט פאַרקערט. נאָר פריער פאַר אַלץ מיין איך, אז ניט דו דאַרפסט מיר זאָגן אַ פאַרציע מוסר, ווי דער שטעטלשער מגיד, נאָך מיט אַ קללה אויף אַ צוגאָב...״

„ניט נאָר מוסר״, האָט זיך טשאַרלי אַ ריס געטאָן און איבערגעהאַקט קלמנס רייד, ער האָט מיט אַ פעטן פינגער אים געטייטלט אין פנים אריין און זיינע ווערטער זיינען ארויסגעקומען מיט הנאה און מיט דראָאונג, „וואָרט נאָר, בורילע איינער, וועסט נאָך זען וואָס פאַר אַ שוואַרצן סוף דו וועסט זיך אויסריכטן פון ׳פּוזען׳! מיר דוכט גאָר אַז דו מעגסט שוין אָנ־הייבן לייענען די פרשה וילך. איך וועל ניט ארבעטן מיט אַ גרינעם, וואָס וויל זיך ניט לערנען ווי מען דאַרף אָנגיין מיט די שחורים אין אַ קאַ־פּעריטע!״

„ניט איז ניט, כאַצקל! סטראַשע ניט די וואַנצן! נישקשה, קלמן איז ביז היינט ניט פאַרלוירן געגאַנגען און וועט ווייטער אויך זיין שטעטל באַ־שטיין. אָבער פון דיר, כאַצקל, וואָלט איך וועלן וויסן אַן אַנדער זאַך, טאַקע

אָן מוסר־זאָגן, נאָר ווי אַ נאַש בראַט, דערקלער מיר: ווי אַזוי קענסטו אָפּטאָן אַזאַ פֿאַרברעכן קעגן אַ שוואַרצן? גלויב מיר, אַז כ׳וואָלט עס אין מיין לעבן ניט געגלויבט אויף דיר, ווען כ׳זע עס ניט מיט די אייגענע אויגן״.

„פֿאַרברעכן רופֿסטו דאָס? אַ ׳קריים׳״? האָט טשאַרלי געפּרוווט פּראָ־טעסטירן מיט אַ פֿראַגע.

„יאָ, טשאַרלי! און מיך וווּנדערט טאַקע אין ווען האָסטו זיך איינ־געגעבן? האָסט דאָך אַליין דערציילט וועגן דיין טאַטן און מאַמען, אַז זיי זיינען טאַקע אָרעמע מענטשן געווען, אָבער אָרנטלעכע און ערלעכע, האָב איך זיך אַליין היינט געוואָלט פֿאַר חרפּה באַגראָבן, דיר זעענדיק אָפּטאָן אַזאַ פֿאַרברעכן! אַז אַ פֿייער האָט דיך געמעגט איינלייגן, טשאַרלי״, האָט ער אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פּלייצע.

„אָבער אומעטום טוט מען עס... אַנדערע מאַכן עס אויך...״ האָט זיך טשאַרלי נאָכגעביק געפּרוווט פֿאַרטיידיקן.

קלמן האָט זיך אָנגעכאַפּט אָן טשאַרליס ווייכערן טאָן, אָן זיין זוכן אַ תּירוץ. איצט האָט ער געזען אַ געלעגנהייט אריינצוקלאַפּן אין אים אַלע רייד, וואָס ער האָט געטראַכט שטייענדיק אַ גאַנצן טאָג ביי דער גליאיקער פּליטע:

„אַ־ן אויב אַנדערע שפּרינגען פֿון דאַך און ווערן געהרגעט, דאַרפֿסטו עס אויך טאָן? הער, כאַצקל, אַזוי לאַנג ווי דו האָסט זיך באַרימט פֿאַר מיר מיט די אַלע לייטישע געגנלעך דיינע אין קאַפּעריטע און מיינע אויגן האָבן עס ניט געזען, האָב איך געטראַכט: גוזמאות! מילא מיט וואָס איינער באַ־רימט זיך. אָבער אַז ׳פּוזע׳ האָט מיר אריינגעפּירט אין קאַפּעריטע און כ׳האָב דערזען, אַז מיט דעם וואָס דו פֿאַרקלאַפּסט מיר טאָג און נאַכט דעם קאָפּ איז אמת, האָט עס מיך פֿאַרדראָסן אויף דיר. דו, כאַצקל, אַן אייגענער יאַט זאָל אָפּטאָן אַזעלכע נבלות! גיב נאָר אַ טראַכט: דער אָרעמער שוואַרצער ליגט טויזנט איילן אין דער ערד און איז ניט איין מאָל אין סכנה מער ניט צו דער־זען די ליכטיקע שיין; פֿאַר עטלעכע שילינג אַ טאָג האָרעוועט ער ווי אַן אייזל, און ווען ער נעמט שוין אָפּ זיין גראָשנדיקן לוין און דערזעט מיט מזל די ליכטיקע וועלט, און וויל איין מאָל אין אַ חודש שטילן זיין בענקשאַפֿט און הונגער מיט אַ וואַרעם שטיקל פֿלייש, קומסטו, טשאַרלי, און ווילסט אים באַ־רויבן פֿון זיין אָרעמען לעצטן שילינג! אויף דעם, טשאַרלי, דאַרף מען שוין

האָבן אַ האַרץ פון אַן אמתן גזלן! און כ׳וויל אז דו זאָלסט וויסן, אז קלמן וועט ניט ווערן קיין שותף צו אַזעלכע פאַרברעכנס! ניט דו און ניט ׳פוזע׳ וועלן מיר קענען איבערדרייען. פאַרקערט גאָר: איך וועל מער צו אזעלכע סקאַנדאַלן ניט דערלאָזן! איך וויל אז דו זאָלסט עס זיך אריינגעמען אין קאָפּ און געדענקען, אז אין אפריקע און אין דער קאַפּעריטע דאַרף אַ נאַש בראַט אויך בלייבן אַ מענטש. איך האָב עס היינט ניט געטאָן צוליב אויס־פּיינען זיך פאַר די שוואַרצע, נאָר צוליב מענטשישקייט. ווי פלעגט עס טייטשן דער מגיד: לעולם יהא אדם! מען מוז זיין אַ מענטש, טשאַרלי!״

טשאַרלין, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהייבן באַרואיקן, האָט איצט ווידער אַ מאָל אויפגערעגט דער מוסר, וואָס קלמן האָלט אין וואַרפן אין אים, ווי גיפטיקע פיילן, און ער האָט זיך אַ שליידער געטאָן קעגן קלמנען און זיינע רייד:

„כ׳פארשטיי ניט, וואָס פאַרקלאַפּסטו מיר אַ מוח מיט דיין צידקות, ווי אַן אַלטע יידענע? און די קאַפּעריטע לאָז איבער צו מיר, גרינע חיה, איך וויים בעסער ווי זיך צו באַגיין מיט די שוואַרצע. נישקשה, מיר וועלן זיך טאַקע אויספירן פאַר ׳פוזען׳ און זען ווער עס איז גערעכט״.

קלמן האָט איצט געזען, אז זיינע אַלע רייד זיינען ארויסגעוואָרפן. טשאַרלי וועט שוין אזוי בלייבן. די אַלע שטיק האָבן זיך שוין איינגעפרעסן אין זיין נשמה, ווי ברוד אויף אַ שמוציקן קערפּער. ער דאַרף האָבן די ריכטיקע טשיסטקע! האָט ער געטראַכט און אַ זאָג געטאָן ניט צו טשאַרלין, נאָר סתם זיך אזוי:

„מיט בעלי־בתים קען מיר קיינער ניט סטראַשען, איך פייף אויף זיי!״ און ער האָט לוסטיק אָנגעהייבן אויספייפן אַ ניגון. ער האָט געעפנט די טיר און ארויס אין דרויסן. ער האָט געהערט ווי הינטער זיין רוקן פאַלט טשאַרליס בייזע קללה:

„די ניכפּה וועט דיר שוין נעמען, קלמנקע!״

* * *

קלמן האָט ניט געוואַרט ביז טשאַרלי וועט אונטערטראָגן די מסירה צו „פוזען״. ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען ער האָט געטראָפן דעם בעל־הבית, האָט ער מ״ר פליישערן איבערגעגעבן דעם גאַנצן אינצידענט, ניט צוגעבנדיק קיינע פירושים.

מ״ר פליישער האָט אויסגעהערט קלמנס מעשה אי מיט אומגעדולד, אי מיט נייגער. פון איין זייט איז אים גאָר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן קלמנס וועלן איינפירן נייע פּאַראַנדקעס אין קאַפּעריטע. ער איז אָרנטלעך! האָט ער געטראַכט אין מיטן קלמנס רייד, אזא דאַרף איך טאַקע האָבן אין קאַ־פּעריטע — טשאַרלין דאַרף מען היטן ניט נאָר פון די שוואַרצע... מ״ר פליישער האָט צוגעשאָקלט מיט זיין ליסע קאָפּ צו קלמנס רייד און כסדר ווי פאַרווונדערט געפרעגט: אזוי... אזוי... אזוי האָט עס געטראָפן?... און ער האָט דורכדרינגענדיק אָנגעקוקט קלמנען מיט זיינע גרוי־וואַסערדיקע אויגן. ער האָט ארויפגערוקט די גלעזער זיינע כמעט ביז צום פּליך, ער האָט באַטראַכט קלמנען און מיט געמאַכטער ווייכקייט אין קול געפּרווט שלום מאַכן:

„אָבער צוליב וואָס, קלמן, דאַרפט איר זיך שלאָגן? אויב איר האָט אַן אַרגומענט, טאָ קומט צו מיר. ס׳איז ניט גוט אז די ווייסע אָנגעשטעלטע שלאָגן זיך פאַר די שוואַרצע אין די אויגן. איינער פון אייך מוז דאָך זיין שולדיק!״ האָט מ״ר פליישער געצויגן ביטרע קלמנען פאַר דער צונג.

„בעל־הבית״, איז קלמן ארויס מיטן אמת, „איך בין ניט געקומען זיך פאַרענטפערן פאַר אייך, נאָר דערציילן וואָס עס האָט געטראָפן, איידער טשאַרלי וועט קומען מיט ליגנס מיך פאַרמסרן פאַר אייך. צו קיין געשלעג צווישן אונדז איז ניט געקומען, ווייל כ׳שלאָג ניט קיין שוואַכערע פון מיר. ווען ז׳יר האָט מיך אריינגעפירט די ערשטע טעג אין קאַפּעריטע, האָט זיך טשאַרלי שוין געהאַלטן אין איין באַרימען פאַר מיר ווי אזוי ער נאַרט אָפּ די שוואַרצע: ער דרייט זיי אריין ווייניקער רעשט, גיט זיי ניט קיין ריכ־טיקע וואָג, פאַרבייט זיי אַ גוטע דעקע אויף אַ ביליקערע און אַנדערע אזעל־כע פיינע מעשים. איך האָב ניט געקענט פועלן ביי זיך, אז מענטשן קענען זיין אזוי פאַרדאַרבן און אָפּנאַרן אַן אָרעמען שוואַרצן, וואָס האָרעוועט שווער אויף זיינע ביטערע פעניס. און אז ער קומט שוין ארויס אין „פּיי־דיי״ און פאַרגינט זיך שוין יאָ אַ בעסערן מאָלצייט, טאָ ווי קען מען עס האָבן אַ האַרץ אוועקנעמען פון אים זיין פאַרהאָרעוועטן גראָשן דורך אָפּנאַרעריי? וואָלט איך עס מיט מיינע אויגן ניט געזען, וואָלט איך ניט געגלויבט. און מיט טשאַרלין איז עס טאַקע אזוי געווען. כ׳האָב אליין געזען ווי דער שוואַרצער האָט אים געגעבן אַ צען שילינגדיקע פאַר אַ ברויט מיט אַ שטיקל פליש, און ווען ער האָט געבעטן ביי טשאַרלין דאָס רעשט, איז ער אים באַ־

פאַלן מיט געשרייען און קולאַקעס. טשאַרלי האָט געטענהט אז ער האָט אים שוין אָפּגעגעבן זיין רעשט, אָבער איך האָב גראָדע געזען אז ניט. כ׳האָב געמיינט צו ערשט, אז ער מאַכט אַ שפּאַס מיטן שוואַרצן, נאָר אז ער האָט זיך געוואָרפן שלאָגן דעם ווײנענדיקן שוואַרצן און כ׳האָב געזען אז די זאַך ווערט ערנסט, האָב איך זיך אַרײנגעמישט, און כדי עס זאָל ניט קומען צו קיין גרויס געשלעג האָב איך אויסגעצאָלט דעם שוואַרצן אַ פּאָר שילינג פון מײנע געלט. וואָלטן שוין די פּאָר שילינג מיך ניט געאַרט, אָבער טשאַרלי׳ איז מיך באַפאַלן און געזידלט ווי אַ הונט. ער האָט אויסגעגאָסן די גאַנצע תוכחה אויף מיין קאָפּ, און איבערהויפּט סטראַשעט ער מיך מיטן אָפּזאָגן פון דער שטעלע. האָב איך ביי זיך געטראַכט, אז כ׳וועל אייך בעסער אליין דערציילן דעם גאַנצן אמת, און מיטן אמת, זאָגן דאָך די געלערנטע מענטשן, גייט מען ווייט. איז אָט, מ״ר פלײשער, מעגט איר איצט טאָן מיט מיר ווי איר ווילט, איר זייט דאָך דער בעל־הבית. אויב איר ווילט מיר צוליב דעם הייסן גיין, האָב איך צו אייך גאָר ניט און קען נאָך היינט פאַרלאָזן די קאָפּעריטע״.

קלמן האָט זיך אָפּגעווישט דעם שווייס פון פּנים און פרייער אָפּגעאָטעמט. די לאַנגע מעשה איז אים אָנגעקומען שווערער ווי צו צעהאַקן אַ פּאָר זייטלעך פלייש. קלמנס אויגן האָבן דורכגענומען מ״ר פלײשערן, וואָס האָט אויף זיין פּנים אַרויפגעצוווּנגען א פרײנטלעכע מינע, אפילו אַ שמייכל, צופרידן צו שטעלן קלמנען. ער האָט איצט בפירוש געוווּסט, אז אזא געזונטער יונג און נאָך אַן אָרנטלעכער דערצו, וועט אים צוניץ קומען אין זיין ביזנעס. ער האָט מעשה אקטיאָר זיך אַ קראַץ געטאָן אין פּליך, אַראָפּגערוקט די גלעזער איבער דער נאָז, אַראָפּגענומען זיין בלײער פון איבערן רעכטן אויער און געמאַכט דעם אָנשטעל פון פאַרשרייבן עפּעס וויכטיקס אין נאָטיץ־ביכל, וואָס איז געלעגן פאַר אים. דאַן האָט ער קאַלט און אַן עמאָציע געזאָגט צו קלמנען:

„גיי אין קאָפּעריטע און טו דיין אַרבעט. מיט טשאַרלין פּראָווע וואָס ווייניקער פּאָליטיק. מיט אים איז אַ שטיקל ריזיקע. איך וואַרף קיינעם פון מיין ביזנעס ניט ארויס...״ ער האָט אַ רגע געשוויגן, דאַן האָט ער צוגעגעבן צווײדײטיק: „אויף טשאַרלין דאַרף מען אכטונג געבן. עס איז אַ גוטער ׳טשאַנס׳. ביי מיר קען מען זיך דערדינען...״

דזשעק גיט קלמנען אַ צווייטע לעקציע

„קלמן, ביסט אַ בראַט פון די ברעטער, אַן אמת־אייגענער ייִנגל, דו געפעלסט מיר גאָר שטאַרק", האָט אויפן צווייטן זונטיק דזשעק באַגעגנט קלמנען אויף דער שוועל פון זיין צימער. ער איז אים שוין געגאַנגען אַנט־קעגן און אויפגענומען ווי אַ גאָר חשובן גאַסט. „איך האָב שוין געהערט די גאַנצע געשיכטע פון דער טראַיקע: דו, טשאַרלי און דער שחורדיקער. מיך האָט באמת הנאה געטאָן דיין ארויסווייזן זיך ווי אַ מענטש, איבער־הויפּט דיין ארויסרוף קעגן טשאַרלין, די ענגלענדער רופן עס טאַקע ׳טשאַ־לענדזש׳, דאָס איז אַ מין ארויסרופן אויף אַ געוועט, ווער עס איז דער אמתער מאַן. און דו ביסט עס, קלמן! דיין שיינער זשעסט פון אויסצאָלן דעם אָרעמען שוואַרצן זיין רעשט פון דיין אייגענער קעשענע איז נאָר צו באַוואונדערן". דזשעק האָט אים גוטברודעריש ארומגענומען און אריינגע־פירט צו זיך אין צימער.

קלמנען האָבן געגלעט דזשעקס לויבווערטער און ער האָט אַ צופרידע־נער געפרעגט: „פון וואַנען ווייסטו עס שוין אזוי גיך?"

„מיר האָט עס דערציילט שאָרטי, דער באָי פון קאָפּעריטע. אָבער חוץ דעם קלינגט שוין מיט דיר אַ וועלט. אַלע שוואַרצע וואָס קומען אין קאַנ־צעשן סטאָר און אין קאָפּעריטע ריידן נאָר וועגן דיר, ביסט ביי זיי אויף דער צונג און זיי האָבן שוין דיר מיט אַ בכבודיקן נאָמען געקרוינט: ׳מאָפּו־טאַ, מארענא באַס׳. אין פּראָסט יידיש וואָלט עס געמיינט: ׳גוטער שבת הגדול׳. ניט קיין שלעכטער איינפאַל, האַ? אָבער, קלמן, געדענק, פון איצט וועלן זיך אָנהייבן דיינע צרות. קיין ׳טראָבל׳ וועט דיר ניט פעלן".

קלמן האָט בשום אופן ניט געקענט פאַרשטיין פאַר וואָס טראָבל וועט אים איצט ניט פעלן. דאָס נייע וואָרט „טראָבל" האָט אים אויסגעזען ערגער ווי דאָס יידישע צרות. דזשעק האָט געזען ווי קלמן קנייטשט דעם שטערן, ווי ער וואָלט ניט קענען באַגרייפן זיינע רייד.

„פאַרשטייסט, קלמן, ווען אַ ווייסער קריגט נאָר אַ גוטן נאָמען ביי די שוואַרצע, קריגן זיי צו אים צוטרוי מער ווי צו די אַנדערע און הייבן אים אָן פאַרגעטערן ממש. אָן אַ ראַדיאָ אפילו גייט עס איבער ביי זיי אין גע־ציילטע טעג פון מויל צו מויל און אַלע ווייסן שוין ווער דער ווייסער איז. און יעדער פון זיי וויל, אז דער אָ ווייסער זאָל זיי באַדינען, זיי שפּאַרן זיך צו אים קויפן. ווּעסט גאָר אין גיכן זען, אז אַלע שוואַרצע וואָס וועלן קומען

אין קאַפּעריטע, וועלן זיך רייסן צו דיר, וועלן פאַרלאַנגען אז נאָר דו זאָלסט זיי באַדינען און טשאַרלי וועט בלייבן אָן אַ שטאָך אַרבעט.

„ביי די שוואַרצע וועסטו שוין ווערן דער ׳מאַקולו באָס׳ און טשאַרלי וועט פלאַצן פון פאַרדרוס. אוודאי וועט ער ניט וועלן בלייבן אין הינטער־גרונט, אז דו זאָלסט באַלעבאַטעווען איבער אים און איבערנעמען די בכורה אין קאַפּעריטע. נו, נו, דעמאָלט טאַקע וועט זיך אָנהייבן דאָס אמתע פּעקל צרות פאַר דיר. און אז אזא מיאוסע בריאה וויל מאַכן טראָבל קען ער!"

„און וואָס וועט ווענן דעם דער בעל־הבית זאָגן?" האָט קלמן גע־פרעגט נאַאיוו.

„דער בעל־הבית?" האָט דזשעק שפּאָטיש נאָכגעקרימט קלמנס פראַ־גע. „ביסט אַ נאַר, קלמן. מ״ר פליישער וועט פון אזא לאַגע גאָר ניט צו־פרידן זיין. ווייל ער ווייס, די ׳פּוזע׳, אז מיט דיר וועט ער ניט זיין אזוי זיכער ווי מיט טשאַרלין. זאָרג זיך ניט, זיין קאָפּ איז אים שוין גאָר ניט אויסגע־דאַרט און ער ווייס אז דו וועסט מיט אים קיין זעקל זאַלץ ניט אויפעסן. ער פילט עס דאָך, אז ווי נאָר דו וועסט זיך אַ ביסל אויסגרינגען, וועסטו גלייך פאַרלאָזן די קאַפּעריטע און גיין צוריק אין שטאָט אריין. אַנדערש אָבער איז מיט טשאַרלין, מיט אים איז ער זיכער. ער ווייס אז ער האָט אין אים אַן אייביקן שקלאַף. דעריבער, גוטער ברודער, זע וואָס דו האָסט צו טאָן!"

קלמן האָט איצט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ קאַשע ער האָט פאַרקאָכט. איז ער ארויס מיט אַ גאַנצן מבול רייד, טענות און פראַגעס צו דזשעקן, וואָס האָבן זיך אָנגעהערט ווי פאַרצווייפלט:

„וואָס קען איך טאָן, דזשעק, ברודערקע? זאָל איך צוליב דער שטעלע ווערן שלעכט צו די שוואַרצע? און אויב איך ווער שלעכט, מוז איך דאָך אָנהייבן גיין אין טשאַרליס וועגן: אָפּנאַרן זיי, באַגזלענען און באַרויבן זיי פון זייערע שווער־פאַרהאָרעוועטע גראָשנס. ניט איך, דזשעק, וועל עס טאָן, ניט קלמן! און אויב ׳פּוזע׳ וועט מיר פון קאַפּעריטע ארויסוואַרפן, ווער איך אויך ניט נתפעל, שרייבן מזוזות וועל איך זיך ניט זעצן!" האָט קלמן אַ זאָג געטאָן מיט עקשנות און אין זיינע אויגן איז געווען אומעט.

* * *

אין צימער האָט זיך אויסגעלייגט אַ שטילקייט. קלמן האָט זיך אראָפּ־געזעצט אויף אַ געפלאָכטענעם אלטמאָדישן שטול, וואָס איז געשטאַנען ביים טיש, ווי ער וואָלט פון ריידן פאַרמאַטערט געוואָרן. ער איז געזעסן בלויז

אַ רגע, און מיט אַ מאָל האָט ער זיך צוריק אַ הייב־אויף געטאָן און אַ שפּרייז געטאָן צו דזשעקן:

„דזשעק, איין זאַך מוזטו מיר נאָך דערקלערן, אָט טאַקע וועגן דעם טשאַרלין. ווי קען עס אַ מענטש זיין אַזוי פאַרדאָרבן? ווו איז זיין מענטש־לעכקייט, אָדער ווי מ׳האָט עס דאָרט ביי אונדז אין „בונד“ גערופן, זיין חברישער געוויסן? דער שוואַרצער איז טאַקע ניט זיין חבר, אָבער אַ מענטש איז ער און מ׳דאַרף דאָך האָבן גאָט אין האַרצן אזא איינעם צו באַ־גנבענען, האַ? ענטפער, דזשעק!“ האָט קלמן מיט האַרץ געמאָנט אַן ענטפער.

„איך זע, קלמן, אז דיר ווייטיקט די דאָזיקע פראַגע, אָבער דו ביסט ניט איינער. אַ סך אָרנטלעכע און גוטהאַרציקע מענטשן פרעגן עס. אָבער די צרה איז וואָס די פרעגער און די מאָנער זיינען נאָך אַלץ אַ קליינע מינדער־הייט, בעת די גרעסטע מערהייט זיינען די אויסנוצערס און פאַרדאָרבענע מענטשן. די מענטשן וואָס רויבן און שווינדלען און באַגזלענען זייער פריינד און שכן — זיי האָבן ניט קיין גאָט אין האַרצן, קלמן“.

קלמן האָט כמעט אַ געשריי געטאָן: „אָט דאָס איז עס דאָך! ווען יאַנקל הושאַק האָט מיר אָפּגעגעבן די ערשטע אַגיטאַציע פאַר דעם ׳בונד׳, האָט ער פונקט גערעדט די ווערטער“.

„דאָס איז ניט קיין אַגיטאַציע, קלמן“, האָט זיך דזשעק באַליידיקט, „איך געהער ניט צו קיין פּאַרטיי און מיך אינטערעסירט ניט דיין יאַנקל הושאַק מיט זיין ׳בונד׳. דאָס איז מער אַן אַלמענטשלעכע פראַגע. דאָס ליגט אפשר אין דער נאַטור פון מענטשן, אזא נייגונג צו זיין שלעכט, יענעם אויסצונוצן און לעבן אויף יענעמס פראַצע. פאַר וואָס דאָס איז אזוי? אין דעם דאַרף מען זיך טיף אריינטראַכטן. און אריינקלערנדיק זיך אַ קאָפּעטש־קע אין דעם ענין, מוז מען קומען צו גאָר טרויעריקע באַשלוסן.

„אָט לאָמיר עס טאַקע פּרובירן דיר געבן צו פאַרשטיין: ווען מען באַ־טראַכט דעם מענטשנס לעבן און די טועכישן זיינע אויף אונדזער פּלאַנעט, וואָס זיין נאָמען איז ערד, דוכט זיך אז ער איז באַשאַפן געוואָרן פאַר דעם איין צוועק — להרוג ולאבד. און ניט נאָר ווו דער מענטש וווינט איז עס, דער זעלבער להרוג ולאבד איז אויך אין דער נאַטור: ביי פייגל אונטערן הימל, ביי פיש אין די וואַסערן און ביי חיות אין די וועלדער און אין די אפריקאַנישע דזשונגלס. אומעטום און שטענדיק גייט אָן אַ בלוטיקער קאַמף

פּאַר קיום, פּאַר לעבן בלייבן. גרויסע פיש שלינגען איין די קלענערע פיש־לעך, און די קלענערע דערנערן זיך מיט נאָך קלענערע און מיט ווערעם. דער אָדלער און דער שפּאַרבער צעפּליקן די טויב און דעם האָז. די שטאַר־קערע חיות אין וואַלד פאַרצוקן די שוואַכערע, און אַזוי איז אויך ביי אונדז, וואָס מיר האָבן שוין אויפגעשטעלט אַ גרויסע ציוויליזאַציע מיט פאַרמען פון לעבן, וואָס מיר רופן עס גערעכטיקייט. אָבער אין דער כלומרשטער גערעכטיקייט זיינען פאַראַן תמיד מלחמות און פון אייביק אָן פאַרניכטן מענטשן איינע די אַנדערע. און אַז קיין מלחמות זיינען ניטאָ, נוצן סתם אויס די שטאַרקערע די שוואַכערע. מען עקספּלואַטירט דעם אָרעמען אויף אַ מלוכהש־לעגאַלן אופן, און אויב עמעצער קען עס טאָן באַהאַלטן און מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ צדיק, איז נאָך גרעסער די רישעות..

אויב אַ חיה פרעסט זיך אָן און זי איז זאַט, וועט זי קיינעם ניט אָנרירן ביז דער הונגער וועט איר ווידער טרייבן, אָבער דער מענטש וויל זיך פאַרזיכערן מיט אַ מאָרגן און מיט אַן איבערמאָרגן, ווי ער וואָלט זיך קלייבן צו לעבן אייביק. און כדי ער זאָל קענען דערגרייכן דעם ציל הייבט ער זיך אָן יאָגן נאָך געלט, געלט ווערט זיין אָפּגאָט, ער בוקט זיך צו דעם, ער זעט אין דעם אַלץ. געלט האָט אין זיך אַ מין טייוולאַנישע קראַפט, ארום וועלכער עס דרייט זיך דאָס גאַנצע מענטשלעכע לעבן און אפילו דאָס שטאַרבן.

„באַטראַכט זיך נאָר, קלמן: אויף אונדזער ערד איז ניטאָ אזא זאַך ווי אייביקייט. די ערד איז אייביק, אָבער ניט דאָס לעבן פון מענטש און בעל־חי, וואָס אין זייער געבוירן איז שוין איינגעשלאָסן דער טויט. אָבער חוץ דעם וואָס דאָס שטאַרבן איז אומפאַרמיידלעך, זיינען נאָך אויף די מענטשן ביי זייער לעבן אָנגעשיקט געוואָרן אלערליי חולאתן, עפּידעמיעס, מכות און נגע־צרעתן. אָבער דאָס גרעסטע אָנשיקעניש, וואָס פון דעם וואַקסט אַרויס אַלדאָס בייז, איז געלט. פון יאָגן זיך נאָך געלט מערן זיך אויף דער וועלט קרענק און יסורים". דזשעק האָט אָפּגעהאַקט און אַ קרעכץ געטאָן, ווי ער וואָלט דערשפּירט די יסורים פון דער וועלט.

* * *

דאָס צימער איז געוועזן פאַרגאָסן מיט זונליכט. קלמן האָט געזשמורעט מיט די אויגן פון שיין, וואָס האָט זיך געשפּאַרט אין גאָלדענע סנאָפּעס דורכן פענצטער. ער איז אָבער געבליבן זיצן אויף זיין אָרט, ווי ער וואָלט מורא

געהאַט זיך צו באַוועגן. ער איז געזעסן שטיל און געוואַרט אז דזשעק זאָל ווידער אָנהייבן ריידן. ער האָט פאַרשטאַנען אז דזשעק וויל איבערמאַכן אי די וועלט אי די מענטשן און ער וויל אז אַלעמען זאָל גוט זיין. אין „בונד" האָט מען אויך אזוי גערעדט, דעריבער איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין פאַר וואָס דזשעק לאַכט זיך אויס פון אַ פּאַרטיי.

„האָסטו שוין געזען אַז אַ מענטש זאָל זיך באַנוגענען מיט דעם וואָס ער האָט ?" האָט דזשעק מיט אַ מאָל איבערגעשניטן די שטילקייט צוזאַמען מיט קלמנס מחשבות. ער האָט אַ רגע געשוויגן. אז קלמן האָט ניט געענטפערט האָט ער שאַרף אַ זאָג געטאָן :

„ניין, קלמן, ווען ס'קומט צו געלט האָט קיין איין מענטש ניט דעם כוח זיך צו זאָגן : גענוג ! פאַרשטייט זיך, אז אַ מענטש האָט גאָר נישט, ווילט זיך אים כאָטש פאַרמאָגן דאָס נייטיקסטע, און האָט ער שוין דאָס נייטיקסטע, ווילט זיך אים נאָך מער און אזוי אָן אַ סוף. האָט איינער 100 פונט, ציט אים גלייך צו האָבן 1000. און אז ער האָט שוין 1000, ווילט זיך אים שוין 10,000 און נאָך דעם 100,000 — און אז ער איז שוין מיט מזל אַ מיליאָנער, טויג עס אַלץ ניט, ווייל די תשוקה וואַקסט און ער וויל אַ סך מיליאָנען.

„אזוי, יאָגנדיק זיך נאָך עשירות, איז ניטאָ קיין אָפּשטעל ביי אַ געוויסן פונקט, ווי אַ לויפנדיקער צוג שטעלט זיך אָפּ אויף אַ סטאַנציע, דער מענטש אָבער שטעלט זיך ניט אָפּ. עס איז פאַראַן אזא פאַרשאָלטענער כישוף אין זאַמלען קאַפּיטאַלן און מ'ווערט אין דעם ארייַנגעצויגן מיט אזא קראַפט, אז מ'פאַרלירט דעם קאָפּ און דאָס האַרץ און מען אונטערשיידט שוין ניט ווי מען טוט עס. אַלע מיטלען ווערן כשר און מענטש איבערקלייבט שוין ניט די וועגן : גזילה, גניבה, גוואַלד און רויבעריי, אַבי אָנזאַמלען וואָס מער געלטער. קיין מאָל איז דעם מענטשן ניט גענוג, מעג שוין אפילו דער מלאך־המוות אָנקלאַפּן צו אים אין טיר, וועט ער נאָך אַלץ פּרובירן אים איבערקליגן און פאַרביילריפן.

„אָבער אַ לעצטע סטאַנציע איז פאָרט פאַראַן, דעמאָלט ווען דער מענטש הערט אויף זיך יאָגן און ער דאַרף שוין גאָר ניט, אַלע זיינע אָנגעהאָרעוועטע קאַפּיטאַלן זיינען שוין גאָר ניט. דעריבער, קלמן, איז עס נאַאיוו צו פרעגן אין אזא וועלט, ווי אזוי אַ מענטש קען באַגייען עוולות. די גאַנצע מענטשלעכע אָרדענונג איז איינגעשטעלט אזוי, אז עס איז איין לאַנגע קייט פון

עוולות און רציחות אין וועלכע אַלע מענטשן זיינען פֿאַרפּלאָכטן, איינער טוט עס מער, אַ צווייטער ווייניקער, איינער אין אַ סך אַ גרעסערן פֿאַרנעם פֿון צווייטן, אָבער אַלע שפּילן דעם זעלבן פֿאַלשן שפּיל.

„פֿאַסירט יאָ אַ מענטש אַ יוצא מן הכּלל, אַזאַ וואָס לעבט אָרנטלעך און טראַכט אויך וועגן זיין חבר און שכן און איז אפֿילו גרייט צו ברענגען אַ קרבן פֿאַר יענעם, איז עס שוין אַ חידוש, דערציילט מען זיך שוין די מעשׂים פֿון אַזאַ מענטשן און מ׳רעדט וועגן אים ווי וועגן אַ צדיק. און דאָס, קלמן, איז טאַקע אמת, אַזעלכע מענטשן זיינען צדיקים און אויף זיי, לויט דער יידישער לעגענדע, האַלט זיך די גאַנצע וועלט. דו האָסט דאָך מסתּמא געהערט וועגן די ל״ו צדיקים?״

קלמן האָט דזשעקן אָנגעקוקט מיט אומעטיק־פֿאַרטראַכטע אויגן, ווי ער וואָלט געווען פֿאַרטראָגן אין אַנדערע וועלטן. ער האָט שטיל זיך אויפֿגעהייבן פֿון שטול און געבליבן שטיין אַנטקעגן דזשעקן. די זון האָט מיט גאַל־דיקע שטרייפֿעלעך געטאַנצט אין זיינע ליכטיקע אויגן, וואָס האָבן איצט ניט געשמייכלט ווי תּמיד:

„יאָ, דזשעק, איך ווייס וועגן די למד־וואָוו צדיקים, שוין אין חדר פֿון רבין געהערט וועגן זיי, נאָר איין זאַך פֿאַרשטיי איך ניט: ווי אַזוי קענען אַ קליין הייפֿעלע אָרעמע, צעבראָכענע יידעלעך אויסהאַלטן אויף זייערע שוואַכע פּלייצעס אַזאַ וועלט מיט עוולות און רויבעריי, ווי דו האָסט עס דאָ אויסגעמאָלן, ווי אַזוי?״

„ווי אַזוי? קלמן. אָט אַזוי! זעסט דאָך...״ האָט דזשעק פֿאַנאַנדער־גענומען הילפֿלאָז די הענט, ווי דער „אָט אַזוי״ וואָלט געווען דער ריכטיקער ענטפֿער אויף קלמנס פֿראַגע.

קלמן איז געגאַנגען צו דער טיר, וואָס איז געבליבן אָפֿן ביי זיין אריינ־קום. ער האָט געוואָלט איצט אַ ביסל אין פֿעלד אַרויס שפּאַצירן, זיך דורכ־טראַכטן אין דעם „אָט אַזוי״, וואָס איז אים געבליבן שטעקן אין מוח ניט פֿאַרענטפֿערט.

11

קלמן אויף זיין שפּאַציר

קלמן האָט זיך אַלץ מער דערוויטערט פון הויז, ווו ער האָט איבערגעלאָזן דזשעקן אָן צו זאָגן אַ זיי געזונט. ער איז געגאַנגען אויף אַ זאַמדיקער סטעזשקע צווישן טרוקן־פּאַרחלשטע גראָזן און דערנער. דאָ האָבן זיך די שטחים געשפּרייט אין דער גלימערדיקער זון אין סופּלאָזער ברייטקייט און ווייטקייט. מ׳האָט ניט געזען ניט קיין שאָטן פון אַ ביימל, ניט קיין הייזקע און ניט קיין לעבעדיקן נפש.

די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל, געברענט און געבראָטן דעם גרויען באָדן וואָס האָט זיך געשפּאָלטן פון טריקעניש. קיין ווינטעלע האָט זיך אין דער לופט ניט באַוועגט און אַלץ ארום איז געווען ווי אָפּגעשטאָרבן. די שטילקייט איז געווען אזוי טיף, אז קלמן האָט געהערט דאָס קלאַפּן פון זיין האַרץ. ער איז איצט געגאַנגען אַנטקעגן באַרג, וואָס האָט אויסגעזען

ווי ער וואָלט געשטאַנען אונטער אַ דוש פון פליסיקן גאָלד. היינט האָט ער געוואָלט קומען אַ־יף יענער זייט באַרג, ווו ס׳געפינט זיך די גרויסע גאָלד־מינע פון וועלכער די שוואַרצע קומען אין קאַפּעריטע.

קלמן האָט דערפילט ווי די זון סמאַליעט אָן רחמנות. אים האָט אָבער די ברענענדיקע זון גאָר ניט געאַרט, אדרבא, ער האָט גאָר הנאה געהאַט פון איר גלי אויף זיין פּנים. דאָס ערשטע מאָל איז קלמן אַוועק אזוי ווייט פון קאַפּעריטע. ער האָט דערפילט ווי די פרייע וועלט דעקט זיך אָפּ, ווערט אַלץ גערוימער. עס האָט אים געיאָגט זיין אינטערעס צו זען און וויסן, וואָס עס טוט זיך און ווי זעט עס אויס אויף יענער זייט באַרג. ער האָט אויך פאַרגעסן די שווערע לעקציע, וואָס דזשעק האָט אים פאַר אַ גאַנצן פריי־מאָרגן ארייננעקלאַפּט אין קאָפּ.

מיט זיינע לאַנגע און געזונטע פיס האָט קלמן גאַנצע קלאַפּטער גע־מאָסטן. זינט ער איז אָנגעקומען אין קאַפּער־יטע האָט אים געצויגן צו זען מיט די אייגענע אויגן ווי די שוואַרצע לעבן. ער האָט געהערט פון דזשעקן אז מ׳קען דאָרט אָן אַ דערלויבעניש ניט אריין, ווייל ער כאָטש פון דער נאָענט אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס זייער לאָקיישן. אין דער קאַפּעריטע איז תמיד געהאַנגען אַ געדיכטע היץ ממש דערשטיקט צו ווערן, ווייל די שטראַלן פון דער זון פלעגן זיך קלייבן צווישן די פאַרמאַכטע ווענט. דאָ אין דרויסן, כאָטש די חמימה איז געווען אַ גוואַלדיקע און קיין ווינטל האָט ניט געבלאָזן, איז געווען פריי דאָס אָטעמען און די היץ איז ניט געווען ווי אין קאַפּעריטע, שווייסיק און שטינקענדיק ווי נבלה.

קלמן האָט פאַנאַנדערגעשפּיליעט זיין העמד, פאַרקאַשערט די אַרבל ביז אויבן אַרויף. מיט די גרינגע סאַנדאַלן אויף זיינע באַרוועסע פיס איז ער זיך געגאַנגען לייכט. דער באַרג איז אַלץ נענטער געקומען, גרעסער געוואָרן, דער וועג האָט זיך געהייבן צום שיפּוע פון באַרג, וויקלענדיק זיך ארום אים. דאָ זיינען שוין געווען איינגעפּאַרענע צוויירייאיק־געשלענגלטע וועגעלעך און די ביימער זיינען געוואָרן אַלץ געדיכטער, אַ סימן פון אַ דערבייאיקן יישוב. אין שאָטן פון באַרג זיינען שוין די גראָזן געווען אַ ביסל זאַפטיקער, גרינער. אַ גילדענע יאַשטשערקע איז דורכגעלאָפן און זיך אוועקגעגליטשט אין זאַמד. אַ פאַרביק פלאַטערל האָט אַ שוועב געטאָן פאַר זיין נאָז.

גאַנצע מחנות מוראַשקעס, גרויסע און קליינע, ווייסע און שוואַרצע, האָבן פאַרהאַוועט זיך געיאָגט אין לאַנגע שערענגעס צו זייערע קיילעכדיקע

גריבלעך. איילנדיקע רייען האָבן זיך געצויגן צו די אונטערערדישע „היי־מען" און אַנטקעגן זיינען געקומען רייען פון אונטער דער ערד. קלמן האָט געטראַכט, ווי שכלדיק זיי באַוועגן זיך, פונקט ווי צוויי רייען וועגענער אויף אַ גאַס איינע קעגן די אַנדערע. קענטיק פילן זיי קיין שרעק ניט און ווייסן ניט אז איבער זיי שפרייזט אַ ריזיקע באַשעפעניש, וואָס מיט איין טראָט זיינעם קען ער זיי צעקוועטשן און חרוב מאַכן זייער גאַנצע מלוכה.

האָט טאַקע קלמן איצט געשפרייזט לאַנגזאַם. ער האָט גענומען אויס־קלייבן די ערטער, ווו צו שטעלן זיינע טריט כדי צורו לאָזן און ניט אָנרירן די אומבאַהאָלפענע פאַרהאָרעוועטע באַשעפענישן, וואָס זוכן אַ ביסל שפייז. ער האָט זיך אריינגעשניטן צווישן דיביימער, וואָס זיינען שוין געווען גע־דיכטער און גרעסער, ווי אַ יונג וועלדל, און אין עטלעכע מינוט איז ער ארויסגעקומען אויף אַ ברייט אַספאַלטירטן וועג, ווו פון ביידע זייטן זיינען געשטאַנען עטלעכע הייזער, ווייסע, באַגאָסענע מיט זון. דאָס זיינען געווען פאַר די ווייסע אינזשעניערן, אינסטרוקטאָרן און פאָר־אַרבעטער אין די גאָלד־מינעס, וואָס זייערע אייזערנע טורעמס האָבן זיך אויפגעדעקט אין דער נאָענט.

* * *

אויף די שאָטנדיקע ווערענדעס זיינען געזעסן יונגע מענער און פרויען, גערעדט און געזופט אַ קאַלטן טרונק פון גרויסע גלעזער. אַנדערע זיינען געלעגן אויפן גראָז ארום די הייזלעך, אונטער פאַרביקע גרויסע שירעמס. אין איין אָרט האָט אַ יונגע מאַמע געהאַלטן אַ קינד אויפן שויס און עס גע־קאָרמעט. אונטער אַ בוים איז געלעגן אַ הונט און פון זיין אָפן מויל איז ארויסגעהאַנגען אַ לאַנגע צונג. ער האָט געאָטעמט גיך, כדי אריינצוקריגן וואָס מער לופט. דער הונט האָט געהאָרכזאַם געהיט קלמנס טריט, טאָמער וועט ער געבן אַ שטעל זיין פוס אויף זיין גרונט.

קלמן איז שנעל פאַרביי די פיינע הייזער און עטלעכע פאָר אויגן האָבן אים מיט דערשטוינטקייט נאָכגעקוקט, ווי זיי וואָלטן זיך געוווּנדערט פון וואַנען האָט זיך פלוצלינג געיאַוועט אַהער דער דאָזיקער ווייסער בחורעץ. קלמן האָט געשטעלט גיכע טריט, כדי קיינער זאָל אים ניט פאַרהאַלטן. אים האָט געשראָקן דאָס האַרץ, טאָמער וועט ער זיך דאַרפן צונויפריידן מיט די העגט מיט די איינוווינער פון געסל. ער האָט פרייער אָפּגעאָטעמט ווען די הייזלעך זיינען שוין געווען אַ שטיק הינטער אים.

ער איז געווען אַריבער איבער דעם העכסטן פּונקט פון באַרג און האָט זיך אָנגעהייבן אַראָפּלאָזן מיטן שיפּוע פון דער צווייטער זייט, ווו אַ לאַנגע פּיר־קאַנטיקע וואַנט האָט ארומגעצאַמט די „לאָקיישן״־כאַטקעס. די ביימ־לעך האָבן ווי באַהאַלטן אונטער זיך אַ קאַרגן שאָטן, אז קיינער זאָל פון זיי קיין הנאה ניט האָבן.

קלמן האָט זיך דערפילט מיד. ער האָט אָפּגעזוכט אַ גרעסערביימל מיט אַ געדיכטערן שאָטן און זיך געוואָלט צוזעצן אונטער אים, כאָטש דעם איי־בערשטן טייל פון זיין קערפּער צו פאַרשטעלן פון דער זון און זיך אַ ביסל אָפּרוען. נאָר דאָ האָט ער ווידער דערזען די וועלט פון מוראַשקעס, וואָס האָבן זיך אין די טויזנטער געאיילט צום שטאָם פון בוים. ווידער האָט ער געזען ווי די מחנות באַגעגענען זיך, און אז ער האָט זיך פון דער נאָענט צו־געקוקט האָט ער געזען, ווי יעדע שלעפּט מיט אין איר פּיסקל אַ שטרויעלע, אַ קערנדל, אַ שטרייפּעלע קאָרע און אנדערע נישטיקייטן, וואָס זיינען צען מאָל, הונדערט מאָל גרעסער ווי זיי אליין.

גאַנצע קאַראַוואַנען האָבן אָן אָפּשטעל זיך געאיילט צו די גריבעלעך, פאַרשווונדן אינעווייניק און ווידער ארויס. קענטיק אז זיי טוען אַ וויכטיקע אַרבעט, גרייטן זיך אָן שפּייז אויפן ווינטער, טאָ ווי קען מען זיך דאָ אויס־ציען און צעשטערן זייער מי? האָט קלמן אַ שפּריז געטאָן פאָרזיכטיק צו אַ צווייט, צו אַ דריט ביימעלע, אָבער אומעטום איז פאַרגעקומען דאָס זעלבע שפּיל. איז קלמן געבליבן שטיין אין זון אַ פאַרשוויצטער און אַ מידער, מיט אַ שמייכלדיקן בליק געקוקט אויף די מוראַשקעס און געטראַכט: וואָס אַ מחנה אזעלכע פּיטשינקע ברואימלעך ניט קענען — לאָזן שטיין און באַזיגן אזא ריז ווי קלמן!...

נידעריקער, אונטערן באַרג־שיפּוע האָט קלמן דערהערט אַ סקריפּע־ריי. אז ער האָט אראָפּגעקוקט, האָט ער דערזען אַן אויסטערליש בילד: אַ צוויי־רעדער וועגעלע, צונויפגעפּלאָכטן פון דינע צווייגן פון יונגע ביימ־לעך און וויטשקעס. אין וועגעלע איז געווען איינגעשפּאַנט אַן אייזל, נאָך קלענער פאַרן וועגעלע, און אַ שוואַרצער „פּיקאַנין״ האָט אים געיאָגט, געטריבן. אין וועגעלע, אויסגעבעט אויף שמאַטעס, איז געזעסן אַ יונגע שוואַרצע מאַמע, ארומגעגאַרטלט מיט אַ פאַטשיילע ביז אונטער די נאַקעטע ברוסטן, און פון הינטער דער פאַטשיילע האָט ארויסגעשטעקט אַ שוואַרץ קעפּל מיט געקרייזלטע הערלעך פון אַ זויגקינד. דאָס אייזעלע האָט זיך גע־

שלעפּט טריט ביי טריט, אַרויפצו, צום שיפּוע־שפּיץ, ווו קלמן איז געשטאַ־נען. אָבער וואָס נענטער ער איז צוגעקומען אַלץ לאַנגזאַמער האָט זיך גע־צויגן דאָס וועגעלע.

אָט האָט ער זיך אין גאַנצן אָפּגעשטעלט, ווי זיינע פיס וואָלטן איינ־געגראָבן געוואָרן אין דער ערד. דער פיקאַניץ האָט פּרובירט אָננעמען דאָס אייזעלע ביים צוים און אים העלפן, געשטופּט דאָס וועגעלע, אָבער דאָס אייזעלע איז געשטאַנען ווי די כוחות וואָלטן אים אויסגעגאַנגען. מיט אומעטיק־שטומע אויגן האָט ער געקוקט אויף דעם פיקאַניץ, זיין בעל־הבית, ווי ער וואָלט זיך געבעטן: האָב רחמנות, לאָז מיך צורו פאַר אַ ווײַלע, לאָז כאַפּן דעם אָטעם. דעם פיקאַניץ האָט דעם אייזעלעס רחמנות־בליק ניט געאַרט און ער האָט אים געשטורכעט אין זייט מיט אַ קורץ בייטשל. ער האָט מיט אַ דין קינדיש קולכל זיך געבעטן, געשאָלטן, געשריען אויף דעם איינגעעקשנטן בעל־חי.

* * *

קלמנען האָט זיך מיט אַ מאָל אַ שטעל געטאָן פאַר די אויגן זיינע היי־מישע יונגע יאָרן, ווי די צייט וואָלט זיך אַ רוק געטאָן אַהינטער. די טעג האָבן דערלאַנגט אַ שווים אין זיין זכרון און ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער לויפט מיט אַ פערד פון אַ ציגיינער, ווען ער איז אָנגעקומען איידער נאָך זיין בר־מיצווה ביי כאַטשען און העטשען. און אָט — זעט ער זיך אַ שמיי־סער ביי ר׳ עליע דעם בעל־עגלה:

ס׳איז אַ פינצטערע אָסיענדיקע נאַכט. דער רעגן כליאַפּעט שוין אַ גאַנצן מעת־לעת. דער וועג איז אויסגעווייקט און די רעדער זינקען אין בלאָטע ביז די קלעצלעך. די פערד סאָפּען און ציען מיט די לעצטע כוחות ביז זיי שטייען צו. חברה בעלי־עגלות קענען זיך קיין עצה ניט געבן. קלמן קומט מיט אַ שמייכל און שטעלט אונטער אַ יונגע פּלייצע. דער וואָגן גיט זיך אַ ריר — —

מיט אַ האַסטיקן ברייטן טראָט שפּרינגט קלמן אַריבער די קליינע שוואַרצע ברואימלעך אונטער זיינע פיס. ער לאָזט זיך באַרג אַראָפּ צום וועגעלע. פאַר די אויגן שטייט אים אַ גרויסער שווערער וואָגן און ער איז נאָך יונג. ער בלייבט שטיין ביים וועגעלע מיטן נאַרוויסטן אייזעלע. דער שוואַרצער פיקאַניץ קוקט אויף אים מיט גרויסע צעשראָקענע אויגן, אין וועלכע עס בלינצלען די ווייסלעך ווי קליינע זונעלעך. די שוואַרצע

פרוי אין וועגעלע באַהאַלט שנעל אין פאַטשיילע דאָס געקרויזטע קעפּל פון איר קינד און פאַרדעקט אין איילעניש די פולע בריסט.

קלמן איז צעטומלט. ער רעדט צו זיי אויף יידיש. אים דוכט זיך אז זיי וועלן אים פאַרשטיין. דערביי שפּרייט זיך אַ שמייכל אויף זיין געזיכט:

„שרעקט זיך ניט, ליבינקע, איך קום אייך העלפן ארויפפירן דעם וועגעלע אויפן באַרג".

זיי מערקן אַ פּנים, אז דער ווייסער קומט מיט גוטע כוונות און שמייכלען צוריק.

דער פיקאַנין דערציילט אים עפּעס אין זיין לשון און קלמן פאַרשטייט ניט אַ וואָרט, חוץ דאָס קלאַפּן מיט דער צונג פון קליינעם ממזרוק. אך, ווען ער קען זייער לשון! קלמן איז איצט מקנא טשאַרליץ, ווי ער דברט עס זייער לשון און קנאַקט צו דערביי מיט דער צונג, ווי ער וואָלט געווען אַ זייעריקער. ער דערמאָנט זיך דעם פאַל מיטן שוואַרצן, ווי טשאַרלי האָט אים געוואָלט באַגנבענען און גיט זיך אַ טרייסל אָפּ...

פאַרזיכטיק העלפט ער דער מאַמען מיטן קינד אַראָפּגיין פון וועגעלע. ער ווייזט איר מיט דער האַנט אויף דער ערד, אז זי זאָל זיך צוזעצן. אליין שפּאַנט ער אויס דאָס אייזעלע. ער גיט אַ נעם די צוויי דינינקע האָלאָבליעס, ווי צוויי שפּענדלעך, און שלעפּט דאָס וועגעלע באַרג ארויף. ער שפּאַנט מיט ברייטע טריט, דאָס וועגעלע טאַנצט אויף די פאַרהאַרטעוועטע גרודעס און שטיינער. דער שוואַרצער פיקאַנין לויפט אים נאָך, קוויטשעט און שרייט אויס באַגייסטערט זיין וווּנדער איבער דעם ווייסן מאַנס גבורה. ער פירט דאָס אייזעלע מיט זיך. די שוואַרצע שטייט אויף, גייט און בלייבט ווייט הינטערשטעליק. אויך דער פיקאַנין קען אים ניט נאָכהאַלטן.

קלמן שטייט שוין אויבן. ער וואַרט אויף זיי. באַגאָסן פון קאָפּ ביז די פיס מיט שווייס, פילט ער נאָך מער די היץ וואָס גיסט זיך אויף אים פון הימל, אָבער ער איז צופרידן פון זיין אויפטו.

די שוואַרצע האָבן אים דערגרייכט און געקוקט אויף אים מיט דאַנקבאַרע אויגן. דער בליק פון דער יונגער פרוי האָט געגלאַנצט פון גערירטקייט און באַשיידן האָט זי צו אים געשמייכלט. דער פיקאַנין האָט צוזאַמענגעלייגט זיינע קינדערשע הענטלעך אין אַ דאַנק, אזוי ווי עס טוען די שוואַרצע אין קאַפּעריטע, ווען זיי קריגן עפּעס. קלמן האָט ארויסגענומען

אַ זילבערנעם שילינג פון קעשענע און אים געגעבן. דער פּיקאַנין האָט אויפ־געקוויטשעט פון פרייד און זיך צעטאַנצט. קלמן איז צופרידן געווען פון דעם, וואָס ער האָט דעם שוואַרצן יינגל גליקלעך געמאַכט מיט דער מטבע.

דאָס אייזעלע איז געשטאַנען דערביי מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, ווי פאַרשעמט. קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף אים. קלמן האָט זיך דערמאָנט אַן אייזעלע, געהאָלפן אים איינשפּאַנען אין לייכטן געשפּאַן. אַ קלאַפּ טוענדיק דעם פּיקאַנין אין פּלייצע, האָט ער זיך מיט די שוואַרצע גע־זעגנט מיט דעם איין וואָרט וואָס ער האָט געוווּסט „סאַקאַבאָנאַ״. דער שוואַרצער פּיקאַנין איז אים אַ שטיק וועג נאָכגעלאָפן באַגלייטן.

קלמן האָט געזען אַז דאָס שפּיל מיט די שוואַרצע האָט היפּשלעך גע־דויערט. די זון איז שוין געווען אויף דעם וועג אַראָפּצו, צו דער ערד. ער האָט באַשלאָסן צו גיין צוריק. איצט איז אים פּלוצעם צוריקגעקומען דזשעקס לעקציע פון היינט פרי און מיט אַ מאָל האָט ער געפונען דעם ענטפער פון דזשעקן: „אָט אזוי״. אפשר איז ער, קלמן, אויך פון די „אָט אזויניקעס ?״

קלמן טיילט זיין פרייד מיט דזשעקן

אין אַ שיינעם פאַרמיטאָג האָט דער בריווטרעגער געבראַכט אַ בריוו פאַר קלמנען. עס איז געווען אַ העל־ראָזער קאָנווערט און אַ ציכטיקער. קלמנס האַרץ האָט פריידיק געצאַפּלט. ער האָט גענומען דעם בריוו צווישן די פינגער און עס געגלעט, ער האָט געוווּסט פון וועמען דאָס קומט. ער האָט זיך שנעל פאַרקליבן אין אַ ווינקל, ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר אַ פרעמדן בליק און מיט ציטעריקע הענט אויפגעריסן דעם קאָנווערט. אַנטקעגן האָט אים אַ שיין געטאָן די אונטערשריפט, סאָניע שאַפּיראָ, ווי די זון וואָס גאָלדיקט אַראָפּ פון קלאָרן הימל.

ווי אַ דאָרשטיקער וואָס כאַפּט זיך צו צו אַ קילן טרונק אין אַ הייסן טאָג, אזוי האָט קלמן זיך צוגעכאַפּט צו די שורות. ער האָט זיי געלייענט און זיך געקוויקט מיט די ווערטער. ער האָט זיינע אויגן ניט געגלויבט וואָס סאָניע שרייבט: „ער פעלט איר און זי בענקט נאָך אים״. ער האָט געלייענט דעם בריוו איין מאָל און נאָך אַ מאָל, ביז ער האָט אים שוין באַלד געקענט אויסווייניק. זי מוז מיט אים זיין אָפנהאַרציק, האָט זי געשריבן, זי האָט זיך עס קיין מאָל ניט געקענט פאָרשטעלן, אז זי זאָל בענקען נאָך אַ מענטשן,

וועמען זי האָט אַזוי ווינציק געקענט און מיט וועמען זי האָט אַזוי קורץ פֿאַרבראַכט. זי איז זיכער געווען, אַז ווי נאָר ער, קלמן, וועט אָנקומען אויף זיין נייעם אָרט וועט ער לאָזן פון זיך הערן. יעדן טאָג האָט זי אומזיסט דערוואַרט דעם בריווטרעגער, אויסגעקוקט אויף אַ בריוו פון אים, אָבער ביז איצט איז קיין ידיעה ניט געקומען. דעריבער האָט זי אָנגעשריבן איר בריוו, ווייל עס אינטערעסירט איר ווי אַזוי ער האָט זיך איינגעאָרדנט, צי עס פֿאַלט אים ניט שווער די אַרבעט אין דער קאַפּעריטע, צי ער מאַכט פֿראַגרעס אין דער אַרבעט און צי האָט ער אַ גוטע וווינונג. אַלץ, אַלץ וואָלט זי וועלן וויסן. און נאָך וואָלט זי זיין נייגעריק צו וויסן, צי ער קען ניט נעמען פֿריי אַ פּאָר טעג, אַ וויק ענד, ווי מען רופֿט עס דאָ, און אַראָפּ־קומען אין שטאָט. ס׳וואָלט זיין גוט ווען ער קען קריגן אורלויב אין 2 וואָכן אַרום, ווען עס וועט פֿאַרקומען ביי זיי אין הויז אַ גרויסע פּאַרטיע, וואָס ווערט איינגעאָרדנט פֿאַר דער פֿרויען הילפֿס־געזעלשאַפֿט. ראָזי און זי מאַכן עס. ער וועט האָבן אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט וויכטיקע פּירער און חשובע לייט און זען וואָס אַזוינס איז אַ גאַלאַ־פּאַרטיע אין יאָהאַ־נעסבורג. זי פֿאַרענדיקט דעם בריוו: „מיט דער האָפֿענונג זיך צו זען אויף דער פּאַרטיע און פֿאַרברענגען צוזאַמען אַ לוסטיקן אָוונט. איך דערוואַרט דיר מיט אומגעדולד און האָף אַז דו וועסט מיך ניט אַנטוישן: דיין סאָניע שאַפּ־ראָ”.

קלמן האָט אַ קוש געטאָן דעם בריוו און אים פֿאַרבאַהאַלטן אין בוזעם־קעשענע מיט אַזאַ זאָרגעוודיקייט, ווי ער וואָלט דאָרטן פֿאַרבאַהאַלטן אַ טייערן חלום פון פֿיל יאָרן, אַ חלום וואָס ווערט וואָרהאַפֿטיק. איצט האָט ער שוין בפֿירוש געזען, אַז די געלערנטע און צאַרטע סאָניע שאַפּיראָ איז אין אים פֿאַרליבט. ער האָט שוין מער ניט געצווייפֿלט אין דעם. דער בריוו איז געווען ווי אַ מין פֿאַרזעצונג פון יענעם שבת נאָכמיטאָג פֿאַר זיין אָפּ־פֿאָר, ווען זיי האָבן זיך געקושט.

קלמן וואָלט וועלן אַ טאַנץ טאָן פֿאַר שימחה, אַ שפּרונג טאָן ביז צום באַלקן, אָבער ער האַלט זיך איין מיט אַלע כוחות, כדי די אַרומיקע אין קאַפּעריטע זאָלן עס ניט באַמערקן. זיי וועלן קוקן אויף אים ווי אויף אַ משוגענעם. די ווערטער קריכן אים ניט אַרויס פון קאָפּ, ער צעפּיצלט זיי און צעטרייבערט זיי: זי פֿלעגט דערוואַרטן יעדן טאָג דעם בריווטרעגער, פּונקט ווי ער פֿלעגט לויפֿן יעדן שבת צו שימשעס גאַנעק און וואַרטן צי עס

קומט ניט אַ בריוו פון איר. זי בענקט נאָך אים... אינטערעסירט זיך מיט אים און פרעגט זיך נאָך צי ער אַרבעט ניט שווער. און זי רעדט טאַקע אָפנהאַרציק, פרעגט זיך נאָך ווי ער וווינט... און שרייבט זיך אונטער דיין סאָניע...

מיין סאָניע! כאַפּט זיך פריידיק ביי אים ארויס און ער קוקט זיך האַס־טיק ארום, צי ס׳קוקט ניט עמעצער אויף אים. שפּעטער, אז ער זעט ווי אַלע זיינען פאַרנומען מיט אייגענע זאַכן, קיין קונדן זיינען ניטאָ און קיינער קוקט ניט אויף אים, נעמט ער אַרויס דעם בריוו פון בוזעם און רעדט צו אים ווי צו אַ לעבעדיקן מענטשן: סאָניע... סאָניעטשקע... כ׳ווער משוגע פון גליק! ווי דערוואַרט מען שוין די צוויי וואָכן זאָלן אריבער, סאָניע?... און טרערן פון פרייד גלאַנצן אין זיינע אויגן.

וואָלט קלמן געקענט דעם לשון פון די שוואַרצע, וואָלט ער זיך ארומ־געכאַפּט מיט דעם שוואַרצן באַדינער און אים אויסדערציילט זיין שימחה, די פריידיקע נייעס פון בריוו. ער האָט זיך געוואָלט טיילן מיט זיין גליק מיט עמעצן, נאָר דאָ איז געווען איין מענטש מיט וועמען ער וואָלט זיך גע־קענט צוזאַמענריידן: טשאַרלי. פילט ער אָבער זינט יענעם אינצידענט מיטן שוואַרצן, ווי אַ וואַנט וואָלט געשטאַנען צווישן זיי — אַ וואַנט פון פרעמדקייט. טאָ ווי קען ער קומען מיט אזא פרייד צו טשאַרלין, ווען יענער איז ניט שווה בשווה מיט אים און קוקט אויף אים קרום. עס דוכט זיך אים גאָר אויס, אז טשאַרלי האָט אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַר אים, שפּיאָנירט אים. ער, קלמן, האָט פאַר אים ניט וואָס צו באַהאַלטן, נאָר ער וויל ניט אריינפאַלן אין זיין מויל...

האָט קלמן זיך קוים דערוואַרט דעם אָוונט, ווען ער וועט זיך טרעפן מיט דזשעקן. פאַר אים וועט ער אַנטפּלעקן אַלע זיינע סודות, זיין ליבע צו סאָניען און דעם היינטיקן בריוו. ער וועט פאַר אים עפענען זיין האַרץ און אים ווייזן ווי גליקלעך ער איז. און ווי נאָר מ׳האָט צוגעקלאַפּט דעם שלאָס פון דער אייזערנער טיר פון קאַפּעריטע, איז קלמן געלאָפן צו דזשעקן. ער איז אריינגעפאַלן צו אים אָן אָטעם און ארויסגעפּלאַצט, אז ער האָט פריילעכע נייעס. דזשעק האָט אים דערשטוינט אָנגעקוקט און געפרעגט:

„פריילעכע נייעס אין דעם העק? כ׳בין אַ בעלן צו וויסן ווער האָט עס דאָ געבראַכט, מסתמא דער שוואַרצער אינדיק אויפן שפּיץ עק?"

„דער בריוו־טרעגער. אַ בריוו!" האָט קלמן שאַרף אַ זאָג געטאָן, ווי ער

וואָלט געוואָלט צו נישט מאַכן דעם חוזק־טאָן פון דזשעקן, וואָס האָט אים פאַרדראָסן.

„אַ בריוו! פון וועמען?“ האָט דזשעק געפרעגט ערנסט, ווי ער וואָלט אים ניט געגלויבט.

„קום, דזשעק, לאָמיר ארויסגיין אויף אַ שפּאַציר, דאָ דערביי, וועל איך דיר אַלץ דערציילן ווי פאַר אַן אייגענעם ברודער. כ׳וויל זיך אויך מיט דיר אַן עצה האַלטן...“

חוץ וואָס דזשעקן האָט מיט איין מאָל דער גאַנצער ענין פון קלמנס „פריילעכע נייעס“ פאַראינטריגירט, איז ער אָבער בטבע געווען אַ גוט־האַרציקער און תמיד ווייליק ארויסצוהעלפן אַ פריינד מיט אַן עצה. ער אליין האָט זיך געקענט אַן עצה געבן מיט אַ שווערן פּראָבלעם, אפילו אין אַן עת צרה, בפרט אז דאָ איז גאָר אַ פריילעכער ענין.

* * *

די נאַכט איז געווען אַ מילדע. זיי האָבן געמיטלעך שפּאַצירט פאַרביי די טונקעלע פּאָר געביידעס און דזשעק האָט אויסגעהערט מיט גרויס אינ־טערעס קלמנס פאַרכליניעטע רייד. אין דער פינצטערניש פון דער סוף־חודש נאַכט האָט דזשעק קלמנען ניט געקענט זען, אָבער ער האָט זיך פאָר־געשטעלט אז קלמנס אויגן מוזן איצט זיין ברייט־צעעפנט און צעשיינט, ווי ביי אַ קינד וואָס עס דערוואַרט אים אַ פריידיקע באַגעגעניש. דזשעק האָט איצט בפירוש געפילט דעם ציטער פון קלמנס האַרץ, ווען ער האָט אים פאַרטרויט וועגן זיין בענקשאַפט צו סאָניע שאַפּיראָ. אים האָט זיך איצט אויסגעדוכט, אז דער ריזיק־צעוואַקסענער קלמן האָט זיך דאָ פאַרוואַנדלט אין אַ קליין אומבאַהאָלפן קינד, וועמען מ׳האָט אוועקגענומען פון זיין מאַ־מען און ער בענקט נאָך איר.

אַ לאַנגע צייט האָבן זיי שטיל שפּאַצירט, ווי די ווערטער וואָס קלמן האָט גערעדט זאָלן זיך קענען איינזאַפּן אין זייערע הערצער. צום סוף האָט קלמן געפרעגט:

„ווי מיינסטו, דזשעק, וועט מיר מ״ר פליישער געבן אַ פּאָר פרייע טעג אין צוויי וואָכן ארום?“

„לאָז עס צו מיר. כ׳וועל שוין פועלן ביי דער ׳פוזע׳ ער זאָל דיר אָפּלאָזן. זאָרג ניט, מ׳וועט געפינען אַ גוטן תירוץ. וועסטו זיך טרעפן מיט דיין אָנקל און — מיט דיין סאָניען און וועסט ארייגהוליען ווי גאָט האָט געבאָטן...“

קלמן האָט אים געוואָלט אויסדריקן זיין דאַנק, איבערהויפּט איז אים געוווען אזוי גוט צו הערן ווי דזשעק זאָגט „דיין סאָניע", האָט ער אים ארומ־גענומען און אַ דריק געטאָן צו זיך מיט ליבשאַפט, ווי זיין שטייגער, אז דזשעקן האָט אָטעם פאַרפעלט. אז דזשעק האָט זיך אָפּגעכאַפּט, האָט ער זיך געווענדט צו קלמנען מיט אַ כמעט באַפעלערישן טאָן:

„מאָרגן, קלמן, מוזטו ענטפערן סאָניען. דאָס דאַרף זיין דיין ערשטע ארבעט. דאַרפסט איר באַדאַנקען פאַר איר האַרציקן בריוו און שרייבן אז דו וועסט קומען אין צוויי וואָכן ארום צו דער פאַרטיע. דאַרפסט איר אפילו פון העפלעכקייט וועגן, פרעגן מיט וואָס דו קענסט איר העלפן און וואָס דו זאָלסט מיטברענגען". און דזשעק האָט קלמנען גוטברודעריש אַ קלאַפּ גע־טאָן מיט זיין גאַנצן כוח איבערן פּלייצע און געזאָגט: „מאָרגן וועל איך דיר העלפן מיטן בריוו".

„גוט, דזשעק, מאָרגן אָוונט", האָט קלמן געזאָגט און ער האָט ווידער ארומגעכאַפּט דזשעקן. ער האָט געפילט צו אים אַ גרויסע דאַנקשאַפט און ער האָט אים שטאַרק צו זיך געדריקט, אָבער אָן דעם פריערדיקן שטורעם־אויסברוך. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי אין צוויי וואָכן ארום וועט ער זיך טוליען צו סאָניען, זי קושן, האַלטן אין זיינע אָרעמס. פון פרייד האָט ער זיך ניט געקענט באַהערשן. ער האָט געפילט אַ געזאַלצענע פייכטקייט אויף זיינע ברעמען. האַלב וויינענדיק האָט ער זיך צעזעגנט מיט אַ מענה־לשון:

„דזשעק טייערער, ביסט מיר מער ווי אַ ברודער. אפילו אַן אייגענער ברודער קען ניט זיין אזוי גוט, ווי דו ביסט צו מיר. מיט וואָס זאָל איך דיר אָפּדינען? זאָג, זאָג!"

דזשעק האָט זיך באַפרייט פון קלמנס וואַרעמע הענט ארום אים. וואָלט ער ניט געוווסט אז קלמן האָט היינט ניט געטרונקען, וואָלט ער זיכער גע־מיינט אז ער איז שיכור.

„קלמן, זיי ניט קיין קינד. דאַרפסט מיר ניט אָפּצאָלן מיט טובהס. כ'פיל אז דו ביסט פאַרליבט אין סאָניען און זי אין דיר. מסתמא וועט איר בקרוב פראַוּוען אַ חתונה".

„אוי, דזשעק, ס'איז אזוי גוט אז דו ביסט מיט מיר. ס'איז גוט..."

„וועסטו מיר רופן צו דיין חתונה, קלמן?" האָט דזשעק געפּרוווט ריידן פּראַקטיש.

„דו זאָלסט עס פרעגן, דזשעק? דער הויפּט־מחותן װעסטו זײַן. כ׳װעל דערצײלן סאָניען װעגן דיר און אַלץ װאָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר. דײַנע לעקציעס, װאָס דו האָסט מיר געלערנט, כאָטש ניט אַלץ האָב איך פאַר־שטאַנען". האָט קלמן געפּלױדערט גוטמוטיק. „איך פײַער און איך װאַסער װעל איך גײן פאַר דיר. מײַן קאָפּ װעל איך פאַר דיר לײגן. מ׳קען קײן מאָל ניט װיסן װאָס אין לעבן מאַכט זיך".

דזשעק האָט געלאָזט קלמנען זיך אַראָפּרײדן פון האַרצן. אַלײן איז ער געגאַנגען בײַ זײַן זײַט און געשװיגן. ער האָט אַפילו האַלב ניט דערהערט װאָס קלמן זאָגט. ער האָט איצט געטראַכט װעגן זײַן אײגענער אײנזאַמקײט און עלנט פאַר אַלע יאָרן. אָט דער קלמן, ערשט ניט לאַנג געקומען, קען נאָך אַפילו ריכטיק קײן װאָרט ניט אױסרײדן אין ענגליש, אַפילו ניט אױפ־שרײַבן אַן ענגליש אות, און װעט באַלד האָבן אַ הײם, אַ פרױ, קינדער, אױפשטעלן אַ פאַמיליע. עפּעס האָט אים אָנגעהײבן פרעסן אַ פאַרדרוס אױף זיך אַלײן, װאָס איז דאָ פון אים געװאָרן. קלמן װײנט פאַר פרײד, ער איז שיכור פון ליבע, און אין מיר װײנט דאָס האַרץ פון פּײַן און אַלײנקײט. צו זײַן אױער זײַנען דערגאַנגען קלמנס רײד, װי ער װאָלט געשטאַנען װײט פון אים, נאָר ער האָט זײ איצט קלאָר געהערט. ער האָט אָנגעהױבן גײן שנעלער, װי די װערטער װאָלטן אים נאָכגעיאָגט און ער װיל פון זײ אַנטלױפן:

„איך װײס, דזשעק, דו גלױבסט ניט אין דעם גאָט פון חומש. דײַן גאָט רופסטו השגחה. אױף אַזױ פיל פאַרשטײ איך זיך ניט. נאָר אײן זאַך װײס איך, אַז גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַ מלאך פון הימל אין געשטאַלט פון אַ מײדל מיטן נאָמען סאָניע שאַפּיראָ. דו הערסט, דזשעק, אַ טײַערע נשמה איז זי, די סאָניע שאַפּיראָ. צוליב איר טאַקע בין איך אַנטלאָפן פון רוס־לאַנד. געלאָזן דאָרטן דעם ׳פּראַקליאַטן באַטיושקאַ׳ צאַר און ׳מאַטיושקאַ ראַסיאַ׳ און צוריק געפונען מײַן אמתן גליק דאָ. סאָניע איז אַן אוצר". דזשעק האָט אָנגעהײבן שטעלן נאָך ברײטערע טריט, ער איז כמעט געלאָפן, און קלמן האָט מיט זײַנע לאַנגע פיס אים נאָכגעשפּרײזט און װידער גערעדט:

„און נאָך האָט גאָט געטאָן גוטס צו מיר, װאָס ער האָט אונדז צונױפ־געבראַכט — דיר און מיר, דזשעק! קענסטו דען לײקענען אַז אין דעם איז ניטאָ קײן אצבע אלוקים, װי אין חומש שטײט?" קלמן איז געװען צופרידן װאָס ער קען כאָטש אין עפּעס דאָס ביסל בקיאות זײַנס אַרױסװײַזן.

ביידע זיינען שטיין געבליבן קעגנאיבער דעם אריינגאַנג צו דזשעקס הויז. קלמן האָט פלוצעם דערפילט דזשעקס שוויגעוודיקייט און עפּעס אַ שרעק איז אים באַפאַלן.

„דזשעק, וואָס האָט פּאַסירט?" האָט קלמן ארויסגעשאָסן די פראַגע מיט אַ ציטער.

דזשעק האָט זיך מיט אַ פרעמדן קול פונאַנדערגעלאַכט:

„דו האָסט אזוי פיל דערציילט וועגן דיין מיידל, אז זי וועט מיר זיך גאָר חלומען".

„מיר חלומט זי זיך כסדר, אפילו ביי טאָג..." האָט קלמן פאַרטרויט און אין זיין שטים איז געווען בענקשאַפט. ער האָט געדריקט דזשעקס האַנט: „אַ גוטע נאַכט!"

דזשעק איז איינגעשלונגען געוואָרן אין ליכטיקן פירקאַנט פון טיר.

12

קלמן קומט צו באַטש

קלמן איז געזעסן אין וואַגאָן, ווי איינגעשפּאַרט אין אַ שטייג. אים האָט זיך אַלץ געדוכט אז די באַן גייט צו לאַנגזאַם. אָט וועט זי זיך אָפּשטעלן און מער ווייטער ניט גיין. ער וואָלט ארונטערגעשפּרונגען און געלאָפן צופוס. אויף יעדער סטאַנציע זיינען אריינגעקומען עטלעכע פרישע פּאַסאַזשירן. קלמן האָט זיך געהאַלטן סטאַטעטשנע, זאָל קיינער ניט מערקן אז ער איז אַ גריינער.

ווי נאָר דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אין יאָהאַנעסבורג, איז קלמן אַראָפּגעשפּרונגען און מיט ברייטע טריט אוועקגעשפּרייזט צום טראַמוויי. ער האָט געוווּסט דעם נומער און ווו ער דאַרף אַראָפּגיין. דער טראַמוויי האָט זיך געגליטשט גיך אויף די רעלסן דורך די שבת־פּאַרנאַכטיקע גאַסן.

פון דער נאָענט האָט ער שוין דערזען דאָס ווילע פון זיין אָנקל, וואָס איז געווען באַגאָסן מיט אַ רויט־גאָלדיקער שקיעה און אויסגעזען ווי אויסגע־מאָלן מיט פרישע פאַרבן.

אַ זיס געפיל האָט זיך פאַרגנבעט אין זיין האַרץ. ער האָט פאַרלאַנג־זאַמט זיין גאַנג. ער איז ארויף אויף דער ברייטער וועראַנדע. אַלע טירן זיינען געשטאַנען פאַנאַדערגעפּראַלט און אַלע צימערן באַלויכטן, קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט. די שטילקייט האָט אים אריינגעמאַניעט. ער איז געבליבן שטיין אין קאָרידאָר. די לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיטן אַראָמאַט פון געבראָטנס, זיסקייטן און שטאַרקייט פון גוטע ווייַנען.

קלמן האָט געהערט אַ שטיל פּאָרען זיך אין שלאָפצימער, דאָס איז אוודאי דער אָנקל. און די טאַנטע איז מסתמא איצט אין דער צווייטער זייט שטוב, אין קיך. זי מוז נאָך זיין פאַרנומען מיט באַקן און פּרעגלען. מיט אַ מאָל האָט קלמן דערזען דעם ווינקל פון גרויסן זאַל. ווי אַ קאַץ האָט ער זיך מיט ווייכע טריט צוגעשאַרט נענטער צו דער טיר. סאָניע איז געווען שטאַרק פאַרטאָן מיט אויסשטעלן טישלעך און שטולן. קלמנס האַרץ האָט אָנגעהייבן קלאַפּן אזוי הייך, אז אים האָט זיך געדוכט אז סאָניע וועט עס גלייך דערהערן. זי איז געשטאַנען מיט דער דינער מיידלשער פּלייצע צו אים און דאָס האָט אים געגרייצט. אויף די שפּיץ פינגער האָט ער צוגע־טענצלט צו איר און זי ארומגעכאַפּט פון הינטן.

סאָניע האָט זיך ניט דערשראָקן, ווייל זי האָט קלמנען דערוואַרט יעדע רגע, דאָך האָט זי ארויסגעלאָזן אַ שטילן „אוי". אָבער עס איז געווען מער פון הנאה ווי פון איבערראַשונג. זי האָט געפילט זיין הייסן אָטעם אויף איר נאַקן און דאָס ריטמישע קלאַפּן פון זיין האַרצן איבער איר פּלייצע. זיינע הענט האָבן זי איינגעשלאָסן אין אַ רינג און אין דעם רינג האָט זי זיך האַס־טיק אומגעדרייט מיטן פּנים צו אים. קעגן זיין ברייטן צופרידענעם שמייכל האָט זי אָנגעשטעלט די חן־גריבעלעך אין די סאַמעט־צערויטלטע באַקן. זי האָט אים צוגעטראָגן ווי אַ מתנה אירע ליפּן און קלמן האָט זיך איינגעגעסן אין זיי, ווי ער וואָלט דערפילט דעם טעם פון צייטיקע קאַרשן. דער אָטעם איז איר פאַרגאַנגען און זי האָט אַ צאַפּל געטאָן. קלמן האָט זי אַ הייב געטאָן, ווי אַ טאַטע הייבט אויף אַ ליב קינד. זי האָט געפלאַטערט אין זיינע קרעפּ־טיקע אָרעמס, ווי אַ שוועלבעלע וואָס פליט דעם ערשטן מאָל אונטערן פרילינגדיקן הימל. זי האָט זיך געקלאַמערט אין אים און ער האָט געפילט

אירע שטייפֿע בריסט אויף זיין שלאָגנדיק האַרץ. איר לייב איז געווען בראַנ־דיק, פול מיט יונג־מיידלשן ציטער און גלוסט.

ער האָט איר נאָך אַזוי לאַנג און אַזוי נאָענט ניט געהאַלטן צוגעדריקט צו זיך. זיין מענערישע קראַפט האָט אָנגעהייבן ברויזן אין אים, ווי אַ פֿייער־דיקע לאַווע וואָלט זיך אין זיין קערפּער צעשטראָמט. ער איז געווען איבער־ראַשט פון דערפילן אין סאָניען די פרוי, איר עלאַסטישע נאָכגיביקייט, איר קעצישע בייגעוודיקייט. ער איז געווען צעטומלט און ווילד און ניט געפֿונען קיין ווערטער, נאָר עפּעס געברומט. אין זיין ברומען איז געווען די צאַרטקייט און ליבע פון אַ שטאַרקן זכר. ער האָט זי צוזאַמענגעדריקט, באַוואָרפן מיט הייסע קושן, זי אַ הייב געטאָן און געטראָגן צו דער סאָפע.

אַ מעטאַלענער קלאַנג האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן קאָרידאָר. סאָ־ניע האָט זיך שנעל באַפרייט פון זיינע הענט און אַ שעפּטשע געטאָן דער־שראָקן, ווייזנדיק צום קאָרידאָר:

„ראָזי איז אין קיך, זי קען יעדע מינוט אריינקומען אַהער".

קלמן האָט אָפּגעאָטעמט טיף און געבליבן שטיין אָפּהענטיק, ווי מען וואָלט אים אויפגעריסן פון אַ זיסן חלום.

* * *

סאָניע האָט פאַרריכט איר בלוזע און אירע האָר.

ווי אַ צעבושעוועט וואַסער וואָס שטילט זיך איין האָט קלמן זיך באַ־רואיקט. די אָקערשט אומגעצוימטע דרייסטקייט האָט זיך פאַרטייעט ער־געץ אין די פאַרבאָרגענישן פון זיין גוף, ווי אַ שטורעם אין תהומען. שטיל און העפלעך האָט ער גערעדט צו סאָניען, זיך נאָכגעפרעגט אויף איר גע־זונט, ווי זי פאַרברענגט, וואָס מאַכן דער אָנקל מיט דער טאַנטען. ער האָט זיך אינטערעסירט מיט אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען זינט ער איז אוועק.

„איצט ביסטו מיין גוטער יינגל", האָט סאָניע געזאָגט נאָכן אויסדער־ציילן אים בקיצור די לעצטע נייעס. „אָבער בעסער לאָמיר אריינגיין אין קיך. זאָל מיין שוועסטער ניט זען אַז מיר באַהאַלטן זיך. זי איז מיר שוין סיי ווי חושד..."

סאָניע האָט קלמנען געפירט דורכן קאָרידאָר אין קיך. זאָל ער זאָגן „האַלאָ" צו ראָזין. זי איז אין אַ גוטער שטימונג צוליב דער פאַרטיע און וועט אים אפשר אויפנעמען פריינדלעכער. אויף קלמנס פּנים איז געווען צעגאָסן זיין מאַגנעטישער שמייכל און סאָניע איז געווען זיכער אַז דאָס

וועט אנטוואָפּענען איר שוועסטער. אָבער ראָזי האָט געענטפערט מיט אַ געצווונגענעם שאָקל מיטן קאָפּ אויף קלמנס וואַרעם־פאַמיליערע באַגריסונג. ער האָט אַ רגע איר אָנגעקוקט אַ פאַרלוירענער, זיך שנעל איבערגעלייגט: בעסער מיט גוטן, ער וועט פּרובירן:

„איר ווייסט, טאַנטע, אז איך האָב זיך פאַרבענקט נאָך אייך!" האָט ער אויסגערופן פייערלעך און זיך ניט געמאַכט וויסן, אז ער איז ספּעציעל גע־קומען צו דער פאַרטיע. „איך זע אז איר פּראַוועט דאָ אַ גאַנצע חתונה, ווייס איך ניט פאַר וועמען, נאָר מיך האָט זיך פאַרוואָלט זען אייך און דעם אָנקל. און כאָטש איר זייט צו מיר קאַלטלעך, וואָלט איך אייך געוואָלט אַ וואַרעמען קוש געבן".

„איז וואָס זשע האַלט דיר אָפּ?" האָט ראָזי געפרעגט, זיך פאַר־רויטלענדיק און אמוזירט פון זיין אָפנהאַרציק־חוצפּהדיקן טאָן.

„טאָקע קיין זאַך ניט". האָט קלמן אַ צעשמייכלטער געמאַכט אַ טריט נענטער צו זיין טאַנטען און האָט איר אַ קוש געטאָן אין איין באַק און אין דער צווייטער.

ראָזיס באַקן האָבן זיך נאָך מער צעפלאַמט פון די וואַרעם־פרישע ליפּן פון קלמנען. זי האָט אַראָפּגעזאָלט דעם קאָפּ, כדי סאָניע זאָל ניט באַמערקן ווי די באַקן האָבן זיך איר צערויטלט און זי האָט געזאָגט הויך: „דאָ אין קיך קען מען אומקומען פון היץ".

סאָניע איז געווען צופרידן מיט קלמנס האַנדלונג און האָט אויסגענוצט די גינציקע געלעגנהייט, כדי צו מאַכן אַן אָנצוהערעניש צו דער שוועסטער:

„אויף אזעלכע ליבע־קושן, מיין שוועסטער, בין איך זיכער, האָסטו זיך ניט געריכט — טאָ נעם זיי צו מיט צופרידנקייט. די קושן וואָס קלמן האָט דיר געגעבן זיינען ניט פון קיין פרעמדן און וועלן פאַרבלייבן אין דער משפּחה..."

קענטיק אז דער אָנקל האָט דערהערט ביי זיך אין שלאָפצימער די לוס־טיקע גערעדעריי אין קיך און האָט זיך אריינגעשלאָנדערט מיט זיין ברייטן זיידענעם שלאָף־ראָק איבער דער פּידזשאַמע. מיט אַן אויסרוף פון איבער־ראַשונג און צופרידנקייט האָט ער געזאָגט:

„אוי, קלמן, אַן אמתער גאַסט און אין דער ריכטיקער צייט. ווי אזוי האָסטו דערשמעקט אז מיר האָבן היינט אַ פאַרטיע? גוט אז ביסט גע־קומען, ס'וועט זיין פריילעכער", האָט ער צו אים אויסגעשטרעקט אַ ווייכע

פּעטש האַנט. ער האָט אפילו ניט געוואַרט אויף קלמנס ענטפער און איז אַ צי געטאָן צו דער טיר: „איצט, מיין באָי, לאָמיר אָקערשט איבערלאָזן די ווייבער. זיי זיינען דאָך פאַרנומען ביז איבערן קאָפּ און די צייט שטייט ניט. מענטשן וועלן זיך באַלד אָנהייבן קלייבן צו דער פּאַרטיע". זיי זיינען ארויס אין קאָרידאָר און קלמן האָט אים געזאָגט:

„איר, אָנקל, גייט דערוויל און טוט זיך איבער. מיך פרייט וואָס איך בין דאָ, ניט ווייסנדיק אריינגעפאַלן אויף אַ שימחה. אריינקומענדיק האָב איך געזען ווי סאָניע איז זיך עוסק מיט אויסשטעלן די טישן און שטולן. אָבער דאָס איז ניט קיין אַרבעט פאַר אַ פרוי. חוץ דעם בין איך אויף דעם אַ מייס־טער. אויף די חברה־קדישא סעודות, וואָס הערצל דער שוסטער פלעגט מאַכן, זינט ער איז צוריקגעקומען פון אפריקע, בין איך געווען דער גאַנצער ׳ראַספּראַדיטעל׳ אויף איינאָרדענען די טישן מיט די בענק, בין איך זיכער אז כ׳וועל עס דאָ אויך קענען".

„געוויס וועסטו עס קענען", איז דער אָנקל געווען צופרידן פון קלמנס לעבעדיקייט און יונגשאַפט. אָבער איבערהויפּט האָט אים אדורכגענומען אַ וואַרעמע דערמאָנונג פון זיין ווייטער היים, ווען קלמן האָט די חברה קדישא־סעודות און הערצל דעם שוסטער דערמאָנט. אָט טאַקע דער הערצל וואָס האָט זיך משתדל געווען ביי אים אראָפּצוברענגען זיין פלימעניק. דער אָנקל האָט איצט באַטראַכט קלמנען פון קאָפּ ביז די פיס און הנאה געהאַט אים צו זען אין דעם נייעם אָנצוג, וואָס איז געלעגן אויף אים ווי אויסגעגאָסן און בולט געמאַכט זיין מענערישע פיגור.

„קלמן, מאָרגן וועלן מיר האָבן אַ גאַנצן פרייען טאָג און כ׳וויל מיט דיר האָבן אַ זייער וויכטיקן שמועס. ביסט דאָך מיין ליבלעכער פלימעניק..." איז ער מיט אַ מאָל אריינגעפאַלן אין אַ סענטימענטאַלן טאָן, ווי ער וואָלט גלייך געוואָלט דעם אָנגעזאָגטן „וויכטיקן שמועס" אָנהייבן. נאָר קלמן האָט שוין ניט געהערט, וואָס דער אָנקל רעדט. ער איז געגאַנגען טאָן זיין אַרבעט און דער אָנקל האָט זיך צו זיין שלאָפצימער אוועקגעשאַרט.

* * *

די פשוטע, פריינדלעכע אויפנאַמע פון אָנקל האָט קלמנען צעוואַרעמט. ער האָט מיט אַ לוסטיקן פייף אַ רוף געטאָן סאָניען פון קיך: זאָל זי אים נאָר אָנווייזן וווּ יעדע זאַך דאַרף שטיין. אליין האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דאָס

רעקל, פאַרקאַטשעט די אַרבל און ס׳האָט לאַנג ניט געדויערט און אַלץ איז געשטאַנען אויף אַן אָרט.

„זייער גוט, קלמן, מיר געפעלט ווי דו האָסט עס געמאַכט. ביסט אַ מאַדים!" האָט סאָניע אַ צופרידענע אים געגעבן אַ קאָמפּלימענט. „אָבער איצט פאַלט מיר איין, אַז דו ביסט דער פּאַסיקער מענטש, וואָס דאַרף אכטונג געבן און רעגולירן די אויטאָס, וואָס וועלן אריינפאָרן אין הויף. אנדערש ווערט אַ סומאַטאָכע און נאָך דעם באַקלאָגט מען זיך, אַז דעם און יענעמס טייערע נייע מאַשין האָט מען צעקראַצט, צעביילט, איינגעקלאַפּט. דו ווייסט ווי די געסט קאָמאַנדעווען דאָ מיט זייערע אויטאָמאָבילן, דאָס איז די גרעס־טע באַרימערייַ זייערע און דער סימן פון זייער רייכקייט".

„גיב מיר ניט קיין לעקציע וועגן די אויטאָמאָבילן. איך פאַרשטיי זיך ניט אויף דעם סאָרט פערד, אָבער די דאָזיקע ארבעט איז פאַר מיר ווי אָנגעמאָסטן. איך האָב געזען ווי אייער פּאָליציסט קערעוועט דאָ מיט די אויטאָס אין גאַס און כ׳וואָלט עס ניט געטאָן ערגער פאַר אים". און קלמן האָט זיך דערמאָנט, ווי ער פלעגט דעם אָבאָז פון די בעלי־עגלות פירן, ווען ער איז געווען אַ שמייסער ביי ר׳ עליען.

די פּאַרטיע

פון ביידע זייטן גאַס האָבן זיך געגומען באַוויזן אויטאָמאָבילן, גלאַנ־ציקע און לאַנגע. זיי זיינען געשטאַנען אין אַ ריי, איינער הינטערן אַנדערן, און אומגעדולדיק געוואַרט אויף קלמנס אָנווייזונגען. קלמנען האָט ניט גע־אַרט זייערע פייפענישן און טרומייטערן. ער האָט באַלעבאַטעוועט און צו־געטיילט יעדן אַן אָרט. קלמן איז געשטאַנען און געגאַפט אויף די שטומע גרויסע מאַשינעס. ער האָט זיך דערמאָנט ווי עליעס צוויי פערד האָבן זיך צעטראָגן צוליב אזא מאַשין. און אים האָט אַ טיאָכקע געטאָן אַ פאַרדרוס אין האַרצן, וואָס דאָ זיינען פאַראַן אזוי פיל טויטע מאַשינען און זעלטן ווען מ׳זעט אַ לעבעדיק פערדל. די טונקלקייט האָט איינגעהילט די אַלע מאַשי־נעס. קלמן איז געשטאַנען אַ פאַרבענקטער צו די אַלטע צייטן.

אז ער איז אריינגעקומען אין הויז, האָט שוין דאָרטן געהודזשעט ווי אין אַ בינשטאָק. דער טומל האָט אויסגעפילט אַלע ווינקעלעך. ביי יעדן טישל זיינען געזעסן מענטשן און מען איז פאַרטיפט געווען אין עבודת־

הקאָרטן. די עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן זיך ארומגעדרייט צווישן די טיש־לעך, ווי זיי וואָלטן געזוכט די פּאַסיקע קאָמפּאַניע, האָבן זיך אויך ביס־לעכווייז צעזעצט אויף אויסגעקוקטע ערטער. די אומגעדולדיקייט איז גע־לעגן אויף אַלע פּנימער. דאָ האָט מען ניט געפּטרט קיין צייט אין סתם ריידענישן און שמועסן, נאָר האַסטיק האָט מען אויף די טישלעך גע־וואָרפן די קאָרטן, אז דער מיטשפּילער זאָל זיך ניט כאַפּן ווו מען האַלט אין דער וועלט. באַנקנאָטן האָבן זיך אָנגעהויפט אין מיטן פון די טיש־לעך און נייגעריקע בליקן האָבן זיי זייטיק געשאַצט: צען... צוואַנציק... דער האַזאַרד־שפּיל איז געווען אין פולן שוווּנג. די אויסגעפּוצטע מענער, אין מאָדערנע קאָסטיומען, האָבן געשוויצט, אויסגעטאָן די רעקלעך און נערוועז געריכערט. יעדן האָט זיך געגלוסט צו געווינען דאָס גאַנצע געלט.

די פרויען זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון די מענער. זיי זיינען זיך גע־זעסן מיט אַ ברייטקייט פון אויפגעקומענע נגידיתטעס. אָנגעפּאָרבן און אָנ־געשמינקט, מיט טיף־אויסגעשניטענע דעקאָלטירטע פעטע העלדזער. שעל־מיש האָבן געוווּנקען אריבער די טישלעך די האַלב־נאַקעטע בריסטן, מיט אַ מילכיקער ווייסקייט פון לייב. זיי האָבן פאַרצויגן ציגאַרעטלעך און גנביש־פאַרשנדיק אריבערגעקוקט צו דער זייט פון די מענער.

דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן האָט קלמן געזען אזא קאָרטן־פאַרטיע, ווי מ׳האָט עס דאָ גערופן. ער איז געשטאַנען אַן איינגעגעסענער אין די שפּילערס און ס׳האָט אים מאָדנע אמוזירט די צערייצטקייט פון די וואָס פאַרלירן און שלעפּן נייע באַנקנאָטן פון די קעשענעס. ער האָט איצט באַ־מערקט, אז טיפער אין זאַל זיינען אויך פאַראַן טישלעך מיט פיר שפּילערס און דאָרט גייט עס אַ ביסל רואיקער, לענגער, פאַרטראַכטער. פּלוצעם האָט ער דערפילט אַ צי ביים אַרבל. לעבן אים איז געשטאַנען סאָניע.

„וואָס טוט זיך דאָ?״ האָט קלמן נאַאיוו אַ פרעג געטאָן.

„קום, כ׳וועל דיר דערקלערן ווי אזוי דאָס ווערט געמאַכט״.

זיי האָבן זיך אַראָפּגעזעצט אויף אַ קליינע, ווייכע באַנק ביי דער וואַנט.

„דו זעסט, קלמן, דאָס שפּיל ביי די טישלעך פון זיבן מענטשן רופט מען בלאָף. דער נאָמען אַליין איז שוין אַ סימן, אז דאָס איז אַ שפּיל ווו איינער נאַרט דעם צווייטן. ווער ס׳איז מער כיטרע און ס׳גיט זיך אים איין, און מ׳כאַפּט אים ניט ביים בלאָף, יענער געווינט. און אויף די טישלעך ביי וועל־

כע עס זיצן 4 מענטשן, שפּילט מען שוין מיט מער אָרנטלעכע וועגן. דאָ גייט טאַקע אויך אין איבערכיטרעווען איינער דעם צווייטן, נאָר עס ווענדט זיך שוין ווי די קאָרטן פאַלן אויס. עס איז שוין ניט כולו בלאָף, נאָר מען מוז שוין האָבן צום שפּיל אַ ביסל שכל אויך. און צום שכל מוז מען נאָך האָבן אַ קאַפּעטשקע מזל און דעמאָלט גייט שוין אַ גאַנג — מען געווינט.

„און אָט, זעסטו, דאָרט איז אויך פאַראַן אַ טישל זאַלבעפינפטע — פינף פּרויען. יענע שפּילן ראַמי, וואָס איז מערסטנטייל אַ שפּיל פאַר ווייבער. אָבער אויך אין דעם שפּיל זיינען פאַראַן ערלעכע שפּילער און ניט קיין ערלעכע. טרעפט טאַקע גאַנץ אָפט, אַז עס קומען ארויס קריגערייען און ברוגזן. זע ווי זייערע פּנימער זיינען — ווי מאַסקעס. יעדער איז אין שפּיל קאָנצענטרירט און קיין שמייכל קענסטו ניט זען, אפילו ניט ביי די געווינער. יעדער איז אָנגעשטרענגט און וויל געווינען דאָס ביסל געלט פון זיין מיטשפּילער, ער ווערט אים אַ שונא. און וואָס מער איינער געווינט, אַלץ מער וואַקסט צו אים די שינאה פון די פאַרלירערס — אַן אמתע שלאַכטפעלד, נאָר אָן ביקסן און פּולווער...״

קלמן האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס. ער האָט ניט געקענט באַ־נעמען, ווי אזוי גרויסע מענטשן, מיטליאָריקע און אפילו אַלטע, טאַטעס און מאַמעס, זיידעס און באָבעס זיצן אזוי פאַרכאַפּט אין שפּיל, ווי מ׳וואָלט גע־לערנט אַ שווערן בלאַט גמרא. ווי די פאַרלירער האָבן פיינט געהאַט די גע־ווינער, אזוי האָט קלמן איצט געפילט אַ שינאה צו די אַלע פּוסט־און־פּאַסטניקעס. ער האָט זיך געפרעגט, צי זיי האָבן ניט געקענט געפינען אַ מער אינטערעסאַנטערן צייטפאַרטרייב ווי קאָרטן. ווען ער זיצט דאָ ניט לעבן סאָניען, וואָלט ער זיכער אַנטלאָפן פון דער דאָזיקער פּאַרטיע.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז די פּריזיוווניקעס וואָס האָבן זיך געמאָרעט פלעגן זיצן דורך די נעכט ביי בייראַך שולקעס און שפּילן אין קאָרטן. אָבער דאָרטן איז דאָס שפּיל געגאַנגען אין גראָשנס, און דאָ שליידערט מען אויפן טיש פונטיקע אַסיגנאַציעס מיט אזא לייכטקייט, ווי זיי וואָלטן האָבן אייגענע פאַבריקן פון געלט. ער האָט זיך אָנגעבויגן צו סאָניען און שטיל געפרעגט: „זיינען טאַקע די אַלע יידן דאָ אזוי רייך?״

„טייל זיינען זייער רייך, אָבער דאָ גייט ניט אין רייכקייט. ביים קאָרטן־שפּיל איז קיין אונטערשייד ניט און קיינער וויל ניט וויסן פון וואַנען דאָס געלט קומט. די אַלע זיינען בנאַטור ׳געמבלער׳, האַזאַרד־שפּילער. דאָ זיינען

פֿאַראַן פּשוטע אַרבעטערס, וואָס לפי היושר האָבן זיי קיין רעכט ניט צו פֿאַרשפּילן איין שילינג, אָבער גראָדע אַזעלכע קריכן צו די רייכע טישלעך און פֿאַרלאַנגען נאָך אַז די גיים זאָל זיין אַ גרעסערע, מער געלט זאָל גע־שטעלט ווערן. עס זיינען דאָ ביליקע גיימס, אָבער אויך אַזעלכע, וואָס טרייבן אריין אין די צענדליקער פֿונטן און אַ מאָל נאָך מער. עס איז אַ גאַנ־צע תורה, אָבער בעסער אַז דו ביסט אַן איגנאָראַנט און קענסט ניט די קאָרטן־תורה״.

„אַ שיינע אַפֿריקאַנער תורה״, האָט זיך קלמן געוווּנדערט. „מוחל אַזאַ תורה!״

„און ביי זיי איז עס נאָך הייליקער ווי די תורה״, האָט סאָניע פֿאָרגע־זעצט, „אין אַ שול גייט מען איין מאָל צי צוויי מאָל אַ יאָר, אָבער צו קאָרטן ווערט מען לויפֿן יעדע נאַכט. און מיינסטו אַז עס איז אַזוי נאָר ביי די מענער, אויך ביי פֿרויען לאָזט מען זיך אריין אין שפּיל און מ׳הערט אויף אַכטונג געבן אויף די קינדער, אויף דעם מאַן, אויף דער שטוב. ניט איין פֿאַמיליע־לעבן ווערט צוליב דעם צעבראָכן. אָבער ערגער איז פֿאַרט מיט די מענער, ווייל זיי זיינען די פֿאַרדינערס.

„טרעפֿט עס טאַקע ניט זעלטן, אַז אַן אַרבעטער וואָס נעמט אָפּ זיין שכירות פֿרייטיק, פֿאַרשפּילט ביז אַ פֿעני דורך דער סוף־וואָך און אויף מאָנטיק איז שוין ניטאָ קיין ברויט אין שטוב. לויפֿט ער און בעטלט אויס אַן הלוואה ביי זיין בעל־הבית, ער זאָל כאָטש קענען ווידער דערציען ביז פֿרייטיק. און אַזוי דרייט זיך דער דאָזיקער געמבלער אין אַ פֿאַרכישופֿטן ראָד זיין גאַנץ לעבן און קען פֿון זיינע חובות ניט אַרויס. ליידט די פֿרוי, ליידן די קינדער און ער אַליין ווערט דערדריקט, רואינירט זיך און זיין פֿאַמיליע. אָבער אַ מאָדנער קוריאָז איז אין דער שפּיל, וואָס דווקא די רייכע ווילן אַ ביליקערע, אַ מעסיקע ׳סטייק׳, אָדער ווי מ׳האָט עס גערופֿן אין דער היים ׳סטאַווקע׳, און די אָרעמע ווילן גרויסע, הויכע ׳סטייקס׳״.

* * *

קלמן האָט געשלונגען סאָניעס רייד. ווי פּשוט און קלאָר זי האָט עס אים געגעבן צו פֿאַרשטיין, מיט אַלע פּיטשעווקעס. דזשעקן קען ער אַזוי גוט ניט פֿאַרשטיין ווי סאָניען און ער מוז זיך גוט אונטערגאָרטלען ביז ער דערכאַפּט דעם מיין פֿון זיינע רייד. אפֿשר איז עס ווייל דער ענין איז איינ־פֿאַכער און דזשעק רעדט וועגן הייכע זאַכן, פֿילאָסאָפֿיע.

דער טומל פון קאָרטן־שפּיל איז גרויס און יעדער איז פאַרנומען מיט זיך, אזוי אז סאָניע און קלמן קענען זיך אונטערהאַלטן הייך און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום. קלמן בייגט זיך צו צו איר און שושקעט איר מיט ליבשאַפט אין אויער:

„ווייסט, סאָניעטשקע, קיינער וואָלט עס ניט געקענט מיר דערקלערן אזוי גוט, ווי דו מאַכסט עס. איצטער פאַרשטיי איך אַקוראַט ניט נאָר דאָס שפּיל, נאָר אויך די צרות וואָס עס ברענגט אויף די מענטשן. אָט, מיין טאַטע איז געשטאָרבן יונג און איז געווען אָרעם, האָט מען מיר ניט געקענט געבן לערנען, אָבער די מענטשן האָבן דאָך געלט און פטרן אַוועק זיך, און זייערע קינדער קענען זיי ניט געבן קיין דערציאונג ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. ווי אמת און ריכטיק דיינע ווערטער זיינען! אָבער לאָמיר אויך זאָגן וועגן דער זאַך אַ פּאָר ווערטער, טייערינקע סאָניע, ווערסטו זען אז מירביידע טראַכטן און פילן פּונקט דאָס זעלבע, און דערפאַר פאַרשטייען מיר זיך און זיינען אַ צוגעפּאַסטע פּאָר...״ האָט קלמן שטיל, מיט האַרץ געזאָגט און איר געקוקט אין די אויגן.

„זאָג, קלמן!״ האָט זי אים געמוטיקט.

„אָט די, וואָס דו רופסט זיי געמבלערס, פאַר וואָס טוען זיי אַזעלכע זאַכן וואָס איז ניט גוט פאַר זיי? פאַר וואָס קלייבן זיך מענטשן אויס דעם פאַר־קערטן וועג אין לעבן? ווייסט, איך האָב וועגן דעם אַ סך געטראַכט, אפילו ווען איך בין נאָך געווען אַ קליין יינגל. נאָך דעמאָלט, ווען כ׳בין געווען אַ שמייסער ביי ר׳ עליע דעם בעל־עגלה, האָב איך זיך תמיד געוווּנדערט ווי אזוי אַנדערע בעלי־עגלות טרעפן פּונקט צו פאַרקריכן אין אַ בלאָטע אַנשטאָט זי אויסצומיידן. און אזוי איז עס אויך אין לעבן, סאָניעטשקע, אַנשטאָט צו גיין אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג און קומען גיכער צו אַ ציל און צו אַ תכלית, פאַרדרייען זיך מענטשן אויף קרומע וועגלעך און שטעגלעך און זיי בלייבן שטעקן ווי די פערד אין בלאָטע, קענען זיך ניט ארויסדראַפּען צוריק״.

סאָניע האָט באַוווּנדערט קלמנס אָפּנהאַרציקייט און ווי פריי ער רעדט וועגן זיך און זיין בעל־עגלהשאַפט. ער שעמט זיך ניט מיט זיין אָרעמקייט און זיין ווייניק וויסן. אָבער דאָ זיצן עמי־הארצים און גראָבע יונגען, וואָס פאַרמאָגן ניט די פיינקייט וואָס קלמן פאַרמאָגט אין מינדסטן נאָגל און שע־מען זיך מיט זייער שטעטל, מיט זייערע טאַטע־מאַמע, מיט זייער נעכטן.

יאָ, דימענטן ליגן באַהאַלטן טיף אין דער ערד, פון ליים און פון בלאָטע דאַרף מען זיי אַרויסגראָבן — אַזאַ רויער דימאַנט איז דער גרויסער שיינער בחור קלמן. ער איז ניט געשליפן, ניט געלערנט, אָבער טיף אין זיין וועזן זיצט אַ גאָלדענע נשמה. מ׳דאַרף עס אַרויסברענגען אויף דער ליכטיקער שיין — און איך וועל עס טאָן. פאַר זיך — פאַר אונדז ביידן.

* * *

קלמן האָט אויפגעכאַפּט פון אירע קלוגע אויגן, וואָס זיינען געווען איינגעגראָבן אין אים, אַזאַ צאַרט־ליבלעכן פינקל וואָס האָט זיך אַריינגעזיפּט אין זיינע שטאַרקע גלידער און אים צעוואַרעמט. ער האָט איר אָנגערירט ביי דער האַנט, געוואָלט פאַרלייגן אַז זיי זאָלן אַרויס פון טומל דאָ, אַ ביסל זיין אין דער שטילקייט, אַליין.

אין דער זעלבער מינוט איז אָבער ראָזי אָנגעקומען פון קיך, נאָך איר די קעכין, און צוויי שוואַרצע באַדינערס האָבן זיי באַגלייט. זיי זיינען געווען באַלאָדן מיט גרויסע סערוויזן, וואָס פון זיי האָבן זיך געהויבן גאַנצע בערג מיט טאָרטן און געבעקס. די דינער זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע אָנגעקראָכמאָלטע אָנצוגן, מיט רויטע לענטעס אויף די שולטערס און ווייסע הענטשקעס, און ביי קלמנען האָבן זיי אויסגעזען ווי גענעראַלער. די קעכין האָט געטראָגן אַ ווייסע הויכע מיץ, אַ סימן פון איר וויכטיקן פּאָסטן. אַ גאַנצע וואָך האָט זי דאָ געהאָלפן מר״ס מייקל צוגרייטן די אַלע גוטע זאַכן.

ראָזי האָט געקאָמאַנדעוועט מיט דער דינערשאַפט, אַ פריילעכע און אויפגעלייגטע. זי האָט אָפּגעזאָגט קלמנען, וואָס איז צוגעקומען פאָרלייגן זיין הילף. זי האָט אים קאָלטלעך געלאָזט וויסן, אַז צו סערווירן טיי דאַרף זי קיין מאַנצבילן ניט האָבן. זי האָט זיך אָבער גלייך דערמאָנט און אים אָנגעזאָגט, אַז צו דער שפּעטער וועטשערע, וועט ער קענען אויסטיילן די ׳דרינקס׳. אויף דעם, האָט זי אים אַ שטאָך געטאָן, איז ער מסתמא אַ ספּעציאַליסט... אַזוי רעדט מען...

מ׳האָט פונאַנדערגעעפנט די ברייטע טירן פון זאַל אין עסצימער, צום טיי. פון די טישלעך האָבן זיך אָנגעהייבן שאַרן די מענער, ס׳האָט זיך אָנגעהייבן אַ גרויסע באַוועגונג. ווו צו זיצן איז ניט געווען, אָבער די געדיכטקייט איז סיי ווי געווען גרויס. יעדער האָט בחיפזון געכאַפּט אַ גלאָז טיי מיט אַ טעלערל געבעקס, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן. דאָס עסצימער איז איבערפולט געוואָרן פון אַן עולם מענטשן, וואָס האָט אויסגעזען ווי

אַ כוואַל עדיק־אויסגעפּלייצטער טייך. מ׳איז געשטאַנען אין דער ענגשאַפט און קונציק געגעסן און געטרונקען.

די מענטשן זיינען שוין געווען געוווינט צו אַזעלכע „געדיכטע" פּאַר־טיעס. אָבער די אכילה איז דאָ געווען די והותר און מ׳האָט זיך געשטאָפּט אין די פּיסקעס, ווי יעדער וואָלט ערשט אַראָפּגעקומען פון הונגערלאַנד. ראָ־זי און סאָניע האָבן זיך געשפּאַרט צווישן עולם און העפלעך באַדינט זייערע געסט. זיי האָבן אויסגעזוכט די חשובע פּאַרשוינען און אונטערגעטראָגן אַלץ נייע טעצלען טאָרט און פרישע גלעזער טיי — מיט מילך און „ראַשען טי".

דאָס איז ערשט געווען דער אָנהייב פון דער פּאַרטיע. מענטשן האָבן זיך באַגעגנט און באַגריסט. די ענגשאַפט און די זיסיקייטן האָבן דערנענטערט, מ׳האָט זיך געפילט גאָר פריינדלעך, ניט ווי ביי די טישלעך, וווּ מ׳איז ערשט געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן ווי שונאים. איינער האָט דערציילט „דעם לעצטן" וויץ. מ׳האָט צוגעלייגט אַן אויער פון אַלע זייטן און מ׳האָט געלאַכט. דאָ האָט מען זיך געפרעגט ביי פריינד ווי איז מיטן געזונט, וואָס מאַכן די קינדער און נענטערע האָבן אפילו דערציילט אַלע נייעס פון דער פאַמיליע, זינט מ׳האָט זיך געזען צום לעצטן מאָל, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

ווי מ׳האָט אָבער אַראָפּגעזופּט דעם לעצטן שלוק טיי, נאָך מיט אַ פול מויל ניט צעקייטע זיסיקייטן, האָבן זיך די מענער געאיילט צוריק צו זייערע קאָרטן־טישלעך. איצט איז געקומען די ריי פון די פרויען צו טרינקען טיי און די זעלבע פּראָצעדור האָט זיך איבערגעחזרט. ס׳איז נאָר געווען מער גערייעדריי און געפּלאַפּל ווי ביי די מענער. מיט זיסינקע מינעס האָט מען געלויבט ביז אין הימל אריין די געשמאַקע טאָרטן און די בריהשאַפט, וואָס מר״ס מייקל האָט ארויסגעוויזן מיטן צוגרייטן אזא קייזערלעכע פּאַרטיע.

אָבער אַלע, פריער די מענער און איצט די ווייבער, האָבן ארויסגעוויזן גאָר אַ סך אינטערעס אין דעם „גרינעם פּלימעניק" פון די מייקלס. כמעט אַלע האָבן געוואָלט וויסן ווי אים געפעלט אַפריקע, ווי מיט דעם ענטפער וואָלט ער געדאַרפט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען ביי זיי. ער האָט מיט זיין ליבלעכן שמייכל געענטפערט יעדערן, אז אים געפעלט זייער שטאַרק דאָס נייע לאַנד און אז ער האָט גרויסע האָפענונגען וועגן זיין צוקונפט דאָ. און כאָטש ער איז נאָך אין דער מדינה ניט צו לאַנג, האָט ער באוויזן פעסטצו־שטעלן אז די מעגלעכקייטן זיינען זייער גרויסע. דאָ איז ניט דאָס צאַרישע רוסלאַנד, וווּ פאַר אַ יידן זיינען געווען פאַרשפּאַרט אַלע טירן.

* * *

מ״ר מייקל איז געשטאַנען ביי דער זייט פון קלמנען און זיינע אויגן האָבן געשיינט פון נחת. איבערהויפּט איז ער געווען צופרידן פון זיין פּלי־מעניקס האַלטן זיך אַזוי דרייסט. אַ שמייכל איז געווען צעגאָסן אויף זיין פּנים, ווי ער וואָלט מיט דעם געזאָגט צו די פאַרפּוצטע פרויען, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם שיינעם הייכן בחור: נו, וואָס זאָגט איר צו מיין פּלי־מעניק, האַ? שוין גאָר ניט קיין גרינער. ער וועט זיך שוין דאָ איין אָפּ־ריטשקע גוט אויסטויגן!...

קלמנס בליק איז אָבער געווען געווענדט אין דער זייט פון סאָניען. זי איז געשטאַנען קעגנאיבער אים און איין אירע ליבלעך־צעפּלעמלטע אויגן האָט ער, ווי אין אַ שפּיגל, געזען איר צופרידנקייט. זיין אָפּנהאַרציקייט האָט אויף די פרעמדע מענטשן געלאָזן א טיפן איינדרוק. די פרויען אין קרייז ארום אים האָבן ניט געקענט אָפּרייסן זייערע בליקן פון זיין מויל, וואָס האָט ארויסגעבראַכט די ווערטער מיט אזא פּשוטקייט.

סאָניע האָט אויפגעכאַפּט שעפּטשעניש פון אויער צו אויער: אַ שיי־נער... זעט זיך אָן אַן אָרנטלעכער... אַ געזונטער ווי אַ בוים... די דאָזיקע צופּעליקע מיינונגען ביים ערשטן בליק אויף קלמנען האָבן איר פאַרשאַפט הנאה. זי האָט זיך איין קלמנען ניט אָפּגענאַרט.

אָבער ראָזין איז אַבסאָלוט ניט געפעלן איר שוועסטערס פאַדען ארום אים מיט אַזאַ צופרידענעם אויסדרוק אויף איר פּנים. איר איז ניט געווען צום האַרצן ווי קלמן פאַרברענגט זיך אזוי פריי מיט די נייע מענטשן. זי האָט באַמערקט, אז אפילו די וואָס קענען ניט אזוי גוט יידיש, שטרענגען זיך אָן קלמנען צו פאַרשטיין און קוקן אים אָן מיט באַוואונדערונג. אויך זי האָט איצט געטראַכט, אז ער איז שוין גאָר קיין גרינער ניט, און אז אזא איינער וועט זיך ניט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע.

די מענער זיינען שוין לאַנג געזעסן ביי די טישלעך און געטאַשט די קאָרטן. איצט האָבן זיך די פרויען דערמאָנט, איבערהויפּט די וואָס האָבן געטראַכט אָפּצומאַכן די פאַרלאָרענע פאָר שילינג צי פונטן, אז ס׳איז שוין צייט צו גיין. דאָס רעדל ארום קלמנען האָט אָנגעהייבן שיטערער ווערן. מ׳האָט זיך געאיילט צו די טישלעך. די צופרידענע, וואָס האָבן געהאַט איין טאָג געוואונענע געלטער, האָבן געוואָלט מער געווינען, און די פאַרכמורעטע, וואָס האָבן געהאַט פאַרלאָרן, האָבן געוואָלט צוריק געווינען.

מיט אַ נייער פרישקייט האָט זיך אָנגעהייבן דאָס אַזאַרט שפּיל. די פּנימער פון די שפּילערס ביי די גרויסע טישן, זיינען געווען ארייגגעטאָן אין די 5 קאָרטן וואָס איז יעדן צוגעטיילט געוואָרן. אויף אַ קונציקן אופן האָט יעדער לויט זיין מאַניער געהאַלטן פאַרשטעקט די קאָרטן צווישן די פינגער. זיי זיינען געווען צונויפגעלייגט אזוי, אז קיין פרעמד בייז אויג זאָל ניט באַמערקן דעם מינדסטן בלינקל פון זייער אינעווייניקייט. אויף יעדער פּנים איז געווען אַ באַזונדער אויסדרוק. ווי געמאַכטע פאַלשע מאַס־קעס האָבן די פּנימער אי געשמייכלט און אי געטרויערט, כדי צו פאַרדעקן דעם אמת. ארום זיינען געזעסן שונאים און מ׳האָט ניט געטאָרט ארויס־ווייזן קיין שום גרימאַסע. אָבער ניט אַלע מאָל האָט עס געהאָלפן. די מער באַהאַוונטע און מיט אַ ביסל דערפאַרונג שפּילערס, האָבן זיך באַלד דערקענט אויף דעם בלאָפער. מ׳האָט געדאַרפט זיין אַ מבין אויף די אמתע בלאָפערס, וועלכע האָבן מיט רוגזה אריינגעוואָרפן זייערע פינף קאָרטן צו־זאַמען מיט דאָס ביסל אַסיגנאַציעס.

ביי די קלענערע טישן איז דאָס שפּיל געגאַנגען שנעלער. דאָ האָבן זיך געמישט אסיגנאַציעס מיט זילבערנע מטבעות, וואָס זיינען איבערגעגאַנגען פון האַנט צו האַנט. ביי די פרויען איז פאָרגעקומען אַן איבעררייד וועגן קאָרטן אַ סך מער און אָפטער ווי ביי די מענער. איינע האָט פירגעהאַלטן דער צווייטער, וואָס זי גיט איר ניט די ריכטיקע קאָרטן. אַ צווייטע האָט זיך באַקלאָגט, אז אַ גאַנצן אָוונט קריגט זי ניט פון איר שכנטע קיין קאָרט, און דעריבער זאָגט זי זיך צו אז מער וועט זי שוין אונטער איר האַנט ניט זיצן. די גרעסטע סומאַטאָכע ביי די פרויען קומט פאָר, ווען ס׳קומט צום „בליץ״ און עס האַנדלט זיך אין צונעמען די „פּול״. דעמאָלט ווערן די פּנימער אזוי אָנגעשטרענגט, ווי ס׳וואָלט האַלטן ביי וועלט־אונטערגאַנג. די אויגן זוכן אין די קאָרטן זייער הילף, ווי אין זיי וואָלט זיין פאַרבאָרגן דער גורל פון יעדער איינער. און ניט איין מאָל דוכט זיך, אז זיי זיצן דאָ איבער זייערע תחינות, ווי די אַ מאָליקע פרומע מאַמעס און זיינען מתפּלל: ליבער גאָט, האָב רחמנות אויף מיינע פּאָר גראָשנס, און דערביי שלעפּן זיי אויך גאָט אריין אין אַזאַרטנעם שפּיל...

* * *

ארום האַלבער נאַכט איז די אומצופרידנקייט געוואָרן קענטיק. ווען די ווייזערס האָבן זיך צוגערוקט צו איינס, האָט זיך אָנגעהייבן אַן אָפענע

מורמלעריי, איבערהויפּט פון די געווינערס, אַז ס׳איז שוין גאָר צייט צו גיין אהיים. פאַר די פאַרשפּילערס האָט נאָך אַלץ געוווּנקען אַ שיין פון אַ מעגלעכקייט און זיי האָבן זיך פון אָרט ניט גערירט, ווי זיי וואָלטן דעמאָנס־טרירט אַן אָפענעם ארויסרוף צו די געווינערס: נאָך איין מאָל, נאָך איין רונד פאַר די פאַרשפּילערס! און די געווינערס, וואָס פילן זיך אַ ביסל שול־דיק גיבן נאָך: נאָך איין רונד. און אזוי ציט זיך איין רונד נאָך דעם אנדערן און די פאַרשפּילערס פאַרשפּילן...

דערווייל האָט שוין קלמן אויף אַ ספּעציעלן טיש, אין אַ ווינקל, אויס־געשטעלט א גאַנצן שטויס מיט פאַרשיידענע פלעשער, ווי אין אַן אמתן שענק. די פאַרשיידענע ווײַנען, וויסקיס א״א קאַלטע געטראַנקען האָבן געשפּילט פילפאַרביק קעגן די קאַנדעליאַבערס אויפן סופיט. מייקל האָט קלמנען געגעבן אָנווייזונגען וועגן די געטראַנקען, מיט וואָס זיי צו מישן און ווי מ׳דאַרף זיי פאַרטיילן. ראָזי און סאָניע זײַנען געווען פאַרנומען מיט דער דינערשאַפט, וואָס האָט אריינגעבראַכט גאַנצע פּאַלומיסקעס מיט פישן און פליישן, געהאַקטע הערינג און געזייערטע אוגערקעס, קיכלעך און ברוי־נע בולקעלעך, אָבער מער פון אַלץ האָבן פאַרשמעקט די בלינצעס, ערשט פון דער פאַן אַראָפּגענומען און פון זיי האָט געיאָגט אַ וואַרעמע פּאַרע און גערייצט דעם אַפּעטיט, ווי זיי וואָלטן זיך געבעטן: עסט, ליבע פרעסערס. אויף דעם זײַנען מיר באַשאַפן... זאָל אייך ווויל באַקומען!

און די פרעסערס האָבן נאָכגעגעבן. ס׳איז געוואָרן אַ גערודער ביי די טישן און די טישלעך. מ׳האָט געוואָרפן די קאָרטן און זיך גענומען צו די אַלע גוטע זאַכן. איידער די דינער האָבן נאָך באַוויזן צוטראָגן די טאַצן צום טיש זײַנען זיי שוין געווען ליידיק. די פרישע בולקעלעך, אָקערשט פון אויוון, זײַנען צעכאַפּט געוואָרן. הענט, וואָס זײַנען געווען פאַרנומען מיט טאַשן און טיילן קאָרטן, האָבן איצט געשטופּט אין די אייגענע פּיסקעס פון כל־טוב. מיילער האָבן זיך ניט פאַרמאַכט. מ׳האָט געקייט אויף אַלע באַק־ציינער, ווי מ׳וואָלט פאַרגעסן אַז ערשט מיט אַ פּאָר שעה צוריק האָט מען זיך געשטאָפּט מיט טאָרט און טייגלעך.

קלמן האָט צעגאָסן אין גלעזער און גלעזלעך די שטאַרקע געטראַנקען. מענטשן זײַנען געשטאַנען ארום באַר אויף די קעפּ און מ׳האָט זיך אריבער־דערלאַנגט גלעזלעך איבער די פּלייצעס. ניט ווייניקער ווי מ׳האָט פריער געטרונקען טיי, האָט מען איצט געזשלאָקעט דעם וויסקי מיט סאָדע, מ׳האָט

זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך מיט מ״ר מייקלען און ווער ס'האָט ניט געקענט צוקומען נענטער האָט צו אים אריבערגעשריען לחיים. כמעט אלע האָבן אים געווונטשן, אז ער זאָל האָבן נחת פון זיין פּלימעניק, וואָס זעט זיך אויס צו זיין אַ בריה. דער אָנקל איז געוואָרן ברייטער פון די ברכות וואָס האָבן זיך געשאָטן אויף אים פון אַלע זייטן, עלעהיי גאָלדענע „סאָווערענס״.

קלמן האָט נייגעריק באַטראַכט יעדן פון די ארומשטייענדיקע און צו זיך געשמייכלט: די אַלע אויסגעפּוצטע פּריצים מוזן אוודאי אין דער היים הונ־גערן, ווערדליק זיי האָבן זיך דאָ צוגעכאַפּט צו דער אכילה. איבערהויפּט האָט אים געוווּנדערט, וואָס די פרויען זיינען ניט אָפּגעשטאַנען פון די מענער אין „פּאַקן זיך״, און נאָך מער — וואָס זיי האָבן זיך גאַנץ וואַזשנע ספּראַווועט מיט דעם ביטערן טראָפּן.

מיט אַ מאָל האָט קלמנען אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, ווי דער שטאַרקער זיסלעכער טשאַד פון די אַלע פּלעשער, וואָס ער האָט געעפנט, וואָלט אים אַ שלאָג געטאָן צום קאָפּ און אויף אַ רגע האָט עס אים אַ טראָג געטאָן ווייט פון דאָ, מיט יאָרן צוריק: די הוליאַנקעס ביי אברהמל דעם פּראַטשעשניק אין שענק מיט כאַטשען און העטשען. און ער האָט זיי אלע־מען אריבערגעשטיגן מיט זיין כוח צו טרינקען, ווי זאָגן זיי דאָ: ער איז געווען דער טשעמפּיאָן. אין זיינע הענט גיבן זיך מיט אַ מאָל אַ צי צו אַ טיי־גלאָז. וואָס איז ער ערגער פון די אַלע דאָ? אָט, ער וועט אַ פולע גלאָז אַראָפּציען אין איין אָטעם, ווי אַ מאָל, און אַלע וועלן אים באַוווּנדערן. און ווי ער האַלט אזוי די גלאָז אין האַנט דערזעט ער אויף זיך צוויי בליקן: סאָניעס — ליבלעכן, און ראָזעס — בייזן, און מעכאַניש שטעלט ער צוריק אַוועק די ליידיקע גלאָז. מען מוז דעם יצר־הרע גובר זיין! חוץ דעם האָב איך געשוואָרן ביי סאָניעס לעבן, וואָס דאַרף זיין ביי מיר טייערער ווי מיין אייגן לעבן — ניט מער קיין טראָפּן!

13

דעמאַגאָגס ווידוי און סוף

אלע זיינען נאָך געווען פאַרזונקען אין טיפן פרימאָרגן־שלאָף ווען קלמן האָט זיך אויפגעכאַפּט. פּונקט צו דער מינוט, אזוי ווי אַן אָנגעשטעלטער זייגער, פלעגט קלמן זיך אַ וועק טאָן אין באַגינען. אין קאַפּעריטע האָט ער פאַר די עטלעכע חדשים זיך צוגעוווינט צו זיין פּינקטלעך מיטן אויפשטיין, און ווי דאָרט, האָט ער אויך איצט פונאַנדערגעשפּרייט זיינע געזונטע אָרעמס אז אַלע ביינער האָבן אויסגעקנאַקט. ער האָט זיך אויף גיך אָנגעטאָן און ארויס אין זאַל. די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך גאָלדיק געזיפּט דורך די נעץ־גאַרדינען.

אין צימער האָט אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. אויף די טישן זיינען געווען אָנגעוואָרפן שיריים פון עסנוואַרג. די ניט אָנגערירטע אכילה אויף טעלערלעך און אין פּאַלומיסקעס,, וואָלט אליין גענוג געווען צו פּראַווען נאָך

צוויי אזעלכע פּאַרטיעס. קלמן האָט מיט באַדויער באַטראַכט דעם שלל גוטע זאַכן און ס׳האָט אים ווי געטאָן: אויף וואָס מענטשן פּטרן אומזיסטע צייט, אַרבעט און געלט. אָ, וויפל הונגעריקע מענטשן וואָלט מען געקענט מיט אזוי פיל שפּייז זאַט מאַכן! ווען מ׳גיט יעדן וואָס קומט אין קאַפּעריטע איין פּיצל פון די גוטיקייטן, וואָלט ער דאָך די הענט געקושט, און דאָ וועלן באַלד די שוואַרצע דינער עס אריינטראָגן אין קיך, אַ ביסל נעמען פאַר זיך און דאָס איבעריקע אריינוואַרפן אין מיסטקאַסטן. קלמן האָט זיך שטיל ארומגעדרייט אין די צימערן און די ווייכע טעפּיכער האָבן איינגעזאַפּט זיין האַרטן טראָט.

אין די זונטיקס זיינען די שוואַרצע דינער אַלע מאָל אריינגעקומען אַ ביסל שפּעטער, אָבער היינט האָבן זיי זיך באַוויזן פריער, ווייל זיי האָבן געוווּסט אז דאָס אויפראַמען וועט נעמען אַ לאַנגע צייט. זיי זיינען געווען איבערראַשט צו געפינען דעם ווייסן באָס, ווי ער איז שוין באַשעפטיקט מיט מאַכן אָרדענונג. זיי האָבן געקוקט אויף אים מיט דרך־ארץ און ליבשאַפט און זיך גלייך גענומען מיט מער פלייס צו דער אַרבעט. קלמן האָט געטאָן זיין חלק ווי איינער פון זיי און דאָס איז זיי געפעלן.

אז זיין אָנקל, מ״ר מייקל, האָט זיך אריינגעשאַרט אין די שטעקשיך און פאַרוויקלט אין זיידענעם שלאָפראָק, האָט ער שוין געפונען אויפגעראַמט און אין בעסטער אָרדענונג. אַלץ איז געשטאַנען אויפן געהעריקן פּלאַץ און די זויבערקייט האָט ארויסגעשיינט פון יעדן ווינקל, ווי ס׳וואָלט דאָ ערשט נעכטן אָוונט קיין פּאַרטיע ניט פאָרגעקומען. ער איז געבליבן שטיין אַ פאַרוווּנדערטער און קלמן האָט אים אנטקעגנגעטראָגן אַ שמייכל מיט דעם פרימאָרגנדיקן „האַללאָ, אָנקל״, ווי ס׳פירט זיך אין דעם לאַנד.

„וואָס עפּעס אזוי פרי אויפגעשטאַנען, קלמן? האָסט דאָך היינט גע־קענט זיך פאַרגינען שלאָפן אַ ביסל שפּעטער. דאַרפסט דאָך היינט ניט גיין צו דער אַרבעט״, האָט דער אָנקל מיט אַ פאַרשלאָפענעם גענעץ גערעדט מיט אַ קאַפּעטשקע פּאַראַיבל.

„אָנקל, אזוי בין איך געוווינט מיין גאַנץ לעבן. אפילו זונטיק, אין קאַ־פּעריטע, שטיי איך אויף אין דער זעלבער צייט ווי אין דער וואָכן. און אז מ׳איז שוין אויפגעשטאַנען, קען מען זיך דאָך ניט ארומדרייען ליידיק, האָב איך דערווייל געהאָלפן די שוואַרצע און מיר האָבן דאָ געמאַכט אַ טאָלק. איצט איז שוין אַלץ אין אָרדענונג״.

דעם אָנקל איז געפעלן געוואָרן, וואָס קלמן פאַרענטפערט זיך פאַר אים און ער האָט מיט אַ צופרידענעם שמייכל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו קלמנס רייד. נאָך דעם האָט ער געמאַכט אַ טריט נענטער צום פּלימעניק, אים אָנ־גענומען פאַר אַ האַנט און שטיל אין אים אריינגערעדט: „קלמן, איך האָב מיט דיר אַ סך איבערצורייִדן, אָבער ניט איצט. נאָך פרישטיק, ווען ראָזי מיט סאָניען וועלן זיין פאַרנומען מיטן צוגרייטן מיטיק, ווי זיי טוען עס יעדן זונטיק, וועל איך דיר נעמען צו מיין אָפיס אין שטאָט, און מיר וועלן כאַפּן אַ שמועס. כ׳קוק שוין אויס אויף דער געלעגנהייט פון לאַנג״.

האַלב־פאַרשלאָפענע נאָך זיינען די פרויען ארויס פון די צימערן. ארומגעקראָכן אין קאָרידאָר, אין קיך, און ווען מ׳האָט אין אַ שפּעטער שעה געגעסן דעם לייכטן פרישטיק, האָט ראָזי אַ צופרידענע דערציילט פון גוואַלדיקן פינאַנציעלן דערפאָלג וואָס די פאַרטיע האָט געהאַט. מ׳ווייס נאָך ניט גענוי די ציפערן, אָבער אַ גרויסע סומע.

* * *

דער אָנהייב־מיי־טאָג איז געווען אַ מילדער. אויפן פרישטיק־טיש איז געלעגן די זון־וואַרעמקייט אויפן טישטעך, אָבער זי האָט שוין ניט גע־ברענט, נאָר ליבלעך געוואַרעמט. סאָניען איז געפעלן געווען וואָס קלמנס עס־מאַניערן זיינען געוואָרן איידעלע.

ראָזי, ווי זי וואָלט אויפגעכאַפּט איר שוועסטערס מחשבות, האָט אויך גע־טראַכט דאָס זעלבע, אז דער בחור האָט זיך אויסגעאיידלט זינט ער איז אָנגע־קומען אין אפריקע. סאָניע האָט שוין לענגער געהאַט באַשלאָסן, אז זי מוז אָנהייבן פירן אַן אָפענעם שפּיל. איצט האָט זי אויסגענוצט די געלעגנהייט:

„איך פאַרבעט דיר אויף אַ שפּאַציר, קלמן. לאָמיר אַ ביסל ארויסגיין אין גאָרטן. דער טאָג איז אַ שיינער...״ צום ערשטן מאָל האָט זי גערעדט צו אים עפנטלעך פאַר איר שוועסטער אויף „דו״ און דערמיט האָט זי גע־וואָלט געבן אָנצוהערעניש, אז זי איז מיט קלמנען שוין מער ווי בלויז פריינד.

לויט זייער אָפּט פאַרקלייבן זיך אין אַ ווינקל און וועלן זיין אָפּגעזונ־דערט פון די שטוב־מענטשן און געסט, האָט ראָזי פאַרשטאַנען אז איין טאָג מוז עפּעס קומען... דעריבער איז זי ניט געווען צו שטאַרק איבערראַשט פון איר שוועסטערס פאַרבעטן קלמנען אויף אַ שפּאַציר. אָבער דווקא איצט איז זי צופרידן געווען וואָס איר מאַן האָט זיך אריינגעמישט אין דעם גע־שפּרעך און אַלץ צונישט געמאַכט.

„סאָניע, כ׳בעט איבער דיין כבוד", האָט מ״ר מייקל איבערגעריסן, „אָבער כ׳וויל אז קלמן זאָל זיך איצט דורכפאָרן מיט מיר צו מיין אָפיס. כ׳דאַרף סיי ווי זיין אין געשעפט, ווו כ׳דאַרף עפּעס דערליידיקן". ער האָט ניט דערמאָנט אז ער פאַרט ספּעציעל צו האָבן אַ שמועס מיט קלמנען. אָבער סאָניע, ווי זי וואָלט געפילט אז ס׳איז אַ וויכטיקער ענין, האָט רעזיגנירט.

„יאָ, סעם, איך פאַרשטיי אז איר האָט וויכטיקע ענינים. חוץ דעם זייט איר דאָך בילכער צו כאַפּן אַן אינטימען שמועס מיטן פלימעניק. נישקשה, נאָך מיטאָג וועלן נאָך בלייבן אַ פּאָר שעה ביז ער וועט דאַרפן נעמען די באַן צו זיין קאָנצעשן סטאָר, וועלן מיר האָבן צייט צו בלייבן צוזאַמען און זיך פאַרברענגען". זי האָט ארויסרופעריש אַ קוק געטאָן אויף איר שוועסטער, ווי זי וואָלט דערוואַרט איר ענטפער אויף דער מוטיקער דערקלערונג. ראָזי האָט אַראָפּגעלאָפּן דעם קאָפּ און ניט גערעדט מער. אַלץ איז שוין איר געווען קלאָר.

אַן איבעריקע הכנות האָבן די מענער פאַרלאָזן דאָס הויז. מ״ר מייקל האָט די גאַנצע צייט, ווען ער איז געזעסן ביים רעדל פון דעם גרויסן עלעגאַנטן אויטאָמאָביל, געשוויגן, ווי ער וואָלט עפּעס איבערגעטראַכט. ער איז געבליבן שטיין אויף דער פּוסטער גאַס קעגנאיבער זיין אָפיס.

* * *

דער אָנקל האָט קלמנען אריינגעפירט אינעווייניק און האָט אים באַזעצט ביים שרייב־טיש, ווי אַ חשובן גאַסט. אַ היפּשע ווייַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט ,וואָס די דרויסנדיקע שטילקייט האָט עס נאָך מער פאַרטיפט. קלמן האָט געפילט, אז זיין אָנקל קלייבט זיך אים צו דערציילן גאָר וויכטיקע זאַכן, אָבער באַין אופן האָט ער ניט געקענט זיך דערטראַכטן וואָס אזוינס. ער האָט פאַרשטאַנען אז ס׳איז אַ סוד דערביי.

ביי מ״ר מייקלען איז געווען זיין פּלאַן אויסגעאַרבעט און די ווערטער אפילו צוגעגרייט. ניט איין מאָל האָט ער זיך געחזרט אין געדאַנק וואָס ער וויל זאָגן קלמנען. איצט האָט אָבער גענומען אַ ביסל צייט ביז די צעפלאָנטערטע געדאַנקען האָבן זיך אויסגעסדרט און די ווערטער זיינען געקומען אויף זיין צונג:

„קלמן, מיי באָי", האָט ער טיף אָפּגעזיפצט, ווי איינער וואָס קלייבט זיך אַראָפּצורײדן אַ שווערניש פון זיין האַרצן. „וואָס איך גיי דאָ פאַר דיר איצט דערציילן, ווייס נאָך קיין איין מענטש ניט. דו ביסט דער ערשטער,

פֿאַר װעמען, נאָך אַזוי פֿיל יאָרן שװײַגן, גײ איך עפֿענען מײַן האַרץ. נאָר אײדער כ׳גײ אַריבער צו דער זאַך, װעגן װאָס איך האָב דיר הײַנט אַהער גערופֿן, װיל איך אַז דו זאָלסט װיסן, אַז זינט דו ביסט אַריבערגעקומען צו מ״ר אין שטוב האָט זיך מײַן גאַנצער לעבן איבערגעביטן. איך װיל אַז דו זאָלסט מיר ריכטיק פֿאַרשטײן, קלמן. װעגן מײַן יוגנט און װי אַזױ כ׳בין אױפֿגעבראַכט געװאָרן, פֿאַרשפּאַר איך דיר צו דערצײלן, װײַל דו קומסט דאָך אױך פֿון אַזאַ מין הײם און אױך דו האָסט מסתּמא ניט געהאַט קײן בעסערע יוגנט. און װעלכער ײנגל אין דער הײם, װאָס האָט געשטאַמט פֿון אָרעמע עלטערן, האָט בכלל געהאַט אַ בעסערע יוגנט װאָס לוינט צו דערמאָנען? און אַז כ׳בין נאָך ניט געװוען קײן בר־מיצװה האָט מען מיר שױן צוגענומען פֿון חדר און אָפּגעגעבן צו אַ שוסטער, זיך צו לערנען די מלאכה״.

קלמן האָט זיך קוים אײַנגעהאַלטן אױסצושרײַען: פּונקט װי בײַ מיר, אָנקל! דעם אָנקלס ערנסטער טאָן און די מיט פּײַכטקײט פֿאַרצװיגענע אױגן זײַנע האָבן קלמנען אָפּגעהאַלטן אַרײַנצורײדן אַ װאָרט אין מיטן. דער אָנקל האָט שטיל װײַטער גערעדט, װי ער װאָלט פֿאַרטרױען קלמנען די סודות פֿון זײַן לעבן:

„מיר איז די שוסטערײַ אָנגעקומען מיט גרױס מאַטערניש. אַלס לערן־ײנגל האָט מען מיך אױסגענוצט פֿאַר כל עבֿודת־פּרך: איך האָב געמוזט יעדן טאָג אָנטראָגן אַ פֿולע קובל װאַסער און אַרױסטראָגן די פּאָמוניצעס, און ערגער נאָך איז געװוען דאָס ניאַנטשען דער בעל־הביתטעס קינדער. אַזױ אַז אין מײַן טערמין אַלס לערן־ײנגל האָב איך זיך כמעט גאָר ניט אױסגעלערנט. און שפּעטער, אַז גאָט האָט געהאָלפֿן און כ׳בין שױן געװאָרן אַ בעל־מלאכה, האָט זיך אונטערגערוקט פֿאַניע מיט זײַן פּריזיװ און איך האָב געמוזט מאַכן פּליטה. פֿאַר מײַן גאַנצן יונגן לעבן ביז דעמאָלט האָב איך קײן אײגענעם גראָשן ניט פֿאַרמאָגט, איז װי נאָר איך האָב זיך דערשלאָגן צו קײפּטאָן און מיט גאָטס הילף גענומען פֿאַרדינען, איז יעדע פּעני בײַ מיר געװאָרן טײַער. כ׳האָב די פּעניס געהיט װי מײַנע אױגן אין קאָפּ.

„ס׳איז אַ לאַנגע געשיכטע, קלמן. בקיצור הײסט עס: ניט דערעסן, ניט דערשלאָפֿן און אַפֿילו אַ גלאָז טײ זיך געזשאַלעװעט, נאָר געקליבן אַ פֿונט צו אַ פֿונט ביז — איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ היפּשער מטבע, און דאָ װערט מען אַן אַלטער בחור און חתונה האָבן מיט אַ היגער מײדל האָב איך ניט געװאָלט. איך האָב מורא געהאַט פֿאַר די היגע, װײַל זײ װילן האָבן פֿון דאָס

שענסטע און דאָס בעסטע, ראַסקאַש, ווי מ׳פלעגט עס רופן אין דער היים. האָב איך זיך איין טאָג אויפגעהויבן, לויט אַן עצה פון אַ באַקאַנטן, און בין צוריקגעקומען אין דער אַלטער היים און דאָרטן חתונה געהאַט מיט ראָזין״.

מ״ר מייקל האָט ווידער אַ זיפץ געטאָן, ווי מיט דעם וואָלט ער זיך ווען דערלייכטערן די שווערע יאָרן וועגן וועלכע ער דערציילט:

„און כ׳וויל אויפעפענען פאַר דיר מיין האַרץ, קלמן, און דיר דערציילן כאָטש עטוואָס פון מיין לעבן, ווי איך זע עס היינט. דו פאַרשטייסט, איך האָב זיך באַנאַרישט ווי אַ קליין יינגל. כ׳האָב זיך פאַרגעשטעלט פאַר ראָזין פאַר אַ גרויסן אפריקאַנער גביר. און מיט דעם האָב איך געמאַכט אַ גרויסן טעות: מ׳טאָר ניט אָנהייבן בויען אַ פאַמיליע־לעבן אויף ליגנעריי און בלאָף. בעסער איז גיין מיטן אמת, ווייל מיטן אמת קען מען דערגיין ווייטער, און איך האָב עס ניט געטאָן״.

מ״ר מייקל האָט זיך אָפּגעשטעלט, אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, ווי ער וואָלט פאַרמאַטערט געוואָרן פון גיין מיט דעם בלאָף וועגן וואָס ער האָט ערשט גערעדט. איצט איז זיין קול געוואָרן שטילער, אומעטיקער, לאַנגזאַמער.

„ווען איך האָב געבראַכט ראָזין קיין קייפּטאָן און זי האָט דערזען דיווירקלעכקייט פון מיין לעבן, מיין ׳שענטי׳, ווו מיין שוסטערישער וואַרשטאַט איז געשטאַנען און ווו כ׳האָב געלאַטעט די אָרעמע ארבעטערס שיך, קענסטו זיך שוין פאַרשטעלן ווי זי האָט זיך דערפילט. זי איז געווען אָפּגענאַרט און באַליידיקט. וואָלט זי ניט געהאַט קיין איידעלן גוטן כאַראַקטער, וואָלט זי מיר גלייך אויף אַן אָרט אָפּגעבאָדן ווי מיר האָט געקומט, און זי וואָלט אָפּגעשלאָגן מיט מיר כפּרות. אזא שיינע מויד, אפילו א געגטע, וואָלט צוגעכאַפּט דער גרעסטער פאַבריקאַנט אין יאָהאַנעסבורג. איז אָבער, ווי דו ווייסט, קומט זי פון אַ שיינער משפחה און פון גרויסן ייחוס, האָט זי ניט געוואָלט פאַרשאַפן בזיון אירע עלטערן, אז דאָס שטעטל זאָל איר צעטראָגן אויף לייטישע געלעכטער. האָט זי צו ערשט פאַרביסן די ליפּן און דעם ווייטיק אראָפּגעשלונגען.

„שפּעטער, ווען זי האָט אָנגעהייבן זיך צוגעוווינען, האָט זי זיך אַ פּנים באַטראַכט — זי וועט פּרובירן אומבייטן איר לעבן און זי וועט פירן געשעפטן אויף אייגענער האַנט. זי איז געווען פעאיק און איך האָב פאַרמאָגט

אַ היפּשן קניפּל — איז עס אַוועק אַ גאַנג, און די הצלחה האָט נאָך צוגע־שפּילט. מיט איר קלוגשאַפט האָט זי געזען, אַז צו ביזנעס טויג איך ניט, האָט זי מיר אויף דער שוועל פון איר געשעפט ניט ארויפגעלאָזט, אָבער אין דער הינטערשטער קאַמער האָב איך איינגעאָרדנט אַ מאָדערנעם וואַרשטאַט צו פאַרריכטן שיך. כ׳האָב געהאַלטן עטלעכע שוואַרצע אַרבעטער און אויך מיין געשעפט איז אַוועק ווי געשמירט. די פּראָפיטן זיינען געווען גוטע און איך האָב ווידער געשפּאָרט אַ פונט.

„אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט ביזנעס, האָב איך זיך ניט געהאַט וואָס צו באַקלאָגן. אָבער מיט געשעפט אליין קען דאָך קיין מענטש ניט לעבן. אַ מענטש דאַרף האָבן אַן אינטערעס אין לעבן, אַ מענטשן מיט וועמען ער קען זיינע ליידן און פריידן זיך טיילן. און צוליב דעם טאַקע האָב איך חתונה געהאַט — און פון דעם קומט אויך מיין טראַגעדיע.

„קלמן, ביי אונדז איז קיין לעבן ניטאָ, איך בין אַ פרעמדער צו איר. זי ליבט מיך נישט, כאָטש איך וואָלט מיין לעבן פאַר איר אוועקגעגעבן. כ׳ליב זי מיט מיין גאַנצן האַרצן, און זי ווייס עס. נאָך מער פאַרדריסט מיך, וואָס זי האָט קיין מינוט צייט ניט פאַר מיר, ווי זי וואָלט עס ספּעציעל געטאָן, ווי אַ צו־להכעיס. אַ גאַנצן טאָג אין ביזנעס, גאַנצע אָוונטן ביז שפּעט אין דער נאַכט — געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, מיטינגען פון אינסטיטוציעס און איך בין שטענדיק אליין — פאַר דער וועלט זיינען מיר צוזאַמען, אָבער אין דער אמתן זיינען מיר צעטיילט. האָב איך דעריבער געמוזט געפינען אויך פאַר זיך אַן אינטערעס און דאָס איז: געלט! קלייבן געלט אויף מיין נאָמען.

„איך היט זיך אַז זי זאָל זיך פון דעם ניט דערוויסן. צוליב דעם טאַקע האָב איך געפּועלט ביי איר, אַז זי זאָל זיך עפענען אַן אַנדער שוך־געשעפט און זי זאָל לאָזן פאַר מיר דעם דאָזיקן געשעפט מיט דער הינטערשטוב אויף פאַרריכטן שיך. זי האָט זיך געעפנט אַ נייעם געשעפט. זי האָט ענער־גיע און האָט הנאה צו זען ווי איר ביזנעס וואַקסט — אוןביידע טוען מיר גוט. די רווחים אויף אַלע אונדזערע גוטע פריינד גענזאָגט געוואָרן!

„איך האָב אין מיין געשעפט פּעאיקע פאַרקויפערינס אויף וועמען כ׳קען זיך פאַרלאָזן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האַלט אָפן אַן אויג און גיב גוט אכ־טונג. חוץ דעם פיר איך אָן מיט די וואַרשטאַטן, וואָס טראָגן אריין פיינע פּראָפיטן. וויפל איך פאַרמאָג ווייס זי ניט און וועט ביי מיר ניט וויסן. דע־ריבער, ווען איר שוועסטער סאָניע, גלייך ווי זי איז אָנגעקומען אַהער, האָט

מיך אָנגעהויבן דאָקטערשען מיין לעבן, אז איך זאָל דיר אריבערברענגען אַהערצו, האָט מיר גלייך מיין האַרץ אָנגעהייבן מאָדנע קלאַפּן און אין מיין מוח האָבן זיך גענומען פלאָנטערן פאַרשיידענע רעיונות. איך האָב דיר דאָ גלייך געוואָלט האָבן. ווייל ווער ווייסט וואָס? און מיט אַ מאָל האָט זיך מיר פאַרבענקט נאָך אייגן בלוט. זיך דערמאָנט אָן דער אָרעמער היים און מיין שוועסטער, וואָס מאַטערט זיך אַ גאַנץ לעבן.

„אָבער אין דער זעלבער צייט האָט מיך דער געדאַנק פון אריבערברענגען דיר אַהער אויך געשראָקן אַ ביסל: ווער ווייס וואָס פאַר אַ תכשיט דער קלמנקע איז? אָבער סאָניע האָט דיר געהאַלטן אין איין לויבן פאַר מיר. און שפּעטער איז געקומען דער בריוו פון רב אליין, מיט הערצלעכע גוטע ווערטער וועגן דיר, און איצט זע איך אז אַלע זייערע רייד זיינען געווען ריכטיק: ניטאָ זיך מיט דיר וואָס צו שעמען. כאָטש איך האָב גלייך באַמערקט אז ראַזי דרייט מיטן נעזל אויף דיר, אָבער איך האָב אין דיר דערפילט אייגן בלוט־און־פלייש. קלמן, ווען איך קוק אויף דיר, זע איך אין דיר מיין שוועסטער, דיין אָרעמער מאַמען. און זינט דו ביסט געקומען האָב איך דערפילט אז דו געהערסט צו מיר, פונקט ווי איך געהער צו דיר. ניין, קלמן, איצט בין איך שוין מער ניט אזוי עלנט און אליין ווי געווען...״ און מ״ר מייקל האָט זיך מער ניט געקענט באַהערשן, ער האָט זיך אויפגעשטעלט, ארומגעכאַפּט קלמנען און גרויסע טרערן האָבן גענומען פאַלן פון זיינע אויגן אויף קלמנס פּלייצע. דאָס ביטערניש פון אַ פאַראיינזאַמט און פאַרקלעמט לעבן האָט מיט אַ מאָל ארויסגעשטראָמט פון זיינע אויגן אין זאַלציקע טראָפּנס. ער האָט געשלוכצט פון פרייד, וואָס ער האָט וועמען צו האַלטן אין זיינע אָרעמס און אויף וועמענס אַקסל צו לאָזן אַ טרער. ער האָט געפילט אז ער באפרייט זיך פון אַ דריקעניש, און זיין גאַנצער שווערער גוף האָט זיך געצאַפּלט פון גליק.

איצט האָט קלמן דערפילט אַ רחמנות אויף זיין אָנקל, וואָס איז אים מיט אַ מאָל געוואָרן אזוי נאָענט און טייער. האָט ער אים ארומגעכאַפּט מיט זיינע שטאַרקע הענט, צוגעדריקט צום האַרצן און זיך אויך צעוויינט ווי אַ קליין קינד:

„באַרואיקט אייך, אָנקל! אַלץ וועט גוט ווערן... איך בין מיט אייך... איך וועל אייך היטן, ווי איך האָב געהיט מיין מאַמען... איר זייט איצט מיין טאַטע און מיין מאַמע... אָנקל!...״

* * *

ביידע מענער זיינען געשטאַנען ארומגענומען אַ לאַנגע צייט, ווי זיי וואָלטן זיך ביידע צוזאַמענגעשמאָלצן אין איין שטיק. קלמן האָט זיך דער־מאָנט ווי ער פלעגט זיך אָנשיכורן און ווערן ווילד, וויינען. איצט אָבער איז ער אין גאַנצן ניכטער.

אז ביידע האָבן זיך באַרואיקט, האָט דער אָנקל זיך אריינגעזעצט אין ווייכן פאָטעל, אויסגעווישט די פאַרטריקנטע פייכטקייט פון די אויגן־גריבלעך און קוים צו הערן גערעדט צו קלמנען:

„איך האָב זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן און ס׳איז מיר אַ ביסל לייכ־טער געוואָרן. איצט, קלמן, און איך מעג דיר שוין רופן מיין קינד, ווייל איך פיל ווי דו וואָלסט היינט געוואָרן מיינער אַן אייגענער קינד, איצט קום איך דיר דערציילן דעם סוד, צוליב וואָס איך האָב דיר אַהער געבראַכט: זאָלסט וויסן, אז איך האָב באַשלאָסן דיר צו באַהאַנדלען ווי מיינעם אַ זון צו אַלץ וואָס איך פאַרמאָג. אין מיין צוואה לאָז איך איבער אלצדינג פאַר דיר — דו וועסט זיין מיין יורש. אָבער דו מוזט עס האַלטן בסוד. קיינער טאָר דערווייל דערפון ניט וויסן, אפילו ניט סאָניע.

„און מיין ניט אז איך האָב ניט באַמערקט, אז איר ביידע זייט ניט גלייכגילטיק איינער צום אַנדערן. זי איז טאַקע ראָזיס אַ שוועסטער, אָבער זי איז אַ טייער קינד מיט אַ גאָלדענעם כאַראַקטער און איר באַציאונג צו מיר איז ניט ווי פון אַ שוועגערין, וואָס די שוועסטער אירע ליבט ניט איר מאַן, נאָר ווי פון אַן אייגן קינד. און דערפאַר וויל איך, אז איר ביידע זאָלט זיין מיינע קינדער, און אין האַרצן בעט איך ביי גאָט אז כ׳זאָל דערלעבן אייך ביידן צו פירן אונטער דער חופה.

„ווילסטו מיר עפּעס זאָגן, קלמן?" האָט דער אָנקל צום סוף געפרעגט.

די פראַגע, וואָס איז געקומען איבערראַשנדיק און פאָטערלעך, האָט קלמנען אזוי צערירט, אז ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ היסטערישן געוויין, גערעדט און געשלוכצט:

„אָנקל, איר ווייסט דעם אמת: איך בין אייך ניט געקומען ירשהנען. לעבט ביז הונדערט און צוואַנציק!.. גאָט האָט מיך געבענטשט מיט גע־זונט און כ׳דאַרף ניט אָנקומען צו קיינעם... און פאַר וואָס, אָנקל, קומט מיר פון אייך אזא גוטסקייט? איין זאַך האָט איר אָבער ריכטיק געזען: סאָניע און איך האָבן זיך טאַקע ליב, און ווער אויב ניט איר וועט אונדז פירן צו

דער חופּה? כ׳האָב דאָך דאָ חוץ אײַך קײנעם ניט. און דאָס וואָס איר האָט מיר דערציילט דעם סוד, וועל איך עס קיינעם ניט אַנטפּלעקן. איך זאָג אײַך צו! מיך קומט עס פאַר ווי אַ מעשהלע פאַר קינדער, ווי אַ שיינער חלום... איך גלויב זיך אַליין ניט, אַז כ׳האָב געפונען אַזאַ טייערן אָנקל און ער וויל מיר האָבן ווי זיין זון...

„פון היינט אָן, אָנקל, זייט איר מיין טאַטע און כ׳וועל אײַך פאָלגן ווי אַן איבערגעבענער זון... אָבער רעדט מער ניט וועגן דער ירושה, ווייל עס מאַכט מיך טרויעריק און די טרערן שפּאַרן צו די אויגן״.

דער גרויסער קלמן האָט אויסגעזען ווי אַ פאַרוויינט קינד. ער האָט אָפּגעדרייט דעם קאָפּ, אַז דער אָנקל זאָל זיינע טרערן ניט זען. ער האָט זיך געשעמט אַזוי פיל צו וויינען.

מ״ר מייקל האָט זיך אויפגעהייבן פון דעם ווייכן פאָטעל, וואָס איז גע־שטאַנען פון דער צווייטער זייט שרייבטיש. ער האָט זיך איצט געפילט לייכט און גוט, ווי ער וואָלט דורכן אַנטפּלעקן זיין סוד אַראָפּגעשליידערט אַ שווערן יאָך פון די פּלייצעס:

„איצט איז מיר געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן, קלמן. איצט, אַז איך פאַרטרעט דיר ווי מיין אייגענעם זון, ווייס איך אַז מיין לעבן און מיין גאַנ־צע האַרעוואַניע זיינען ניט אַוועק לאיבוד. איצט איז אונדזער ביידנס צו־קונפט פאַרבונדן צוזאַמען און איך וועל וויסן אַז כ׳האָב פאַר וועמען צו אַרבעטן, און מיט אַ רואיקן געמיט וועל איך הנאה האָבן פון מיינע טעג, וואָס גאָט וועט מיר נאָך שענקען״.

קלמן האָט געקוקט אויף דעם אָנקל מיט ליבשאַפט. ער האָט געפילט, אַז ער האָט איצט אַ גרויסן פריינד. ער האָט ניט געדענקט זיין טאַטן — האָט ער אים איצט געפונען.

„קלמן״, האָט דער אָנקל ווייטער גערעדט אין דער שטילקייט און זיינע ווערטער האָבן אָפּגעקלונגען ווי זיסע מוזיק אין קלמנס האַרץ, „דערווייל פאָר צוריק צו דיין אַרבעט. דו לערנסט זיך, קריגסט ביי׳ע דערפאַרונג, כאָטש עס איז אומעטיק אין דער פאַרוואָרפנקייט און די אַרבעט איז שווער. האַלט אָבער דיינע אויגן אָפן און קוק זיך צו, ס׳וועט דיר צוניץ קומען. אָבער געדענק אויך, אַז וואָס עס זאָל ניט פּאַסירן האָסטו זיך אָן וועמען אָנצוהאַלטן און אויף וועמען צו פאַרלאָזן. און ניט פאַרגעס אַז אונדזער היינטיקער שמועס איז אַ סוד, קיינער טאָר פון דעם ניט וויסן״.

14

אן אפנדאצקער שפעס

טאַניע און קלמן האָבן זיך אויפגעהייבן פון מיטאָגטיש גלייך נאָכן פֿאַרענדיקן עסן און צוזאַמען ארויס אין גאָרטן. דער אָנקל האָט זיך געמאַכט ניט זעענדיק, אָבער אין האַרצן האָט עס אים געפרייט. ראָזי האָט זיי באגלייט מיט אַ קרומלעכע מינע און זי איז גלייך אריין אין קיך. איצט האָט זי שוין באַשיימפערלעך געזען אז איר שוועסטערקע איז „פאַר־כליאָבעט" אין אָט דעם גראָבן יונג און ס'וועט ניט העלפן קיין זאַך זיי צו צעשיידן. זיי האַלטן זיך שוין אָפן צוזאַמען.

זיי האָבן זיך געזעצט אויף אַ באַנק אונטער אַ בוים, וואָס זיינע צווייגן האָבן זיך געשטרעקט ווי נאַקעטע דאַרע אָרעמס. אונטער די פיס האָבן זיך געוואַלגערט געלע טרוקענע בלעטער. די זון האָט מילד געגלעט איבער זייערע קעפּ.

„דו ווייסט, סאָניעטשקע, אז מיין אָנקל ווייזט זיך ארויס פאַר אַ גוטן מענטש. און ער איז ניט אזוי ווי אַנדערע האַלטן אים — אַ פּראָסטער מענטש. היינט אין דער פרי, בעת דעם שמועס מיט אים אין זיין אָפיס, האָט ער זיך ארויסגעוויזן גאָר אַן אַנדערער ווי אַלע מיינען. פון אונדזער לאַנגן געשפּרעך האָב איך ארויסגעזען, אז חוץ אַ פּראַקטישער מענטש האָט ער אויך אַ גאָלדענע האַרץ און...״

„אויף דיר זאָגן אויך מענטשן, אז דו האָסט אַ גאָלדענע האַרץ, מסתמא איז עס אַ פאַמיליע־פעלער...״ האָט סאָניע אים איבערגעריסן זיין ערנסטן שמועס מיט איר געלעכטער און אים אַ כאַפּ געטאָן ביים האַרצן. קלמן האָט פאַרדריקט איר דין הענטל:

„מיין גאָלדענע האַרץ איז איצט אונטער אַ שלאָס... לאָמיר בעסער ריידן וועגן דעם אָנקל. ער איז ניט קיין געלערנטער מענטש און״ — קלמן האָט אַ מאָמענט געטראַכט ביז ער האָט זיך דערמאָנט דעם שווערן וואָרט — ׳ער איז ניט באַוווסטזיניק׳ — ווי מע פלעגט עס רופן צווישן די אינטעלי־גענטע חברים אין ׳בונד׳, אָבער ער ווייס וואָס ער טוט. און צו מיר איז ער ווי אַ פאָטער...״

סאָניע איז געוואָרן נייגעריק. זי האָט געפאָרשט קלמנען:

„וועגן וואָס אזוינס האָט איר געשמועסט אַ גאַנצן פאַרמיטאָג?״

קלמן האָט גלייך ניט געענטפערט און סאָניע איז געוואָרן נאָך מער פאַראינטריגירט. „ער האָט זיך אוודאי באַקלאָגט אויף ראָזין, אז זי באַ־האַנדלט אים ניט ווי עס באַדאַרף צו זיין. אין דעם איז ער אפשר גערעכט. זי איז צו האַרט צו אים״.

„יאָ, אמת. ער האָט טאַקע גערעדט וועגן זיין אומצופרידענעם לעבן מיט דיין שוועסטער, אָבער ניט ער האָט זיך באַקלאָגט און ניט ער באַ־שולדיקט איר. פאַרקערט גאָר: ער באַשולדיקט זיך אליין אין אַלץ וואָס קומט פאָר צווישן זייביידן״.

סאָניע האָט אויסגעשטעלט אַ פּאָר פאַרוווּנדערטע אויגן:

„ער באַשולדיקט זיך אליין? וואָס פאַר אַ פאַרברעכן איז ער באַגאַנ־גען קעגן מיין שוועסטער וואָס ער איז אין דעם שולדיק? איך וואָלט אים באַפרייט פון יעדער שולד״.

קלמן איז געווען צופרידן, אז סאָניע מיט איר גאַנצער קלוגשאַפט

כאַפּט זיך נישט וועגן אַ סוד וואָס באַהאַלט זיך הינטער די אַלע רייד. האָט ער גערעדט פּאָרזיכטיק:

„דער אָנקל איז זיך מודה, אז ער האָט אָפּגענאַרט דיין שוועסטער: ער האָט איר ניט געזאָגט דעם אמת ווען ער איז געקומען צו איר אַלס חתן. ער אָנערקענט אליין זיין פעלער, אז ער האָט זיך ניט געטאָרט פאָרשטעלן ווי דער גרויסער אַפריקאַנער גביר און איר פאַרפירן מיט דעם. פון דעם איז געקומען איר אַנטוישונג און פון דער אַנטוישונג זיינען שפּעטער ארויס־געקומען אַלע קריגערייען און רייבונגען צווישן זיי. פאַר קיין פאַל באַ־שולדיקט ער זי ניט, ער זוכט זי גאָר צו פאַרענטפערן און ער האָט וועגן איר אַ גאָר געהייבענע מיינונג. ער זאָגט, אז אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט געהאַנדלט אָן רחמנות און פון אים אַנטלאָפן גלייך דעם ערשטן טאָג קומענדיק אין אפריקע, אָבער זי האָט אים ניט פאַרלאָזן, ווייל זי איז פון נאַטור אַן איידעלע און אַ גוטע פרוי. וואָלט ער געווען דער פּאַסיקער מאַן, וואָלטן זיי געווען גליקלעך, אזוי זאָגט ער. פון אים איז עס פיין אזוי צו ריידן".

„דו האָסט עס זייער ריכטיק אָפּגעשאַצט, קלמן. מיר דוכט, אז דאָס איז דער בעסטער אַנאַליז וועגן זייער פאַמיליע־לעבן". זי האָט גערעדט ערנסט, קוקנדיק אויף אים.

קלמנען האָט איר לויב אויפגעמונטערט. איבעהויפּט איז אים געפעלן געוואָרן דאָס מאָדנע וואָרט אַנאַליז, און כאָטש ער האָט ניט אין גאַנצן פאַרשטאַנען זיין באַטייט, האָט ער אָבער געוווסט אז דאָס איז אַ גרויסע אָנערקענונג פאַר אים.

„דער אָנקל האָט אָנגערופן זייער לעבן מיט אַ פּאָר ווערטער, וואָס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן — זיי לעבן צוזאַמען און צעטיילט. דאָס איז זייער גוט געזאָגט אין צוויי ווערטער בלויז, האַ, סאָניעטשקע?"

„ווי קומט עס צום אָנקל, פאַרשטיי איך טאַקע ניט, אָבער ס׳איז דער אמת אליין: זי האַלט זיך מיט אים און ער האַלט זיך מיט איר, איז עס אי צוזאַמען אי צעטיילט. אָבער זאָג מיר, קלמן, וואָס פאַר אַ מיינונג האָט דער אָנקל וועגן מיר?"

„מאָדנע, סאָניע, אז וועגן דיר האָט ער גאָר אַ געהייבענע מיינונג. איך בין כמעט ווי זיכער געווען, אז אויב אַ מאַן איז ניט צופרידן מיט זיין ווייב, זיינען אים ניט צום האַרצן אירע קרובים, איבערהויפּט אירע אַ שוועסטער

וואָס זי אַליין האָט איר אַריבערגעבראַכט, ווי זי האָט עס געטאָן מיט דיר. אָבער דער אָנקל איז אַ קלוגער, ער איז ניט אָנגעשטויסן אויף קיינעם פון איך ביידן, כאָטש ער ווייס אַז מיט דיין באַווייזן זיך צווישן זיי זיינען פאַר־שאַרפט געוואָרן די באַציאונגען נאָך מער. דו האָסט אוועקגענומען דאָס ביסעלע אויפמערקזאַמקייט וואָס זי פלעגט אים נאָך אַ מאָל שענקען, דאָך האָט ער וועגן דיר גערעדט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט, ווי דו וואָלסט געווען זיין שוועסטער און ניט זיין ווייבס. אַזוי, זאָגט ער, ביסטו אויך צו אים, ווי ער וואָלט געווען ניט דיין שוואָגער נאָר אַן עלטערער ברודער. און קען גאָר עמעצער וועגן דיר אַנדערש ריידן, מיין טייערינקע? ביסט דאָך פשוט אַ מלאך. דער אָנקל איז אין דיר פאַרליבט...״ אַ באַגייסטערטער האָט קלמן זי צו זיך צוגעדריקט און געקושט אין דעם חן־גריבעלע, וואָס האָט גע־לויכטן פון איר באַק.

„פאַרזיכטיק, וועסט צעדריקן ביי דיין מלאך די פליגל״, האָט סאָניע געלאַכט. „חוץ דעם ליבט מיר דאָך דיין אָנקל, ווי דו זאָגסט, און ער קען גראָדע אַ בליק טאָן דורכן פענצטער און דערזען ווי דער פלימעניק קושט זיין געליבטע...״

„סיידן מיר וועלן אים קומען צו חלום. דער אָנקל און די טאַנטע שלאָפן אוודאי״.

„האָסט מורא פאַר דעם אָנקלס קאָנקורענץ אין ליבע?״ האָט זי ווידער געלאַכט. „אַלנפאַלס, כ׳האָף אַז ביי מיר קען דיר קיינער ניט פאַרקאָנ־קורירן:״

„שפּאָס ניט, סאָניע, דער אָנקל איז זייער אַן עלנטער מענטש. פון היינטיקן שמועס איז עס מיר נאָך מער קלאָר געוואָרן, און דו דאַרפסט זיך באַציען צו אים גוט!״

„איך ווייס ניט צוליב וואָס דו דאַרפסט עס מיר אָנזאָגן? איך באַצי זיך צו דעם עלנטן מענטשן, וואָס איז דיין אָנקל, מענטשלעך און פריינד־לעך, און דו אַליין דערציילסט אַז ער ווייס עס און שאַצט עס אָפּ. איך האָב שוין לאַנג געמערקט זיין עלנטקייט, און האַלט, אַז דאָס איז איינע פון די ערגסטע קללות וואָס קען אָנגעשיקט ווערן אויף אַ מענטשן. דער רחמנות אויף אַן עלנטן מענטשן דאַרף זיין גרעסער ווי אויף אַן אָרעמען, אַזוי מיין איך. דעריבער דאַרפסטו זיך ניט זאָרגן. און ס׳איז ניט נאָר אַ פראַגע פון מיטלייד, ווייל ווי איך בין אַריבערגעטראָטן די שוועל און אַ ביסל דערקענט

דיין אַנקל, האָב איך גלייך דערפילט אז ער איז אַן אָרנטלעכער און אַ פיינער ־ענטש מיט אַ גוטער נאַטור. און דאָס וואָס מ׳רעדט אין שטאָט וועגן זיין קאַרגשאַפט, וואָס ער איז ניט פריינדלעך צו מענטשן און ניט געזעלשאַפט־לעך, דאַרף מען זוכן די טיפערע סיבה דערפון. ווער עס קען זיך אריינ־גרונטעווען אין דעם, פאַרשטייט אז דאָס איז ניט זיין שולד״.

„קאַרגשאַפט איז מסתמא אַ געוווינהייט״, האָט קלמן אריינגעוואָרפן.

„ניין, קאַרגשאַפט איז ניט קיין געוווינהייט, נאָר ס׳איז נאָך ערגער פון דעם. ביי אַנדערע מענטשן איז עס פשוט אַ קראַנקייט און מ׳דאַרף זיי היילן דערפון. לויט אַ נאָרמאַלער אויפפאַסונג פון לעבן דאַרף אַ מענטש גאָר האָבן הנאה פון אויסגעבן געלט אויף זיינע נייטיקע באַדערפענישן, און דאָ איז עס גאָר פונקט פאַרקערט: מ״ר מייקל האָט פאַרגעניגן פון האַלטן פאַרקוועטשט יעדע פעני און זיך אפילו ניט פאַרגינען צו עסן צו זאַט. ווייסטו פאַר וואָס? ווייל ביי אים ליגט עס ניט אין דער נאַטור און ניט אין געוווינהייט, נאָר אין זיין נשמה. ער האָט זיך די קאַרגשאַפט אָפּגע־שפּאָרט פון זיין יוגנט, דאָס איז אַ קראַנקייט וואָס ציט זיך שוין ביי אים אַ סך צענדליקער יאָרן. ער ווייס אפילו ניט פון דעם. איצט איז פאַראַן אזא וויסנשאַפט וואָס הייסט פסיכאָלאָגיע, און די דאָקטוירים פון פסיכאָלאָ־גיע פאַרנעמען זיך מיט דער סאָרט קראַנקייט״.

* * *

קלמן איז געווען אויסער זיך פאַר התפעלות פון סאָניעס קלוגשאַפט. ער האָט ניט געקענט אויפכאַפּן וואָס זי מיינט מיט דער פסיכאָלאָגיע און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס צו זיין אַנקל, און וואָס האָט עס צו טאָן מיט דאָקטוירים און מיט קראַנקייט.

„דו קענסט זיין אַ פּראָפעסאָר, סאָניע!״ האָט ער אויסגעשריִען. איך ווייס גאָר נישט וועגן וואָס דו האָסט גערעדט, אויף וואָס איז דער אַנקל קראַנק?...״

„מ׳דאַרף ניט זיין קיין פּראָפעסאָר צו דעם. פאַרשטיי, קלמן, אָט וואָס: דער אַנקל האָט אוודאי געהאַט אַ שווערע קינדהייט. הונגער און ליידן האָט ער געהאַט אַ סך. אין דער יוגנט האָט ער געמוזט האָרעווען איבער די כוחות, און צרות און נויט איז געווען אין דער היים אויפן פוד. און די וואָס האָבן געגנוג געלט, האָט ער געזען, האָבן פון כל־טוב און אַ

לייכט לעבן, האָט ער אָנגעהייבן שפּאָרן זיינע אָרעמע גראָשנס און געלט איז געוואָרן זיין גאָט. און אין דער שפּאָרעניש האָט ער נאָך דעם געפונען אַ טרייסט אין זיין עלנטן לעבן אין אפריקע. און דאָס איז די קראַנקייט וואָס ער האָט זיך אָפּגעשפּאָרט פון זיין קמצנות — די קראַנקייט הייסט קאָרג־שאַפט. איצט פאַרשטייסטו שוין דיין פּראָפעסאָר, קלמן?״ האָט זי אים מיט אַ פינגער אויף זיין שטערן אַ וויז געטאָן און דאָס חן־גריבעלע האָט צו אים געשמייכלט.

„אוי, ווי קלוג דו האָסט עס דערקלערט!״ איז קלמן געווען אַנטציקט פון אירע רייד. „איצט פאַרשטיי איך אַלץ מיטאַנאַנדער, ווי רופט מען עס דאָ? אַ פּראָבלעם! ווי ריכטיק דו האָסט עס פאַנאַנדערגעפּלאָנטערט, אז איצט בין איך שוין אליין אַ פּראָפעסאָר אויף מיין אָנקל — אַ מ״ר מייקל־פּראָפעסאָר...״

סאָניע האָט געלאַכט. איר האָט אמוזירט קלמנס איינפאַל.

„זעסטו, קלמן, מ׳דאַרף קענען אָפּשאַצן אַ מענטשן אַ ביסל טיפער ווי אויבערפלעכלעך. ווייל אויב דו קוקסט נאָר מיט די אויגן, אזוי אויבנ־אויפיק, וואָס זעסטו? זעסט אַ פּנים פון אַ מענטשן, אַ פּנים ווי אַלע אַנדע־רע פּנימער, אַ ביסל שענער צי אַ ביסל מיאוסער, אַ ביסל יינגער צי אַ ביסל עלטער, אָבער אז דו ווילסט דערזען דעם אמתן מענטש מוזטו ארייַנ־קוקן אַ ביסל טיפער — אין זיין האַרץ, אין זיין נשמה... און די וואָס קענען אריינקוקן אין מענטשן, אים דורכקוקן און זען זיינע אַלע געהיימענישן און פאַרבאָרגענישן, די זיינען פּסיכאָלאָגן, די דאָקטוירים פון מענטשנס נשמה. און מיין ניט אז זיי קומט עס תמיד אָן אזוי לייכט, ווייל די נשמה־קראַנ־קייטן זיינען טיפער באַהאַלטן ווי גוף־קראַנקייטן. דיין אָנקל איז קראַנק אויף אזא קראַנקייט און כדי עס צו היילן, מוז עס אַ דאָקטאָר אים דער־קלערן, ברענגען צו זיין באַוווסטזיין, און דאָס איז די שווערסטע זאַך צו טאָן.״

קלמן האָט געקוקט אויף איר און ניט געפונען גענוג ווערטער איר צו דאַנקען.

„איך האָב אזויפיל געלערנט היינט פון דיר, סאָניטשקע, און מיין האַרץ ווערט צעגאַנגען פאַר נחת. כ׳וועל זיך באַמיען צו לערנען נאָך מער און בין זיכער אז דו וועסט זיין אַ גוטע און מיר ניט אָנטזאָגן. כ׳וויל זיין מיטן

אַנקל און מיט דער טאַנטע, אָבער איצט, סאָניע, וועל איך זיך אָפּזאָגן פון יעדע פרייע מינוט און קומען אַהער דיר זען, דיר הערן, זיך לערנען פון דיר. היינט האָסטו אויפגעשיינט פאַר מיר נאָך ליכטיקער. יעדע סוף וואָך, יעדן רו־טאָג און סתם פון צייט צו צייט, וועל איך קומען דיר זען. איך גלויב אין דיר און גלויב אין אונדזער צוקונפט״.

סאָניע האָט געדריקט מיט דאַנק זיין ברייטע מענערישע האַנט מיט איר צאַרט הענטל.

„סאָניע, דו ווייסט דאָך אז איך האָב גאָר ניט, אָבער לאָמיר זיך פאָר־שטעלן, אז אזוי, אומגעריכט, דורך אַ צופאַל, למשל, געפין איך אַן אוצר פון גאָלד און בריליאַנטן, ווי מ׳דערציילט עס אין די אַלטע מעשהלעך. און דאָ האַלט איך ביים פאָרן צו דיר, און דער ממונה איבערן אוצר טוט מיר אַ פרעג: קלייב זיך אויס, וואָס ווילסטו בעסער — דעם אוצר און דאָ בלייבן, אָדער גלייך פאָרן צו סאָניען?״

„אוודאי גלייך פאָרן צו סאָניען!״ האָט סאָניע אים ארויסגעכאַפּט דעם ענטפער.

„ביסט גערעכט: איך וואָלט מיט שימחה זיך אָפּגעזאָגט פון גרעסטן אוצר!״

„אָבער איצט מוזטו זיך אָפּזאָגן פון קליינעם אוצר...״ האָט סאָניע גע־לאַכט. „מיר האָבן זיך צו לאַנג פאַררעדט און דו ועסט נאָך פאַרשפּעטיקן די באַן. מאָרגן פרי מוזטו זיין אין קאַפּעריטע. און איצט קלאַפּ זיך ארויס דעם אוצר פון קאָפּ. בעסער גיי אריין אין שטוב און זאָג דעם אָנקל מיט ראָזין אַ „גוד ביי און טהענק יו״. איך וואַרט דאָ און וועל דיר באַגלייטן...״

טשאַרלי באַגעגנט קלמנען נאָך זיין צוריקקער

„סאקאבאַנא, קלמן!״ מיט דער באַגריסונג פון די שוואַרצע האָט טשאַרלי באַגעגנט קלמנען, ווען ער איז זונטיק שפּעט אין אָוונט אראָפּגע־קומען פון שטאָט. די לעצטע טעג זינט ס׳איז פאָרגעקומען דער אינצידענט צווישן אים און קלמנען, האָט טשאַרלי אומפריינדלעך און אָנגעכמורעט גע־קוקט אויף קלמנען, ווי ער וואָלט געווען זיין ביטערסטער שונא. פון דעסטוועגן האָט ער געוווסט, אז קלמן איז אַ גרויסע הילף פאַר אים, האָט ער אים איצט אויפגענומען מיט אַ ברוך־הבא, גלייך ווי ער האָט זיך באַוויזן

אין טיר. ער האָט אפילו צוגעשמייכלט און צוגעגעבן אין אַ שפּאַס: „נעכטן האָסטו זיך אזוי געאיילט, אז דו האָסט אפילו ניט געזאָגט אַ זיי־געזונט. האָב איך וועדליק דיין איילעניש צו לויפן אין שטאָט געמיינט, אז עס וואַרט אויף דיר אַ גרויסע ירושה און דו וועסט שוין צוריק אין קאַפּעריטע ניט קומען.״

„אַ ירושה זאָגסטו?״ האָט קלמן איבערגעפרעגט און זיך דערמאָנט דעם שמועס מיטן אָנקל. „אין לעבן, טשאַרלי, קען אַלץ טרעפן, אפילו אז קלמן זאָל קריגן אַ גרויסע ירושה. אָבער ביז די ירושה וועט קומען — ווי זאָגט מען: ביז דער קרעטשמע דאַרף מען אויך אַ טרונק בראָנפן. דער־ווייל וועט מען מוזן האַרעווען אין קאַפּעריטע און דאָ וועט מען מוזן אריינ־לייגן די אייגענע כוחות.״

טשאַרלי האָט זיך אפילו ניט צוגעהערט צו קלמנס רייד, ער האָט געוואָלט עפּעס אַנדערש וויסן:

„און ווי איז דיר געגאַנגען אויף דער גרויסער פּאַרטיע?״

„מיר איז געגאַנגען, גוטער ברודער, זייער גוט. אין קאָרטן האָב איך ניט געשפּילט, האָב איך קיין איין פּעני ניט פאַרלאָרן. ווען דו ,טשאַרלי, וואָלסט געזען ווי די יידן האָבן זיך געוואָרפן מיט פּעק געלט ביי די קאָרטן, וואָלט עס דיך אָנגעכאַפּט אַן אימה. און מיך האָט איין זאַך געוווּנדערט: פון וואַנען נעמט זיך ביי זיי אזוי פיל געלט צו פאַרשפּילן? האָט זיך עס דאָרט אַ ביסל געטאָן...״

„טו העל וויט טהעם!״ האָט טשאַרלי געשאָלטן. „און דו מיינסט אוודאי אז זיי פאַרשפּילן זייערע, די בלעדי געמבלערס, מאַכסטו אַ ,מיסטייק׳. דער וואָס איז אַ געמבלער אַרט אים ניט מיט וועמענס געלט ער שפּילט, מיט אייגענע צי מיט פרעמדע. די דאָזיקע חברה זיינען דאָך די גרעסטע ספּעציאַליסטן אויף לייען, באָרגן, אריינכאַפּן און — ניט אָפּגעבן צוריק. די הויפּטזאַך: אַבי זיי האָבן מיט וואָס צו געמבלען. און אַ מאָל טאַקע גיט זיך זיי איין: מ׳כאַפּט אַ ,ראָיאַל פלאַש׳, מ׳נעמט אויס אַ ,פול׳ און דעמאָלט מיינען זיי שוין, אז זיי האָבן אָנגעכאַפּט גאָט פאַר דער באָרד. איז אָבער פאַר איין מאָל געווינען גיבן זיי שפּעטער אָפּ מיט אזא פּראָצענט אז ס׳גייט זיי ארויס באָקאָם. פאַרשפּילן אַ פּיוועד איז טאַקע ביי זיי ,נאַטינג׳, אַ שפּיי, ,דזשעסט לייק טהיס׳״, האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן מיט די פינגער, „אָבער דו פּרוביר נאָר ארויסקריגן ביי די זעלבע אויפטוער פינף שילינג אַ נדבה,

וועסטו מער נ׳ט קריגן אַ הוסט מיט אַ געגעץ... אזוי זיינען זיי, די ליידיק־גייערס!״ האָט ער געזאָגט מיט כעס.

„נו, מילא, זאָלן זיי הנאה האָבן, די געמבלערס, מיר וועלן זיי שוין ניט איבערמאַכן. ביי מיר זיינען זיי געגליכן צו שיכורים, וואָס ווייסן ניט פון קיין מאָס. אַ שיכור מוז זיך אויף פאַרטרינקען ביז ער ווייס ניט אויף וואָסער וועלט ער איז. אויך דאָס קאָרטנשפּיל איז אזא מין שיכרות, און ווי דו קענסט ניט אָפּגעוויינען אַ שיכורן פון ביטערן טראָפּן, אזוי קענסטו ניט אָפּגעוויינען אַ געמבלער פון קאָרטן — איינער האָט הנאה פון טרינקען, אַ צווייטער פון שפּילן, אָבער אזוי גייט שוין די וועלט זינט מיר געדענקען. אפשר האָט אברהם אבינו אויף זיינע פּאַרטיעס מיט די מלאָכים אויך געשפּילט אין קאָרטן, אָבער מ׳האָט עס ניט פאַרשריבן אין חומש...״

„רעדסט דאָך שוין באַלד ווי דזשעק, ביסט אויך אַ פילאָסאָף?״ האָט טשאַרלי געלאַכט.

„ניין, טשאַרלי, ווי דזשעק קען איך ניט ריידן. צו קענען אזוי ווי דזשעק זאָכן, מוז מען אַ סך לערנען און פיל ביכער לייענען, און איך קען קוים עברי. דעריבער דאַרף מען זיך לערנען פון אזא וואָס האָט מער ׳עקספּיריענס׳... נו, די ׳וויקענד׳ איז געווען פול מיט ׳עקסייטמענט׳, ווי מ׳זאָגט עס אין אייער אַפריקע. איצט פיל איך זיך אַ ביסל מיד און שוין צייט אַרויפוואַרפן דאָס פּעקל ביינער אויפן מאַטראַץ. אַ גוטע נאַכט, טשאַרלי!״

15

[illegible]

קלמן האָט זיך אַריינגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט מיט אַ גרע־סערן אימפּעט. דער באַזוך ביים אָנקל, כאָטש ער איז געווען אַזוי קורץ, האָט אים אָפּגעפרישט און אָנגעגאָסן מיט נייע כוחות. זיין שטימונג איז איצט געווען אַ גאָר געהייבענע און מיט זיין גוטן שמייכעלע האָט ער באַ־דינט די שוואַרצע אין קאַפעריטע. ער האָט זיי באַהאַנדלט מענטשלעך און פריינדלעך. ער פלעגט זיי צוואַרפֿן נאָך אַ ביסל „פּאַפּ" און אַ ברעקל פלייש, ווען טשאַרלי האָט ניט באַמערקט. ער האָט טאַקע פאַר טשאַרלין קיין מורא ניט געהאַט, נאָר ער האָט ניט געוואָלט אָנהייבן אַ נייע קריגעריי. ער האָט איצט פאַרשטאַנען פאַר וואָס טשאַרלי האָט פיינט די שוואַרצע און זשאַלע־וועט זיי נאָך אַ לעפל געקעכטס. — עס איז די זעלבע מעשה ווי ביי זיין אָנקל, נאָר מיט אַן אַנדער קנייטש. טשאַרלי איז אויך קראַנק אויף דער נשמה און דאַרף אַ דאָקטאָר... ווי האָט עס סאָניע אָנגערופן? פּסיכאָלאָגיע... יאָ, ביי טשאַרלין איז עס אויך פּסיכאָלאָגיע...

סאָניע! זי איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן. ער האָט געדענקט אירע אַלע רייד. ער האָט איצט נאָך שאַרפער געדענקט דעם שמועס דעם זעלבן פאַרמיטאָג מיט זיין אָנקל.

דער אָנקל זעט אַלצדינג קלאָר, ער האָט באַמערקט וואָס עס קומט פאַר צווישן זיי און וועט געבן זיין צושטימונג. איצט האָט ער געזען זיין צו־קונפט זיכער און וואָס מער ער האָט אריינגעטראַכט אין דעם אַלעם, אַלץ פריילעכער איז ער געוואָרן.

סאָניע און ער וועלן זיין צוזאַמען. האָבן אַן אייגענע היים. ער וועט נאָך זיין אין עטלעכע יאָר ארום אַ גביר. ער וועט אויך איינאָרדענען פאַר־טיעס — אָבער אַן קאָרטן! נעמט קלמן גלייך אויס מיט זיך אליין אַ תנאי. ער האָט געהערט ווי מען רעדט וועגן אַמעריקאַנער יידן וואָס זיינען אָנ־געשטאָפּט מיט געלט, דאָרט רופט מען זיי אַלרייטניקעס. פאַר וואָס זאָל ער ניט קענען זיין אַן אַפריקאַנער אַלרייטניק?

ווערליק דער אָנקל האָט זיך פאַר אים פאַרטרויט, פאַרשטייט ער אז ער מוז פאַרמאָגן אַ היפּשע אַפּותיקו. און קלמן האָט זיך דערמאָנט וואָס פאַר אַן אָרעמקייט עס איז געווען אין דער היים. ניט נאָר ביי זיין אַלטער מאַמען, דער אלמנה, וואָס האָט געדאַרפט מיט איר שוואַכן געזונט אויסהאָרעווען דאָס שטיקל טרוקן ברויט, נאָר אפילו ביי אזא פאָר געזונטע זשלאָבעס ווי כאַטשע און העטשע. אויך ביי זיי איז אין די טעג פון אַ גאַנץ וואָך געווען אַ פאָסנע מאָגערע זופּ. ווען זיי דערזעען אַזאַ פאַרטיע ווי ס׳איז געווען דעם שבת צונאַכט ביים אָנקל, וואָלטן זיי זייערע אויגן ניט געגלויבט. אָבער ער וועט ניט וואַרטן אויף דעם אָנקלס ירושה, זאָל ער לאַנג לעבן — ער וועט גלייך צונויפקלאַפּן ווי ניט איז אַ פאָר פונטלעך און אָפּשיקן צו זיי אהיים. גוט אז מ׳דערמאָנט זיך באַצייטנס אַן אַ מאַמען אַ זקנה און גוטע ברידער, ווי כאַטשע און העטשע. זאָלן זיי זען אז ער האָט זיי ניט פאַרגעסן, וואָס זיי זיינען פאַר אים געווען. נאָך הונדערט און צוואַנציק יאָר וועט אויך זיין אָנקלס געלט געהערן צו אים, ער איז דאָך ניט קיין פרעמדער...

* * *

און קלמן באַשליסט ביי זיך, אז טאַקע נאָך היינט אָוונט, גלייך נאָך דער ארבעט, וועט ער זיך אריבערכאַפּן צו דזשעקן, ער זאָל אים דערקלערן ווי אזוי מ׳שיקט געלט אהיים און אים העלפן דערביי. נישקשה, ער וועט אָפּ־נעמען ביי דער „פּוזע" די פאָר פאַרדינטע פונט און עס גלייך אָפּשיקן. ער,

קלמן, דאַרף דערווייל גאָר ניט — ער האָט גענוג צום עסן און וואָס אָנצו־טאָן אויך.

אָבער אַז ער האָט דזשעקן דערציילט דעם זעלבן אָוונט וועגן זיין פּלאַן, האָט אים יענער מיט אַ מאָדנעם אומעטיקן קול אַ זאָג געטאָן: „האָסט זיך פאַרשפּעטיקט, קלמן, מיט דיין גוטהאַרציקייט. קיין געלט אהיים קענסטו שוין איצט ניט שיקן".

דזשעקס ווערטער זיינען געפאַלן האַרט איבער אים, ווי עמעצער וואָלט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן קאָפּ. „וואָס הייסט ניט? אַלע שיקן דאָך".

„קיינער וועט שוין ניט שיקן. היינט איז מיט גרויסע ווערטער אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג געשטאַנען, אַז רוסלאַנד האָט דערקלערט אַ מאָביליזאַציע און מען שלאָגט זיך שוין. ס'איז אַ מלחמה, גוטער ברודער. און וועדליק די נייעס, וועט זיך פאַרוויקלען אַ וועלט־מלחמה — פון איין זייט: דייטשלאַנד, עסטרייך און די באַלקאַנישע לענדער, פון דער צווייטער, דערווייל נאָר רוסלאַנד; אָבער ווי מ'זאָגט שוין פאָרויס וועלן צו רוסלאַנד צושטיין ענגלאַנד, פראַנקרייך און איטאַליע. און דאָס מיינט אַ וועלט־מלחמה, און איין גאָט ווייס וואָס דערפון וועט אַרויסקומען".

„ווי קומט עס איין מיטן דערינען אַ מלחמה?!" האָט קלמן ניט געקענט תופס זיין דעם גאַנצן ענין. „און וואָס ווילן זיי איינער פון אַנדערן, די אַלע..."

דזשעק האָט געזען אַז קלמן קלייבט זיך ניט פאַנאַנדער אין דעם גאַנצן שפּיל און מען דאַרף אים מסביר זיין: „פאַרשטייסט, קלמן, רוסלאַנד און דייטשלאַנד קוקן שוין אַ לאַנגע צייט קרום איינער אויף דעם אַנדערן און יעדער פון זיי זוכט אַ צוטשעפּעניש ווי אָנצוהייבן אַ מלחמה, איבערהויפּט האָט עס געזוכט דער דייטשישער קייזער ווילהעלם. האָט זיך איצט גראָדע געמאַכט אַ גוטער תירוץ, אַז מ'האָט אוועקגעהרגט אַ סערבישן קרוינפּרינץ, איז עס זיי אריינגעפאַלן אין האַנט, ווי אַ מזלדיקער קאָרט צו אַ שפּילער — האָט מען זיך צוגעאײַלט און גלייך דערקלערט קריג. פאַרשטייט זיך אַז דאָס איז נאָר אַן אויסרייד, ווייל ווער ס'האָט אים געטויט ווייס מען ניט גענוי. קען זיין אַז דאָס איז גאָר אַ שפּיצל פון דייטשלאַנד, כ'מיין, דער מאָרד".

„איז אויב אפילו מען האָט דערהרגעט איין מענטשן, דאַרף מען צוליב דעם מאַכן אַ מלחמה צווישן אַזוי פיל פעלקער. מ'וועט דאָך אויסהרגענען טויזנטער מענטשן אין אַזאַ מלחמה!" האָט קלמן נאַאיוו און פאַרוואונדערט געפרעגט צו דזשעקן.

„ביי מיר ביסטו גערעכט, קלמן, אָבער די זאַך איז ניט אַזוי פּשוט. זיי נעמען זיך אפילו ניט אָן פאַר דעם קרוינפּרינץ און עס אַרט זיי ניט זיין טויט, נאָר דאָ איז פּאָליטיק. און פּאָליטיק איז אַן אומגליק פאַר אַלע מענטשן, זי שלעפּט אַריין אין מלחמות, הונגער און צרות פאַר אַלעמען. דייטשלאַנד, למשל, האַלט אין איין טענהן פאַר אַ סך יאָרן, אַז זי האָט צו ווייניק ערד פאַר אירע איינוווינער. ווי מ׳לעבט, לאָמיר זאָגן, אין אַן ענגער דירה און ס׳איז ניטאָ וווּ זיך אַ קער צו טאָן. איז עס איר פאַרלאַנג זיך צו מאַכן אַ ביסל גערוימער, און אָט — איר שכן, רוסלאַנד, האָט זיך צעלייגט אויף אַ גאַנצן זעקסטל פון ערדקיילעך, ווי למשל, עמעצער האָט אַ זייער גרויס הויז און ס׳איז ניטאָ ווער עס זאָל איר באַוווינען.

„מסתמא טראַכט דערביי דייטשלאַנד, אַז רוסלאַנד איז ניט גענוג שטאַרק און קען ניט אַזוי ווי זי די נייע תכסיסי־מלחמה. אַ ראיה, די קליינע יאַפּאַן האָט געוווּנען לעצטנס די מלחמה מיט דער גרויסער רוסלאַנד. דייטשלאַנד האַלט אַז רוסלאַנד איז נאָר אַן אויפגעבלאָזענער גולם, דעריבער איז זי זיכער ביי זיך, אַז זי וועט איר צעשלאָגן אין אַ גאָר קורצער צייט. חוץ דעם איז רוסלאַנד אויפגעפרעסן פון שוחד און קאָרופּציע און די אומ־צופרידנקייט פון די מאַסן מיטן צאַר און זיין רעזשים איז גאָר שטאַרק. מאַכט דייטשלאַנד דעם חשבון, אַז אויב אפילו רוסלאַנד וועט אַריינקריגן ווי שותפים אין דער מלחמה אי די ענגלענדער, אי די פראַנצויזן און אי די אי־טאַליענער, וועט זי מיט אירע אויסגעצייכנטע אָפיצירן און מיט איר גוט אויסגעשולטער אַרמיי זיי אַלעמען אַריבערשטייגן. איבערהויפּט פאַרלאָזט זי זיך אויף איר סטראַטעגיע, ווי איך האָב עס שוין דיר פריער דער־קלערט. און מיט אירע תכסיסי־מלחמה וועט זי זיך אויך אַן עצה געבן מיט זיי אַלעמען״.

דזשעק האָט אַריינגעקוקט קלמנען אין די אויגן, ווי אַ רבי וואָס קלערט אויף זיין תלמיד אַ שווערע סוגיא פון דער גמרא און וויל זען צי ער פאַרשטייט עס.

„אַ פּנים אַז איך וועל שוין ניט פאַרשטיין די פאַראַנדקעס פון דער פּאָ־ליטיק, ווי דו רופסט עס״, האָט קלמן אָנטווישט זיין רביין, „אָבער לאָמיר זאָגן, דזשעק, אַז איך בין שטאַרקער פון דיר און מיר פעלט געלט, און דו האָסט געלט, וועל איך טאָן ווי די דייטשן טוען: כ׳וועל אָנפאַלן אויף דיר, דיר גוט אָנברעכן די ביינער און צונעמען פון דיר דיין געלט. איז וואָס וועט

די פּאָליציי אויף דעם זאָגן? אוודאי מיר געבן א קניפּ אין בעקל... איז עס דאָס זעלבע: אויב איין מלוכה איז שטאַרקער און קען באַפאַלן א צווייטע, אַ שוואַכערע מלוכה, אויסקוילענען טויזנטער און אפשר מיליאָנען מענטשן איז גאָר ניט — לית דין ולית דיין! און דאָס הייסט פשוט פּאָליטיק. פאַר וואָס קען עס ניט זיין ווי ביי אַלע מענטשן: אויב עמעצער מוז האָבן געלט, באַרגט ער און נאָך דעם צאָלט ער אויס. אויב דייטשלאַנד האָט ווייניק ערד פאַר אירע דייטשן און רוסלאַנד האָט אַ סך פרייע פלאַץ, טאָ זאָל זי קויפן פון איר און ניט סתם אין דער וועלט אריין זיך נעמען שיסן מיט האַרמאַטן, נעמען בגוואַלד!״

„קלמן, דו רעדסט ווי אַ קינד. אויף דעם זיינען דאָ מלחמות, זיי זיינען שטענדיק געווען און זיי וועלן אייביק זיין. מיר וועלן שוין די וועלט ניט איבערמאַכן. מלחמה איז אַ דערפינדונג פון מענטשן, כאָטש עס איז גאָר ניט מענטשלעך...״

„אפילו ביי חיות זעט מען עס ניט. מענטשן זיינען ערגער ווי חיות״. האָט קלמן געפּרוווט געבן זיך אליין אַ פירוש צו דזשעקס רייד.

„ביסט גערעכט, קלמן. ווייל פון דעם ערשטן טאָג זינט דער מענטש עקסיסטירט, האָט ער זיך ניט אויפגעהערט צו שלאָגן. אפילו ווען אויף דער גאַנצער וועלט זיינען געווען נאָר צוויי לייבלעכע ברידער, האָט אויך איינער דערהרגעט דעם צווייטן. און ווי אזוי זיינען די יידן געקומען קיין ארץ ישראל נאָכן ארויסגיין פון מצרים — ניט דורך מלחמות? זיי האָבן אויס־געקאָסעט אַלע קליינע פעלקער פון דעמאָלטיקן לאַנד כנען. מלחמות קומען אַ מאָל אין אַ קלענערן מאסשטאַב, אַ מאָל אין אַ גרעסערן, אָבער די היינטיקע מלחמה זעט אויס וועט זיין אין אַ וועלט־מאסשטאַב. ס׳וועט אריינצי׳ען די גאַנצע וועלט און ווי מ׳זאָגט: קיין גוטס וועט פון דעם ניט ארויסקומען...״

„זאָג מיר, דזשעק, קענען מיר עפּעס העלפן? דו זאָגסט דאָך אליין, אז ס׳איז נאָר די פּאָליטיק און אזוי וועט שוין אייביק זיין, איז פאַרפאַלן. ס׳איז מיר נאָר אַ שאָד, וואָס איך קען מיין אַלטער מאַמען ניט העלפן, און מיינע בעסטע פריינד, כאַטשען און העטשען. דו ווייסט ווי איך האָב זיך היינט אַ גאַנצן טאָג געגרייט צו קומען צו דיר. כ׳האָב זיי געוואָלט שיקן צו איין פונט יעדערן — צוזאַמען 3 פונט — און דו קענסט זיך פאַרשטעלן וואָס אַ פונט וואָלט מיינען פאַר זיי? אַ גאַנצער מאַיאָנטעק, זיי וואָלטן דאָרט אָפּגעלעבט, ס׳וואָלט דאָרטן געווען ששון ושימחה. און דאָ, מיט אַ מאָל,

אזא אומגליק! און איצט זאָגסטו, וועט מען שוין מער ניט קענען שיקן צוליב דער מלחמה, אז פאַרברענט זאָלן זיי ווערן, אי דער צאַר און אי דער קייזער. זיך אויסגעקליבן אַ צייט צו האַלטן אַ מלחמה, גראָדע ווען קלמן וויל שיקן זיינע פאַר פאַרהאָרעוועטע פונטן אַהיים.

„זעסטו, דזשעק, איין זאַך וואָס כ׳וואָלט נאָך געוואָלט, אז אונדזער צאַר ניקאָלייקע זאָל קריגן אָנגעבראָכן די ביינער ווי ס׳באַדאַרף צו זיין און מ׳זאָל פון אים פּטור ווערן. נאָר דאָס זאָל פּאַסירן גלייך און אַן עק, איידער די מלחמה וועט זיך נאָך צעפלאַקערן. עס זאָלן ניט פאַלן צו פיל אומשולדיקע קרבנות, נעבעך, אָרעמע טאַטעס פון עופהלעך און קליינע קינדער. איי, אז איך דערמאָן זיך נאָר אַז געצל איז נאָך היינט ביי פּאָניען, און מ׳וועט נאָך חלילה צונעמען אין דער מלחמה כאַטשען און העטשען. ווייסט, עס גע־פעלט מיר ניט דער גאַנצער עסק!״ האָט קלמן אויסגערופן מיט האַרץ.

„כ׳האָב דיר שוין געזאָגט, אז מ׳רעכנט זיך קנאַפּ וואָס מיט אונדזער מיינונג: צי דיר געפעלט, צי מיר געפעלט ניט, צי ס׳געפעלט קיינעם ניט, מיט דעם רעכענען זיך ניט די בעלי־בתים פון דער וועלט. און ס׳איז דער קוריאָז פון דער געשיכטע, וואָס די וועלט־פירער זיינען געצייל̇טע, עטלעכע מניני̇ם, אָדער אַמהעכסטן עטלעכע הונדערט, און די מאַסן, די מיליאָנען מענטשן קענען זיך ניט העלפן קעגן זיי. ס׳איז דערפאַר וויל אין די פּאַ־ראַנדקעס פון איינאָרדענען די וועלט און מאַכן מלחמות, האָבן די מאַסן קיין דעה ניט. מ׳פרעגט ניט דעם פאָלק, צי ער איז מסכים צו אַ מלחמה צי ניט. און די צרה איז נאָר וואָס די קאַפּיטאַליסטישע סיסטעם איז אין דעם אַלעם שולדיק, זי טויג אויף כפּרות!״ אזוי האָט דזשעק ארייגעטענהט אין קלמנען.

„זאָג מיר נאָר, דזשעק, דו זאָגסט אז ס׳וועט ווערן אַ וועלט־מלחמה, איז אויב אַ וועלט־מלחמה קען זיך עס דאָך פאַרטראָגן ביז אַהער, ביז אפריקע?...״

„געוויס קען עס אויך אָנרירן אפריקע. אויב ענגלאַנד זאָל אריינטרעטן אין קריג, ווי עס שרייבט זיך אין די נייעס, וועלן מיר אויך, אפילו קעגן אונדזער ווילן, אריינגעצויגן ווערן. פאַרשטייסט, מיר געהערן דאָך צו דער ענגלישער אימפּעריע, און יעדער ווער ס׳איז אונטערגעוואָרפן ענגלאַנד מוז איר העלפן מיט נעמען אַ חלק אין דער מלחמה. און דאָס זעלבע וועט געשען מיט אויסטראַליע, ניי־זעלאַנד און קאַנאַדע, אַלע גרויסע פעלקער פון דער ענגלישער אימפּעריע מוזן זיך באַטייליקן אין אַ מלחמה ווו ענגלאַנד איז פאַרמישט.

„הייסט עס, אז מ׳קען אונדז דאָ נאָך אויך געבן אַן עליה: יעמוד החתן קלמן בר׳ דוב־בער צום פּריזיוו!״

„דאָס ניט, קלמן. אין דעם זין איז דרום אפריקע פּרייער ווי די אַנדערע ענגלישע קאָלאָניעס. אויב ענגלאַנד וועט אריין אין קריג, וועט מסתמא די היגע רעגירונג ארויסגעבן אַן אויפרוף צו יונגע מענטשן וועגן פרייוויליק אריינטרעטן אין דער אַרמיי, דאַן איז די ברירה ביי אונדז אליין, קלמן״.

„זיינען זיי דאָך גאָר פיינע מענטשן״, איז קלמן געווען באגייסטערט.

„יאָ, קלמן, ווייל ענגלאַנד איז אַ דעמאָקראַטיש לאַנד, כאָטש די סיסטעם איז פּאָרט אַ קאַפּיטאַליסטישע. אָבער דאָ וועט דיר קיינער ניט צווינגען גיין אין מלחמה פאַר ענגלאַנד. נויטן וועט דיר טאַקע קיינער ניט, אָבער אויב ווי אַ פּרייוויליקער ביסטו גרייט צו שטאַרבן פאַר דיין לאַנד, איז בכבוד גדול...״

„געטראָפן דעם אָרט!״ האָט קלמן געזאָגט אנטשלאָסן, ווי ס׳וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אים פּערזענלעך. „אָט קענען זיי מיר שוין זען ווידער. געגוג האָב איך זיך אָנגעליטן ביי פּאָניע קוואַס אין מיין דראַגונער פּאָלק. געהאַט צו זינגען און צו זאָגן פון אַ זוואָדנעם אַ שונא ישראל, מיט א דיסציפּלינאַרן געריכט און אָפּגעקומען גאָט צו דאַנקען נאָר מיט צוויי וואָכן קאַרצער. כ׳האָב אים מכבד געווען ווי עס באַדאַרף צו זיין, געדענקסט, דזשעק, איך האָב דיר שוין דערציילט די גאַנצע ׳סקאַזקע׳. און ווי מיין זוואָדנער האָט דעמאָלט אַ זאָג געטאָן ׳פּאַרכאַטי זשיד׳ און איך האָב אים אריינגעפּלעטשט אין מאָרדע, אָבער מ׳האָט מיר דערציילט אַז אויך אין דער מדינה גיט מען אַ זאָג דאָס זעלבע, נאָר אויף ענגליש, ווי הייסט עס דאָ?״

„בלעדי דזשו״, האָט אים דזשעק ארויסגעהאָלפן מיטן זידלוואָרט.

„יאָ, טאַקע אזוי, ברודער דזשעק. דאָס האָט מען מיר דאָ דערציילט. אויף מיין חשבון קען איך פאַרטראָגן אַ באַליידיקונג, כ׳קען אפילו אַראָפּשלינגען אַ זידל־וואָרט און עס אַרט מיך ניט, אָבער אז אַ ליאַדע אונטער־אָפיצירל זאָל מיך וועלן באַליידיקן נאָר דערפאַר ווייל איך בין אַ ייד — אָ, ניין, ניט ביי קלמנען! איז ווען איך, למשל, גיי פרייוויליק אריין אין דער היגער ארמיי און אַ שטיקל עלטסטער, ווי רופט איר זיי, אַ יאָקל, וועט מיך באַליידיקן און אַ זאָג טאָן ׳בלעדי דזשו׳, וועלן מיינע הענט ניט בלייבן ליגן אין קימפּעט, מיט איין שאָס וואָלט איך אזא איינעם געמאַכט קאַלט!״ האָט קלמן געשריען.

„באַרואיק דיך, קלמן! דו שרייסט ווי ס׳וואָלט שוין געהאַלטן דערביי. דו זאָגסט דאָך אליין אז דו ווילסט ניט גיין אין דער ארמיי פרייוויליק".

„אמת". האָט קלמן באשטעטיקט ווי פאַרשעמט. „ס׳דוכט זיך דיר אויס, אז איך קאָך זיך סתם אזוי, נאָר אויף מיר ברענט נאָך די הויט ווי נאָר איך דערהער אז אויך דאָ פעלן ניט קיין אנטיסעמיטן. און איך זוך טאַקע אזא איינעם, אים אָנצולערנען וואָס הייסט אַ ׳בלעדי דזשו׳. אז איך וועל געבן אַ לאָז מיינע פּאָר קולאַקעס אין גאַנג, וועט אזא איינעם די כאָליערע נעמען. אַנו, דזשעק, קענסט מיר ניט אונטערשאַרן אזא מין אורח. איי שפּעטער וועט זיין אַ ׳סוד׳, צי אַ ׳קאָרט׳, ווי איר רופט עס דאָ, און נאָך דעם אַ פּאָר וואָכן אין חד גדיא, איז שוין אַ נאַש בראַט געוווינט צו אזעלכע צרות. און וויפל האָט געפעלט אז מ׳זאָל מיך פאַרשיקן אויף קאַטאָרגע".

„רעדסט נאַרישקייטן, קלמן. ערשטנס איז ׳בלעדי דזשו׳ ניט אזא שרעק־לעך זידל־וואָרט און אַ מאָל מיינען זיי אפילו ניט צו באַליידיקן דיך, נאָר דאָס ווערט געזאָגט אזוי, אין גוטן מוט. צווייטנס, וועט מען דיר דאָ ניט באַפאַלן אין מיטן גאַס און אָנהייבן זידלען, דאָס איז ניט זייער מאָדע. די ענגלישע דזשענטללייט טוען עס מיט פיינקייט, און מיט איידלקייט נעמען זיי צו ביי אנדערע פעלקער זייערע קאָלאָניעס און נוצן זיי אויס, שלעפּן ארויס די כוחות און דאָס פאַרמעגן פון גאַנצע לענדער און פעלקער פּאַר הונדער־טער יאָרן. און אַלץ מיט העפלעכקייט. אז זיי דאַרפן דיר וועלן זיי דיר אויס־צאַפּן ביז דעם לעצטן טראָפּן שוויס און דו ביסט זייער שקלאַף, נאָר אז דער גרעסטער מיניסטער שרייבט צו דיר אַ בריוול וועגן א קלייניקייט, וועט ער ניט פאַרגעסן צו אונטערשרייבן: איך, דיין דינער... דאָס איז ליגן, חניפה און צביעות — און זיי טוען עס אַלע אזוי איידל".

קלמן האָט אויסגעהערט דזשעקס דרשה און געוועזן נשתומם ווי די ענגלענדער טוען באַהערשן אַ גאַנצע וועלט אי מיט שקר, אי מיט איידלקייט. דאָס האָט ער געהערט צום ערשטן מאָל. דזשעק האָט אים נאָך דערציילט קאָמישע עפּיזאָדן און וויצן פון ענגלישער דזשענטלמענישקייט, און קלמן האָט ווי זיין שטייגער האַרציק געלאַכט.

אין אַ שפּעטער שעה האָט ער דזשעקן אַ דריק געטאָן די האַנט מיט דאַנק פאַר אַלץ וואָס ער האָט געלערנט פון אים דעם אָוונט. דזשעק האָט זיך פאַרקרימט פון קלמנס דאַנקבאַרן האַנטדרוק...

16

פסטען פרישער שטורעם

יולי־חודש איז אָנגעקומען מיט קאַלטע טעג און נאָך קעל־טערע נעכט. אין די פרימאָרגנס ביז אַ שטיק אין טאָג זייַנען די פעלדער געווען פאַרצויגן מיט אייז־ווייסן פראָסט. אין מיטן טאָג פלעגט דאָס גראָז ארויסקריכן פון אונטער דעם פראָסטיקן שלייער, געל־פאַרחלשט און אָפּגעלעבט. דער ווינט אין די נעכט האָט גע־וואָיעט און געפייפט מיט שרעקנדיקע טענער, ווי הונדערטער מכשפות וואָלטן זיך געיאָגט הינטער די פענצטער. די ביימער האָבן זיך געשאָקלט הין און צוריק, ווי אומבאַהאָלפענע זעגל־שיפלעך אין אַ צעשטורעמטן ים. שוואַכערע ביימלעך האָבן ניט געקענט אויסהאַלטן און זיך איינגעבראָכן, ווי דינע מאַסטן אין אַ שטורעם.

מיט די בלעכענע דעכער האָט דער ווינט פאַרפירט אַ מלחמה. די נייע הייזער האָבן געהאַט די בלעכן גוט צוגעפעסטיקט און דער ווינט האָט בייז

געברומט אונטער זיי אָבער ניט געקענט בייקומען זיי. אָבער די אַלטע דע־כער האָבן געזיפצט און געקרעכצט, ווען דער ווינט האָט זיך אריינגעקראָגן אין זייערע שפּאַלטן און לעכער און ניט אַנדערש נאָר געוואָלט זיי ארונ־טערשלעפּן. מיט די לעצטע כוחות האָבן זיי געקעמפט איינצוהאַלטן זייערע פּאָזיציעס און געבן אַ שוץ די אָרעמע מענטשן.

אין די רייכע הייזער האָבן אַ גאַנצן טאָג געברענט די עלעקטרישע אויוונס און פייער־קאַמינען פון קוילן, אָבער וויפל מען האָט ניט גע־הייצט דורכן טאָג און אין די אָונטן די קאַלטע גרויסע צימערן, האָט די נאַכט־קעלט אין עטלעכע שעה פאַרשלונגען די לעפּלעכע וואַרעמקייט. די מענטשן זיינען געשלאָפן איינגעגנורעטע אונטער בערג מיט דעקעס. ווי נאָר מ׳פלעגט ארויסשטעקן די נאָז, פלעגט מען זיך שוין טרייסלען פון קעלט.

דער איינציקער וואָס האָט זיך אויסגעלאַכט פון דער קעלט איז געווען קלמן בולאַן. אין קלמנס ביינער איז נאָך געלעגן דער קרעפּקער טעם פון די רוסישע פרעסט און זאַווערוכעס אין די סטעפּעס פון קאַלוגע אין דראַ־גונער פּאָלק. ער האָט געקוקט מיט אַ חוזק־שמייכעלע אויף די „אָפּגעלעבטע אפריקאַנער״, ווי ער האָט זיי גערופן, אָנגעטאָן אין וואַרעמע מאַנטלען, מיט דיקע וואָלענע הענטשקעס און טרייסלען אויס די ציינער פאַר קעלט. ער האָט געקוקט אויף דער אָנגעפּעלצטער יונגער פרוי פון מ״ר פליישער און איר געגעבן אַ לעקציע וועגן פרעסט און קעלט:

„אָט דאָס רופט איר קעלט? ס׳איז דאָך צו לאַכן אין די הויפנס. וואָלט איר נאָר איין מאָל פאַרזוכט אַ 40 גראַדיקן פראָסט אין טיף ראַסיי, ווו איך האָב געדינט ביי די דראַגונער, וואָלט איר געזאָגט אז ס׳איז אין מיטן זומער דאָ. און מיר האָבן געמוזט זיצן אויף די פערד כמעט מיט הוילע הענט, און די פיס, אין די יוכטענע שטיוואַלעס, פאַרוויקלט נאָר אין דינע אָנעטשעס, און אזוי האָט מען געמוזט רייטן אין גאַלאָפּ. מ׳האָט זיך חלילה ניט געטאָרט באַקלאָגן, אויב אפילו מ׳איז דערפראָרן געוואָרן. דאָס איינציקע וואָס יעדער איינער האָט געמעגט, איז ארויסאָטעמען די וואַרעמע לופט פון זיין אינגע־ווייד, וועלכע פלעגט גלייך פאַרקילט ווערן אויף די ליפּן און באַקן. איר, אויסגעאיידלטע אפריקאַנער, זייט צו גרויסע יחסנים״.

פרוי פליישער האָט אויסגעהערט זיין פּאַרציע מוסר מיט אַ שמייכעלע און געזאָגט: „וואַרט נאָר אַ פּאָר יאָר, וועט איר שוין אַנדערש ריידן. איך האָב אויך אזוי געטראַכט״.

שפּעטער, ווען אין קאַפּעריטע איז געווען אַ פרייע שעה, האָט קלמן זיך צוגערוקט צו טשאַרלין און אים אָנגעוויזן אויף צוויי שוואַרצע, וואָס שטי־קער פון זייער קויל־שוואַרצער לייב איז ארויסגעקראָכן פון דער לעכערדיק־צעשאָטענער דעקע:

„זעסט, טשאַרלי, פאַר וועמען עס ברעכט מיר מיין האַרץ — אָט פאַר די אָרעמע און הונגעריקע שוואַרצע. זיי פאַרמאָגן ניט קיין בגד צו באַשיצן זיך פון דער קעלט און האָבן אויך ניט די פאַר פּעניס צו קויפן קוילן אויף צו מאַכן פייער אין זייער בלעכענער כלי זיך אָנצוואַרעמען. אויף זיי איז גאָטס רחמנות. זיי האָבן דאָך אפילו ניט קיין רעכטע דעקע צו פאַרוויקלען זייער דערפרוירענעם גוף. און אז איך זע די דאָזיקע אָרעמע מענטשן גייט מיר ניט איין מיין לעבן". קלמן האָט זיך ארויסגערעדט פון האַרצן, ווי ער וואָלט פאַרגעסן וואָס ערשט ניט לאַנג האָט דאָ פּאַסירט מיט טשאַרלין. טשאַרלי האָט אויף אים אַ שפּרונג געטאָן, ווי אַ הונט וואָס רייסט זיך אָפּ פון אַ קייט:

„שאַראַפּ, יו בלעדי בעל־מיצוותניק! דו האָסט דאָך אַן אמתע קאַפּער־שע נשמה, דו לאַגיזע איינער, אָט האָט ער זיך דאָס אַ ביסל צעדרשנט דער צער־בעלי־חיימניק. אויב דו ביסט טאַקע אזא בעל־רחמנות, טאָ פאַר וואָס גיסטו זיי ניט אוועק דיינע קאָלדרעס, האַ? באַאבון איינער! ווען דו וועסט זיי אוועקגעבן דיינע קאָלדרעס און אליין זיך צודעקן מיטן הינטן, ערשט דאַן וועל איך גלויבן אז דו מיינסט עס אויף אַן אמת. אָבער דו פּלאַפּלסט אזוי ווי אַ סך 'גרינע', וואָס קומען לעצטנס אריבער פון דער היים און זוכן יושר פאַר די שחורדיקע. פּרווו נאַר, דו, זוכן מאָראַל ביי זיי, וועסטו גלייך זען אז וואָס בעסער דו ביסט צו זיי, אַלץ ערגער וועלן זיי דיר באַהאַנדלען. און איצט האָב א ביסל געדולד, בורילע איינער, און מירן זען וואָס דו וועסט זאָגן אז דו וועסט זיך אָנשמעקן מיט זייער עיפּוש נאָך אַ פּאָר יאָר. אוי, דעמאָלט וועסטו שוין זינגען גאָר אַן אַנדער לידעלע", האָט טשאַרלי פאַר־ענדיקט מיט סאַרקאַזם און בייז געקוקט אויף קלמנען.

* * *

קלמנען האָט פאַרדראָסן וואָס ער האָט אָנגעהייבן דעם געשפּרעך מיט טשאַרלין, נאָך דעם ווי ער האָט געהאַט באַשלאָסן ביי זיך מער ניט פירן מיט אים קיין שמועסן. ער האָט אים דעריבער ניט געענטפערט און טשאַרלי איז שוין ארומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג אַ פאַרכמורעטער און שטילערהייט

געשאָלטן קלמנען מיט אַלע שוואַרצע. ער האָט געוואָלט אז די „פּוזע" זאָל אריינפאַלן אין מיטן טאָג, ווי אַלע מאָל, כדי די אָנגעצויגענע אַטמאָספער זאָל זיך אַ ביסל אויסלייטערן. נאָר מ"ר פליישער האָט זיך ניט געוויזן.

אויף מאָרגן, אַ שפּראָץ אויף באַגינען, ווען די פעלדער ארום זיינען געווען פאַרצויגן מיט אַ גלאַנציק־גרוילעכער מאָטקייט, ווי געפּרוּוירענער טוי, האָט מען מיט נערוועזע פינגער אָנגעקלאַפּט אויף דער שויב פון טשאַרליס און קלמנס קוואַרטיר. אז די צוויי פאַרמאַטערטע יונגעליט, וואָס זיינען געגאַנגען שפּעט שלאָפן, האָבן אזוי גיך ניט אָפּגעענטפערט, איז די בראַזגערייַ געוואָרן אַלץ שטאַרקער. קלמן איז אַראָפּגעשפּרונגען און אויפגעריסן דאָס פענצטער. אַנטקעגן אים איז געשטאַנען דזשעק.

„ווו איז טשאַרלי? זאָל ער שנעל לויפן נאָך אַ דאָקטאָר — מ"ר פליישער איז פאַרשלאָפט געוואָרן. ער ווייס ווי מע קריגט דאָ אַ דאָקטאָר, גיכער!"

טשאַרלי האָט שוין געהערט וואָס דאָ גייט אָן, האָט ער אויף גיך ארויפגעכאַפּט אויף זיך זיינע בגדים. ניט פאַרשפּילענדיק אפילו זיין רעקל, איז ער ארויסגעלאָפן אין דרויסן, און ניט פילנדיק דעם שטאַרקן ווינט, האָט ער מיט גיכע טריט אוועקגעשפּרייזט. אַ מאָדנע שרעק איז אים באַפאַלן און אַ שווייס האָט אים ארויסגעשלאָגן אויפן שטערן. אין קאָפּ האָט אים געקלאַפּט: אזוי פיל יאָרן מיט מ"ר פליישער... און ער האָט מורא געהאַט צו טראַכטן, וואָס עס קען איצט קומען.

ביי פליישערן אין הויז

ווען קלמן האָט זיך שטילערהייט אריינגעשלייכט אין מ"ר פליישערס הויז, האָט גערטי אים אַ ווונק געטאָן און אריינגעפירט אין קראַנקנס צימער. איצט האָט קלמן זיך אליין דערשראָקן: מ"ר פליישערס פּנים איז געווען גרוי און איינגעפאַלן, די נאָז איז געווען בלאַס און ווי פון ערד־קאָליר, די אויגן זיינען געווען פאַרזונקען אין צוויי גריבער, ווי אויסגעלאָשענע ליכט, די שוואַרצאַפּלען זיינען געווען אומבאַוועגלעך און שטאַר געקוקט אין איין פּינטל קעגנאיבער זיך. דער איינציקער סימן פון לעבן איז געווען זיין בויך, וועלכער האָט זיך אַלץ געהייבן ארויף און אַראָפּ. ער האָט דערביי געפּרייכט און געקרעכצט. פון דער אָנשטרענגונג זיינען אויף זיין שטערן

ארויסגעטראָטן טראַפּנס שווייס, ווי בלעזלעך, און קלמנען איז פּאַרגעקומען אז זיי זיינען ווי דער געפרוירענער טוי אויף די פעלדער אין דעם גרוי־פאַרוואָלקנטן באַגינען. קלמנען איז דורך אַ קאַלטער שוידער אין די ביי־נער. ער האָט זיך אַ טרייסל געטאָן און ארומגעקוקט.

אויפן בעט, לעבן חולה, איז געלעגן אַ ווייסע סערוועטקע. קלמן האָט גענומען די סערוועטקע און לייכט ארומגעווישט מ״ר פליישערס שטערן. זיינע אויגן האָבן מיט איין מאָל באקומען אַ גלאַנץ פון לעבן, ער האָט זיי אויסגעדרייט צו דער זייט פון קלמנען און דזשעקן און געקוקט אויף זיי מיט דאַנקבאַרקייט. ער האָט קיין וואָרט ניט ארויסגערעדט, אָבער אין זיין בליק איז געווען אַ ים מיט דאַנקשאַפט צו זיי.

איצט איז גערטי אויך צוגעקומען. זי האָט ארויפגעלייגט איר ציטער־דיקע האַנט אויף דעם קאַלטן שטערן פון מאַן.

דאָס וואָרטן אויפן דאָקטאָר האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. די מינוטן און שעהן זיינען געקראָכן איבערן צימער, ווי קריכנדיקע שלאַנגען מיט בייזע אויגן.

אין פענצטער איז געהאַנגען אַ בלייאיקער טאָג און די שטילקייט איז געלעגן אומדערטרעגלעך אין די ווינקלען פון צימער. גערטי האָט ניט גע־קענט איינזיצן אויף איין אָרט. זי איז ארומגעגאַנגען מיט פאַרבראָכענע הענט פון וואַנט צו וואַנט, יעדע ווייל איז זי צוגעקומען צום קראַנקן און ארויסגעלאָזט יעדן מאָל אַ זיפץ, וואָס קלמנען איז ניט קלאָר געווען — זיפצט זי אויף דעם קראַנקן אָדער אויף זיך?

* * *

קלמן האָט זיך אראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול, וואָס איז געשטאַנען ביים בעט, און אזוי שוין געבליבן זיצן. ער איז געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, ניט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך און ווי אזוי צו האַנדלען מיטן חולה. אזוי־זיצנדיק האָט ער זיך דערמאָנט, ווי ער האָט אכטונג געגעבן אויף זיין מאַ־מען און איר געהאָלפן, ווען די עפּידעמיע פון טיפוס איז אויסגעבראָכן אין שטעטל. צו דער מאַמען פלעגט ער ריידן און איר כסדר טרייסטן, אז זי וועט געזונט ווערן, גאָט וועט העלפן. איז דאָרט געווען אַנדערש, דאָס איז געווען זיין אייגענע מאַמע, אָבער דאָ איז אַ פרעמדער ייד מיט זיין יונגער פרוי. און די פרוי פליישער איז אים אויך ווייט און פרעמד.

פאַר דער צייט וואָס ער איז אין קאַפּעריטע, געדענקט ער ניט אז חוץ

יענעם טאָג, ווען ער האָט איר געזאָגט עטלעכע ווערטער וועגן די פּעלצן אירע און דעם וועטער, זאָל ער האָבן פריער אויסגערעדט מיט איר אַ וואָרט.

דער קראַנקער, מ״ר פליישער, איז דאָך פאַרט זיין בעל־הבית און אוודאי האָט ער דרך־ארץ פאַר אים דערפאַר וואָס ער האָט אַלץ אויפגע־טאָן, אזוינע ביזנעס! צום סוף האָט זיך קלמן אָנגענומען מיט מוט און איבערגעריסן מיט כמעט סודותדיקע ווערטער די שטילקייט. ער האָט גע־רעדט צו גערטין, אָבער די כוונה איז געווען אז אויך דער חולה זאָל הערן:

„זייט ניט אזוי פאַרצווייפלט, מר״ס פליישער, אייער מאן וועט באַלד ווידער זיין געזונט. ס׳איז דאָך ניט קיין נאָווינע אז אַ מענטש דערפילט זיך ניט מיט אַלעמען. אָט וועלן מיר זיך באַלד דערוואַרטן אויפן דאָקטאָר, און אז ער וועט קומען, אים געבן מעדיצין, וועט ער מיט גאָטס הילף קומען צו די כוחות. דער רבונו־של־עולם וועט אים צושיקן אַ רפואה שלמה!" און בשעת מעשה געקוקט אויף דזשעקן.

„הלוואי, מ״ר טראַיעוויצקי, און אַ דאַנק פאַר די גוטע ווערטער". גערטי האָט עס געזאָגט מיט גערירטקייט און אַ פייכטקייט האָט געגלאַנצט אין אירע אויגן.

אין דער שטילקייט האָט זיך דערטראָגן דער רויש פון אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז שטיין געבליבן אין דרויסן. „דער דאָקטאָר!" האָט גערטי אויס־גערופן מיט דערלייכטערונג, ווי די ישועה וואָלט געקומען.

דער דאָקטאָר, אין אַ טונקעלן ווינטערדיקן מאַנטל און איינגעוויקלט אין אַ וואָלענעם שאַל, איז אריין מיט זיין מעדיקאַמענטן קעסטל אין שטוב, הינטער אים האָט זיך ארייגגעלאָזן טשאַרלי מיט אויפגעריסן־נייגעריקע אויגן. אויף דער שוועל איז געבליבן שטיין דער שוואַרצער שאָפער מיטן היטל אין האַנט. דער דאָקטאָר האָט מיט אַ ווונק ארויסגעשיקט די מענער פון צימער און מיט דער הילף פון מר״ס פליישער האָט ער אונטערזוכט דעם קראַנקן. ס׳האָט ניט לאַנג געדויערט און ער האָט פעסטגעשטעלט, אז מ״ר פליישער ליידט אויף אַ האַרץ־אַטאַקע און אַ טיילווייזן פּאַראַליז וואָס האָט אָפּגענומען זיין לשון. דער דאָקטאָר האָט אַ שפּריז געטאָן צום טעלעפאָן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ טישל אין ווינקל. ער האָט טעלעפאָנירט אין שפּיטאָל און באַשטעלט אַ בעט און געבעטן גלייך ארויסשיקן דעם אמבו־לאַנס. ער האָט גערעדט האַרט און באַפעלעריש און פון דעם האָט גערטי פאַרשטאַנען אז די זאַך איז ערנסט.

ביי גערטיס עלטערן

ווי נאָר דער דאָקטאָר איז ארויסגעפאָרן פון הויף, האָט גערטי גלייך טעלעפאָנירט איר ברודער און אים איבערגעגעבן די טרויעריקע נייעס וועגן איר מאַנס קראַנקייט. לויטן געשפּרעך האָבן אַלע אין שטוב זיך דערוווסט וועגן וואָס מ׳רעדט און ווי נאָר דער זון האָט אוועקגעלייגט דאָס טרייבל, האָבן טאַטע־מאַמע זיך געשטעלט לעבן אים מיט דערשראָקענע בליקן. דער זון האָט זיי אַלץ אויסדערציילט און מען האָט דעם גאַנצן ענין פונאַנדער־געקליבן. גערטיס עלטערן זיינען געווען זייער פאַרזאָרגט. די מאַמע האָט פאַרצווייפלט געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי זי וואָלט געזאָגט: אונדזער טאָכטער קען חלילה בלייבן אַ יונגע אלמנה...

דער זון האָט געטרייסט די עלטערן, אז אזעלכע זאַכן, ווי האַרץ־אַטאַ־קעס, טרעפן איצט זייער אָפט. אָבער אין אַ סך פאַלן ווערן די קראַנקע אין גאַנצן געזונט און לעבן אויס זייערע יאָרן. גערטיס מאַן, מ״ר פליישער, האָט ער זיי דערקלערט, איז געווען צו פעט און געהאַט אַ צו גרויסן בויך, און דאָס ברענגט טאַקע די אַלע צרות. אָבער די דאָקטוירים ווייסן עס שוין ווי צורעכטצומאַכן, אז אזא איינער קען זיך אָנגיין און לעבן נאָרמאַל, אויב ער איז נאָר פאָרזיכטיק און ארבעט ניט צו פיל.

טאַטע־מאַמע זיינען מסכים געווען מיטן זון, אז באַרני פליישער האָט זיך ניט וואָס צו זאָרגן וועגן מאַכן אַ לעבן. זיינע ביזנעס אויף אַלע זייערע גוטע פריינד געזאָגט געוואָרן, און אז ער וועט זיך דאַרפן שאַנעווען וועט ער אריינגעמען א מענעדזשער אַכטונג צו געבן און ער וועט זיך זיצן רואיק אין זיין ביוראָ.

דאָס טרייסטן און די גאַנצע לעקציע פון זון וועגן דער קראַנקייט, האָט עטוואָס באַרואיקט די אַלטע טאַטע־מאַמע. אָבער לשם יתר בטחון האָט זיך דער פאָטער פאַרקליבן אין אַ ווינקל פון עסצימער, ארויסגענומען זיין אַלטן תהילים, וואָס ער האָט נאָך מיטגעבראַכט פון דער היים, און שטי־לערהייט האָט ער געמומען זאָגן קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

די מאַמע איז געזעסן פאַרבראָכן מיט די הענט אקעגנאיבער דעם מאַן און מיטגעשעפּטשעט ווייבערשע תחינות פון אויסווייניק. עלעהיי זי זאָגט אויך תהילים. יעדע ווילע האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אָפּגע־זיפצט מיט אַ „אוי ווי איז מיר!״.

דער זון איז געוואָרן נערוועז פון די עלטערן, וואָס האָט אים דערמאָנט אין שטעטל, ביי אַ מת אין שטוב. האָט ער געהאַט מיט זיך אַ קורצן יישוב הדעת און באַשלאָסן, אַז זיי וועלן צוזאַמען צופאָרן צום שטאָטישן שפּיטאָל, וווּהין דער דאָקטאָר האָט פאַראָרדנט ברענגען דעם קראַנקן, און דאָרט אָפּוואַרטן דעם אַמבולאַנס.

* * *

אין דער זעלבער צייט, ווען די עלטערן האָבן אָפּגעוואַרט זייער טאָכ־טער מיט איר קראַנקן מאַן ביים טויער פון שפּיטאָל, איז שוין מ״ר פליי־שערס הויז געווען פאַרצויגן מיט אַן אומעט, וואָס איז געווען נאָך טונקעלער ווי דער פאַרכמאַרעטער הימל. טשאַרלי און קלמן האָבן דעם פרימאָרגן זיך ניט געאײַלט אָפּצועפענען די קאַפעריטע. זיי זיינען געזעסן יעדער אין אַ ווינקל מיט פאַרקוועטשטע ליפּן. נאָר מר״ס פליישער האָט כסדר נערוועז ארומגעשפּאַנט פון צימער צו צימער, יעדע ווילע בלייבנדיק שטיין ביי אַן אַנדער פענצטער ארויסקוקנדיק אין דרויסן צו די ווייטע אומעטיק־גרויע פעלדער. דזשעק האָט זיך שטיל ארויסגעשאַרט צו עפענען די סטאָר. טשאַרלי האָט צו קלמנען איצט געוואָלט ארויסווייזן חברשאפט און האָט אים דערמאָנט, אז היינט זאָל ער אליין עפענען די קאַפעריטע. ער וועט דאָ בלייבן און אכטונג געבן, ער מעג זיך פאַרלאָזן אויף אים. און קלמן האָט זיך אויך שטילערהייט ארויסגעשלייכט פון שטוב. אין שטילקייט האָבן גערטי און טשאַרלי געוואַרט ביז דער אַמבולאַנס וועט קומען.

גערטי איז מיטגעפאָרן מיטן אמבולאַנס מיט איר קראַנקן מאַן. זי האָט געהאַלטן די פעטע האַנט זיינע מיט רחמנות און ס׳האָט איר איצט ניט גע־עקלט פון אים. זי האָט זיך באַמיט, אויף וויפל נאָר זי האָט געקענט, אים צו טרייסטן. אין שטאָטישן שפּיטאָל, ווו זיי פאָרן איצט, ארבעטן די גרעס־טע ספּעציאַליסטן, און זיי ראַטעווען פּשוט מענטשן. די לעצטע צייט מערן זיך די האַרץ־קראַנקע און דער גרעסטער טייל ווערט צוריק געזונט. לויט זיינע אויפגעלעבטע אויגן האָט זי געזען, אז ער פאַרשטייט וואָס זי רעדט צו אים.

מ״ר פליישער האָט שוואַך געדריקט זיין פרויס האַנט. זי האָט געפילט ווי שטאַרק דאַנקבאַר ער איז, אָבער נאָך מער האָבן זיינע אויגן איצט גע־רעדט צו איר. גערטי האָט געפרווט עס איבערזעצן אין ווערטער, וואָס זי האָט אין איר געדאַנק צוזאַמענגעשטעלט: גאָט ווייסט, גערטי, איין גאָט

ווייס... וואָלט איך כאַטש געפילט אַ שטיקל פאַרבעסערונג, אָבער ס׳דוכט, אז ס׳ווערט מיר ערגער... נאָר לאָמיר האָפן אז גאָט וועט העלפן... ער קען געזונט מאַכן.. אַ נס וועט פאַסירן... אפשר.. די זאַצן האָבן זיך געריסן אין גערטיס מוח ווי שפינוועבס. זי האָט אפילו ניט באַמערקט ווי דער אַמבו־לאַנס איז שטיין געבליבן אין הויף פון שפיטאָל.

גערטיס מאַמע און איר ברודער האָבן איר באַגעגנט מיט אַ געוויין.

מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיקייט האָבן צוויי באַדינער מיט אַ קראַנקן־שוועסטער אריינגעבראַכט מ״ר פליישערן אין זיין אָפּטיילונג. מ׳האָט אים אוועקגעלייגט אין בעט, וואָס איז שוין געשטאַנען פאַר אים צוגעגרייט, און די שוועסטער האָט גלייך טעלעפאָנירט צום האַרץ־ספּעציאַליסט. זי האָט געזאָגט אז ס׳איז אַ זייער דרינגנדיקער פאַל. די שוועסטער האָט דערלויבט די משפּחה־מענטשן אריינגיין אויף אַ ווייל און גערטין האָט זי צייטווייליק געלאָזט זיצן ביים בעט פון איר מאַן. די דריי משפּחה־מענטשן האָבן מיט באַדויער געקוקט אויפן הילפלאָזן מאַן, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט דרעמלען. זיי זיינען ארויס נאָך מער דערדריקטע.

* * *

די קראַנקן־שוועסטער האָט אָנגעהייבן זיך עוסקן ארום קראַנקן, אַוועק־געלייגט די קישנס אונטער זיין קאָפּ און אים געמאַכט באַקוועם. קענטיק אז די שוועסטערשע געניטע הענט האָבן דעם קראַנקן אַ ביסל אויפגעמונ־טערט און ס׳איז אים אַ ביסל לייכטער געוואָרן. ער האָט אפילו גענומען ציטערדיק באַוועגן מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט גערטין זאָגן. גערטי האָט אפילו צוגעלייגט אַן אויער, אָבער מער ווי זיין הייסן אָטעם האָט זי ניט געפילט. זי האָט ווידער אָנגענומען זיין האַנט און אין דער מינוט זיינען ווידער אריין דער ברודער מיט די עלטערן. דער קראַנקער האָט זיי דערזען און זיינע אויגן האָבן אויפגעלויכטן. ער האָט זיך אָנגעג־שטרענגט און לייכט אַ שטופּ געטאָן גערטיס האַנט, ווי ער וואָלט געזאָגט גיי מיט זיי, רו זיך אויס.

די קראַנקן־שוועסטער האָט באַמערקט גערטיס פאַרמאַטערטקייט און איר געזאָגט, אז ביז דער דאָקטאָר וועט קומען און אונטערזוכן איר מאַן, איז ניט נייטיק אז זי זאָל וואַרטן. זאָל זי זיך גיין אָפּרוען און קומען שפּעטער אין אָוונט. גערטי האָט געבעטן די שוועסטער, אז זי זאָל גוט אַכטונג געבן אויף אים. די שוועסטער האָט געשמייכלט מיט אַ פול מויל ווייסע ציינער

און איר פאַרדיכערט, אז זי קען רואיק איבערלאָזן איר מאַן אין אירע הענט, זי האָט געגנוג דערפאַרונג און ווייס וואָס צו טאָן מיט אזעלכע קראַנקע.

מיט אַ שווער געמיט איז גערטי אַוועק פון שפּיטאָל. זי האָט אין דער היים ביי די עלטערן די גאַנצע צייט געשוויגן. די פּלוצלינגדיקע ענדערונג אין איר לעבן האָט איר דערדריקט און די שעהען האָבן זיך געצויגן ווי יאָרן. און ווען זי איז אין אָוונט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אריין זען וואָס איז געוואָרן מיט איר מאַן, האָט זי זיך אַ ביסל באַרואיקט. מ״ר פליישער איז געשלאָפן. ער האָט געאָטעמט קינסטלעכן זויערשטאָף, אָבער זיין אָטעמען האָט גערטין אויסגעדוכט צו זיין אַ סך לייכטער ווי געווען.

קענטיק אז דער שלאָף האָט אים גוט געטאָן, ווייל זיינע באַקן זיינען געווען צערויטלט. עס זעט גאָר אויס אַ געזונטע פאַרב, האָט גערטי גע־טראַכט, ס׳קען זיין אז עס קומט ווייל ער איז צעהיצט און מ׳האָט אים גע־געבן איינשפּריצונגען, ווי די שוועסטער דערציילט איר. זי גיט גערטין גוטע האָפענונגען, אז איר מאן וועט געזונט ווערן. ווען ער וואָלט ניט גע־ווען אזוי פעט, וואָלט עס אים פיל גרינגער אָנגעקומען. דער קראַנקער „פּיט״ איצטער פאַר זיין לעבן און די ערשטע דריי טעג זיינען דעצידירנ־דיק, אָבער ווי עס זעט אויס וועט ער זיך דורכבערעכן.

גערטי האָט שוין געציילט די טעג. זיי זיינען געווען לאַנג און אומע־טיק. זי איז געלאָפן אויפן דריטן טאָג אין שפּיטאָל און זי האָט זיך דער־ווסט, אז ביינאַכט האָט ער געהאַט אַ צווייטן האַרץ־אַטאַק. אויף זיין פּנים האָט זי באַמערקט רויטע פלעקן. פון זיינע פאַרקראַמפּטע ליפּן האָט זי פאַרשטאַנען, אז ער האָט גרויסע ווייטיקן. די ליפּן זיינען געווען פון אַש־קאָליר און געציטערט.

די קראַנקן־שוועסטער איז גראָדע ארויסגעגאַנגען וועגן עפּעס. גערטי איז געבליבן זיצן פאַרצווייפלט און האָט איינגעגראָבן זיך מיטן בליק אין איר מאַנס פּנים. איר האָט זיך אויסגעדאַכט, אז זיין פּנים איז אין גאַנצן איינגעצערט געוואָרן און אין בעט איז געוואָרן אזוי געערוים, ווי דאָרט וואָלט געווען אַ פּוסטקייט... זי האָט זיך דערשראָקן און געוואָלט ארויסלויפן, נאָר אין דער זעלבער רגע האָט באַרני אויפגעעפנט די אויגן, ווי ער וואָלט דער־פילט איר אָנוועזנהייט. זי איז געבליבן שטיין צוגעשמידט צום אָרט.

זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון יסורים. מיט אַ מאָל האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטרענגט אוועקצוזעצן. אין

זיין אויג האָט אַ בליק געטאָן ווי אַ טרער און ער האָט מיט דער באַוועג־לעכער האַנט זיך אַ ריס געטאָן צו גערטין, ווי מיט אַ צעבראָכענעם פליגל. איר האָט זיך געדוכט, אז ער האָט אַ מורמל געטאָן: גערטי, דאָס איז מיין סוף. און אין זיין אויג איז די טרער פאַרגליווערט געוואָרן. גערטי האָט אַ געשריי געטאָן, ווי זי וואָלט דורכגעזעצט די לופט פון שפּיטאָל־רוים...

תיכף זיינען אָנגעלאָפן דער הויפּט־דאָקטאָר מיט דער קראַנקן־שוועס־טער, אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. אויף גערטיס הענט האָט איר מאַן אויסגעהויכט זיין נשמה.

אַ גאַנצע נאַכט איז גערטי געלעגן וואַך און ס'האָט איר געמאַטערט דער געדאַנק: וואָס האָט באַרני געזאָגט די פאָר ווערטער פאַר זיין טויט? צי האָט זיך עס איר בלויז געדוכט. און אז זי איז באַגינען איינגעדרימלט אין מידקייט, האָט זי אים געזען אַ לעבעדיקן אריינגיין אין צימער און זי האָט קלאָר געהערט פון זיין מויל די ווערטער: גערטי, דאָס איז מיין סוף... און זי האָט זיך אויפגעכאַפּט.

17

די לויה פון מ״ר באַרני פליישער

צו דער לויה פון מ״ר פליישער זיינען אָנגעקומען פון זיין קאָנצעשן סטאָר צוויי געפּאַקטע אויטאָמאָבילן. ס׳איז געווען אַ פריאיקע זונטיק פאַרמיטאָג־שעה און אויפן בית־עולם אין בריקסטאָן זיינען געשטאַנען קרייזלעך יידן, וואָס זיינען געקומען צו לוויות פון משפחה, באַקאַנטע און צו מצבה־שטעלן.

אָפּגעזונדערט אין אַ קופּקעלע זיינען געשטאַנען די אָנגעשטעלטע פון פליישערן: דזשעק, טשאַרלי און קלמן. אַ ביסל אָפּגערוקט פון זיי זיינען געשטאַנען דער שוואַרצער שאָפער און אַלע איבעריקע שוואַרצע באַדינער פון הויז, פון קאָנצעשן סטאָר און פון קאַפעריטע. זיי זיינען געשטאַנען באַזונדער, צוזאַמענגעקוועטשט, ווי אַ קליינע שרעקעדיקע סטאַדע שעפסן. זייערע אָפּגעטראָגענע אָנטועכצן און די אלטע קאַפעליושן האָבן זיי נאָך מער אויסגעטיילט פון דעם ארום און אונטערגעשטראָכן זייער אָרעמקייט.

אין אָנגעזיכט פון טויט איז נאָך טראַגישער פאָרגעקומען די אָפּגעזונדערט־קייט און ווייטקייט צווישן ווייס און שוואַרץ.

אין אַ זייטיקן חדר איז שוין געווען גערטי מיט איר ברודער און די עלטערן. איר גאַנצע שוואַרצע קליידונג, אירע שוואַרצע שיך־און־זאָקן מיט דעם שוואַרצן קאַפּטיכל ארום די פרישע באַקן, האָבן קלאָרער ארויסגע־בראַכט איר בליענדיקע יונגשאַפט. עס האָבן זיך שווייגנדיק אריינגעשאַרט עטלעכע קרובים, אַ פּאָר פריינד און באַקאַנטע. אפילו עטלעכע לאַנג־פאַרגעסענע לאַנדסלייט האָבן זיך אָפּגעזוכט. זיי האָבן זיך טומלדיק אונ־טערהאַלטן, ווי זיי וואָלטן צופרידן געווען צו געפינען אַ לאַנדסמאַן וואָס האָט זיך פאַר יאָרן אויסבאַהאַלטן פון זיי און קומען אים איצט באַגלייטן אויף יענער וועלט.

גערטיס ברודער איז געווען שטאַרק פאַרנומען מיט צוזאַמענשטעלן אַ צעטל מיט נעמען, וועמען מע איז מכבד מיט טראָגן די מיטה. ער איז צו־געקומען צו די ווייסע אָנגעשטעלטע און צוגעשריבן נייע נעמען. דער גבאי, וואָס רופט אויס די נעמען, איז שוין אומגעדולדיק געשטאַנען הינטער זיינע פּלייצעס און געוואַרט אויף דער רשימה.

קלמן האָט מיט חידוש באַטראַכט די צוגרייטונגען און די מאָדנע צע־רעמאָניעס, וואָס האָבן אים דערמאָנט אָן אַ גוייִשער „פּאָכאָראָנע״. דאָ איז אַלץ געווען דער היפּוך ווי אין דער היים. אין שטעטל פלעגן יידן גיין צו אַ לוויה אזוי ווי מען שטייט און גייט, אין די וואָכעדיקע קליידער, וואָס זיי־נען שוין געווען געזונג טרויעריק, אפילו קרוע־בלוע איז מען געגאַנגען. און דאָ? זע נאָר ווי די מענטשן זיינען אָראָפּגעקומען? פאַרפּוצטע ווי צו אַ חתונה, ווי מ׳וואָלט געקומען באַזוכן משפחה אין אַ יום־טוב — כאָטש נעם און דערלאַנג כיבוד... אזוינס וואָלט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, ווי ביי די גויים, להבדיל. און דאָס וואָס האָט אים געוווּנדערט אַמשטאַרקסטן און אפילו אים פאַרדראָסן, איז די שטילקייט. דאָ האָט געפעלט דאָס יידישע קלאָגן און וויינען, וואָס האָט צעריסן הערצער און פאַרטיפט דעם טרויער.

גערטיס מאַמע האָט נאָך יאָ ארויסגעקוועטשט טרערן, אויפן אַלטן שטייגער זיך געבראָכן די הענט און געשעפּטשעט: ווויי איז מיר און ווינד... מיין אומגליקלעכע טאָכטער... געבליבן אַ יונגע אלמנה, נעבעך... נאָך ערגער איז אים פאָרגעקומען, וואָס באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע ווייבער קו־מען צו גלייך צו גערטין און מ׳קושט זיך. אויף אַ לוויה זיך קושן! די

מענער שטעקן אָפּ אַ שלום־עליכם דער אלמנה, און איינער האָט אפילו זיך צוגעבויגן און זיך געשמאַק צעקושט מיט דער יונגער ווייבל און צוגע־וואָרפן זיין ברכה, ווי די אַנדערע, „לאַנג לייף“.

דאָ האָט שוין קלמן געמוזט אָפּדרייען דעם קאָפּ. וואָס איז דאָס פּאַר אַ פּאַראַנדקעס אין דער דאָזיקער מדינה? ער האָט אין דער זעלבער מינוט דערפילט אַ צי ביים אַרבל. דאָס איז געווען דזשעק. ער האָט אים אריינגע־שעפּטשעט אין אויער: „קום, מיר וועלן אַ קוק טאָן אַ לעצטן מאָל אויף אונדזער בעל־הבית“.

„וואָס הייסט עס אַ לעצטן קוק אויף אַ פּאַרשטאָרבענעם?“ האָט קלמן ניט געקענט פאַרשטיין וואָס דזשעק איז אויסן. „מאַכסט חוזק, דזשעק? אַז אַ מענטש שטאַרבט איז ער דאָך אַ בר־מינן, און אַ בר־מינן איז אָנגעטאָן אין תכריכים, ליגט אין אָרון און וואַרט מ׳זאָל אים טאָן זיין רעכט, מקבר זיין, טאָ ווי זשע קענסטו אים איצט זען?“ האָט ער נאַאיוו און פאַרדראָסיק געטענהט. „ווען מיר נאָך אפשר וועלן איינריידן, אז מ׳וועט קענען כאַפּן אַ שמועס מיט מ״ר פליישערן און אפילו אים דערציילן אַ וויץ, איידער מ׳לאָזט אים אַראָפּ אין קבר“.

„איצט איז ניט די צייט פאַר חכמות, קלמן. רייד בעסער ווייניקער און קום. אָט איז אויך טשאַרלי“.

* * *

אז דזשעק, טשאַרלי און קלמן זיינען אריין אין חדר, ווו דער מת איז געלעגן, האָבן זיך ביים שטאַרקן קלמנען די פיס אונטערגעבראָכן. דער אָרון האָט אויסגעזען ווי אַ ריכטיקע גוויישע טרונע, און מ״ר פליישער איז געלעגן מיט אַן אָפּגעדעקט פּנים, וואָס איז ניט געווען צו דערקענען. ווי אַ צעקנייטשטער געלער פּאַרמעט און פלאַך האָט זיין געזיכט אויסגעזען. אויף דעם אָרט פון די אויגן זיינען געווען צוויי גריבלעך... ביי קלמנען איז דאָס בלוט אָפּגעלאָפן פון זיינע געזונטע באַקן. אַ בלייכער האָט ער אונטערגע־שטופּט אויף גיך טשאַרלין, וועלכער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים בר־מינן. ער האָט איינגעגראָבן זיין בליק אין פּנים פון מת און זיך ניט געוואָלט רירן, ווי ער וואָלט גאָר הנאה געהאַט פון דעם מאַקאַברישן ספּעקטאַקל. ביים ארויסגאַנג פון חדר המת האָט טשאַרלי אַ זאָג געטאָן צו קלמנען:

„האָסט מורא געהאַט דאָ צו שטיין, לאַגיזע? זעסט, אָט אזוי קוקט אויס דער סוף פון מענטשן. ניטאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען“. ער האָט

ארויפגערוקט זיין צו גרויסע הוט, וואָס האָט זיך ביי אים אַראָפּגעלאָזט אי־בער די אויערן, פאַרהייבן דעם קאָפּ צו קלמנען און געזאָגט מיט אַ קול פון מוסר: „זעסט, שבת הגדול, היינט ער, מאָרגן אַן אַנדערער. ווער קען וויסן ווען מע מאָרגן עס איז? איז 'די פּוזע' שוין אויך אַוועק".

אז מ'האָט זיך גענומען צו דער קבורה, איז קלמן געוואָרן נאָך מער נייגעריק און אָנגעשטרענגט זיך צוגעקוקט ווי דאָ קומט אַלץ פאָר. דער רב און דער חזן זיינען געווען אָנגעטאָן אין לאַנגע שוואַרצע רעטאָנדעס, ווי להבדיל רוסישע גלחים, נאָר זיי האָט געפעלט אי די באָרד און אי דער צלם אויפן האַלדז. די כפול־שמונהדיקע יאַרמלקעס האָבן זיי געמאַכט העכער איבער אַלעמענס קעפּ. ווי נאָר מ'האָט אַריינגעטראָגן דעם אָרון, האָט דער חזן געזאָגט פון אַ סידורל אַ קורצע תּפילה, און גלייך האָט דער גבאי גע־נומען אויסרופן די נעמען פון צעטל, ניט מיט אַ ר' נאָר מיט אַ מ"ר.

יעדער אויסגערופענער איז צוגעגאַנגען צום אָרון און זיך אַוועקגע־שטעלט ביי דער זייט וואַרטן ביז מ'וועט אויסרופן די אַנדערע. און דאָ האָט פּאַסירט עפּעס, וואָס האָט קלמנען אַזוי צעטומלט אז ער האָט ניט גע־ווּסט ווו ער זאָל זיך אַהינטאָן: ער האָט געהערט אויסרופן גאַנץ קלאָר זיין נאָמען, מ"ר קיי טראַיעוויצקי. ביז היינט האָט אים נאָך קיינער אַזוי ניט גערופן. איבערהויפּט איז אים געווען ניי און מאָדנע ווי פון קלמן איז ביי זיי געוואָרן קיי. אויף דעם האָט ער זיך גאָר ניט גערעכט, אָבער כמעט אין איין אָטעם האָט דער גבאי פון די מתעסקים אויך ארויסגערופן דזשעקן און טשאַרלין. זיינען זיי איינער נאָך דעם אַנדערן צוגעגאַנגען צום אָרון און דער גבאי האָט יעדערן אָנגעוויזן זיין אָרט, ווו ער זאָל צולייגן אַ האַנט און טראָגן דעם אָרון.

די דאָזיקע מאָדנע פּראָצעסיע האָט לאַנגזאַם זיך געררוקט פאָרויס, יעדע ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, מ'האָט נייע נעמען אויסגערופן און זיי האָבן פאַר־ביטן די פריערדיקע, ביז מ'איז צוגעקומען צום אָפענעם קבר. דאָ האָט שוין דער חזן געזאָגט אַ תּפילה אין לשון־קודש און דער רב האָט גלייך נאָך דעם געפּרעפּלט אַ תּפילה אין ענגליש. פּונקט ווי ביי די גויים.

קלמן איז געווען אויסער זיך: ווי קומט אויף אַ יידישער לויה דער ענגלישער כאַלאַמידער? ער האָט אויפגערעגט אַ זאָג געטאָן צו דזשעקן ביי זיין זייט:

קלמן נעמט זיך אָן גאָטס קריוודע

„ס'איז מיר אַ ביטערער רחמנות אויף אונדזער יידישן גאָט אין אפריקע. ער איז ניט מבין בלשון און מ'דאַרף אים איבערזעצן די תפילות. ווו איז אונדזער גאָט?" האָט ער געמאָנט. דזשעק האָט אים אָפּגעפירט אָן אַ זייט און געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די תפילות דאָ זיינען גאָר ניט פאַר גאָט, נאָר דער רב טוט אַ טובה די מענטשן וואָס ווייסן ניט מאַי דקאמרי רביצין. „די מערסטע פון די אבלים פאַרשטייען ניט וואָס אין סידור טוט זיך, קענסט זיי ממיתן פאַר אַ יידיש וואָרט און דעריבער לייענט מען דאָ — אי דער חזן און אי דער רב — די תפילות אין ענגליש. דאָ זאָגט מען ניט קיין תפילות, ווי אונדזערע יידן זיינען געוווינט, נאָר מ'לייענט זיי..."

„וואָס רעדסטו, דזשעק, און ענגליש מיינסטו פאַרשטייען זיי דאָ מער פון מיר? איך בין אַ בעלן מיט דיר צו גיין אין אַ געוועט, אַז דריי־פערטל פון עולם ווייס ניט וואָס דער רב האָט געלייענט אין ענגליש. אפילו אונדזער יונגע אלמנה, וואָס איז אַ געבילדעטע און האָט שוין יאָ געלערנט ענגליש, האָט אויך ניט פאַרשטאַנען דעם פירוש המילות. איז אויב מ'דאַרף שוין יאָ איבערזעצן אַ תפילה, אַז אַלע זאָלן עס פאַרשטיין, וואָלט דאָך אַמבעסטן געווען יידיש, די שפּראַך וואָס כמעט אַלע יידן דאָ פאַרשטייען. צוליב וואָס דאַרף מען זיך ברעכן די ציינער אויף גוייש לשון, וואָס זייערע מוחות באַנעמען סיי ווי ניט".

„לאָז זיך דאָ איצט ניט אריין אין לשון־פּאָליטיק", האָט אים דזשעק איבערגעריסן זיין לאַנגע רעדע. „אויב פילאָסאָפיע קען איך עס בעסער פאַר דיר. פרעג איצט קיין קשיות ניט. אַז דו וועסט אין יאָרן ארום זיך אם־ירצה־השם ארויפאַרבעטן און ווערן אַ גבאי, וועסטו איינפירן נייע פאַראָנדקעס".

דערווייל האָט שוין דער רב געהאַט פאַרענדיקט מיט די תפילות און גערטיס פאָטער האָט געזאָגט קדיש מיטן היימיש־אומעטיקן ניגון. און ווי נאָר די מאַמע האָט דערהערט דעם קדיש, האָט זי זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן און יאָמערלעך אויסגעבראָכן אין אַ געוויין:

„ווײ איז מיר, אַזאַ שטאַרקער דעמב האָט זיך נעבעך איינגעבראָכן און איבערגעלאָזן אַ יונגע אלמנה... גאָט, טאַטע זיסער, פאַר וואָס האָסטו אונדז אזוי שווער געשטראָפט?..."

מיט אירע פאַרבראָכענע פינגער האָט זי פאַרדעקט דאָס פּנים און אירע אַקסלען האָבן געצוקט. דער חזן האָט געגעבן אַ ווונק צום זון, אַז ער זאָל בעטן זיין מאַמען אויפהערן מיט איר קלאָגן. דער זון האָט זי איינגעשטילט און דער חזן האָט זיך צעלאָזן מיט דעם אל מלא רחמים. ער האָט אויסגע־צאַצקעט דעם ערשטן בעבור שנדב פון דער אלמנה און משפחה, וואָס האָבן געגעבן אַ היפּשע סומע. ס'האָבן זיך אָנגעהייבן צורוקן איינער נאָכן אַנ־דערן פריינד און באַקאַנטע צום חזן. מ'האָט געזאָגט נעמען און געגעבן נדבות. די גרויסע נדבות האָט דער חזן הויך צעקלונגען, כמעט יום־טובדיק, און די קלענערע האָט ער גיך אראָפּגעשלונגען, אָדער ער האָט דערמאָנט אַ האַלבן מנין נעמען צוזאַמען. קלמן האָט ווידער אַ שושקע געטאָן צו דזשעקס זייט: „עס זעט אויס ווי דער חזן וואָלט פירן אַ טאָרג... ווי מע פלעגט ביי אונדז פאַרקויפן וואַלד — גרעסערע פּאַרצעלאַציעס און קלע־נערע..."

„וואַרט, קלמן, איצט גייט מען ווידער אויסרופן די פריערדיקע נעמען פון די נושאי־המיטה, אַז יעדער זאָל אריינשיטן אין קבר דריי לאָפּעטעס ערד. נאָך דעם וועלן מיר גיין צוריק און כ'וועל דיר אויפקלערן וועגן דעם וואָס דו פרעגסט".

יעדער האָט אריינגעשאָטן אין אָפענעם קבר די דריי לאָפּעטעס ערד. אַנדערע האָבן עס געטאָן מיט אַ כוונה, ווי זיי וואָלטן מקיים געווען די גרעס־טע מיצווה. צום סוף האָט דער גבאי מודיע געווען, אַז מעריב וועט מען דאַווענען אין הויז פון דער אלמנהס משפחה און מען בעט אַלעמען קומען. נאָך דעם האָבן די מענער זיך פונאַנדערגערוקט אין צוויי רייען, צווישן וועלכע די משפחה אבלים איז דורכגעגאַנגען. און גלייך אויפן פרישן קבר האָט זיך נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט די צערעמאָניע פון קושעניש מיט דער אלמנה, שלום עליכמס און די ווינטשעוואַניעס פון „לאָנג לייף", וואָס האָבן קלמנען אויסגעזעצן ווילד און פרעמד.

* * *

קלמן און דזשעק האָבן לאַנגזאַם געשפּרייזט אין געזעמל. טשאַרלי האָט זיך נאָכגעשלעפּט.

„יאָ, איצט וועל איך דיר דערקלערן דעם טעם פון די אל מלא רחמימס, וואָס דו רופסט אָן 'טאָרג'. דאָס איז מען מנדב פאַר דער חברה קדישא,

וואָס איז איינע פון די וויכטיקסטע אינסטיטוציעס ביי יידן אין דער מדינה. די חברה קדישא פאַרנעמט זיך דאָ ניט נאָר מיטן בית־עולם און קבורה, נאָר זי זאָרגט אויך פאר די לעבעדיקע יידן, פאַר די אָרעמעלייט וואָס ניי־טיקן זיך. און פאַר דעם דאַרף מען געלט — און וואָס מער אַלץ בעסער. און מחמת דעם מוזן זיי אויסנוצן די לוויות. ווייסט דאָך, ביים אָפענעם קבר, איידער מ׳פארשיט נאָך דעם מת, ווערן ביי די יידן ווייך די הערצער און עס עפענען זיך אַ ביסל לייכטער די קעשענעס... איצט פאַרשטייסטו? אין דער חברה קדישא זיצן ניט קיין יינגלעך און זיי ווייסן וואָס מ׳דאַרף טאָן. אפילו אין דעם רייכן לאַנד זיינען פאַראַן גענוג ניצרכים״.

„דאָס אַלץ איז טאַקע ריכטיק, דזשעק, ווען ס׳וואָלט געווען די רייד וועגן אַן אָרעמאַן וואָס שטאַרבט און ס׳איז ניטאָ ביי וועמען צו נעמען, פאַר־שטיי איך אז מען מוז עס אזוי טאָן. אויך אין דער היים פלעגט דער שמש גיין מיט אַ בלעכענע פושקע און רופן: צדקה תציל ממות!״

„איך ווייס שוין וואָס דו מיינסט״, האָט אים דזשעק איבערגעריסן, „אז דאָ זאָל זיין ווי אין שטעטל: ווען אַ גביר שטאַרבט, אָט, למשל, ווי אונדזער בעל־הבית, זאָל חברה־קדישא רייסן ביי די יורשים אַ פּאַס, בעטן קבורה־געלט וויפל אזא איינער וואָלט געדאַרפט געבן, ווייל אין דער אמתן איז עס דאָך כולו רעכט — ביים לעבן גיבן זיי דאָך ניט, טאָ זאָל עס איינגעמאָנט ווערן נאָכן טויט״.

„זיכער!״ האָט זיך קלמן אָנגעכאפּט אָן די רייד. „מ׳דאַרף נעמען ביי זיי אַן אפּותיקו און ניט שנאָרן פון יעדן באַזונדער, ווי מ׳וואָלט פאַרקויפט די גבירישע נשמה אויף טאָרג״.

„ווידער מיט דיין טאָרג, אָבער דאָך ביסטו גערעכט. נאָר דאָס לעבן איז פול מיט אַזעלכע אומגערעכטיקייטן. אפילו נאָכן טויט טשעפּעט מען ניט דעם גבירס געלט...״

גלייך ארויסגייענדיק פון בית־עולם האָט טשאַרלי געפרעגט, צי מ׳וועט בלייבן ביז נאָך מעריב אָדער מ׳וועט גלייך פאָרן צוריק. האָט מען באַ־שלאָסן, אז מ׳זאָל קלמנען אויפן וועג אַראָפּלאָזן ביי זיין אָנקל אויף מיטאָג און צו מעריב וועט מען זיך טרעפן ביי גערטיס עלטערן אין הויז. גלייך נאָך דעם וועט מען צוריקפאָרן.

מ׳דערוואַרט קלמנען

ביי מ״ר מייקלען האָט מען שוין געוווסט אז קלמן קומט אויף מיטאָג און אַלע האָבן אים דערוואַרט. כאָטש קלמן איז דאָס מאָל געקומען פון אַ לוויה, האָבן אים אַלע אויפגענומען מיט פרייד, אפילו די טאַנטע ראָזי, פאַרשטייט זיך — נאָך דעם ווי קלמן האָט איר געגעבן אַ געשמאַקן קוש. קלמן האָט באַמערקט אז זי שמייכלט אפילו און ער האָט געפילט אז איר קאַלטקייט צו אים האָט זיך אַ ביסל אָנגעוואַרעמט. זי האָט זיך אויך מער ניט געהאַלטן פון דערווייטנס און ער האָט פאַרשטאַנען, אז עפּעס האָט זיך געענדערט אין איר באַציאונג.

דער אָנקל איז געווען צופרידן, וואָס גלייך נאָך מיטאָג האָט זיך זיין ווייב ארוסגעשאַרט פון עסצימער. ער האָט א זונטיקדיקן געגעץ געטאָן און געזאָגט: „איצט וועט מען גיין אריינכאַפּן אַ דרעמל. און איר, קינדער, גייט ארויס אַ ווײַלע אין גאָרטן״.

„אַ דאַנק, אָנקל, מיר וואָלטן עס סיי ווי געטאָן...״ האָט קלמן געזאָגט אי העפלעך און אי פריינדלעך־שקאָציש.

„נו, גיי, לאָבוז!״ האָט דער אָנקל געלאַכט פריילעך פון קלמנס שטי־פעריי.

סאָניע איז געווען צופרידן, וואָס איר שוואָגער איז אין אַ גוטן מוט און פריינדלעך. אין גאָרטן האָט איר קלמן דערציילט פון זיינע ערשטע דער־פאַרונגען אויף אַ לוויה. ער האָט איר געזאָגט, אז אים איז געווען פריקרע דאָס קושן זיך אויף אַ בית־עולם און זיך ווינטשן „לאָנג לייף״ ווי ביי די גויים. ס׳איז אים אויך ניט געפעלן די כיבודים, די הזכרות און דאָס קלייבן געלט ביים אָפענעם קבר און דער גאַנצער טאַראַראַם מיט די ענג־לישע תפילות. „דאָך״, האָט ער זיך פונאַנדערגעלאַכט, „איז שוין גלייכער צו שטאַרבן אין דער רייכער אַפריקע, ווי אין דער אַלטער אָרעמער היים״.

ער האָט נאָך דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן ווי מ״ר פליישער איז פלוצלינג קראַנק געוואָרן און די איבערלעבענישן אין יענעם קאַלטן באַגי־נען, ווען מ׳האָט זיי אויפגעוועקט אָנצוזאָגן די שלעכטע נייעס. און ווידער האָט ער זיך דערמאָנט די היינטיקע לוויה.

„הער שוין אויף צו ריידן וועגן דעם. אז איך בין געווען צום ערשטן מאָל אויף אַ לוויה, האָב איך אויך אזוי געערדט. מיר זיינען די היגע מינה־

גים שטאַרק ניט געפעלן געווען, פונקט ווי דיר, עס האָט מיר געשמעקט מיט גוישקייט. נאָר אז כ׳האָב עס דורכגעטראַכט, האָב איך גענומען איינזען אז דאָ איז מער מענטשלעך, פיינער ווי אין דער היים. אדרבא, קלמן, גע־דענקסט דאָך נאָך גוט ווי אזוי ס׳איז פאָרגעקומען אַ היימישע לוויה: דאָס טראָגן דעם אָרון פון הויז צום בית־עולם, די געוויינען און קוויטשערייען פון משפחה און קרובים, פונקט ווי זיי וואָלטן מיט זייער געיאָמער געקענט דעם טויטן צוריק לעבעדיק מאַכן, דאָס קלאַפּן מיט דער פּושקע און דעם שמשס יענוועלטיקער קול: צדקה תציל ממוות, האָט דאָך אַן אימה אָנ־געוואָרפן אויף גרויס און קליין. היינט דאָס אריינלייגן דעם מת אין אַ גרוב אויף אַ פּאָר ברעטלעך — דאַרף מען נאָך אַ גרעסערן טרויער? דאָ איז אַן אָרון. מ׳טראָגט די מיטה לייכט, מיט כבוד און יעדע עטלעכע טריט קומט צו אַ קרוב צי אַ פריינד. אמת, מ׳האָט טאַקע פאַרביטן דאָס אַלט־יידישע אויף ניי־גוישע, אָבער מיר דוכט אז ס׳איז מער מענטשלעך. אין דער היים, למשל, אז אַ מאַנסביל האָט זיך אויף אַ לוויה דערנענטערט צו אַ אישה, איז דאָס געווען אַ שרעקלעכע עבירה — מענער און פרויען זיינען געגאַנגען באַזונדער, אָבער דאָ גייען אַלע צוזאַמען, אויסגעמישט, ווייל דער טרויער איז דאָך ניט אַ מענערישער אָדער אַ ווייבערישער — נאָר אַ שותפותדיקער, אַ מענטשלעכער״.

* * *

דער יולי־נאָכמיטאָג איז געווען אַ זוניק־וואַרעמער, ווי ס׳וואָלט געווען אַ טעות אין קאַלענדאַר. עס איז געווען לויטער און פריש, ווי אַ מילדער זומערטאָג. סאָניע האָט מיט איין מאָל אָפּגעהאַקט אירע טרויעריקע רייד, ווייל אַ שפּריץ פון זון האָט געגעבן אַ שפּיל אין קלמנס בליק. זי האָט מיט פאָרוואורף צו זיך אַ זאָג געטאָן: „משוגע, מיינע שונאים! זיך גאָר צערעדט וועגן לוויות. טפו...״

זי האָט אים גענומען אונטערן אָרעם און זיי האָבן אוועקגעשפּאַצירט אין אַ וויטן ווינקל. זיי האָבן זיך אוועקגעשטעלט הינטער אַ דיקן בוים. די צווייגן זיינען געווען נאַקעט, אָבער אויף זיי האָט די זון גאָלדיק געשטראַלט. פּלוצלינג האָט זי אויף אַ צווייג דערזען אַ בליאַסק פון העל־גרין, וואָס האָט צאַרט צו איר אַ ווונק געטאָן. זי האָט עקסטאַטיש אַ געשריי געטאָן: „קלמן, זע, אַ קנאָספּ! דער פרילינג קומט...״

קלמנען האָט מיט איין מאָל פאַרגאַסן אַ קינדישע זיסקייט. ער האָט ניט געוווּסט פאַר וואָס ס'איז אים אַזוי גוט געוואָרן. ער איז געשטאַנען פאַרגאַפט און ניט געוווּסט וואָס צו זאָגן. ריכטיק האָט ער ניט פאַרשטאַנען, וואָס איז קנאָספּ און וואָס איז פרילינג, נאָר ער האָט געפילט אַז דאָס האָט צו טאָן מיט סאָניען און אים, מיט זייער ניי לעבן. ער האָט זי נאָך פעסטער צוגעדריקט צו זיך און אַ קוש געטאָן, און נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש. סאָניע האָט אים צוריקגעקושט. ער האָט געפילט אירע ווייכע, זיסע ליפּן אויף זיינע. ער האָט זי צו זיך צוגעטוליעט און ער האָט ניט געוווּסט פאַר וואָס עס גלוסט זיך אים וויינען. אָט אַזוי זיך אויסוויינען אויף סאָניעס שול־טער פאַר די אַלע עלנטע טעג פון זיין יונגן לעבן. ער האָט געטראַכט: מענטשן דאַוונען צו גאָט, אָט איז סאָניע זיין קליינער גאָט. ער האָט גע־שעפּטשעט ווערטער, וואָס ער האָט אַליין ניט געוווּסט ווי אַזוי קומען זיי צו אים, צו דעם קלמן בולאַן פון די פערד. ער איז געווען ווי אין אַ טשאַד, אַזאַ פרילינגדיקער טשאַד.

„סאָניע טייערע, איך ווייס ניט פאַר וואָס, נאָר ווען איך בלייב אַליין מיט דיר, איז ווי איך וואָלט שטיין געבליבן פאַר אַ הייליקייט. אַזוי האָבן מסתמא פרומע יידן ליב גאָט — און איך פיל אין דיר אַ געטלעכקייט. ס'ווילט זיך מיר מתפלל זיין צו דיר, מיין גאָט".

„דו רעדסט אַזוי שיין, קלמן. קיינער האָט צו מיר אַזוי ניט גערעדט קיין מאָל. דו ביסט אַזוי גוט און איידל, קלמן. און באַלד וועלן מיר זיין צוזאַמען. צו לאַנג וועט שוין ניט נעמען. מיין האַרץ זאָגט עס מיר. און דו ביסט אַזוי גוט צו מיר, קלמן..." זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט און גע־גלעט זיינע צעשויבערטע האָר.

קלמן האָט דערפילט ווי די וואַרעמקייט פון איר האַנט וואָלט זיך צע־גיסן אין זיינע אַלע אברים. אַזוי שפּראָצן אין פרילינג אַרויס די קנאָספּן אונטער דער וואַרעמקייט פון דער זון. און אים האָט זיך געדוכט אַז זיין הויט ווערט באַדעקט מיט קנאָספּן. ער האָט ניט געקענט קיין וואָרט אַרויס־ברענגען, אַזוי ווי דער שטאַרקער בוים וואָס די זון גלעט אים. סאָניע האָט דערפילט זיין טיפן שווייגן און גערעדט שטיל: „איך פאַרשטיי דיר, קלמן. ניט אַלע מאָל קען מען ריידן. ס'איז אַ מאָל בעסער דאָס שווייגן. מ'קען אויך הערן יענעמס שווייגן ווי מ'קען הערן דעם שאָרך פון וואַרצלען אין דער ערד. איך הער דיר, קלמן..."

קלמן האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זי מיינט מיט אירע רייד, פונקט ווי ער האָט ניט פאַרשטאַנען זיינע אייגענע רייד אַ ווײַלע פריער. ער האָט זיך געטוליעט צו איר, געפילט איר אָטעם און איר וואַרעמקייט. ביידע האָבן געקוקט אויפן קנאָספּ וואָס זאָגט אָן דעם פרילינג.

„דו האָסט פריער געזאָגט אז מיר וועלן זיין צוזאַמען. כ׳ווייס עס, סאָניע. כ׳פיל עס די גאַנצע צייט. כ׳בין אריינגעקומען אין דעם לאַנד מיט מזל — ס׳איז אונדזער ביידנס מזל״.

„דאָס איז נאָר אַן אָנהייב, קלמן, דאָס מזל וועט נאָך צו אונדז קומען. וועסט זען!״

„כ׳האָב זיך אָנגעהערט גענוג מעשיות וועגן אָרעמע מענטשן, וואָס זיינען אהער געקומען אָן אַ פעני אין קעשענע און האָבן זיך דאָ זייער פיין ארויפגעאַרבעט. וואָס דאַרפן מיר ווייט זוכן? אָט, טאַקע דער אָנקל אליין. דעריבער פיל איך, אז אין די היגע מעגלעכקייטן וועל איך זיך גוט קענען אריינפּאַסן. ווער רעדט נאָך, אז איך וועל דיר האָבן לעבן זיך. דאָס וועט מיר גרינגער מאַכן. דו וועסט מיר לערנען און איך וועל דיר פאָלגן. דו ביסט אַ געבילדעטע און איך וועל זיין דיין גוטער תלמיד, סאָניע, זיסע, טייערע סאָניע״. קלמן האָט זי ווידער געקושט. סאָניע האָט זיך וואַרעם געוויקלט ארום זיין האַלדז.

„קלמן...״ מער האָט זי ניט געקענט זאָגן.

„סאָניע...״ האָט זיך אים געדוכט אז אַ קול אין אים שרייט צו איר מיידלשאַפט. אוןביידן האָט זיך געדוכט אז זיי הערן ווי דער בוים קנאָספּעט. ס׳איז געוועזן פרילינג אין זייערע הערצער.

18

דער מעמפיס אלבום

ני די מייקלס האָט מען זיך צוגעאײַלט מיטן אָוונטברויט, ווייל דער אָנקל האָט געדאַרפט נעמען קלמנען צו דער מעריב־תּפילה ביי די אבלים אין הויז. אויפן וועג האָט דער אָנקל ארויסגעוויזן זיין נאָענטקייט צו קלמנען. ער האָט אַ סך גערעדט און וואָס מער ער האָט גערעדט, אַלץ שטאַרקער האָט זיך צעשפילט די סטרונע פון וואַרעמקייט:

„קלמן, ווען איך קען דיר מיט אַ פּאָר יאָר פריער און ווייס וועגן דיר וואָס איך האָב זיך דערוווּסט זינט דו ביסט צו מיר געקומען, וואָלסטו שוין לאַנג געווען אַ היגער. איצט קען איך זיך דאָס ניט מוחל זיין, וואָס איך האָב מיין אייגענע שוועסטער ניט געדענקט. איך ליג האַלבע נעכט וואַך און דער פאַרדרוס פרעסט מיין האַרץ. פאַר וואָס האָב איך דיר ניט אריבערגעבראַכט מיט יאָרן צוריק, אַז דו זאָלסט ניט דאַרפן זיין אַ שמייסער ביי בעלי־עגלות. און איך וואָלט זיך מיט דיר ניט געפילט אזוי עלנט. איך וויל דו

זאָלטס נאָך דערווייל בלייבן אין קאַפּעריטע, כדי ראָזי זאָל ניט מערקן אַז עס קומט עפּעס פֿאַר צווישן אונדז. צוליב איר איז מײַן עלנטקייט, אָבער איך האָב מורא פֿאַר איר. איך באַהאַלט זיך פֿאַר איר...״ ער האָט אַ זיפֿץ געטאָן. קלמן האָט אים געוואָלט טרייסטן, זאָגן אַ ליב וואָרט, נאָר ער האָט ניט געוווסט וואָס. דער אָנקל האָט אַ ווײַלע געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך עפּעס איבערגעלייגט, און ווייטער גערעדט:

„דו געדענקסט דאָך, קלמן, וואָס מיר האָבן גערעדט דעם זונטיק פֿרי נאָך דער פּאַרטיע. וואָס מער איך טראַכט וועגן דעם, אַלץ גליקלעכער פֿיל איך זיך וואָס איך האָב אַזוי געטאָן. מײַן לעבן האָט איצט באַקומען אַ נײַעם אינטערעס. אפֿילו דאָס שפּאָרן איז ניט ווי פֿריער, אויף צו להכעיס ראָזין, נאָר איך באַהאַלט יעדע פּעני איצט פֿאַר דיר און איך האָב הנאה פֿון דעם. מיר איז גוט צו וויסן אַז מײַן אָפּגעשפּאָרטע רײַכקייט וועט ניט גיין לאיבוד, אַז דו וועסט שוין וויסן ווי אָנצופֿירן מיט מײַן געשעפֿט און ווי אויסצונוצן דאָס געלט. דו ביסט טאַקע ניט געלערנט, אָבער אַ געזונטן קאָפּ אויף די פּלייצעס האָסטו — וועסטו זיך אויסטויגן״.

„איך דאַנק אײַך, אָנקל״, האָט קלמן גערעדט גערירט פֿון אָנקלס צו־טרוי צו אים. „עס איז גוט צו וויסן אַז איר שאַצט אָפּ מײַנע פֿעאיקייטן און כ׳בין גליקלעך צו האָבן אַזאַ אָנקל. איך פֿיל זיך טאַקע ווי נײַ געבוירן און איר — מײַן נײַער טאַטע. גאָט האָט מיר אײַך געשענקט און איך ליב אײַך און וועל זאָרגן פֿאַר אײַך ווי אַן אייגן קינד״.

בײַ מייקלען זײַנען אָנגעלאָפֿן טרערן אין די אויגן. זיי האָבן זיך אַ קייקל געטאָן אויף זײַנע צעקנייטשטע באַקן און ער האָט ארומגעכאַפּט קלמנען, אים געדריקט צו זיך און אים פּאַטערלעך אַ קוש געטאָן.

די גאַסן־לאָמפּן האָבן פֿאַרבײַגעשווינדלט פֿאַרבײַ די אויטאָ־פֿענצטער. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז דער אויטאָ האָט אָנגעהייבן פֿאַרלאַנגזאַמען זײַן גאַנג.

* * *

דאָס ערשטע מאָל אין זײַן לעבן האָט קלמן געזען אַזאַ דאַוונען מעריב. אַ רעכט ביסל פֿון די מתפּללים זײַנען געווען עלטערע יידן און זייערע יונגע זין. קלמן האָט שוין געוווסט, אַז דאָ רופֿן זיי זיך „אַלטע אַפֿריקאַנער״, און בעת זיי זײַנען געקומען אין אַפֿריקע זײַנען זיי געווען גאָר קנאַפּע למדנים. דאָ האָבן זיי זיך אַרײַנגעוואָרפֿן אין „מאַכן געלט״ און ניט געהאַט קיין צײַט

פאר זייערע קינדער, וואָס זיינען נאָך מער פאַרגרעבט פון זיי. אין דער היים האָבן די דאַוונער געוווסט ווו מען דאַרף נאָכהאַלטן דעם בעל־תפילה, דאָ האָט ער נעבעך אליין געמוזט זאָגן די פסוקים פון מעריב אָן דעם וואַ־רעמען אָפקלאַנג פון קהל.

בלויז געריטס פאָטער האָט שטיל נאָכגעשעפטשעט די תפילות. די איבע־ריקע מתפללים זיינען געשטאַנען גולמעוואַטע און אריינגעקוקט אין די סידו־רים, ווי אַ האָן אין בני אדם. איין זאַך האָבן זיי יאָ געוווסט, ווו צו ענטפערן אָמן ביים קדיש. די גאַנצע צייט זיינען די אַלע יידן געשטאַנען שטייף און ניט געעפנט דאָס מויל, נאָר ביים קדיש האָבן זיי ווי טרענירטע חיהלעך לע־בעדיק רעאַגירט און אין אַ כאָר אויסגעזונגען די „אָמנס" און דעם „יהא שמי רבא". גלייך נאָכן פאַרענדיקן דאַוונען איז די שטייפקייט פאַרשוואונדן, ווי פערדלעך וואָס מ'האָט פון זייערע מיילער ארויסגענומען די צאַמען.

ס'האָבן זיך ווידער איבערגעחזרט די קושענישן און „לאַנג לייף" וויג־טשענישן, ווי אויפן בית־עולם נאָך דער לוויה. קלמן האָט שוין געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן, האָט ער זיך וואַרעם צעזעגנט מיטן אָנקל, אים צו־געזאָגט אז ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועט ער זיך אריבערכאַפּן.

דער שוואַרצער שאָפער האָט שוין געוואַרט מיטן אויטאָ אין דרויסן און געווען צופרידן אז זיינע פּאַסאַזשירן האָבן זיך צו לאַנג ניט פאַרזאַמט. אין די זונטיקס איז ער געווען דאָס רוב פריי, נאָר היינט האָט ער געוווסט איז אַן אויסנאַם: דער בעל־הבית וועט שוין מער ניט קומען. פון צייט צו צייט פלעגט ער אים צוואַרפן עטלעכע שילינג.

דער אויטאָ האָט זיך געשניטן מיט די ליכט־רעפלעקטאָרן אין דעם חושך. טשאַרלי האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן וויכן אָנלען און איינ־געשלאָפן. ער האָט לייכט געכראָפּעט. קלמן האָט שטיל געפרעגט דזשעקן, ווי ער וואָלט ניט געוואָלט אויפוועקן טשאַרלין:

„וואָס זיינען דאָס פאַר אַ יידן אין דער מדינה, אז זיי ווייסן ניט קיין צורת אות אין סידור? אפילו ביי אַ וואָכעדיקן מעריב גייט עס ביי זיי שווער ווי אַ פולע בויד".

„מ'דאַרף קענען דעם סאָרט יידן, קלמן", האָט דזשעק אים אויפגעע־קלערט. „געקומען אַהער זיינען זיי עם־הארצים גמורים און דאָ איז נאָך געווען אַ ווילד לאַנד. די גויים, די ענגלענדער זיינען געווען מער געביל־דעט, זיי האָבן געקענט שרייבן, לייענען אַ צייטונג, האָבן די יידן געהאַט

גרויס דרך־ארץ פאַר זיי. האָט מען זיך גענומען שעמען מיטן כזית יידיש־קייט און מ׳האָט גענומען וואָס גיכער אָפּטרייסלען עס פון זיך און נאָכ־טאַנצן די גויים. דער סוף איז אז זיי זיינען איצטער ניט קיין יידן און ניט קיין גויים״.

„טאָ וואָס זיינען זיי?״ האָט קלמן פאַרדראָסיק געפרעגט.

„זיי זיינען 3 מאָל יידן — 2 מאָל ביים לעבן און איין מאָל ביים טויט: דאָס איז ביי בר־מיצווה, ביי דער חתונה, און בעת מ׳באַגראָבט...״

„ווערט דאָך דאָ אויס מיט יידישקייט?״ האָט קלמן געהאָט אַ טענה.

„ניין, קלמן, עס זיינען נאָך דאָ פאַראַן גענוג פרומע יידן, און סתם יידן פון עלטערן דור, וואָס האַלטן נאָך אָן זייער רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע יידישקייט. קענסט נאָך געפינען אַ סך מנינים אין די שולן אפילו אין וואָ־כיקע טעג, מ׳ריכט נאָך אָפּ יידישע מנהגים, און אפילו אמתע שומרי מיצוות קענסטו דאָ געפינען. לא אלמן ישראל — יידישקייט וועט אזוי גיך ניט אונ־טערגיין. די יידן וואָס דו האָסט געזען ביים מעריב זיינען ניט דער מוסטער פון היגן יידישן לעבן״.

„אָבער די קינדער זייערע זיינען דאָך מסתמא אויך ווי זיי״.

„זאָרג זיך ניט, קלמן. דער יינגערער דור וועט זיך ניט אויסשמדן. זיי קענען ניט דאַווענען און מ׳דאַרף זיי זאָגן ווו מ׳האַלט, אָבער אז עס קומט צו באַשיצן יידישן כבוד קאָכט אין זיי אויף דאָס פינטעלע ייד. פּרווו נאָר אַ ריר טאָן זייער ייד־האָנאָר, וועלן זיי גלייך אַראָפּוואַרפן דעם דזשעקעט און זיך גיין פייטן״.

„אזוי פלעג איך טאָן!״ האָט זיך קלמן אַ דערפרייטער אָנגעכאַפּט אָן די ווערטער.

„דאָס וואָס איך זאָג: מ׳קען זיין א גוטער ייד אָן באָרד־און־פיאות און אָן דאַווענען״.

דער אויטאָ האָט אַ וואַש אָפּ געטאָן מיט אַ ליכטשטראָם דאָס הויז פון מ״ר פליישערן און פאַרהאַלטן זיך ביים אריינגאַנג. טשאַרלי האָט זיך אויפ־געכאַפּט, זיך אויסגעצויגן און ארויסגעגענעצט: „שוין...״

די אויטאָ־פּראָזשעקטאָרן האָבן זיך אויסגעלאָשן. אַלע דריי זיינען ארויסגעקראָכן פון אויטאָ און געבליבן שטיין ביים הויז. דזשעק האָט גע־זאָגט, ווי ער וואָלט פאַרענדיקט:

„קלמן, ס׳וועט נאָך אויסקומען צו ריידן וועגן דעם״.

„דערווייל דאַרף מען גיין זיך אויסרוען נאָך אַזאַ שווערן טאָג. מאָרגן וועט מען זען וואָס מ׳קען טאָן אָן אַ בעל־הבית״, האָט טשאַרלי געזאָגט פאַר־שלאָפֿן. דאָס זייַנען געווען די אייַנציקע ווערטער זייַנע פאַר אַ גאַנצן אָוונט.

דאָס הויז איז געשטאַנען פאַרוויקלט אין פינצטערניש, ווי אין אבל נאָך אַ טויטן.

גערטי קומט צוריק אין ביזנעס

גערטיס משפחה איז צוגעשטאַנען צו איר, אַז זי זאָל מער ניט פאָרן צוריק צום קאָנצעשן סטאָר. זיי האָבן זיך געבעטן ביי איר, אַז זי זאָל בלייבן אין דער היים. זי האָט דאָך דאָרטן אָרנטלעכע מענטשן, וואָס קענען אַליין פירן די ביזנעס, וועט זי פון צייט צו צייט צופאָרן אַ קוק טאָן. ס׳האָט אַפילו ניט געהאָלפן איר צו דערקלערן, אַז עס פּאַסט ניט פאַר אַ פרוי צו בלייבן אַליין מיט יונגע מענער, אַ מהלך ווייט פון אַ מענטשלעכן יישוב. זי האָט געטענהט אַז דאָרט איז איר היים און זי וויל דאָרטן זיין, און גלייך אויף מאָרגן נאָך שבעה האָט זי זיך איינגעפּאַקט און אָפּגעפאָרן אין הויז וווּ זי האָט געלעבט פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר.

דזשעק, וואָס האָט אויפגעפּאַסט אַז די דינערשאָפּט זאָל האַלטן דאָס הויז אין אָרדענונג און זויבער, האָט גערטין באַגעגנט גאַר פריינדלעך. די ליבעס, וואָס זיי פלעגן פראַווען ווען מ״ר פליישער האָט נאָך געלעבט, האָבן זיך אים איצט דערמאָנט און ער האָט דערוואָרט אַז גערטי וועט אריינ־פאַלן אין זיינע אָרעמס. אָבער דזשעק איז געבליבן צעטומלט פון גערטיס צוריקגעהאַלטנקייט. און ניט נאָר האָט זי זיך געהאַלטן פון דער ווייטן, נאָר איר גאַנצע באַציאונג איז געוואָרן פרעמד און קאַלט, ווי ס׳וואָלט צווישן זיי קיין מאָל גאָרניט פאָרגעקומען. דזשעק האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ און ניט געקענט געפינען קיין דערקלערונג פאַר דעם רעטעניש. האָט ער זיך איין מאָל דערמאָנט אַ העברעאיש שפריכוואָרט: מים גנובים ימתקו, און מיט דעם האָט ער געפונען אַ פאַרענטפערונג פאַר דער ענדערונג — כל־זמן ס׳איז געווען געגנבעטע ליבע איז עס געווען אַטראַקציע, איצט ניט מער.

גערטי איז פאַר דער צייט פון איר מאַנס קראַנקייט ביז צו זיין טויט, געוואָרן שטאַרק אָפּגעצערט. און איצט, אַ וואָך שפּעטער, איז זי נאָך געווען שטאַרק אויסגעבלייכט. זי האָט טאַקע איר מאַן ניט געליבט, אָבער איצט איז ער איר געשטאַנען פאַר די אויגן. זי האָט זיך דערמאָנט זיין פיינקייט

צו איר און צו איר משפּחה און זי האָט זיך געגריזשעט פֿאַר איר ניט אָרנט־לעכער באַציאונג צו אים. איצט האָט זי געפֿילט אַז זי האָט פֿאַרלאָרן אַן איבערגעגעבענעם נאָענטן מענטשן, וואָס האָט איר אין זיין נאַאיווקייט גע־טרויט. דאָס געוויסן האָט איר געמאַטערט אין די נעכט: ער האָט זי ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן און זי האָט אים פֿאַרראַטן אין זייער שותּפֿות־דיק בעט. זי האָט זיך אויפֿגעפּרעסן אין די נעכט פֿון חרטה און אַ נאָגעניש האָט געפּייניקט איר האַרץ. זי האָט אַפֿילו דערפֿילט אַ בענקשאַפֿט צום אָפּגענאַרטן מאַן, וואָס איז געווען אַזוי גוט צו איר פֿאַר גאַנצע זעקס יאָר.

הגם דזשעק האָט זיך ניט געקענט דערקלערן איר האַנדלונג, האָט ער דאָך מיט זיין מענערישן אינסטינקט דערפֿילט דעם קריזיס וואָס גערטי גייט דורך. דעריבער האָט ער זי אויסגעמיידט ווי נאָר מעגלעך, און אַז זיי האָבן זיך יאָ געטראָפֿן איז ער געווען צו איר דיסטאַנצירט, פֿיין, אַפֿילו איר גע־לאָזט פֿילן אַ ביסל רחמנות אין איר עלנטקייט. ער האָט זיך געהיט ארויס־צוברענגען אַן אינטימערן טאָן, וואָס זאָל מיט עפּעס דערמאָנען זייערע נעכטיקע זינד.

אין זייערע געשפּרעכן האָט ער זיך קאָנצענטרירט נאָר אויף געשעפֿט־לעכע ענינים. ער האָט איר געוויזן די חשבון־ביכער און איר אַנטוויקלט זיינע פּלענער ווי אַזוי ווייטער צו פֿירן די ביזנעס און אויסברייטערן די קאָנ־צעשן סטאָר. ניט איין מאָל האָט זי אים געוואָלט אין פּנים אַ וואָרף טאָן דעם חשד, אַז ער שפּילט מיט איר ווי אַ דיפּלאָמאַט. זי האָט עס אָבער ניט געטאָן, כּדי ער זאָל ניט מיינען אַז זי איז ניט ערלעך אין איר טרויער.

* * *

עטלעכע טעג נאָך איר קומען האָט דזשעק איר פֿאָרגעלייגט אריינצו־נעמען מ״ר טראַיעוויצקי אין קאָנצעשן סטאָר. ער האָט איר דערקלערט פֿאַר וואָס ס׳איז וויכטיקער אים צו האָבן אין הויפּט־ביזנעס ווי אין קאָפֿע־ריטע. די ערשטע זאַך מוז ער זיך איצט, נאָכן טויט פֿון בעל־הבית, מער אָפּגעבן מיט די ביכער און ס׳פֿעלט אים אַ געהילף — און קלמן טראַיעוויצקי איז דער פּאַסיקסטער פֿאַר דעם פּאָסטן.

גערטי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פֿאַרזשמורעט אייגל, ווי זי וואָלט זיך איבערגעלייגט און צום סוף געזאָגט: „מ׳דאַרף פּרובירן".

איר גיכער באַשלוס האָט דזשעקן אויפֿגעמונטערט ארויסצולייגן קלמנס אַלע פּלוסן אויף דער וואָגשאָל. האָט ער איר דערציילט מיט אַלע פּיטשעווו־

קעס די גאַנצע מעשה מיטן אינצידענט מיטן זולו־באַי. ווי אַזוי ער האָט אים ניט געלאָזט שלאָגן און ער האָט נאָך אים אויסגעצאָלט פון זיין אייגע־נער קעשענע דאָס רעשט פון עטלעכע שילינג, וואָס טשאַרלי האָט ביי אים אַוועקגעגנבעט. איז עס ניט נאָר וואָס קלמן איז אַן אָרנטלעכער און סימפּאַ־טישער מענטש, נאָר ער איז געוואָרן דער אָפּגאָט פון די אַלע שוואַרצע. דער גאַנצער „קאָמפּאָנד" רעדט וועגן דעם נייעם, גוטן „מאַקולו־באַס". אין קאַ־פּעריטע קען ער גאָר ניט טאָן צוליב טשאַרלין, ווייל יענער איז דאָרט בעל־הבית, און דאָרטן מוז עס בלייבן ביים אַלטן, אָבער אַז ער וועט אריבער אין סטאָר, וועט ער אריינציען דעם גאַנצן קאָמפּאָנד. ער וועט אריינברענגען מער לייזונג, אפשר גאָר דאָפּלט ווי איצט. ער האָט זיך אַזוי פאַרכליניעט אין אויסרעכענען די מעלות, אַז גערטי האָט אים געמוזט איבערשלאָגן:

„דזשעק, האַלט זיך אָפּ אַ ווײַלע. די מעשה האָב איך שוין פריער גע־הערט. דו האָסט מיר איצט אין גאַנצן איבערצייגט אַז מ״ר טראַיעוויצקי דאַרף אריבער צום קאָנצעשן סטאָר. און אויף וויפל איך אליין קען אים פון אַ פּאָר צופעליקע צוזאַמענטרעפן, זעט ער מיר אויס צו זיין אַ גאָר פעאיקער בחור. אָבער דאָס וויכטיקסטע איז וואָס ער איז אַן אָרנטלעכער מענטש מיט אַ גוטער יידישער נשמה — טאָ לאָז איך עס אין גאַנצן איבער אין דיינע הענט, דזשעק. און דיר, דזשעק, קען איך דאָך אוודאי אין ביזנעס געטרויען, טאָ לאָז איך איבער אַלע קלענערע זאַכן צו דיר. ווי דו וועסט באַשליסן אַזוי וועט זיין. חוץ דעם פאַרשטיי איך זיך נאָך ווייניק אויף די אַלע מיסחר־זאַכן, און כ׳פיל זיך נאָך אַ ביסל צעבראָכן, אַפּאַטיש. איז ביז ס׳וועט זיך אויסקריסטאַליזירן מיין צוקונפטיקער גאַנג אין לעבן, גיב אכטונג אויף אַלץ ווי דו וואָלסט געווען דער בעל־הבית".

דזשעק איז געווען איבערראַשט פון איר אויפריכטיקייט און צוטרוי. ער וואָלט זי איצט ארומגעכאַפּט און צעקושט, נאָר אים איז איינגעפאַלן: אפשר וויל זי אים אויספּרובירן. האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיט צושטי־מונג מיטן קאָפּ.

* * *

אַז דזשעק האָט אין אָוונט איבערגעגעבן קלמנען די נייעס וועגן אים אריבערפירן אין קאָנצעשן סטאָר, זיינען אין קלמנס אויגן געקומען טרערן פון שימחה. ס׳איז ווי מען וואָלט אים פון אַ פּראָסטן סאָלדאַט פּלוצלינג דערהייבן צום ראַנג פון אַן אָפיצער. פון אויפרעגונג האָט ער קיין וואָרט

פון דאַנק אפילו ניט געקענט ארויסברענגען, נאָר ער האָט ארומגעאָרעמט דזשעקן, אים צוגעדריקט צו זיין ברוסט און געשוויגן. דזשעק האָט געפּילט קלמנס דאַנקשאַפט און חברשאַפט, האָט ער אים געזאָגט אויפמונטערנדיק: „זאָרג זיך ניט, די בעל־הביתטע ווייס די גאַנצע מעשה מיט טשאַרלין און מיט דעם שוואַרצן. זי ווייס אז דו וועסט אַרבעטן אָרנטלעך און איז געווען צופרידן דיר צו געבן דעם נייעם פּאָסטן".

„כ'ווייס, דאָס איז אַ דאַנק דיר", האָט קלמן אַ גערירטער געזאָגט.

טשאַרלי האָט די נייעס פון קלמנס פאַרלאָזן די קאַפּעריטע אויפגענומען גלייכגילטיק, ווי ער וואָלט זיך אויף דעם געריכט. ער האָט פאַרשטאַנען, אז איצט, נאָך מ"ר פליישערס טויט, וועט דזשעק וועלן האָבן קלמנען ביי זיך אין סטאָר, ער איז אַ „גוטע האַנט".

מיט קלמנען אליין האָט ער כמעט ניט גערעדט וועגן זיין נייעם פּאָסטן, נאָר דאָך האָט ער אים נאָכגעקוקט אַ גאַנצן טאָג, זיין לעצטן טאָג ביי דער אַרבעט אין קאַפּעריטע און פייערלעך פון קינאה האָבן זיך געצונדן אין זיינע אויגן. ער האָט אים ניט פאַרגונען די „נאַגראַדע". דאָך איז זיין האַרץ אַ ביסל ווייכער געוואָרן, ווען עס איז אָנגעקומען דער אָוונט און קלמן האָט גענומען פּאַקן זיינע בעבעכעס. בעתן זיך געזעגענען האָט טשאַרלי קלמנען געדריקט גוטברודעריש זיין ברייטע האַנט און אים פון גאַנצן האַרצן צו־געווונטשן, אז פון קאָנצעשן סטאָר זאָל ער שוין קומען צו עפּעס אייגנס — און ער האָט זיך ניט פאַרגעשטעלט, אז די ברכה וועט טאַקע מקויים ווערן.

קלמן אין קאָנצעשן סטאָר

דזשעק האָט קיין טעות ניט געמאַכט מיטן אריבערהייבן קלמנען אין קאָנצעשן סטאָר. ער האָט זיך ארויסגעוויזן אויסערגעוויינלעך פּעאיק. אָבער מער נאָך ווי זיינע פּעאיקייטן האָט אים צוגעשפּילט דער גוטער נאָמען זיינער ביי די שוואַרצע. איינער האָט איבערגעגעבן דעם צווייטן די גוטע נייעס, אז דער „אַנשלאַדיא מאַשלאַפּע" איז פון דער קאַפּעריטע איבערגע־גאַנגען אין סטאָר און פון גאַנצן קאַמפּאַנד האָבן זיך גענומען ציען די שוואַרצע אַרבעטער מיט זייערע אָנגעשטאָפּטע מטבעות אין די גאַרטלען. זיי האָבן געהאַט צוטרוי צום „מאַדאַלאַ קלמן", אז ער וועט זיי ניט אָפּנאַרן. איינער האָט רעקאָמענדירט דעם אַנדערן צו קויפן נאָר ביי דעם אָרנטלעכן

באַס מיט די בלויע אויגן און מיט דעם תמיד ליבן שמייכל אויף זיין פּנים. עס איז געווען ווי קלמן וואָלט אַלע שוואַרצע פון קאָמפּאַנד פאַרכישופט. זיי האָבן זיך צו אים געצויגן אין רייען.

אָפטמאָל איז זיי אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן ביז ער וועט זיי באַדינען, אָבער דאָך האָבן זיי געדולדיק געוואַרט ביז זייער ריי איז געקומען. און אויב איינער האָט זיך ניט געקענט דערוואַרטן, איז ער געקומען אַן אַנדער טאָג. און ניט נאָר פון דעם נאָענטן קאָמפּאַנד, נאָר פון אַלע אַרומיקע ווייטערדיקע געגנטן האָבן זיך גענומען ציען קונים צו קלמנען, ניט געקוקט אויב זיי האָבן אפילו נענטער געהאַט ווו זיך איינצוקויפן.

„קלמן איז געוואָרן אַ מאַגנעט פאַר די שוואַרצע", האָט דזשעק געזאָגט צו גערטין אין אַ פּאָר חדשים שפּעטער. „מיר מוזן שוין באַשטעלן דאָפּלט סחורה היינטיקן חודש".

די קאָנצעשן סטאָר „באַרני פליישער ענד קאָ." האָט אָנגעהויבן וואַקסן ווי אויף הייוון. תמיד איז געווען פול מיט שוואַרצע און מיט זייער טומל. כסדר האָט מען געהערט דעם קלונג פון דער קאַסע, וואָס האָט רעגיסטרירט אַריינגענומענע געלטער. מ'האָט געמוזט צונעמען נאָך „העגט". קלמן האָט געהאַט אונטער זיך אַ פּאָר שוואַרצע פאַרקויפערס, וואָס האָבן אים געפאָלגט און געווען גרייט צו גיין פאַר אים אין פייער־און־וואַסער. ער האָט שוין אַ ביסל געכאַפּט זייער לשון און אפילו געקענט אַ קלאַפּ טאָן מיט דער צונג. האָבן די שוואַרצע אָנגעקוואָלן ווי דער קלוגער באַס לערנט זיך גיך די שפּראַך זייערע. קלמן האָט זיך געפילט ווי אַ קאָמאַנדיר, וואָס פירט אַ גרויסע אַרמיי. אין אָוונט, הינטער פאַרמאַכטע טירן, האָבן אים די אויגן געגלאַנצט פון שמחה, עפּענענדיק די אָנגעשטאָפּטע קאַסע און זעענדיק די בערג מיט געלט.

אין אַ פרייען זונטיק, ווען דזשעק און קלמן האָבן זיך פונאַנדערגערעדט, האָט אים קלמן פאַרטרויט אַז זיין רייכער אָנקל איז אים גרייט צו העלפן זיך איינאָרדענען אין שטאָט — און איין טאָג וועט עס פּאַסירן. אויף מאָרגן האָט דזשעק שוין דערציילט גערטין, אַז ער האָט אַ חשד אַז אין איין שיינעם פרימאָרגן קען קלמן זיך אויפהייבן און אוועק און פון גאַנצן אויפטו וועט זיך אויסלאָזן אַ וואַסער. ער האָט שוין אָנגעהייבן צוויפלען, צי עס האָט זיך עס בכלל געלוינט, ווייל טאָמער חלילה זאָל קלמן אוועק וועט עס אַריינשלאָגן אין די שוואַרצע ווי אַ דונער. און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז טאַקע

מהיום זאָל מען העכערן קלמנס געהאַלט. איצט האָבן זיי אָפּגעמאַכט, אז פאַר קיין פּרייז טאָר מען קלמנען ניט אַוועקלאָזן פון געשעפט.

אויף אַלע וועגן האָבן זיי זיך אָנגעהייבן באַמיען קלמנען צו מאַכן באַ־קוועם און אָנגענעם — אי ביי דער אַרבעט און אי נאָך דער אַרבעט. ערש־טנס האָט מען אים גלייך צוגעטיילט אַ באַזונדערן שיינעם צימער אין דעם הויז, ווו די בעל־הביתטע און דזשעק האָבן געלעבט. צווייטנס האָט מען אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַלע וויק־ענדס און האָלידייס, ווען די סטאָר איז פאַרמאַכט, צו פאָרן אין שטאָט צו זיין משפחה. פאַר קלמנען איז דאָס געווען אזא גרויס געווינס, אז ער איז געווען אויסער זיך פאַר שימחה און האָט געפילט דאַנקבאַרקייט פאַר דעם.

אין די אָוונטן, ווי נאָר מ׳האָט אָפּגעגעסן, פלעגט גערטי גערן פאַרבעטן אין איר שיינעם זאַל דזשעקן מיט קלמנען.

* * *

איין מאָל האָט אים דזשעק פאָרגעלייגט, אז אָנשטאָט צו פאַרברענגען די אָוונטן אין פּלוידערן, וויל ער אים גאָר אָנהייבן לערנען ריידן און שרייבן ענגליש. קלמן האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט און ער האָט שוין אַ גאַנצן טאָג דערמאָנט דזשעקן, אז ער זאָל אים צוגרייטן אַ בוך מיט אַ העפט. דזשעק האָט ניט נאָר געטראַכט וועגן קלמנס זיך אויסגרינגען, נאָר נאָך מער וועגן אים צובינדן מיט עפּעס אָן אינטערעס צו דעם אָרט, אז די צייט זאָל אים ניט ווערן צו לאַנגווייליק.

קלמן האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיין אַ גוטער און פלייסיקער שילער. ווי נאָר ער האָט געהאַט אַ פרייע מינוט האָט ער אריינגעקוקט אין ביכל, אָדער געשריבן מיט אַ בלייפעדער, ווי אַ שול־תלמיד, אין זיין העפט. ער האָט ארומגעטראָגן דאָס ביכל מיטן העפט מיט זיך, ווי אַ סאָלדאַט זיין גע־ווער. אין די שעהן פון טאָג, ווען די סטאָר פלעגט ווערן ליידיק פון קונים, פלעגט קלמן זיך חזרן זיינע לעקציעס. אפילו ווען ער האָט אויסגעלייגט סחורה אויף די פּאָליצעס און געמאַכט אָרדענונג, האָט ער זיך געאיבט. ער האָט גיך געמאַכט פאָרשריט. און וואָס מער ער האָט געלערנט אַלץ גרע־סער איז געוואַקסן זיין אינטערעס, ווי אייגער וואָס קען זיך ניט אָפּרייסן פון אַ זאַך וואָס האָט אים פאַרכאַפּט. עס האָט זיך געוועקט אין אים אַ דורשט צו קענען דאָס וואָס אַנדערע קענען.

ער האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז דזשעק זאָל ריידן צו אים ניט אַנדערש נאָר ענגליש, כּדי ער זאָל זיך וואָס גיכער אויסלערנען צוזאַמענריידן. דזשעק האָט זיין עקשנות נאָכגעגעבן, כאָטש דאָס האָט ניט איין מאָל געשטערט אין דער אַרבעט. אפילו גערטי האָט אָנגעהייבן צו אים ריידן ענגליש און קלמן האָט שוין „געפּלאַפּלט", ווי ער האָט עס גערופן, גאַנץ נישקשהדיק. אין גע־דאַנק האָט ער אפילו מיט זיך אַליין גערעדט און געוווּן צופרידן ווי ער רעדט זיך צוזאַמען און ווי ער פאַרשטייט זיך אַליין...

פון די אויסגעלערנטע ווערטער פלעגט ער צוזאַמענשטעלן קליינע בריוועלעך און האָט זיי אָפּגעשיקט צו סאָניען. זי איז געווען אויסער זיך פון שמחה, וואָס קלמן האָט איר אייגנהענטיק געשריבן די עטלעכע פאַר־גרייזטע שורות און האָט אים גלייך געענטפערט מיט אַ בריוו פון דער־מוטיקונג.

זי האָט אים אויסגעדריקט דאַנק און געזאָגט, אַז זי האָט געקושט די ווערטער זיינע ווי ער וואָלט עס אַליין געווען. קלמן האָט פאַרטראַכט אָנ־צושרייבן סאָניען אַ גרויסן בריוו און האָט אָנגעהייבן פרעגן דזשעקן פאַר־שיידענע שווערע ווערטער, האָט אים דזשעק געגעבן אַן ענגלישן ווערטער־בוך און אים געוויזן ווי מ'דאַרף זיך באַנוצן מיט דעם. קלמן האָט שווער געהאָרעוועט, געשוויצט ביז ער האָט געפונען דעם ריכטיקן וואָרט און פאַר־שטאַנען זיין באַטייט. די ווערטער האָבן זיך געמישט און געפּלאָנטערט, אי אין בוך אי אין זיין קאָפּ, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך אַרויסגעפּלאָנטערט פון דעם ווערטערוואַלד.

נאָך אַ פּאָר וואָכן מאַטערנישן האָט ער געהאַט אָנגעשריבן אַ לאַנגן בריוו צו סאָניען מיט אַלע נייעס. ער האָט אויסגעשריבן ווי אים גייט אין קאָנצעשן סטאָר און אַז די אַרבעט פאַלט אים ניט שווער; אַז מ'האָט אים זיין לוין געהעכערט און געגעבן אַ פיינעם צימער; אַז ער גיט זיך שוין אַן עצה מיט די איינגעבוירענע און קען זיך שוין אַ ביסל צונויפריידן אויף זייער לשון. איצט פילט ער, אַז זיין דערפאָלג אויפן נייעם אָרט איז אַ כּשר־פאַרדינטער און עס וועט אים ברענגען צו אַ תּכלית. ער לערנט און איז גליקלעך מיט דעם, וואָס סאָניע אָנערקענט זיינע אויפטוען.

צום סוף פון בריוו איז אָבער געווען די סאַמע וויכטיקסטע נייעס: קו־מענדיקע סוף־וואָך וועט ער אריינפאָרן אין שטאָט, וועט ער איר וועגן אַלץ געניו אויסדערציילן. און נאָך האָט ער איר געשריבן, אַז ער וויל האַלטן

פּאַר איר עקזאַמען אין אַלע זיינע אַרבעטן אויף ענגליש. ער וועט איר ברענגען די העפטן מיטן בוך און ער וויל אז זי זאָל אים זאָגן איר מיינונג, אזוי ווי דער לערער זאָגט עס צו די קינדער אין שול.

נאָכן אַוועקשיקן דעם בריוו האָט קלמן זיך דערפילט לייכטער און ער האָט שטאַרק אָנגעהייבן אַרבעטן כדי די צייט ביז זיין אָפּפאָר זאָל גיכער אַדורך. ווו ער איז נאָר געגאַנגען האָט ער געטראַכט וועגן סאָניען און זייער צוזאַמענטרעף. דזשעק האָט עס באַמערקט און געחוזקט פון אים, אז ער האָט רייזע־פיבער ווי אַ קליין יינגל.

19

קלמן און זיינע צימער

קלמן האָט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן זיך געפונען איינער אליין אין אַ לופטיק־געררימטן און ליכטיקן צימער. דער פּאָלירטער דיל האָט געגלאַנצט ווי אַ שפּיגל און די מעבל האָבן געשיינט מיט נייקייט. אויף דעם גרויסן פּענצטער זיינען געהאנגען שיין־אויסגענייטע גאַרדינען, וואָס פון זיי האָט זיך אָפּגעשלאָגן דאָס ליכט פון דער זון אויפן קליידער־אַלמער מיט די דריי טירן. הינטער די טירן איז געווען א ברייטע אָפּטיילונג פאַר בגדים און שופלאָדן פאַר וועש.

קלמן האָט ניט געהאַט אזוי פיל זאַכן אויסצוהענגען און אריינצופּאַקן אינעווייניק, נאָר ער האָט ליב געהאַט אויפצופּראַלן די טירן און אריינקוקן אין דער פּוסטקייט פון אַלמער און טראַכטן וויפל אָנצוגן מ׳וואָלט נאָך דאָרט געקענט אריינהענגען. אין צימער איז געשטאַנען אַ באַזונדער טואַלעט־

טישל מיט אַ זילבער־געשליפענעם שפּיגל, וואָס האָט זיך גאָר געפּאַסט פאַר אַ גבירישער מויד, און קלמן האָט אויסגעמיטן פאַרבייציוגייק נאָענט פון דעם, ווי עס וואָלט זיך געקענט צעברעכן פון זיין באַריר.

אים האָט זיך צייטנווייז ניט געגלויבט, אז עס איז זיין צימער. די דאָזיקע עשירות איז אים פאָרגעקומען ווי אַ חלום, וואָס קען גאָר מיט אַ מאָל פאַרשווינדן. איבערהויפּט האָט ער זיך ניט געקענט אָנפרייען מיטן בעט און די פּאָר ווייכע לעדערנע שטולן פוןביידע זייטן. אז ער האָט זיך צום ערשטן מאָל אריינגעזעצט אין אַ שטול, האָט ער דערפילט ווי ער זינקט אין אזא אָנגענעמע פּוכיקע ווייכקייט. דזשעק האָט אים געזאָגט אז די שטולן זיינען זיך אָפּצורוען, אָדער שמועסן מיט אַ גאַסט וואָס באַזוכט אים.

בעסער פון די שטולן איז אָבער פאָרט געווען דאָס בעט. אַ מידער, נאָך דער אַרבעט, פלעגט ער זיך אַ לייג טאָן אויפן מאַטראַץ און א מחייהדיקע רו פלעגט זיך צעגיסן אין אַלע גלידער. פון בעט האָט געשמעקט מיט דער פרישקייט פון וועש, וואָס האָט זיס פאַרשלעפערט. און קלמן האָט ליב געהאַט זיך אַ דריי צו טאָן אַהער און אַהין און פילן ווי דער מאַטראַץ הוידעט זיך, גיט נאָך זיין שווערקייט כמעט ווי מיט אַ לעבעדיקער פאָלגעוודיקייט — מחייה נפשות! קלמן פלעגט זיך דערמאָנען די שעניקעס אין דער היים, וואָס דאָס היי־שטרוי דערין איז תמיד געווען צעריבן אויף שעטצקע. ווי מענטשן פאַרגינען זיך עס צו שלאָפן דאָ, האָט קלמן געטראַכט מיט קינאה צו זיך אליין.

ער האָט זיך אליין געפרעגט פאַר וואָס קומט עס אים צו וווינען אין אזא שיין־פאַרפּוצטן צימער און צו שלאָפן אין אזא בעט. ביז ער האָט זיך דערטראַכט, אז ניט אומזיסט האָט מען עס אים געגעבן. ער טוט דאָ אַ סך אַרבעט, און דזשעק דאַרף אים. ער פילט עס לויט זיין באַנעמונג, וואָס איז געוואָרן שוין צו פיל פריינדלעך. אויך די בעל־הביתטע איז צו אים גוט. ס'איז אוודאי ניט קיין חלום, און ס'איז אפשר געווען מן השמים וואָס ער איז אַנטלאָפן פון פּאָניען אַהער. די היימישע יידן וואָלטן אים דאָך איצט ניט דערקענט, אפילו ניט די אייגענע יאַטן. ווען זיין מאַמע, יענטע די מאַזשניצע, צי גאָר כאַטשע און העטשע זעען ווי ער לעבט דאָ, וואָלטן זיי זייערע אויגן ניט געגלייבט. ער ווייס ניט, קלמן, צי אפילו דער קניאז מירסקי, אין זיין רוסלאַנד, דאָרט ביי זיך אין פּאַלאַץ, שלאָפט אין אזא בעט און אויף אַזאַ מאַטראַץ.

און קלמן פֿאַנטאַזירט ווי דאָס וואָלט אויסגעזען, אַז זיינע פֿריינד מיט זיין מאַמען קומען דאָ אַראָפּ און דערזעען מיט וואָס פֿאַר אַ „פּאַטשאַט" די בעל־הביתטע גערטי און איר מענעדזשער דזשעק באַציִען זיך צו אים. ווי ער קאָמאַנדעוועט אין קאָנצעשן סטאָר, ווי ער באַגייט זיך מיט די שוואַרצע, ווי ער פּלאַפּלט זייער לשון, ווי זיי קוקן אויף אים מיט דרך־ארץ און דעם צוטרוי וואָס זיי האָבן צו אים. דער עיקר אָבער וואָלט ער געוועזן אַ בעלן צו זען זייער פֿאַרוווּנדערונג, ווי אַזוי ער, קלמן, רעדט און שרייבט ענגליש. און אַז זיי פֿאָרן צוריק און דערציילן עס אין שטעטל, וואָלט עס קיין איינער ניט געגלויבט. אַפֿילו דער דאָקטאָר קען קיין ענגליש ניט...

קלמן גיט זיך אַ כאַפּ פֿון דרימל און אים איז אַזוי גוט, גוט ווי די וועלט!

* * *

קלמן קען שוין מער ניט איינשלאָפֿן. ער ווייס אַז מענטשן שלאָפֿן ניט אָפֿט פֿון צרות און דאגות, אָבער אים שלאָפֿט זיך ניט פֿון גוטסקייט. נאָר מיט אַ מאָל הייבט אים אָן מאַטערן די מחשבה, אַז אים איז טאַקע גוט, אָבער זיי דאָרטן, אין דער היים, איז דאָך איצט ביטער ווי דער טויט. איי, ווען ער קען זיי איצט אַלעמען העלפֿן, וואָלט ער דאָך דאָס לעצטע העמד פֿון זיך אַראָפּגענומען, אַבי אויך זיי זאָלן האָבן אַ ביסעלע גוט. ער וואָלט פֿון זיך אָפּגעשפּאָרט יעדן גראָשן, זיי געשיקט וויפֿל נאָר עס לאָזט זיך, ער וואָלט אַפֿילו ניט געזשאַלעוועט זיינע אַלע אָפּגעשפּאָרטע פֿונטן. און זיי מוזן דאָרט, אין די מלחמה־טעג, אוודאי צוהונגערן. פֿאַר איין פֿונט וואָלטן זיי דאָרט געקענט זיך איינקויפֿן פֿאַר אַ גאַנצן חודש עסן. ער וואָלט גע־טאַנצט פֿון שׂימחה, ווען ער קען זיי שיקן אַ פּאָר פֿונט. אפֿשר איז דאָ אַ וועלכער ניט איז וועג? אפֿשר ווייס דזשעק? ער ווייס דאָך אַזוי פֿיל זאַכן.

אָבער דזשעק האָט אים דאָך שוין געזאָגט אַז מ'קען ניט. טאַקע ער האָט אים דאָך דערציילט די אומעטיקע נייעס וועגן דער מלחמה וואָס בו־שעוועט דאָרטן, וועגן די פֿראָנטן און וועגן די רוסישע מפּלות לעצטנס. ווערדליק די צייטונגען שרייבן און ווי דזשעק האָט עס טאַקע פֿאָרויסגעזאָגט, איז שוין אַ האַלבע וועלט אַריינגעצויגן אין דער מלחמה. מ'רעדט שוין אַז אַפֿילו אַמעריקע וועט זיך אַריבערפּעקלען מיט אירע סאָלדאַטן און די עראָ־פּלאַנען אירע איבערן ים. ס'וועט זיין אַ וועלט־מלחמה, האָט דזשעק גע־זאָגט, און ער איז גערעכט. און וואָס וועט זיין דער סוף פֿון אַזאַ כאַלאַמי־דער? איין גאָט ווייס. און אפֿשר זיינען גאָר כאַטשע און העטשע אויך

אויף דער מלחמה, אויף די פראָנטן, פאַלט אים מיט אַ מאָל איין. און אפשר זיינען זיי גאָר געראַניעט? און ווייטער האָט ער מורא צו טראַכטן. און פלוצלינג גיט אם א פיק אין מוח ווי אַ בייזע פליג: צי לעבט נאָך זיין אַלטע קראַנקע מאַמע?

די טרויעריקע מחשבות לאָזן אים שוין ניט שלאָפן אין גאַנצן, כאָטש די שעה איז שוין האַלבע נאַכט. פון מאַטראַץ האָט זיך שוין אָפגעטאָן זיין פאַרשלעפּער־כישוף און וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער. ער וואָלט אפילו איצט געוואָלט שלאָפן אויף אַ שטרוי־שעניק, נאָר ער זאָל וויסן וואָס דאָרטן קומט פאָר. שעהן גייען אזוי פאַרביי. אַ שפּראָץ אויף טאָג ווערט ער אַ מידער אַנטשלאָפן.

קלמן ווערט וואַרעם מיט דער משפחה

די צווייטע נאַכט האָט קלמן ווידער ניט געקענט איינשלאָפן. איצט האָט עס אים אוועקגעפירט אויף אַנדערע געדאַנקען, וואָס האָבן אים רוען ניט געלאָזט. ער האָט געהאַט א גוט מזל פטור צו ווערן פון דער שווערער אַרבעט אין קאָפּעריטע, פון טשאַרלין און זיינע מיאוסע שטיק, פון זיין אַ משרת ביי די שוואַרצע. אין קאָנצעשן סטאָר איז פאָרט אַנדערש, דאָ גע־פינט ער זיך צווישן מענטשן, דאָ איז זויבער און לופטיק, נאָר קיין תכלית איז עס פאָרט ניט. עפּעס האָט ער דאָך גאָר אַן אַנדער ציל אין לעבן, אזא גרויסער און ליכטיקער ציל — סאָניע! און דאָס האַרץ טוט זיך אים פריי־דיק אַ צאַפּל ווען ער טראַכט פון איר.

ניין, כדי איר ווערט צו זיין איז ווינציק צו בלייבן אַן אַנגעשטעלטער אין אַ קאָנצעשן סטאָר, ווייל סאָניע וועט דאַרפן אזא היים און אזא רייך לעבן ווי עס האָט געערטי. אויב מ״ר פליישער ע״ה האָט עס געקענט דער־גרייכן, פאַר וואָס זאָל ער, קלמן, עס ניט קענען? קלמן באַרעכנט אויף גיך זיינע שכירות און בלייבט אַנטוישט: מיט אזא ביסל געלט וועט ניט געָנוג זיין איינאָרדענען און אָנהאַלטן אזא היים, ווי עס פאַסט פאַר סאָניען. און ווער ווייס צי סאָניע וועט וועלן איבערלאָזן די שטאָט, איר שוועסטער, איר שוואָגער מיט אַלע פריינד און זיך אריבערקלייבן אַהער, אין אַ מידבר, צווישן שוואַרצע. ער ווייס גאָר ניט, קלמן, צי ער מעג עס פאַרלאַנגען, זי זאָל פאַרלאָזן איר סביבה און קומען אין אַ וויסטן פעלד, ווו די טעג זיינען

אומעטיקע און די נעכט לאַנגווייליק־לאַנגע. זי וואָלט עס אפשר געטאָן צוליב איר ליבע צו אים, אָבער ער טאָר איר ניט שטעלן פאַר קיין נסיון. נאָר צדיקים קענען אויסשטיין אַ נסיון, דערמאָנט ער זיך אַ זאָג פון חדר.

אין זיין מוח יאָגן די געדאַנקען, קייקלען זיך איינער איבערן אַנדערן, פּלאָנטערן זיך און צעמישן זיך מיט אַ מאָל, ווי אַ וואָלקן־וואַקכאַנאַליע אויפן הימל בעת עס קלייבט זיך אויף אַ שטורעם. איז זיין האַרץ איצט צעשטור־רעמט פון די ספיקות און פראַגעס, וואָס האָבן אַלע אָנגעשפּאַרט אויף איין מאָל און פאַרלאַנגען אַן ענטפער. קלמן איז אויסער זיך פון פאַרדרוס, וואָס ער קען זיך קיין עצה ניט געבן מיט די אַלע פּראָבלעמען, נאָר מיט אַ מאָל קומט אַ דערלייכטערונג. ער דערמאָנט זיך אז סוף־וואָך וועט ער זען סאָ־ניען, וועט ער זיך מיט איר דורכשמועסן וועגן דעם אַלעם און צוזאַמען וועט לייכטער זיין צו קומען צו אַ טאָלק. און ווי נאָר ער באַשליסט ביי זיך איבערלאָזן אַלץ און מער ניט טראַכטן פון דעם, קומט אויף אים אַ רואיקער זיסער שלאָף.

* * *

שבת נאָך מיטאָג האָט אים סאָניע דערוואַרט. איר האָט ער שוין פריער געהאַט געשריבן אז ער קומט, נאָר פאַר דעם אָנקל און ראָזין איז ער אריינגעפאַלן ווי אומגעריכט. נאָר ווי ער האָט ארויפגעשטעלט אַ פוס אויף דער שוועל, איז אין הויז ליכטיק געוואָרן. זיי האָבן זיך גראָדע געגרייט צום נאָכמיטאָג־טיי, און ווי דער אָנקל מיט די צוויי פרויען האָבן אים דערזען האָט זיך א רודער געטאָן. אַלץ האָט אויפגעלעבט, ווי ער וואָלט מיט זיין טראָט אריינגעבראַכט די פריילעכקייט אין שטוב.

מ״ר מייקל האָט זיך אַ הייב געטאָן, אים אנטקעגן געלאָפן מיט שמחה. ער האָט זיך ארומגעכאַפּט מיטן גאַסט, אים געקלאַפּט אַ צופרידענער איבער די ברייטע פּלייצעס. ביי סאָניען האָבן זיך די אויגן אויסגעברייטערט, ליכ־טיקער געוואָרן. אויף איר פּנים האָט זיך צעשפּרייט אַ שמייכל, וואָס האָט זיך לוסטיק פאַרגראָבן אין אירע חן־גריבעלעך, שטיפעריש ארומגעטאַנצט אויף אירע פרישע באַקן, וואָס האָבן מיט אַלערליי קאָלירן זיך געביטן פון אויפרעקונג.

פון ראָזיס פּנים איז די כמאַרע, וואָס איז אָנגעלאָפן מיט קלמנס אריינ־קומען, פאַרשוווּנדן אין דער זעלבער רגע ווי נאָר קלמן האָט זיך אָנגעבויגן איר אַ קוש צו טאָן. ער איז אַ רגע געבליבן מיט זיין באַק צוגעדריקט

צו אירער, און ווען ער האָט אוועקגענומען זיין גרויסן קאָפּ פון אירן, האָבן אַלע געזען, אַז אַ צופרידענער שמייכל ליגט צעגאָסן אויף איר פּנים. ס׳האָט אויסגעזען ווי קלמן וואָלט איר אַ כּישוף אָפּגעטאָן.

מ׳האָט געטרונקען טיי. קלמן האָט דערציילט מיט אַ ציטער פון שטאָלץ אין זיין קול, אַז ער איז אריבערגעהייבן געוואָרן פון קאָפּעריטע אויף אַ העכערן פּאָסטן — אין קאָנצעשן סטאָר. ער האָט דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי ס׳גייט אים, וועגן זיין פּריצישן צימער און אַז מ׳האָט געהעכערט זיין געהאַלט. דער עיקר אָבער האָט ער זיך פאַרכלינּיעט, ווען ער האָט אָנגעהויבן באַווייזן זיין ענגליש וויסן:

„איך קען שוין פאַרשטיין די שוואַרצע פּינטעלעך אין אַן ענגלישער צייטונג. כ׳וועל שוין גאָר באַלד קענען ווערן אַן אפריקאַנער רב, כ׳דאַרף זיך נאָר אויסלערנען צו האַלטן אַ דרשה אויף ענגליש. אָפּדאַווענען פון סידור קען איך נאָך היינט ניט ערגער פון זיי״. מ׳האָט זיך אונטערהאַלטן, געלאַכט. קלמנס מונטערקייט האָט זיך אין אַלע ווינקעלעך צעלייגט, אַזוי אַז אין האַרצן האָבן די דריי מענטשן געפילט דאַנקשאַפט צו אים פאַר זיין קומען. סאָניע, וואָס האָט שוין פריער געוווּסט אַז ער קומט, איז מיט אַ מאָל איבערראַשט געוואָרן פון זיין פּלוצלינגדיקער ווענדונג:

„היינט אָוונט, גלייך נאָך וועטשערע, נעם איך אייך אַלעמען אין קינאָ. דאָס וועט זיין אַ קליינע משפּחה־שׂימחה לכּבוד מיינע לעצטע דערפאָלגן״.

„אַ דאַנק פאַר דער איינלאַדונג, קלמן!״ האָט דער אָנקל דער ערשטער זיך אָפּגערופן.

וואָלט מ״ר מייקל זיך ניט צוגעאיילט, וואָלט ראָזי אָפּגעוואָרפן קלמנס איינלאַדונג מיט אַ תּירוץ אַז זי פילט זיך ניט אַמבעסטן. איצט האָט זי זיך שוין ניט געקענט העלפן און אויך צוגעבאָמקעט איר דאַנק. צו לעצט האָט סאָניע אים אויך באַדאַנקט. קלמן איז געווען שטאַרק צופרידן פון דעם געלונגענעם סורפּריז וואָס ער האָט אַלעמען געמאַכט. ער האָט צוריקגעשמייכלט אויף זייער דאַנק.

„איצט וועל איך שוין ניט זיצן אין קינאָ און קוקן ווי אַ האָן אין בני אָדם אויף די ענגלישע אויפשריפטן״, האָט קלמן פייערלעך דערקלערט. „און טאָמער וועלן אַ פּאָר ווערטער מאַכן אַ ויברח און די אותיות וועלן זיך ניט לאָזן דעריאָגן פון מיר, וועל איך כאָטש כאַפּן און פאַרשטיין דעם אינהאַלט״.

„נישקשה, קלמן, איך וועל דיר העלפן יאָגן די ווערטער", האָ טסאָניע אָנ־געבאָטן איר הילף און געווען באַגייסטערט פון קלמנס בילדערישער שפּראַך.

„אָ, כ'האָב גאָר פאַרגעסן אז ס'איז דאָך פאַראַן אַ סאָניטשקע אויף דער וועלט. נאָר געזונט זאָל זי אונדז זיין, ווי גוט זי איז!" און ער האָט מיט אַ ברייטן טראָט אַ שפּאַן געטאָן צו איר, זי ארומגענומען און איר אַ זאַפטיקן קוש געגעבן, אז ס'האָט אָפּגעקלונגען.

מ"ר מייקל איז געווען צופרידן פון זיין פלימעניקס שקאָצעריי און ער האָט מיט חידוש באַטראַכט די צוויי פרויען. סאָניע איז געווען פאַררויטלט. ס'איז אים ניט קלאָר געווען, צי פון קוש אָדער פון פאַרשעמטקייט, און דער שמייכל האָט אַלץ געשפּילט אויף אירע ליפּן. פאַר ראָזין איז אָבער די זאַך געקומען אזוי אומגעריכט, אז זי האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. ערשט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק וואָלט אזא מין חוצפּהדיקער קוש פון גראָבן יונג אפשר געבראַכט צו אַ שטיקל סקאַנדאַל, אָבער איצט האָט זי זיך אָפּגעקערט אין מיט גיכע טריט ארויס פון זאַל, אַ ברום טוענדיק: „איך גיי אין קיך". און קיינער האָט ניט געקענט וויסן, צי דאָס איז אַ פּראָטעסט, פאַר כעס, אָדער זי האָט טאַקע עפּעס וויכטיקס צו טאָן אין דער קיך.

„בראַוואָ, קלמן!" האָט דער אָנקל געזאָגט, ווי ער וואָלט געוואָלט באַ־שטעטיקן זיין צושטימונג צו קלמנס טאַט און אים ווייזן אז ער איז אויף זיין זייט.

„איך בין נאָך אַ ביסל טעמפּ אויף דער ענגלישער עברי, אָבער ניט אויף אַ קוש פאַר אַ טייער מיידל ווי סאָניטשקע", האָט קלמן זיך געוויצלט און געקוקט אויף איר.

סאָניע איז געזעסן רואיק און צוגעשמייכלט צו דער חכמה. דעם אָנקל האָט עס הנאה געטאָן.

אין קיך האָט זיך ראָזי באַשעפטיקט מיט צוגרייטן דעם אָונטברויט. איר איז דער קוש פון קאָפּ ניט ארויס. שוין, געענדיקט, האָט זי געטראַכט. מיין אינטעליגענטע שוועסטער קושט אַ קאָפּעריטניק פאַר אַלעמען אין די אויגן און — זי איז צופרידן.

מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערמאָנט, אז קלמן איז שוין גאָר אין קאָנ־צעשן סטאָר, אַ זאַך וואָס האָט איר הנאה געטאָן ווען ער האָט עס פריִער דערציילט. ס'איז פּאָרט אַ שטיקל דערגרייכונג פאַר אַ גרינעם! האָט זי ביי זיך אליין געפּרווּט הייבן די געפאַלענע שטימונג. דער קלמן בולאָן,

ווי ער רופט זיך אליין, האָט מיר שוין צעשטערט די גאַנצע הנאה פון היינ־טיקן קינאָ. וואָלט זי זיך ניט געשעמט, וואָלט זי צוגעטראַכט אַן אויסרייד ניט צו גיין, אָבער זי האָט געוווּסט אז אַלע וועלן גלייך פילן אז ס׳איז מער ניט ווי אַ תירוץ.

* * *

ווען דער שאָפער האָט צו דער פּינקטלעכער מינוט אַ טרובע געטאָן איז ראָזי שוין געשטאַנען אַן אויסגעפּוצטע און מיט אַלעמען ארויס צו דער פאָרשטעלונג.

בעתן אַנטראַקט איז קלמן מיט שנעלע טריט ארויס אין פאָיער. ער האָט זיך אַ ביסעלע פאַרזאַמט און סאָניע האָט שוין געציטערט טאָמער פאַר־שפּעטיקט ער. ווען ער האָט זיך אומגעקערט האָבן זיי אויפגעריסן די אויגן מיט פאַרוווּנדערונג: ער האָט מיט אַ דזשענטעלמעניש מאַניער דערלאַנגט יעדע פון די צוויי דאַמען אַ שיינע פּושקע שאָקאָלאַד. מ״ר מייקל האָט אָפּ־געמאָסטן מיט טריאומף זיין ווייב, ווי ער אליין וואָלט גאָר געווען דער גיבור פון דער „שאָקאָלאַד־דראַמע״. דאָס איז געטאָן געוואָרן פון קלמנען אזוי עלעגאַנט און נאַטירלעך, אז ס׳האָט געמאַכט אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אויף די פרויען. און ווען מ״ר מייקל האָט אַ צעטומלטער אויסגעחשבונט וויפל אַ שטייגער קלמן האָט באַצאָלט פאַר אזא פאָר גראַמאַדנע שאַכטלעך מיט שאָקאָלאַד, האָט זיין ווייב באַוווּנדערט דעם גרויסן, געזונטן און פּראָסטן שימשון הגיבור, וואָס האָט זיך פאַרשטאַנען אויף אזא העפלעכקייט, און ס׳איז איר אין דעם מאָמענט אוועקגעבליבן דאָס לשון, אז זי האָט זיך אפילו פאַרגעסן צו באַדאַנקען.

כאָטש מ״ר מייקלען האָט פאַרדראָסן קלמנס אויסברענגעריי פון קויפן מיט אַ מאָל צוויי שאַכטלען טייערן שאָקאָלאַד, האָט אים דאָך הנאה געטאָן אז זיין פלימעניק האָט שוין געכאַפּט דעם גרויס־שטאָטישן שניט ווי מ׳באַגייט זיך מיט דאַמען אין אַ געזעלשאַפט. אָבער מער פון אַלץ האָט ער דעריך דערפילט קלמנס דיפּלאָמאַטישן חוש, ווייל מיט דעם איינעם זשעסט האָט ער שוין אין גאַנצן אָפּגעקויפט ראָזין.

איצט האָט ראָזי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו קלמנען און ניט צו באַ־שיידן־שטיל געזאָגט אין ענגליש: „טהענק יו, מיסטער טראַיעוויצקי!״ אַלע אויגן פון די פלעצער ארום זיי האָבן זיך אויסגעדרייט צו איר זייט, זי האָט די גרויסע שאַכטל שאָקאָלאַד געהאַלטן ווי אויף אַן אויסשטעלונג.

ראָזי איז איצט געווען גאָר צופרידן פון דעם ספּעקטאַקל וואָס זי האָט אָפּ־געשפּילט, און קלמן האָט מיט אַ מאָל געוווּנען איר סימפּאַטיע.

ווי אַ מאַסקע איז איר געצוווּנגענער שמייכל אַראָפּגעפאַלן פון פּנים און זי האָט פרײַ געלאַכט. זי האָט מיט אַ קנאַק אויפגעריסן די פּושקע, מכבד געווען איר מאַן און קלמנען, און בשעתן קייען אַ פול מויל מיט שאָ־קאָלאַד האָט זי געטראַכט: די גאַנצע צײַט האָט זי געמאַכט אַ טעות אין קלמנען. ער איז גאָר ניט אַזוי שלעכט ווי זי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט. זי איז אפשר געווען אומגערעכט אין איר אָפּשאַצן אים. ער איז אַן איידע־לער און פײַנער מענטש, דאַרף זי צו אים אויך זײַן פײַן און גוט. וואָלט ער געהאַט אַ מענטשלעכע סביבה, וואָלט ער גלייך געוואָרן אַן אַנדערער. און גערעכט איז אפשר סאָניע, ווען זי האָט איר אַנומלט געזאָגט, אַז אין דעם איבערגעוואַקסענעם און רויען בחור קלאַפּט אַ גאָלדן האַרץ. און נאָך עפּעס האָט זי געזאָגט: אַז ער איז אַ ניט פּאָלירטער דימענט.

דער אמתער קלמן

ווי נאָר מ'האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון קינאָ־אַרויסגאַנג, פון צווישן געפּרעסטן עולם אויף דעם פרײַען ליכטיקן טראָטואַר, איז קלמן צוגעשטאַ־נען: ניט אַנדערש מ'זאָל אַרײַנגיין אין אַ קאַפע טרינקען טיי. און כאָטש מ"ר מייקל איז שוין געווען שטאַרק שלעפעריק און געהאַט לוסט צו גיין אין בעט, האָט ער דאָס מאָל נאָכגעגעבן זײַן פּלימעניקס פאַרלאַנג.

קלמן האָט זיי אַרײַנגעפירט אין אַ קאַפע דערבײַ, און ווי ער וואָלט גע־ווען אַ געניטער קאַפע־באַזוכער האָט ער גלייך געפונען אַ ליידיק טישל און אַלעמען באַזעצט. און נאָך מער איבערראַשט זײַנען זיי געווען, ווי קלמן האָט געמאַכט די באַשטעלונגען ביים קעלנער אויף אַ קאָרעקטן ענגליש, און ביים אַרויסגיין האָט ער אים ווויליונגעריש אַרײַנגעשטעקט אין האַנט אַ פײַנעם „טיפּ".

אין אויטאָ, פאָרנדיק אַהיים, האָט ער זיי אויסדערציילט מיט אַלע פּרטים דעם אינהאַלט פון פילם. אַלעמען האָט פאַרוווּנדערט זײַן פונאַנדער־קלייבן זיך אין דער געשיכטע, וואָס איז געווען אַ גענוג קאָמפּליצירטע. מ"ר מייקל האָט ערשט פון זײַן פּלימעניקס רייד געגומען תופס זײַן וואָס דאָרט איז פאָרגעקומען.

קלמן האָט נאָך צוגעגעבן זיינע מיינונגען וועגן שפּילן פון די אַקטיאָרן, אָפּגעשאַצט פאַרשיידענע סצענעס, און סאָניע און ראָזי זיינען נשתומם גע־וועז פון זיינע לאָגישע געדאַנקען.

פון דעם דאָזיקן אָוונט אָן איז ביי ראָזין אין מוח געוואָרן אַ גאַנצע צע־מישעניש. דער איינציקער געדאַנק, וואָס האָט איר באַשעפטיקט טאָג און נאַכט, איז געווען דער שיינער בחור קלמן, וועמען זי האָט באַטראַכט פאַר אַזאַ גראָבן יונג. זי האָט בשום אופן ניט געקענט געפינען דעם ענטפער אויף דער פראַגע, וואָס האָט איר געעגבערט אָן אויפהער : ווי קען זיך אַ מענטש אַזוי גרונטיק בייטן אין אַזאַ קורצער צייט ? און איין מאָל האָט איר עס אַזוי צוגעדריקט, אַז זי האָט זיך וועגן דעם געמוזט אַראָפּריידן פון האַרצן פאַר איר יינגערער שוועסטער, וואָס זי האָט איר געהאַלטן פאַר אַ חכמה.

„ווייסט, מיר דוכט אַז דער קלמן שפּילט גאָר מיט אונדז טעאַטער. ער איז אַ גוטער אַקטיאָר, זעט אויס. ווייל ווי דען אַנדערש קענסטו דערקלערן ווי אַזוי דער יונג האָט זיך געביטן ? ער שפּילט אויסגעצייכנט דעם דזשענטלמען...״

„ער שפּילט ניט, ראָזי. ניט ער שפּילט דעם דזשענטלמען, ניט דעם גראָבן יונג. דו מאַכסט אַ טעות, ראָזי. אַזוי איז ער, קלמן, נאַטירלעך, ווי ער איז״. און סאָניע האָט איר שוועסטער געגעבן אַ פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון איר באַציאונג צו קלמנען, פּונקט ווי זי האָט עס ניט לאַנג צוריק דער־קלערט, וועגן אַן אַנדער ענין, קלמנען.

„ראָזי, לאָמיר ריידן אָפן און זיך ניט שפּילן אין באַהעלטעניש, ווייל דו דאַרפסט מיר שוין לאַנג באַטראַכטן ווי אַ דערוואַקסענע פרוי און ניט ווי אַ קליין מיידעלע וואָס מ׳דאַרף אויפפּאַסן. ווי נאָר קלמן איז איבערגע־טראָטן אונדזער שוועל, און דו האָסט דערפילט אַז איך בין ניט גלייכגיל־טיק צו אים, האָסטו אים גלייך געעונמען באַטראַכטן ווי אַ שונא, וואָס האָט זיך אריינגעכאַפּט צווישן אונדז און וועט צעשטערן אונדזער נאָענטקייט.

„קלמן האָט עס ניט פאַרשטאַנען, נאָך איך האָב עס פאַרשטאַנען, און דו — ניט דו האָסט געזען און ניט דו האָסט פאַרשטאַנען. דו האָסט צו קלמנען אנטוויקלט אַן אינסטינקט פון פיינדשאַפט, ווי צו איינעם וואָס האָט ווי שפּינוועבס צעריסן אַלע פאַנטאַזיעס וועלכע דו האָסט געשפּונען וועגן מיין צוקונפט. דעריבער האָסטו אַלץ, וואָס קלמן האָט געטאָן, זיינע באַווע־גונגען און זיינע באַנעמונגען, אפילו זיינע קלוגע רייד — אַלץ האָסטו אויס־

געטייטשט צום שלעכטן און געווען אומצופרידן מיט אים. און קלמן איז ביי דיר פאַרקערפערט געוואָרן אין אַלדאָס בייז, פונקט פאַרקערט ווי ער איז אין דער אמתן. דיין אויג האָט עס געמאַכט פון שיין מיאוס, און דיין אמת וועגן קלמנען איז געווען אַ ליגן. ראָזי, באַקלער זיך עס״.

ראָזי האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דער פסיכאָלאָגישער לעק־ציע פון איר שוועסטער. די ווערטער זיינען איר אריין אין קאָפּ. די קעגן־אַרגומענטן אויף וועלכע סאָניע האָט געוואַרט, אַז זיי וועלן מיט געבייזער אַ צאַפּל טאָן אויף איר שוועסטערס ליפּן, זיינען ניט געקומען. די שטומע בליקן פון ראָזין זיינען געווען ווי אַ באַשטעטיקונג, אַז זי האָט שלום גע־מאַכט מיטן געדאַנק אַז קלמן גייט ווערן אַ מיטגליד אין דער פאַמיליע. די אומצווייפלדייטיקע רייד פון איר שוועסטער האָבן איר ענדלעך קלאָר געמאַכט די לאַגע. חוץ דעם האָט זי איצט באַנומען, אַז דער אמת איז טאַקע ניט דער ווי זי האָט געמיינט. די אינטעליגענטע סאָניע האָט עס איר אַזוי גוט דער־קלערט. און זי האָט זיך דערמאָנט אַ ווערטל, אַז דער אמת מוז סוף־כל־סוף ארויפשווימען אויבן, ווי בוימל אויפן וואַסער.

איצט האָט זי דערזען דעם אמת, ווי סאָניע וואָלט אים אויפגעליכטיקט אין איר, און זי האָט באַשלאָסן ביי זיך, אַז מהיום והלאה וועט זי זיך צו־קוקן און שווייגן.

קלמן רעדט זיך אַראָפּ פאַרן אָנקל

אויף מאָרגן, זונטיק פרי, האָט דער אָנקל ווידער פאַרבעטן קלמנען זיך דורכצופאָרן מיט אים. אָבער דאָס מאָל האָט אים דער אָנקל ניט געפירט צו זיין ביזנעס, נאָר זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויפן וועג און אריין אין אַ קאַפע, וואָס איז אין דעם רו־טאָג געווען כמעט ליידיק. מ״ר מייקל האָט זיך ברייטלעך צעזעצט, געקוקט קלמנען אין די אויגן און מיט מער היץ און איבערצייגונג ווי דעם לעצטן מאָל, גערעדט צו אים. ער האָט איר גע־זאָגט, אַז ער איז געווען זייער צופרידן פון זיין באַנעמונג מיט די „ליידיס״, ווען ער האָט זיי ארויסגענומען אין קינאָ, און אַז ער וויל אים דאָ נאָך אַ מאָל פאַרזיכערן, אַז ער וועט אים העלפן מיט אַלץ אין וואָס ער וועט זיך נייטיקן.

„אַזוי איז עס, קלמן, איך זע אין דיר אַ דערוואַקסענעם און פאַראַנט־וואָרטלעכן מענטשן אויף וועמען מ׳קען זיך פאַרלאָזן. דעריבער בין איך זיכער, אַז ווען ס׳וועט קומען די צייט און דו וועסט איבערנעמען אַלץ וואָס

איך פֿאַרמאָג אַליין, בלא יודעים פֿון מיין ווייב, און אַלץ וואָס קומט מיר אויף מיין חלק פֿון אירע געשעפֿטן, וועסטו אַ גרויסן דערפֿאָלג מאַכן. וועסט ווערן אַ רייכער מאַן. איצט איז דאָס געוואָרן דער איינציקער ציל אין מיין לעבן. כ׳קוק ארויס מיט ביטחון צו מיין צוקונפֿט, פֿילנדיק אַז איך האָב אין דיר אַ זיכערן אָנשפּאַר אויף מיינע עלטערע יאָרן, ווי דו וואָלסט געווען מיין אייגן קינד״.

קלמן האָט אויסגעהערט צום צווייטן מאָל די בעל־פּה־צוואה פֿון זיין אָנקל. ווידער האָט עס אים גערירט. ער האָט ארייַנגעקוקט אין זיין טעפּל קאַפֿע און האָט מורא געהאַט אויפֿצוהייבן די אויגן, טאָמער וועט זיך אי־בערחזרן די זעלבע סצענע פֿון קושן און כליפּען און האַלדזן זיך, ווי ביים אָנקל אין ביוראָ אויף מאָרגן נאָך דער גרויסער פּאַרטיע.

„מיין ניט, קלמן, אַז איך זע גאָר ניט און ווייס גאָר ניט״, האָט דער אָנקל ווייטער גערעדט שטילער ווי פֿריער, ווי ער וואָלט זיך גרייטן אים פֿאַרטרויען אַ סוד. „צווישן דיר און סאָניען האָט זיך פֿאַרבונדן אַ טיפֿע פֿריינדשאַפֿט, צי טאַקע גאָר די אמתע ליבע. איז זאָל דיר גאָט העלפֿן, קלמן, ווייל מיט סאָניען וועסטו זיין אַ גליקלעכער דיין גאַנץ לעבן. דאָס מיידל איז אַ מלאך, ניט קיין מענטש. זי איז פּונקט דאָס פֿאַרקערטע פֿון איר שוועסטער ראָזין. איך מוז עס דיר זאָגן, כאָטש ראָזי איז מיין אייגענע ווייב. אָבער די איינע איז ווייט פֿון דער אַנדערער מיט איר נאַטור, ווי מיזרח פֿון מערב. כ׳קען די צוויי פֿרויען צו גוט, פֿון יאָרן זיך צוקוקן צו זייערע האַנד־לונגען. בעת מיין ווייב איז עגאָאיסטיש, אַמביציעז, שלעכט און זוכט נאָר אייגענע פֿאַרגעניגנס, איז סאָניע גוטהאַרציק, וועט מיטפֿילן און העלפֿן אַ צווייטן מענטשן. ס׳וווּנדערט דיך אוודאי: ווי קען עס געמאָלט זיין ביי צוויי לייבלעכע שוועסטער? דאַרפֿסטו געדענקען אַז ס׳איז דאָ אי אַ טאַטע אי אַ מאַמע, איז איין שוועסטער געראָטן אין דעם טאַטן, די אַנדערע אין דער מאַמען — האָט איינע אַ פֿאַרראָסט האַרץ פֿון אייזן און די צווייטע האָט אַ ריין האַרץ פֿון גינגאָלד, אַזוי ווי דו, קלמן!״

דעם אָנקלס לעצטע ווערטער האָבן קלמנען געמאַכט אויפֿשפּרינגען פֿון אָרט. ער האָט זיך מער ניט געקענט איינהאַלטן, ארומגעכאַפּט דעם אָנקל און אים אַ קוש געטאָן.

„אָנקל, איך בין דער גליקלעכסטער אין דער וועלט צו הערן פֿון אייך אַזאַ מיינונג וועגן סאָניען. כ׳בין זיכער געווען אַז צוליב אייערע משפּחה־

באַציאונגען מיט איר שוועסטער, האָט איר אויך אַ ניט געהייבענע מיינונג וועגן סאָניען. איצט הער איך גאָר דאָס פּונקט פאַרקערטע. מוז איך זיך מודה זיין, אַנקל, אַז איך האָב טאַקע סאָניען ליב, ליב ווי מיין לעבן, און כ'קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלן מיין לעבן אין דער צוקונפט אָן איר. אַלץ וואָס איך טראַכט און טו איז דורכגענומען מיט איין ציל און שטרעבונג: פאַר סאָניען! צוליב איר וואָלט איך גיין אין פייער און אין וואַסער. אַנקל, פאַרשטייט מיך! כ'רייד זיך אַראָפּ פאַר אייך פון האַרצן, ווייל איר זייט מיר היינט ווי אַן אייגענער טאַטע. איר ווייסט, אַנקל, אַז פון ערשטן בליק אויף איר, אויפן וואָקזאַל דאָרט אין דער היים, בין איך פאַרליבט אין איר. און געקומען אין דעם לאַנד בין איך אויך צוליב איר. אין מיינע אויערן קלינגט נאָך ביז היינט דער זילבערנער קלאַנג פון איר זיס שטימעלע: דאָס זייט איר, קלמן טראַיעוויצקי. פון יענער מינוט אָן האָב איך געלעבט נאָר צוליב איר, כדי נאָך אַ מאָל צו הערן איר קול, אירע קלוגע רייד. זי איז געוואָרן מיין צווייטע נשמה״.

דער אַנקל האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס קלמן מיינט מיט דעם, אַז סאָניע איז זיין צווייטע נשמה. ער האָט בכלל ניט געוווּסט צוליב וואָס דערציילט ער אים דאָס אַלץ, נאָר ער האָט געפילט אַז מיטן אויסהערן איצט קלמנס רייד מאַכט ער אים גליקלעך.

„איר ווייסט, אַנקל, אַז מיין גאַנצע שרעק איז געווען, צי סאָניע פילט די זעלבע ליבע צו מיר ווי איך צו איר. כ'בין ניט געווען זיכער. איצט, אַז מיין צווייפל איז פאַרביי און איך ווייס אַז זי ליבט מיך, איז מיין איינציקער ציל היינט: ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך, כדי סאָניע זאָל זיך ניט דאַרפן שעמען מיט מיר. כ'האָב באַשלאָסן מיין גאַנצע פרייע צייט פון היינט אָן אָפּצוגעבן אויף לערנען זיך, אַנטוויקלען דעם קלמן בולאַן, אַז ער זאָל קענען אריינקומען אין אַ בעסערע געזעלשאַפט. איר ווייסט דאָך, אַנקל, אַז אין דער היים, אין אונדזער אָרעמקייט, האָב איך ניט געהאַט קיין געלעגנהייט זיך צו לערנען. חוץ אויף די אָוונטן־קורסן אין בונד, וו כ'האָב זיך אויסגעלערנט אַ ביסל שרייבן און לייענען, בין איך תמיד געווען אין דער קאָמפּאַניע פון פּראַסטאַקעס, בעלי־עגלהס, אפילו צווישן גוים־שלע־גער, נאַסילשטשיקעס־שיכורים, אפילו אין דער סביבה פון אזעלכע האָרע־פּאַשניקעס ווי כאַטשע און העטשע האָב איך אויך גאָר ניט געקענט דער־גרייכן — טאָ ביי וועמען האָב איך געקענט לערנען?״

דער אָנקל האָט ניט געוווסט ווער זיינען דאָס די לייט וואָס קלמן דער־מאָנט זייערע נעמען, נאָר ער האָט פאַרשטאַנען אז צו פיל איבערנעמען מיט זייער ייחוס קען מען זיך ניט, האָט ער אַן אומצופרידענער געבּרוקעט: „נו, איצט האָסטו דאָך יאָ אַ געלעגנהייט״.

„יאָ, אָנקל, איצט האָב איך עס. די בעל־הביתטע, מר״ס פליישער, און דער מענעדזשער, דזשעק, זיינען פון דער היים געלערנטע און אינטעליגענ־טע מענטשן, האָבן זיי איצט אָנגעהייבן מיט מיר לערנען. זיי לערנען מיר ענגליש — לייענען און שרייבן, ווי איך האָב נעכטן נאָכמיטאָג איך דער־ציילט. פון זיין יעדן אָוונט מיט זיי צוזאַמען און פון ריידן נאָר ענגליש קומט מיר צו אַ סך וויסן, אפשר מער נאָך ווי מ׳קען קריגן אין אַ גימנאַזיע אָדער אפילו אין אוניווערסיטעט. איך פיל, אָנקל, אז ס׳וואָלט גוט געווען אז נאָך איין יאָר, אַמווייניקסטן, זאָל איך בלייבן אויף דער שטעלע, וואָס איז אויך אַ שול פאַר מיר. איך וועל האָרעווען מיט אַלע כוחות אויף מיין לערנען, אז איך זאָל פאַר דעם איין יאָר אָפּמאַכן אַלע מיינע פריערדיקע יאָרן און סאָניע וועט זיך פילן גוט מיט מיר אין יעדע געזעלשאַפט. איך וועל עס טאָן פאַר איר, און פאַר אייך, אָנקל!״

דעם אָנקלס בליק האָט אויפגעשיינט פון קלמנס ווערטער. ער האָט אויפגעלעבט געזאָגט:

„קלמן, איך פאַרשטיי דיך, איך פיל ווי אָרנטלעך דיינע רייד זיינען. מיין איך אז דו ביסט גערעכט און וועסט טאָן גוט, אז דו וועסט בלייבן נאָך איין יאָר אין קאָנצעשן סטאָר, צוזאַמען מיט די מענטשן וואָס אינטערעסירן זיך מיט דיין לערנען. חוץ דעם איז גאָר וויכטיק די דערפאַרונג אין ביזנעס. וועסט עפּעס לערנען, קלמן. איך בין זיכער אין דיר. נאָר איין זאַך: כ׳וואָלט דיר עצהן זיך וועגן דעם דורכשמועסן מיט איר, טאַקע מיט סאָניען אַליין, ווייסט דאָך...״

„יאָ, אָנקל, איך ווייס!״ האָט קלמן מיט אַ זיכערקייט באַשטעטיקט דעם אָנדייט פון זיין אָנקל.

„איך גלויב, אז זי וועט ניט האָבן קעגן דיין זיין ווייט פון דער היים פאַר נאָך אַ גאַנץ יאָר...״ האָט דער אָנקל ניט געקענט איינהאַלטן זיך פון מאַכן דעם פירוש.

20

„לערן, קלמן, לערן!“

דעם זעלבן זונטיק נאָך מיטאָג איז פֿאָרגעקומען דער שמו־עס צווישן קלמנען און סאָניען, וואָס דער אָנקל האָט אים געראָטן. אָבער ס׳איז ניט נאָר געווען די עצה פֿון אָנקל, נאָר קלמנס אייגענער ווילן, אַז סאָניע זאָל אויך זאָגן איר וואָרט אין זיין לעבן. נאָך דעם אָפֿענעם שמועס מיטן אָנקל אין דער פֿרי, האָט ער די רייד זיינע אָנגענומען ווי די ברכה פֿאַר זייער ווערן חתן־כּלה.

זיינען זיי געזעסן אויף אַ באַנק, אין שאָטן פֿון געדיכטן בוים וואָס זיינע בלעטער בלייבן גרין אַ גאַנץ יאָר. קלמן האָט געהאַלטן אין זיין גרויסער, שטאַרקער האַנט סאָניעס קליין און ווייך הענטעלע און זי וואַרעם און לייכט געגלעט. ער האָט עס אײדל און דעליקאַט געטאָן, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַז איר הענטל זאָל זיך ניט צעקרישלען ווי טייערער פֿאַרצעליי. און אַזוי האָט איר הענטל טאַקע אויסגעזען — ליכטיק־דורכזיכטיק און גלאַט ווי סאַמעט.

סאָניע האָט זיך צוגעטוליעט צו זיין ברייטער ברוסט, אָבער קלמן האָט נאָך אלץ ניט געהאַט די דרייסטקייט צו באַהאַנדלען איר ווי אַ מאַן, מיט טעמפּעראַמענט, מיט אויפגעקאָכטער ליבע, ווי ער וואָלט זיך אין אַ נאָרמאַלן פאַל אויפגעפירט. סאָניע איז געווען ביי אים אַנדערש ווי אַלע פרויען. אַ מין הייליקער ציטער, וועגן וועלכן ער האָט איר שוין אַ מאָל דערציילט, האָט אים דורכגענומען, ער האָט זי צאַרט און לייכט צוגעדריקט צו זיך און איר אַ קוש געטאָן אויפן שטערן.

איצט האָבן זיינע געבליטן זיך ניט צעהיצט, ווי ס׳פּלעגט פּאַסירן אין די איינזאַמע נעכט אויף זיין געלעגער, ווען ער פלעגט טראַכטן פון סאָניען. ניט איין מאָל האָט ער דערשטיקט אין זיך די פלאַם־פייערן, וואָס פלעגן זידן אין זיינע אָדערן. איצט האָט אים גאָר אַ פּאַטערלעך געפיל צו איר ארומגענומען. זי איז ריין ווי אַ קינדיש מלאכל, האָט ער געטראַכט. און ביז די ריכטיקע צייט וועט קומען טאָר ער זיך ניט פאַרגינען אפילו צו טראַכטן וועגן זיין נאָענט מיט איר. ער טאָר זי ניט שטעלן פאַר אַ נסיון.

זיי האָבן לאַנג ארומגערעדט קלמנס פּלאַן צו אַרבעטן נאָך אַ יאָר אין קאָנצעשן סטאָר. קלמן האָט זיך צעוואָרעמט און איר צוגעזאָגט, אז ער וועט יעדע פרייע מינוט אויסנוצן פאַר לערנען — לערנען ענגליש, לערנען אַלץ. ער האָט אפילו אין זיין צעהיצטקייט פאַרטאָפּלט די צאָל יאָרן, ווי ער האָט געזאָגט דעם אָנקל אין דער פרי:

„ליבינקע סאָניעטשקע, אין דעם איין יאָר וועל איך אָפּמאַכן פאַר 20!"

„איך ווייס ניט צי ס׳איז דאָ אַ נאָרמאַלער מענטש, וואָס קען עס טאָן — איין יאָר פאַר 20", האָט סאָניע געזאָגט, קוקנדיק אויף אים מיט ליבשאַפט. „נאָר דו דערמאָנסט מיר אָן תנא ר׳ עקיבא, וואָס האָט אין זיין גרויסער ליבע צו זיין רחלען איר צוגעזאָגט צו לערנען און אויפגעטאָן ווונדער — ער איז געוואָרן דער גרעסטער תלמיד־חכם און תורה־אויטאָריטעט ביי יידן. און אָנגעהויבן לערנען דעם אלף־בית האָט ער סך הכל צו 40 יאָר, אויב אזוי האָסטו נאָך מער ווי איין יאָר, האָסט ׳נאָך גאַנצע 20".

ביים געזעגענען זיך האָט סאָניע זיך אָנגעהאנגען אויף זיין האַלדז מיט ביידע הענט און אים געגעבן צוויי קושן אין יעדער באַק. ער האָט געפילט אויף די באַקן די הייסקייט פון אירע ליפּן. זי איז געווען אזוי לייכט, ווי אַ בלעטל פון אַ בוים, און ער האָט זיך מיט איר אַ דריי געטאָן ווי אַ קאַרו־סעל. זי האָט געצאַפּלט מיט די פיס און געלאַכט. זי האָט אים אַריינגע־

זשומט אין אויער, ווי אַ שמעטערלינג וואָס שטעלט זיך אויפֿן בעכער פֿון אַ בלום, אַז זי וועט בענקען נאָך אים, און אַז אַמערגסטן איז עס אין די פּאָר פרייע טעג סוף־וואָך. איר איינציקער פאַרלאַנג איז נאָר, אַז ער זאָל זיך באַמיען צו קומען אָפטער אין זיינע פרייע טעג סוף־וואָך, כדי איר בענקשאַפט זאָל געשטילט ווערן. און 'ביים לעצטן געזעגענען זיך האָט זי שטיל און הייס געשעפּטשעט:

„לערן! קלמן, לערן!"

דעם פאַרגעניגן פֿון נאָכמיטאָגדיקן זיין מיט סאָניען און דעם טעם פֿון אירע קושן האָט קלמן מיטגעבראַכט מיט זיך אין זיין צימער שפּעט אין אָוונט. און ווען ער איז אַ מידער ארונטערגעקראָכן אונטער דער וואַרעמער ווייכער קאָלדרע און אָנגעהייבן דרעמלען האָט סאָניע אים געזונגען אין אויער: „לערן! קלמן, לערן!"

קעלי טראַי

עס האָט נאָך קיין איין יאָר ניט געדויערט, אָבער פּאָר קלמנען איז עס געווען אַ גאָר לאַנגער וועג, ווי ער וואָלט יאָרן געזעסן און געלערנט. ער האָט גוט געדענקט וואָס סאָניע האָט אים געזאָגט וועגן רבי עקיבא: אַז ער איז געוואָרן פֿון אַ פּאַסטעך אַ גרויסער געלערנטער מאַן און אַלץ צוליב זיין שטאַרקער ליבע. קלמן ווייס אַז מיט אים קען עס ניט פּאַסירן, אָבער דאָך האָט ער געפילט אַז מיט יעדן טאָג ווערט ער רייפער, פאַרשטייט מער, זיין וויסן ברייטערט זיך אויס, אין באַציאונג מיט מענטשן קריגט ער מער אָנזען און אין געשעפט הערט מען זיך ערנסט צו צו זיין וואָרט.

קלמן איז טאַקע ניט געוואָרן פֿון אַ פּראָסטן פּאַסטעך אַ תלמיד־חכם ביי יידן, ווי רבי עקיבא, אָבער עס איז שוין געווען אַ מהלך רב פֿון קלמן דער שמייסער, דער נאַסילשטשיק — און איצט — דעם קאַפּעריטניק. ער האָט געדענקט יענע יינגלשע יאָרן, וואָס זיינען נאָך געווען ניט ווייט הינטער אים, אָבער ער האָט זיך אַליין ניט דערקענט, ווען ער האָט געטראַכט וועגן יענע נעכטיקע „קלמנס". ער האָט ניט נאָר גערעדט און געשריבן ענגליש, נאָר ער האָט שוין אפילו גערעדט דאָס לשון פֿון די בורן, אַפריקאַנס, אזוי ווי אַ וואַסער. אים האָט זיך געדוכט, אַז ער רעדט אַ ניי יידיש אזא, און כאָטש ס'איז ניי שמעקט עס מיט אַלטקייט.

איצט איז ער געוואָרן באַליבט און פּאָפּולער ביי אַלע פּאַרמערס אין דער געגנט ארום. און אויב אים האָט אויסגעפעלט אַ וואָרט אָדער אַן אויס־דרוק אין זייער שפּראַך, פלעגן זיי אים שטענדיק קומען צו הילף... איין זאַך האָבן זיי יאָ אויסגעפונען, אז דער נאָמען „קלמן טראַיעוויצקי״ איז צו לאַנג און לייגט זיך זיי שווער אויף דער צונג — האָבן זיי אויף אַ נאַטירלעכן אופן עס גלייך אָפּגעקירצט אזוי, אז ס׳איז געוואָרן ניט צו דערקענען: קעלי טראַי. דער נאָמען אָבער האָט זיך גיך איינגעבירגערט צווישן ווייסע און שוואַרצע. טשאַרלי האָט זיך איבער אים געוויצלט: „זיי האָבן דיר גוט מזל געווען — פון אַ ייד אויף אַ גוי״.

די פּאַרמערס פלעגן גערן קומען צו אים אין סטאָר איינקויפן און פּאַראיינס זיך מיט אים אונטערהאַלטן. זיי איז געפעלן געוואָרן דער יונגער גיבורדיקער ייד, וואָס איז תמיד געווען פריילעך און מונטער און זיי ניט דערציילט פון זיינע צרות. זיי פלעגן באַוואונדערן זיין אָנפנהאַרציקייט און אָרנטלעכקייט און ניט איינער האָט אים געגעבן אַ שבח פאר דעם. מ׳האָט אים פאַרזיכערט צו העלפן, טאָמער וועט ער עפּעס דאַרפן, און אז אין דעם לאַנד וועט ער אויפטאָן און דערגרייכן אַ סך.

די שוואַרצע האָבן נאָך אַלץ גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגן דעם „אינשלזיא מאשלאַפּע״ און ארויפגעקוקט צו אים מיט צוטרוי. אַנדערע האָבן אפילו ארויסגעוויזן צו אים אַ ליבשאַפט און אים געגעבן אַ קליינע מתנהלע — אַ ציינדל צי אַ שטיקל פעל פון אַ חיהלע — וואָס ברענגט מזל. קלמן פלעגט זיין גערירט פון זייער האַרציקער נאַאיוויטעט. ער האָט ניט איין מאָל אונטערגעהערט ווי זיי חידושן זיך איבער אים, אז זיי האָבן דאָך קיין מאָל ניט געזען אזאַ גוטן ווייסן. זיי האָבן זיך געוווּנטשן, אז אַלע ווייסע, די אינזשעניערן און די „שיפט־באָסעס״ אונטער דער ערד, זאָלן זיין אזוי גוט און אָרנטלעך ווי קעלי טראַי — ווי גוט ס׳וואָלט געווען צו אַרבעטן אונטן און צו לעבן אין קאָמפּאַנד... און זיי האָבן בשעת מעשה צוגעקנאַקט צו זייערע רייד מיט דער צונג.

* * *

מר״ס פליישער האָט אויסגעהערט באַריכטן פון דזשעקן, אז זינט קלמן איז געוואָרן זיין „צווייטע האַנט״ האָט זיך פאַרטאָפּלט די לייזונג, און פאַר געוויסע ארטיקלען אפילו פאַרדרייפאַכט און מער נאָך. קלמנס אויפטוען

זיינען געוואָרן אזוי אָנזעעוודיק, אז מען האָט עס שוין מער ניט געקענט פאַרבאַהאַלטן. דאָס האָט זיי אַ רעכט ביסל געשראָקן, טאָמער איז זיי קלמן מודיע אין איין העלן פרימאָרגן אז ער גייט גאָר צוריק אין שטאָט. זיי האָבן געוווסט, אז ער האָט דאָרט עמעצן צו וועמען ער בענקט. האָבן זיי באַשלאָסן נאָכן באַראַטן זיך און דורכטראַכטן דעם ענין, אז מ׳דאַרף קלמנען מיט „עפּעס" צובינדן צו די ביזנעס, ער זאָל האָבן חשק דאָ צו בלייבן.

דער „עפּעס" וואָס זיי האָבן צוגעטראַכט צו „בינדן" קלמנען איז געווען אַ גאַנץ וואַזשנער: אַ שותּפות אין געשעפט, דאָס הייסט, אי אין קאָנצעשן סטאָר, אי אין דער קאַפּעריטע. זיי האָבן אים דערקלערט, אז ער קען קריגן אַ דריט חלק, ווי אַ גלייכער שותּף מיט גערטי און דזשעק, אין דער פירמע „באַרני פליישער ענד קאָ." אויב ער שטימט צו, האָבן זיי אים געזאָגט, וועט מען דאַרפן אויפנעמען אַלע סחורות, דער בוכהאַלטער וועט מאַכן דעם באַלאַנס און אויב קלמן וועט קענען אריינטראָגן אַ דריטל פון קאַפּיטאַל פון דעם ווערט פון אַלץ, וועט ער ווערן אַ פולבאַרעכטיקטער שותּף צו דער פירמע.

קלמן האָט געקוקט גלייך דזשעקן אין די אויגן. ער וואָלט אוודאי געמיינט אז ער מאַכט חוזק פון אים, ווען דערביי וואָלט ניט געזעסן מיט אַן ערנסטער מינע מר״ס פליישער אליין. דזשעק האָט פונאַנדערגעלייגט דעם פּלאַן פאַר קלמנען און גערטי האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו זיינע רייד. איר צושטימונג האָט אים געגעבן קוראַזש און ער האָט געזאָגט, אז סוף־וואָך וועט ער באַהאַנדלען דעם ענין מיט דער משפּחה און ער פילט אז זיי וועלן אים העלפן. מאַנטיק פרי וועט ער זיי צוריקברענגען א תשובה.

אז קלמן האָט זיך געלייגט אין בעט, האָט ער ווידער ניט געקענט שלאָפן. אים איז געווען לייכט און פריידיק אויפן האַרצן. אים, וואָס ער איז ערשט נעכטן נאָך געווען אַ גרינער און מ׳האָט אין זיין זייט ניט געקוקט, לייגט מען פאָר אַ שותּפות אין אזא קאָלאָסאַלע ביזנעס. וואָלט מ״ר פליישער געלעבט, וואָלט עס אוודאי ניט געקענט פּאַסירן. קלמן האָט געוווסט ווי נייטיק מ׳דאַרף אים און וואָס ער מיינט פאַר דעם געשעפט. און אז ער האָט געהאַלטן ביים איינשלאָפן, האָבן זיך אים אין האַלב־דרימל געפּלאָנטערט די נעמען פון דריי דירעקטאָרן פון דער פירמע „באַרני פליישער ענד קאָ." — מר״ס גערטי פליישער, דזשעק אַראָנס און קעלי טראָי...

די משפחה באַשליסט

ווען קלמן האָט געבראַכט דעם ענין שותפות צו דער משפחה, האָט זיך די סוף־וואָך דאָרטן שטאַרק געטומלט. די נייעס איז געקומען ווי אַ בשורה טובה אויף וואָס קיין איינער האָט זיך ניט גערעכנט. קלמנס פּרעסטיזש איז מיט איין מאָל אין אַלעמענס אויגן אויסגעוואַקסן צו אַזאַ הויך, אַז אפילו די טאַנטע ראָזי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ וואַרעמען בליק. קיינער פון זיי האָט נאָך ביז היינט ניט געהערט אַזאַ געשיכטע: אַ גרינער אָנגעשטעלטער אין אַ קאָפּעריטע און אַ קאָנצעשן סטאָר, זאָל אין אַזאַ קורצע צייט זיך ארויפשלאָגן צו אַ „פּאַרטנערשיפּ״ אין אַזאַ גרויסן ביזנעס. מ״ר מייקל האָט וועגן דעם גערעדט מיט חידוש און צופרידנקייט צו זיין ווייב און צו סאָניען:

„מיין מיינונג איז, אַז מ׳טאָר אַזאַ געלעגנהייט פון האַנט ניט ארויסלאָזן. ניט אַלע טאָג מאַכן זיך אַזעלכע שאַנסן, און כ׳בין זיכער אַז קלמן וועט נאָך די ביזנעס כפל כפלים ארויפאַרבעטן, ווי נאָר ער וועט וויסן אַז ער איז אויך אַ בעל־הבית״, און ער האָט געקוקט מיט אַ ניצחון־קוקעלע צו זיין ווייב.

עס איז געבליבן, אַז קלמן זאָל בעטן צוואַרטן נאָך עטלעכע טעג ביז ער וועט געבן אַ דעפיניטיוון ענטפער. דערווייל וועט דאָ מ״ר מייקל זיך אַן עצה האלטן מיט זיין אַדוואָקאַט. ער וועט אים אויך בעטן אויסאַרבעטן פונקטן פאַר אַ קאָנטראַקט, אַזוי אַז מ׳זאָל קלמנען ניט אריינגאַרן ווי אַ קאַץ אין זאַק. וואָס שייך דאָס דריטל וואָס ער וועט דאַרפן אריינלייגן אין מזומן, זעט אויס אַז עס וועט באַטרעפן אַ גאַנץ היפשע סומע. וועגן דעם איז די משפחה געקומען צום באַשלוס, אַז אַ גרויסע טייל זאָל געדעקט ווערן פאַר דעם אָפּמאַך און דעם באַלאַנס זאָל מען אָפּצאָלן פון קלמנס געהאַלט אַלס דירעקטאָר יעדן חודש, און ס׳וועט אים נאָך בלייבן ניט ווייניקער ווי ער האָט איצט. און קלמנען איז קלאָר געוואָרן פון דעם, ווי ער קען מיט אַ מאָל אויסוואַקסן.

מ״ר מייקל האָט געקליבן נחת פון קלמנען און זיינע אויפטוען. ער האָט זיך אַ דריי געטאָן צו דער זייט פון זיין ווייב און גערעדט צו איר האַרט, קאַטעגאָריש:

„איך וועל פון דיין ביזנעס פאַר קלמנען ניט אָנרירן קיין איינציקע פּעני. וויפל געלט מ׳וועט דאַרפן פאַר אים, וועל איך עס באַווייזן צו געבן

פון מיין סטאָר. איך האָב דעם פולסטן צוטרוי צו מיין פלימעניק און בין זיכער, אז קיין איין שילינג וועט דורך אים ניט פאַרלאָרן גיין. נאָך דעם ווי קלמן האָט געקענט דערגרייכן אזוי פיל אין אזא קורצער צייט, איז ביי מיר קיין צווייפל ניט פאראן אין זיינע געשעפט פעאיקייטן. גאָט וועט העלפן און מיר וועלן נאָך האָבן אַ סך נחת פון אים, נחת פון אים און פון זיין משפחה...״ האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטאָן צווידייטיק און געכאַפּט אַ קוק אויף זיין ווייב, וואָס פאַר אַ ווירקונג די אַנצוהערעניש האָט אויף איר גע־מאַכט.

צי זי האָט פאַרהערט, צי זי האָט זיך געמאַכט ניט וויסנדיק, נאָר קלמן האָט יאָ דערהערט דעם אַנדייט פון זיין אַנקל און טרערן זיינען אים אָנגעג־לאָפן אין די אויגן. ער האָט געוואָלט אים ארומכאַפּן, קושן, באַדאַנקען, נאָר אַ קנויל איז אים געבליבן אין האַלדז שטעקן און פאַרוואַרגן די ווערטער. מיט שנעלע טריט איז ער אריין צו זיך אין צימער. אַלע זיינען גע־בליבן רואיק און מיט לויפיקע בליקן זיך איבערגעקוקט. אַ שטילקייט האָט זיך אויסגעלייגט אויפן טיש ארום וועלכן זיי זיינען געזעסן. מייקל האָט געקוקט מיט אויפגעקוואָלענע אויגן, ווי אַ פיש, פון איין שוועסטער צו דער צווייטער. סאָניע האָט מיט אַ קלונג פון איר שטים איבערגעריסן די שטילקייט:

„וואָס איז דאָ אזוי שטיל געוואָרן מיט אַ מאָל, ווי אַ טרויער וואָלט אייך באַפאַלן. דאָ האָט דאָך איצט געדאַרפט זיין פריילעך און איר זיצט מיט אַראָפּגעלאָזטע נעז. קלמן איז דאָך ניט נאָר אונדזער גאַסט, נאָר איינער פון דער משפחה, דאַרף מען ריידן אָפענע רייד. לאָמיר טאַקע די זאַך ריכטיק זען, באַטראַכט זיך נאָר: איז עס ניט אַ וווּנדער־דערשיינונג? אָט ברענגט איר אריבער אַ פלימעניק פון דער היים — אַן אָרעמען, ניט קיין געבילדעטן און אַ רויען בחור. און איידער ער איז אָנגעקומען זייט איר געווען אין ספק, צי ער וועט מיט זיך ניט מיטברענגען אַ פעקל צרות פאַר אייך, ווי עס איז אָפט ווען מ׳כאַפּט אריין מיט די אריבערגעבראַכטע קרובים די אמתע פאַר־ציע פאַרדרוס.

„ביי קלמנען האָט זיך ארויסגעוויזן פונקט דאָס פאַרקערטע: ווי אָפּ־געשטאַנען און ניט געבילדעט ער איז דאָ אָנגעקומען, האָט ער אונדז גלייך אלעמען איבערצייגט מיט זיין פירונג און מיט זיינע מעשים, אז ער איז ניט נאָר קלוג און אינטעליגענט, נאָר ער קען זיך אויך אליין בילדן. ער האָט

ארויסגעוויזן זיין פעאיקייט, זיין געזונטע לאָגיק, און צוזאַמען מיט זיין גוטהאַרציקייט אויך די קאַפּאַציטעט און דעם כוח פון זיין אַרבעט. גיט אַ קוק וואָס דער פּראָסטער בחור האָט אויפגעטאָן פאַר אַזאַ קורצער צייט דאָ. די פירמע ווו ער אַרבעט וועט באַלד פאַרדרייפאַכן די הכנסה — און דאָס אַלץ אַ דאַנק אים. ער האָט געוואונען דעם צוטרוי פון די בעלי־בתים און מ׳לייגט אים פאָר אַ שותפות, נאָר ווייל זיי ווייסן אַז זיי אינוועסטירן אין אַ כוח, וואָס וועט זיך זיין חלק פאַרדינען דורך פאַרגרעסערן כסדר די הכנסה.

„און צי ווייסט איר כאָטש וואָס פאַר אַ נאָמען און וויפל מאָס צוטרוי קלמן האָט פאַר זיך געשאַפן אין גאַנצן געגנט — אי צווישן די ווייסע פאַר־מערס, און נאָך מער צווישן די שוואַרצע אַרבעטער אין אַלע קאָמפּאַנדן, וואָס זיינען די מאַסע קויפערס. זיי קוקן דאָך ארויף צו אים ווי צו אַ גאָט. זיין נאָמען ביי זיי, ׳אינשלזיא מאשלאפע׳, קלינגט דאָך אין גאַנצן ארום. איך האָב אייך אַ מאָל געזאָגט, אַז ער, קלמן, איז אַ ניט פּאָלירטער דימענט. איצט איז קלמן אַדורך דורך דער פּאָליטור־מאַשין און ס׳איז שוין קענטיק אַז דער רויער דימענט באַקומט זיין שיין. באַלד וועט ער זיך צעבליצן אין זיין פולן גלאַנץ. איז דאַרף היינט זיין אַ יום־טוב ביי אונדז. ווי קענען מיר עס גאָר דערברענגען מיט אונדזער גערייד אַז דער גרויסער און קלוגער בחור זאָל ארויסלויפן פון דאַנען מיט טרערן אין די אויגן?" און סאָניע איז צוגעלאָפן צו דער טיר פון קלמנס צימער, זי אויפגעפּראַלט און אריינגע־שריען אַן אויפגערעגטע:

„קום אַהער, קלמן, ווו ביסטו פאַרלאָרן געוואָרן? קום ארויס און לאָ־מיר לאַכן, פריילעך זיין, לאָמיר פייערן דיין ניצחון אין אפריקע".

קלמן האָט זיך געוויזן אין טיר אַ צעשטראַלטער. זיי האָבן זיך אָנגע־נומען פאַר די הענט און צוגעקומען צום טיש.

„סעם, האָט סאָניע זיך געווענדט אין אַ שפּאַסיקן טאָן צו איר שוואָגער, וואָס זיצט איר אַזוי ווי קיין מאָל גאַרנישט? שטעלט ארויף בראָנפן מיט לעקעך, ווי אויף אַ היימישער שימחה, און לאָמיר פייערן קלמנס ווערן אַ בעל־הבית. ס׳איז אַ גרויס געשעעניש, טאָ לאָמיר טרינקען פאַרן געזונט פון קלמנען. און דו אויך, מיין שוועסטערקע!" האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו ראָזין, וואָס האָט איר אָנגעקוקט ווי זי וואָלט געוועזן גערירט.

„ביסט טאַקע גערעכט, סאָניע", האָט מ״ר מייקל זיך אויפגעהייבן, „כ׳וועל נאָר אויפשליסן די באַר".

אַז מ׳האָט שוין געקלאַפּט די גלעזלעך פאַר דעם „לחיים״ האָט אפילו ראָזי נאָכגעגעבן און גענומען אַ „לעק״. קלמן אָבער איז געבליבן שטיין ווי אַ גרויסער גולם מיטן גלעזל אין האַנט און ניט געוואָלט באַנעצן זיינע ליפּן. ער האָט גוט געדענקט זיין נדר, וואָס ער האָט זיך געגעבן, אַז צוליב סאָניעס געזונט וועט ער מער ניט טרינקען, קיין מאָל ניט. האָט ער עס גע־וואָלט איצט אויסהאַלטן. אַלע זיינען געשטאַנען מיט די גלעזלעך און גע־וואַרט אויף אים, ביז סאָניע האָט צו אים אַ זאָג געטאָן מיטן זעלבן פאַ־טעטישן קול:

„דער אָנקל און מיר אַלע ווייסן אַז דו האָסט געקענט אַ מאָל טרינקען, אָבער נאָר איך אַליין ווייס פון דיין נדר — און דאָס האָסטו געטאָן צוליב מיר — בין איך דיר מתיר כאָטש איין גלעזעלע און נאָך דעם וועלן מיר ווייטער זען... און אַז דו וועסט אפילו שיכור ווערן וועט עס פאַרבלייבן צווישן דער משפּחה...״ און אַ ביסל אויפגערעגט האָט זי ארומגעכאַפּט קלמנען אַון אים אַ קוש געטאָן. ס׳איז פאַרגעקומען ווי אַ מין דעמאָנסטראַ־ציע: זעט ווי נאָענט מיר זיינען. און זי האָט געקוקט אויף אים מיט ליבשאַפט.

קלמן האָט זיך געפילט אַ ביסל אומבאַקוועם און צעטומלט, זעענדיק ווי ראָזיס אויגן זיינען ברייט געוואָרן, ווי זיי וואָלטן געהאַלטן ביים ארויס־קוועלן פון אונטערן שטערן. ער איז אָבער געווען שטאָלץ אויף סאָניעס אָפענער ליבשאַפט.

ראָזי האָט זיך באַלד באַהערשט און ארויפגעצויגן אַ מאָדנעם שמייכל אויף זיך, וואָס ס׳איז געווען שווער צו זאָגן אויב עס איז באַדויער אָדער רעזיגנאַציע. איצט איז איר געווען קלאָר ווי ווייט עס האַלט שוין ביי איר שוועסטער. און גראָדע אין דער רגע, ווען אַ צווייפל האָט אַ פּיק געטאָן אין איר האַרצן וועגן קלמנען, האָט קלמן זיך פּלוצלינג אָנגעבויגן און אָפּ־געצאָלט סאָניען דעם חוב מיט אַ הייסן קוש. איצט איז שוין פאַר ראָזין אַלץ קלאָר געווען.

מ״ר מייקל איז געשטאַנען אין מיטן זאַל און ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. אַלץ איז פאַרגעקומען אַזוי שנעל און אומפאַרהאָפט, ווי ס׳וואָלט זיך אָפּגע־שפּילט אויף דעם קינאָ־לייוונט. סאָניעס רעדע און די קושן זיינען געווען די אָפנהאַרציקסטע אָנצוהערעניש, אַז זי טראַכט ערנסט צו פאַרבינדן איר צוקונפט מיט קלמנען. מיט אַ מאָל האָט אים אין האַרצן אַ שלאָג געטאָן

אַ וואַרעמקייט, ער האָט מער ניט ׳געקענט שטיין ווי אַ זייטיקער און איז ווי אַ יינגל צוגעשפּרונגען צו קלמנען און סאָניען, זייביידן ארומגע־כאַפּט און הייס געקושט.

איצט איז קלמן אויף אַן אמת געוועז צעטומלט. אזא אָפענע ליבשאַפט פון אָנקל האָט ער ניט דערוואַרט. ער האָט געשוויגן, ווי דאָס לשון וואָלט אים געווען אָפּגענומען. און אז דער אָנקל האָט אים געפרעגט פאר וואָס ער שוויגט, האָט ער מיט גלאַנציקע אויגן אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט דעם זאָגן: צום מאָמענט איז מיר שווער צו ריידן.

ס׳איז געווען אַ מעלאָדראַמאַטישע סצענע וואָס מ׳זעט עס נאָר אין טעאַטער. מיט אַ מאָל האָט סאָניע צו אים אַ זאָג געטאָן נאָר איין וואָרט: „קלמן״! און ווי זי וואָלט אים אויפגעוועקט פון אַ היפּנאָז איז קלמן שנעל צוגעגאַנגען צום טישל און אָנגעגאָסן פאַר יעדן אַ גלעזל, האָט אויפגעהייבן זיינס און גערעדט פייערלעך:

„איך האָף אז ביי אַ געלעגנהייט וועל איך נאָך ריידן און ווייזן דער משפחה, אז איך קען טאָן ניט נאָר מיט די הענט און מיטן קאָפּ, נאָר אז איך בין אויך ניט שטום. ס׳וועט נאָך געהערט ווערן מיין וואָרט. כ׳בין טאַקע אַ מאָל געווען אַ פאַרשטויסענער מענטש און אַ גרויסער האַרעפּאַש־ניק, נאָר איך קען אויך זיין וואָס איך וויל — און וואָס אַ מענטש קען פון זיך אליין מאַכן דאָס איז ער. אָרעמקייט איז קיין שאַנדע ניט, זאָגן מענטשן, נאָר איך וועל נאָך מיין מומען ווייזן אז זי האָט געמאַכט אַ טעות אין מיר. נאָר איין סאָניע האָט זיך פאַרשטאַנען אויף מיר און דערקענט מיין כוח — עס איז דער כוח וואָס קומט צו מיר פון איר. סאָניע איז ווערט מיין דאַנק און מיין קוש. איצט וויל איך אייך ביידן קושן — אָנקל און טאַנטע!״ און קלמן האָט זיך מיט זיי האַרציק צעקושט.

שפּעט אין אָוונט, פריילעך און אויפגעמונטערט האָבן אַלע דריי באַ־גלייט קלמנען צו דער באַן.

21

עסט און דזשעק דאַפֿהערד

איין יאָר איז געווען אריבער זינט באַרני פליישער איז געשטאָרבן. דורך דעם יאָר האָט זיך פיל געענדערט אין די באַציאונגען צווישן גערטין און דזשעקן. אונטערן העפטיקן קלאַפּ פון איר מאַנס פלוצלינגדיקן טויט איז גערטי געווען דערדריקט. זי האָט נאָכגעטראַכט וועגן מאָדנעם גורל וואָס האָט איר אַהער געבראַכט און ניט וויסנדיק אליין פאַר וואָס האָט זי געטריבן פון זיך דזשעקן.

דזשעק האָט איר ניט דאָקוטשעט מיט זיין ליבע און ניט געפרעגט קיין פראַגעס. ער איז געווען זיכער אז דער אָנגעפלויגענער טרויער וועט צעגיין ווי אַ רויך. ער איז געווען צו קלוג ניט צו פאַרשטיין, אז מיטן צושטיין צו איר וועט ער ערגער מאַכן. דעריבער איז ער מיט איר אַ צייט לאַנג געווען אָפיציעל און נאָר פאַרהאַנדלט געשעפטלעכע ענינים.

און אזוי איז טאַקע געווען: די דערשלאָגנקייט האָט זיך שנעל געגומען אויסוועפּן פון גערטיס געמיט, אזוי ווי אַ נעפּל צעגייט אין זונליכט. איין געדאַנק האָט איר פאַרפאַלגט און זיך מיט איר געריצט: דו נאַרישע ציג, אייגנטלעך איז דאָך דזשעק געווען דיין מאַן.

זי האָט ווידער דערפילט אַ ציעניש צו דזשעקן, אָבער איר שטאָלץ און פרויענשאַפט איז געשטאַנען אין וועג — זי האָט ניט געוואָלט מאַכן דעם ערשטן שריט. ווען ער איז געווען נאָענט לעבן איר האָט זי געוואָלט שרייען, אים באַפאַלן, צערייסן, זאָגן אים אז ער איז שלעכט צו איר...

דזשעק האָט שוין לאַנג באַמערקט דעם טרויעריקן פינקל אין איר אויג, געוווסט אז די צייט איז געקומען, נאָר ער האָט נאָך געוואָלט אויס־וואַרטן אַ בעסערע געלעגנהייט.

דעם אָוונט ווען קלמן האָט געבראַכט דעם ענטפער, אז זיין משפחה איז מסכים ער זאָל צושטיין צו דער שותפות אין געשעפט, האָט זיך גערטי דערלאַנגט אַ וואָרף קלמנען אויפן האַלדז און אויסגעשריען: „לאָמיר אויס־טרינקען פאַר אונדזער נייעם שותף!"

דזשעק האָט פאַרשטאַנען אז זי וואַרפט זיך אויף קלמנען און מיינט עס אים, וויל אים מיט דעם אייפערזיכטיק מאַכן. ער האָט פאַרשטאַנען אז איצט איז די העכסטע צייט, ער טאָר מער ניט וואַרטן. ער האָט אריינגע־טראָגן אַ פלאַש וויסקי, וואָס איז תמיד געשטאַנען גרייט, נאָר מען האָט שוין לאַנג זיך ניט אומגעקוקט אויף דעם.

קלמן האָט זיך געפרייט מיט דער אויפנאַמע און געזען אין דעם אַ גוטן סימן. איצט, מיט סאַניעס פריערדיקער דערלויבעניש צו טרינקען, האָט ער זיך געגרייט פאַר דער נייער געשעעניש. האָט ער פּרובירט אַ קלאַפּ טאָן אין דעק פון דער פלאַש, אז דער קאָריק זאָל ארויסשיסן מיט אַ קנאַק, ווי ער פלעגט עס טאָן אין דער היים, אָבער ער האָט געזען אז ער האָט פאַר־געסן די „תורה".

אז מ'האָט זיך אָנגעקלאַפּט מיט די גלעזלעך און צוגעווונטשן, האָט דזשעק זיך נאָענט צוגעבויגן צו גערטין און דערפילט ווי איר גוף האָט אַ ציטער גע־טאָן אזוי ווי אַן אָנגעצויגענע סטרונע. אז ער האָט אַראָפּגעזופּט לאַנגזאַם די וויסקי, האָט ער דערפילט ווי איר ציטער איז אין זיינע קני איבערגעגאַנגען. ער האָט זיך צוגעזעצט, אז קיינער זאָל עס ניט באַמערקן, נאָר אז ער האָט אויפגעהייבן זיין בליק, האָט איר אויג געלויכטן צו אים מיט געבעט.

* * *

שפּעט ביי נאַכט איז זי געלעגן אין בעט און איר לייב האָט געצאַפּלט מיט גלוסט, נאָר אין האַרצן האָט געברענט פאַרדרוס און באַליידיקונג. פאַר וואָס איז ער געוואָרן אזוי פרעמד? צי פילט ער ניט איר בענקשאַפט? ער האָט זי נאָר אויסגענוצט צוליב זיינע מענערשע באַפרידיקונגען. ווען זי האָט געהאַט איר אייגענעם מאַן... דאַן איז ער געקומען... זי וועט אים ארויסטרייבן פון געשעפט... יאָ, ארויסטרייבן ווי אַ הונט... ער האָט איר פריער נאָך אויך אויסגענוצט, איר געהייסן חתונה האָבן מיט פליישערן, כדי ער זאָל האָבן ווו צו ארבעטן... איצט האָט ער אַ פּנים חרטה אויפן גאַנצן עסק און וויל נאָר ארויסקריגן פון געשעפט וואָס מער און נאָך דעם וועט ער אַנטלויפן, זי איבערלאָזן... ניין, זי וועט ניט וואַרטן, נאָך מאָרגן טרייבט זי אים ארויס... מאָרגן... האָט זי זיך געחזרט, ווייל זי האָט געפילט אז דער שלאָף הייבט אָן פאַרקלעפּן די אויגן. זי זאָל נאָר ניט פאַרגעסן...

מיט אַ מאָל האָט עס איר ווי אַ שטורעם אַ טראָג געטאָן. צוויי מענער־רישע הענט האָבן איר געהאַלטן ארומגעקלאַמערט. „דזשעק!" האָט זי אויסגעשריִען. און דאַן אַ שעפּטשע געטאָן: „גוט אז דו ביסט געקומען..." און איר גאַנצער גוף האָט געצאַפּלט אין זיסע קאָנוולסיעס.

שפּעטער האָט ער געזאָגט: „איך האָב שוין עטלעכע נעכט געפּרוווט ארייננקומען צו דיר, נאָר די טיר איז אַלע מאָל געווען פאַרשלאָסן. וואָס האָט היינט פּאַסירט?"

„פאַרגעסן מסתמא..." האָט זי צופרידן ארויסגערעדט פון וואַרעמען קניילכל, וואָס איז געווען צונויפגעדריקט אין זיינע אָרעמס.

„פאַרגעסן..." האָט ער איבערגעחזרט איר ענטפער מיט איראָניע. „און וואָס טוסטו אז קלמן כאַפּט זיך אריין צו דיר?" האָט ער געוואָלט מאַכן אַ שפּאַס און ס׳האָט אים גלייך פאַרדראָסן די פראַגע.

דאָס קניילכל האָט זיך פון זיינע אָרעמס ארויסגעגליטשט, אַ קייקל געטאָן און שאַרף געזאָגט: „היינט וואָלט קלמן אויך געווען גוט... אַ יונג ווי אַ בער... און דיר וואָלט איך מאָרגן ארויסגעטריבן ווי אַ הונט..."

איצט האָט דזשעק דערפילט וואָס ביי איר אין האַרצן האָט זיך אָפּגע־שפּילט און ער האָט גענומען די שולד אויף זיך. האָט ער זי געפּרוווט איינ־נעמען מיט צאַרטע רייד. ער האָט געוואָלט פאַרגלעטן די נאַרישע פראַגע, וואָס האָט זיך אזוי אומוויליק ארויסגעגליטשט פון זיין מויל: „איצט ווען

מיר שטעלן אַ חופּה, גערטעלע, שוין צייט. איך האָב אַלץ געוואַרט דאָס יאָר זאָל אַוועק, פאַרשטייסט, עס פּאַסט דאָך ניט...״

„כ׳בין קיין מאָל נ׳ט געווען זיכער מיט דיר, דזשעק... האָסט מיר אַלץ געוואָלט...״ ער האָט איר מויל צוגעפּרעסט מיט אַ קוש. „איך ליב דיר, גערטי! איך שווער!״ זי האָט זיך ווידער איינגעדרייט אין זיינע אָרעמס.

* * *

פון יענעם צוזאַמענטרעף איז איר אַמביציעזער פּלאַן חתונה צו האָבן מיט דזשעקן אַלץ שטאַרקער געוואָרן. זי האָט געטראַכט פון דעם אין די טעג, און אין די נעכט פלעגן זיי ריידן פון דעם און מאַכן פּלענער. אָבער סיי ווי איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד ניט געווען, אַז זיי לעבן צוזאַמען. פון זייער אינטימקייט און נאָענטקייט האָבן שוין געוווּסט אויך די מענטשן פון משפחה און טאַטע־מאַמען האָט עס זייער ווי געטאָן. זיי האָבן נ׳ט פאַר־שטאַנען פאַר וואָס זי דאַרף פאַרשעמען זייער עלטער? ניט אַזוי פּירט זיך אַן אלמנה. און וואָס איז דער תכלית?... זיי האָבן זיך ניט געטרויט מיט איר צו ריידן וועגן דעם, נאָר זי האָט געפילט דעם טרויער און די פראַגעס אין זייער בליק.

אין איינעם אַזאַ אָוונט, נאָך אַ וויזיט ביי אירע עלטערן, ווען זי מיט דזשעקן זיינען געבליבן אליין, האָט זי אים געפרעגט: „ווילסטו גלייך שטעלן אַ חופּה?״

ער האָט געוווּסט אַז די פראַגע מוז קומען און ער איז ניט געווען איבערראַשט.

„יאָ, כאָטש מאָרגן!״ האָט ער זיכער געענטפערט.

„איך האָב נאָך אַלץ געצווייפלט אין דיר און דערפאַר געוואַרט. מער האָב איך שוין ניט געקענט! איך וואָלט אומגעבראַכט מיין טאַטע־מאַמע...״

צו דער געלעגנהייט האָט מען געטרונקען פאַרן טונקעלן ליכט פון נאַכטלעמפּל. געטרונקען און זיך געקאַטשעט אויפן בעט. זי האָט אים גע־גלעט איבערן קאָפּ. גענומען זיין האַנט און ארויפגעלייגט צו זיך אויפן האַרצן: „זע ווי עס קלאַפּט... פאַר פרייד״.

„גוט, גערטעלע, לאָמיר עס גלייך מאַכן... טאָקע דעם זונטיק אָוונט, שטיל און אָן טאַראַראַם. זאָל די חתונה פאָרקומען ביי דיינע עלטערן, נאָר פאַר אייגענע. זאָל דיין משפחה זען ווי ליב מיר האָבן זיך!״

אַז זי האָט דערציילט די עלטערן וועגן זייער באַשלוס, און אַז איצט,

אַ יאָר נאָך איר מאַנס טויט, ווייל זי מער ניט וואַרטן, איז די שימחה געווען אין לשער. מ׳האָט זיך געהאַלדזט און געקושט און גלייך אויף אַן אָרט גע־נומען מאַכן אַ ליסטע וועמען צו פאַרבעטן צו דער חופּה. פאַ׳ איר אָפּשייז האָט גערטי זיי געגעבן אַ הויפן געלט אַלץ צוצוגרייטן.

די חופּה איז פאָרגעקומען אין שול, אַן גרויסע צערעמאָניעס. די אונ־טערפירער זיינען געווען, חוץ גערטיס עלטערן, מ״ר מייקל און זיין ווייב ראָזי, קלמן און נאָך אַ פּאָר נאָענטע מחותנים. ארום זיי אַלעמען האָט זיך געדרייט אויך טשאַרלי. ער האָט יעדן מאָל אַ זאָג געטאָן צו קלמנען:

„אויף דיר געזאָגט געוואָרן אין גיכן. ווי איך הער האָסטו דאָך שוין אויך אַ מויד...״

די אויפנאַמע ביי גערטיס עלטערן

נאָך דער חופּה איז פאָרגעקומען אַן אויפנאַמע פאַר חתן־כלה און די מחותנים אין הויז פון גערטיס ברודער. דזשעק האָט קלמנען דערקלערט, אַז אויף גרויסע חתונהס מאַכט מען גאַנצע פּאַראַדן, מיט רעדעס. עס איז דאָ אזא איינער פון פאַמיליע, וואָס מ׳רופט אים „בעסט מען״ און יענער גיט עליות, מ׳רופט אויף מחותנים און מ׳האַלט רעדעס. איז אזוי ווי קלמן איז דער נאָענטסטער מחותן, וועט אים דער „בעסט מען״, וואָס וועט זיין דער ברודער פון גערטין, אים היינט אָוונט אויפרופן צו ריידן. קלמן האָט אויסגעהערט זיינע רייד און געוואָרן אַ דערציטערטער: „איך? ביסט משוגע, דזשעק? כ׳האָב אויף מיין לעבן קיין רעדעס ניט געהאַלטן. אָט דו, ביסט אינטעליגענט, האָסט געלערנט, אין דיין פרייע צייט ביסטו שטענדיק מיט אַ בוך, פאַר וואָס זאָלסטו אַליין אויף דיין שימחה ניט ריידן?״

„איך וועל אויך ריידן, אָבער דער לעצטער. איך וועל אַלעמען ענטפערן״.

און אַז גערטיס ברודער האָט פייערלעך געמעלדעט, אַז דער נייער פּאַרטנער פון „באַרני פליישער ענד קאָ.״ מ״ר קעלי טראַי וועט זאָגן א פּאָר ווערטער, האָט דער קליינער עולם באַשאָנקען קלמנען מיט אַפּלאָדיסמענטן. און כאָטש קלמן האָט שוין געטראַכט פריער וואָס צו זאָגן, איז ער אָבער געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. אויף זיין לעבן האָט ער נאָך קיין איין מאָל ניט גערעדט פאַר אַן עולם, און דאָ שטעל זיך אוועק און רייד. אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך באַגעגנט מיט סאָניעס צעשמייכלטע אויגן, וואָס האָט

צו אים געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ סימן אַז ער זאָל זיך אָננעמען מיט מוט און ריידן. האָט קלמן פּלוצלינג דערפילט אַזאַ פריילעכקייט און מונטער־קייט, אַז ער האָט אַ שמייכל געטאָן צו סאָניען און אַ קינדערשע תמימותדי־קייט האָט אַראָפּגעשיינט פון זיין פּנים.

„ליידיס ענד דזשענטלמען, ס׳איז מיר צוגעטיילט געוואָרן אַ גרויסער כבוד און עס איז נאָך מער פאַר מיר אַ פאַרגעניגן צו זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן אונדזער ניי פּאָרל מיסטער און מיסיס דזשעק און גערטי אַראָנס. קיין גרויסער רעדנער, מוז איך אייך זאָגן אָפּנהאַרציק, בין איך ניט און ס׳איז טאַקע דאָס ערשטע מאָל וואָס מ׳האָט מיר געמאַכט פאַר אַ מגיד. נאָר אַזוי ווי דאָס זיינען אַזעלכע טייערע פריינד מיינע און אַזעלכע גוטע מענטשן און מ׳האָט שוין דאָ אפילו געמעלדעט אַז כ׳בין אַ שותף מיט זיי, טאָ ווי האָב איך זיך געקענט אָנטזאָגן. עס איז שוין אַ פאָר יאָר ווי איך בין נאָענט באַקאַנט מיט אונדזער ניי פּאָרל און פאַר דער צייט האָב איך דערקענט זיי־ערע אַלע מעלות. מוז איך אייך זאָגן מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, אַז אַזעלכע מענטשן האָב איך נאָך אין מיין לעבן גאָר ווייניק באַגעגנט. דזשעק און גערטי זיינען מענטשן מיט אַ סך וויסן און אינטעליגענץ. אין זייער פרייער צייט ווערט איר זיי שטענדיק געפינען פאַרטיפט אין ביכער. אונדזער דזשעק קען זיך אפילו פאַרהערן מיט אַ ייד אַ תלמיד־חכם אין אַ קאַפּיטל תנך צי אַ בלאַט גמרא, און גערטי איז אַ וווּנדערבאַרע פאַרשטענדיקע פרוי — און יעדער איינער פון זיי האָט זיך גאָר ניט געקענט עפּעס בעסערס ווינטשן. ס׳איז אַ פּאָרל פון גאָטס גענאָד און אויב איך זאָל דערמאָנען וועגן זייער גוטהאַרציקייט, מוז איך זיך אַליין נעמען ווי אַביישפּיל.

„כ׳בין געקומען צו זיי אין קאַפּעריטע אַ גרינער, אָן אַ שפּראַך און ניט געניט אין דער דאָזיקער אַרבעט, און זעט אַליין וואָס זיי האָבן געמאַכט פון מיר. אַ דאַנק זיי בין איך אַזוי הויך געשטיגן, ביז צו ווערן אַ שותף אין זייער געשעפט. אין דער נייער מדינה, וווּ יעדער איז פאַר זיך, האָבן זיי מיר געהאַלטן ווי אַ קינד, מיך געפירט אין נייעם לעבן ביי דער האַנט: געלערנט מיר די ענגלישע שפּראַך — ריידן, לייענען און שרייבן — און ווען ניט די דאָזיקע משפּחהדיקע באַציאונג צו מיר, ווי פון אַ ברודער און אַ שוועס־טער, וואָלט איך קיין מאָל ניט דערגרייכט דעם מצב אין וועלכן איך געפין זיך היינט. און כ׳מוז זיך מודה זיין, אַז געקומען בין איך אַ פּראָסטער האָ־רעפּאַשנער יונג, פון דער היים האָב איך קיין זאַך ניט מיטגענומען, און אויב

איך בין איצט אַ מענטש מיט אַלע מענטשן גלייך, איז עס נאָר צו פאַרדאַנ־קען אונדזער פּאָרל: גערטי און דזשעק".

קלמן האָט דערפילט ווי אַ שווייס האָט אים ארויסגעשלאָגן פון דער אָנשטרענגונג צוריידן. איבערהויפּט האָט ער געוואָלט געפעלן ווערן סאַ־ניען. מיט אַ מאָל האָט ער זיך געכאַפּט אז ער איז אַראָפּ פון וועג — ער רעדט צו פיל וועגן זיך אליין. האָט ער געפילט אז ער מוז גלייך פאַרענ־דיקן, איידער נאָך דער עולם וועט זיך כאַפּן אז ער איז פאַרקראָכן.

„דעריבער וויל איך אין מיין נאָמען און אין נאָמען פון אַלע אָנגעַ־שטעלטע אין אונדזער פירמע, ווינטשן דאָס יונגע פּאָרל, אז זיי זאָלן גליק־לעך לעבן אין נחת און אין פרייד; אז זייערע עלטערן זאָלן האָבן פון זיי נחת און מיר אַלע זאָלן זיך נאָך טרעפן אויף שימחות ביי זייערע קינדער. זאָל זיי גאָט בענטשן!"

אַפּלאָדיסמענטן האָבן פאַרהילכט דאָס הויז.

בשעת קלמן האָט גערעדט איז מ"ר מייקל געזעסן און פון נערוועזקייט זיך געביסן די נעגל פון די פינגער. אויך סאָניע האָט אַ ציטערדיקע געקוקט קלמנען אין מויל אריין און אויף איר פּנים זיינען ארויסגעקומען רויטע פלעקן, פאַר מורא טאָמער קלמן גליטשט זיך אויס און ווייס ניט ווי צו פאַרענדיקן. איצט האָבן זיי ביידע געפּאַטשט מער ווי אַלע אַנדערע.

אין מ"ר מייקלס בלייכן פּנים איז אַ פרישע רויטקייט אָנגעלאָפן, און אויף סאָניעס ליפּן האָט געבליט אַ שמייכל און פאַרשייט געטאַנצט אינעם חן־גריבעלע אויף איר באַק. נאָר ניט נאָר זיי ביידן איז קלמנס רעדע גע־פעלן געוואָרן, נאָר אויך ראָזין. זי האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ די גאַנצע צייט ווען קלמן האָט גערעדט און ווי זי וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף האָט זי גענומען מיט אַלעמען גלייך אַפּלאָדירן. זי האָט געטראַכט, אז ער איז טאַקע אַ שיינדל אין משפּחה, דער קלמן. אויף אַן אמת האָט זיך אויך איבערגענומען טשאַרלי, ווי ער וואָלט פאַרגעסן אַלץ וואָס האָט פּאַ־סירט צווישן אים מיט קלמנען. ווי נאָר קלמן האָט פאַרענדיקט איז ער צו אים צוגעלאָפן, אים ארומגעכאַפּט און געדריקט זיין ברייטע האַנט:

„וועל דאַן, קלמן! דידנט איי טאָלד יו, דהעט יול בי אָלריים אין דהיס קאַנטרי... איז לאָמיר מאַכן אַ לחיים".

פון אַלע זייטן האָבן זיך געשטופּט די געסט צו קלמנען. מ'האָט אים געדריקט די האַנט און געדאַנקט, געזאָגט יישר־כוח. דער אָנקל און סאָ־

ניע האָבן געטראַכט, אז זיי האָבן צייט. זאָלן די אַנדערע עס פריער טאָן, זיי דאַרפן ניט ארויסווייזן זייער צעיאַכמערטקייט.

דערווייל האָט דער „בעסט מען", גערטיס ברודער, אָפגעוואָרט ביז דער טומל ארום דעם „ספיטש" פון קלמנען האָט זיך איינגעשטילט, און ער האָט געמאָלדן אז דער מאַן פון זיין שוועסטער גערטי, מ"ר דזשעק אַראָנס וועט באַדאַנקען.

קלמנען איז שטאַרק געפעלן געוואָרן ווי דזשעק האָט גערעדט. ער האָט גערעדט טיף און פילאָסאָפיש. זיך לענגער אָפגעשטעלט אויף די באַציאונגען וועלכע דאַרפן הערשן צווישן מאַן און ווייב. ער האָט גערעדט וועגן משפחה־עטיק ביי יידן און געשאָטן מיט פסוקים פון חומש און מימרות פון גמרא. צייטנווייז איז עס שוין קלמנען פאָרגעקומען, ווי אַ מגיד אָדער א רב האַלט אַ דרשה. אָבער מיט אַ מאָל האָט ער זיך אַ דריי געטאָן און גאָר אָנגעהייבן וועגן קלמנען.

„און איצט קום איך צום עצם ענין. מ"ר טראַי, אונדזער נייער שותף, האָט דעם גאַנצן קרעדיט פון זיינע אויפטוען אין דעם לאַנד אוועקגעשענקט אונדז — גערטין און מיר — אָבער דער אמת איז, אז זיינע אַלע דערגרייכונגען זיינען בלויז א רעזולטאַט פון זיינע אייגענע פעאיקייטן. אָבער חוץ זיין טאַלאַנט צו לערנען, האָט ער נאָך אַ גרעסערע מעלה — דאָס איז די עניוות וואָס איז אין זיין נאַטור. זעלטן אז מען טרעפט אַ מענטשן וווביידע מעלות זאָלן הויזן ביי אים צוזאַמען, און דערגרייכן דעם שטאַפּל וועלכן ער האָט דערגרייכט — און ס'איז נאָך ערשט אַן אָנהייב — דאָס האָט אים מיטגעהאָלפן זיין נאַטירלעכע אינטואיציע, זיין אָפענער צוגאַנג צו מענטשן און דאָס קענען פשוט און שנעל לייזן פּראָבלעמען, אָבער מער פון אַלץ — זיין אָרנטלעכקייט און זיין גוטהאַרציקייט. און ביי דער געלעגנהייט וויל איך אים ווינטשן, אז דער צוזאַמענבונד פון אונדזער פריינדשאַפט, פריוואַט און אין ביזנעס, זאָל זיין אויף לאַנגע יאָרן, און איך האָף, אז מיט מ"ר טראַיס פעאיקייטן און ענערגיע וועט אונדזער געשעפט זיך נאָך מער אויסברייטערן. כ'וויל מעלדן, אז דאָס געשעפט וועט פון היינט הייסן 'אַראָנס ענד טראַי'".

* * *

שפּעט ביי נאַכט האָבן זיך אַלע געשטופּט צום ארויסגאַנג. האַלב־שיכורע און פריילעכע פון אַ סך רייד און פיל בראָנפן. מ'האָט זיך געזעגנט און

געקושט מיט גערטין און דזשעקן און זיי געווונטשן מזל־טוב. מ׳האָט אויך ניט פאַרגעסן צוצווינטשן די אַלטע טאַטע־מאַמע און גערטיס ברודער. אָבער ביים געזעגענען זיך מיט מ״ר מייקל און זיין ווייב ראָזי, האָבן אלע מיט התפעלות גערעדט וועגן זייער געראָטענעם פלימעניק מ״ר קעלי טראַי, און מ׳האָט אים באַשאָטן מיט שבחים. מ״ר מייקלס אויגן זיינען פול געוואָרן מיט טרערן פון פרייד, וואָס ער האָט דערלעבט אין זיין עלנטקייט אזוי פיל נחת פון זיין שוועסטערס זון. ער האָט געטראַכט מיט רחמנות פון זיין אָרעמער שוועסטער, ווי ער זאָל זיך קענען טיילן מיט איר דאָס גליק.

קלמן האָט זיך אָפּן און משפּחהדיק צעקושט מיט ראָזין און מיטן אָנקל. מיט סאָניען האָט ער זיך ארומגענומען און האָט געפילט, אז אַ טרער איז אַראָפּגעפאַלן אויף זיין באַק — אַ טרער פון גליק. —

אַ גליקלעכער האָט זיך קלמן געיאָגט צו דער באַן, צו פאָרן צום קאָנצעשן סטאָר — צו דער פירמע „אַראָנס ענד טראַי״.

אַן אומגעלומפּערטער שאָטן האָט זיך ארום אים ארומגעדרייט — דאָס איז געווען טשאַרלי.

22

דזשים

דזשים האָט שוין אַליין ניט געדענקט וויפל וואַרעמע זומערן זיינען אריבער זינט ער איז אָנגעקומען צו דעם אַלטן באָס, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבן. די נאַסע האַרבסטן מיט די הייסע זומערן האָבן זיך אזוי שנעל געביטן, אז ער האָט שוין ניט געקענט זיי אַלע אויפּציילן. איין זאַך געדענקט ער, אז ער איז נאָך דעמאָלט געווען אַ פּיקענין, אפשר 12 יאָר און אַ מאָל נאָך ווייניקער. דזשים איז נאָך אזוי פיל יאָרן געוואָרן ווי אַ טייל פון גרויסן געשעפט, ווי אַ שטיק מעבל וואָס טאָמער וואָלט עס איין טאָג פאַרשווונדן, וואָלט מען עס גלייך באַמערקט.

ווען ער איז געקומען אַהער האָט ער טאַקע מער ווי זיין זולו־לשון ניט פאַרשטאַנען, נאָר איצט רעדט ער גאַנץ גוט אַפריקאַנס, וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט פון די בורן, ענגליש און קען אפילו א ביסל ווערטער אין

יידיש. זיין אַרבעט טוט ער פלינק, איז אונטערטעניק און פאָלגעוודיק און וועט גיין פאַר די בעלי־בתים אין פייער און וואַסער.

זיין ערשטע אַרבעט, גלייך באַגינען, איז די פענצטער עפענען, אויב ס'איז אַ הייסער טאָג, אויב ס'איז קאַלט דאַרף ער נאָר ארויפציען די זון־ראָלעטן. דאָס איז אויך זיין לעצטע אַרבעט פון טאָג — אַכטונג געבן אז אַלע פענצטער זאָלן זיין פאַרריגלט און פאַרהאַנגען. צו דער דאָזיקער אַר־בעט דאַרף מען זיין פלינק און געניט, ווייל די פענצטער געפינען זיך הייך ביים סופיט. אַנדערע מאָל דאַרף מען עס טאָן עטלעכע מאָל אַ טאָג — פאַר־ציען די ראָלעטן פון דער זון און אויפציען בעת ס'ווערט פאַרוואָלקנט — און מ'דאַרף אים קיין מאָל דאָס ניט דערמאָנען, דזשים גיט שוין אַכטונג אליין.

נאָך דעם נעמט ער זיך פאָלירן דעם גרויסן רויט־בעטאָנענעם דיל פון דער סטאָר. ער מאַכט עס אזוי געשווינד און גוט, אז עס איז פשוט צו באַ־ווּנדערן. פאַר דעם האָט ער ספּעציעלע צוויי קישעלעך, וואָס ווערן אָנגעטאָן אויף די קני און צוגעשנורעוועט מיט רימענדלעך. אויף די דאָזיקע קישעלעך, וואָס הייסן „סקוועשלעס" אויף זולו־לשון, קניט ער אַראָפּ אויפן דיל און גליטשט זיך ארום פון איין ברעג צום אַנדערן מיט דער שנעלקייט פון אַ מייזל — און די קישעלעך טוען שוין די אַרבעט. ס'איז זיינער אַן אייגענער פּאַטענט און קיינער קען עס אים ניט נאָכטאָן. ער קען זיך אפילו קונציק פאַרבייגליטשן פאַרביי די פיס פון בעל־הבית און יענער זאָלן אפילו ניט פילן, ווי עס וואָלט אַ פליג פאַרבייגעפלויגן. און פלוצלינג שיינט דער דיל ווי אַ שפּיגל.

דזשים אַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטער זייגער, צו דער מינוט ווערט ער פאַרטיק און לויפט שוין צום קיך, אין ווינקל פון סטאָר. דאָרטן איז אַלץ ריין און זויבער. ער מאַכט פול דעם גרויסן טשייניק מיט וואַסער און ווי נאָר עס קאָכט אויף צעגיסט ער דעם שמעקעדיקן טיי פאַר די בעלי־בתים. ער גיט אַ זשמורע דורכן שפּעלטל פון טיר מיט אַ געניט אייגל און ווייס גלייך, צי ס'איז דאָרטן דאָ אַ דורכפאָרנדיקער גאַסט צי עפּעס אַ רייזנ־דער וואָס וואַרפט אָן פּעק מיט מוסטערן אויף די טישן און טאָמבענק. דזשים וועט קיין מאָל קיין טעות ניט האָבן אין חשבון און ער ווייס שוין וואָס פאַר אַ מין טיי יעדער איינער האָט ליב. און אז מ'דאַרף נאָך אַ גלאָז טיי, צי עפּעס אַנדערש צו דערלאַנגען, פאַרשטייט שוין דזשים אויפן ווּנק, ווי אַ גוט־דרעסירטע חיה.

ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט דער אַרבעט פון אויפראַמען די סטאָר, איז ער שוין אין דרויסן פאַר דער טיר. ער דערקענט גלייך אַ פרעמד פּנים צווישן די דורכגייער אויפן ברייטן טראָטואַר. ווי נאָר ער דערזעט אַזאַ איינעם, גיט ער זיך אַ שאַר צו צו אים, ווי אַ קאַץ צו אַ מייזל. ער האָט דורך די יאָרן זיך אויסגעלערנט, ווי אַזוי אַריינצונאַרן קונים אין סטאָר. אויף דעם האָט ער פאַרשיידענע איינפאַלן, וואָס דאַרפן זיין צוגע־פּאַסט צו יעדן באַזונדער. און אַז ער פּאַקט אַזאַ איינעם, בלייבט ער שוין שטיין ביי יענעם בעת דער קניה, לויבט די סחורה, רעדט צו דעם קונה, אַז ער וועט אויספּועלן ביים באָס אַ „פּאַסעלאַ״, וואָס וועט זיין מער ווערט ווי דער גאַנצער אַרטיקל. טענהט איין, מאַכט מיט די הענט און קלאַפּט־צו מיט דער צונג, ביז דאָס קונד ווערט אין גאַנצן צעטומלט און בלייבט ווי אַ פאַרחלשט מייזל אין דזשימס לאַפּעס...

די בעלי־בתים קווען אָן פון אַזאַ שטיקל אַרבעט, קלאַפּן אים אין פּלייצע. דזשים לייגט צוזאַמען ביידע הענט, איין האַנט אין דער אַנדערער, און אין זיינע אויסגעשטרעקט פאַרבויגענע הענט־פלאַכן, ווי ער פלעגט עס נאָך טאָן אַלס פּיקעניני, ווי אַ סימן פון דאַנק און הכנעה, פאַלן אַריין אַ פּאָר זילבערנע מטבעות פון פּדיון.

ווען קלמן איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אין סטאָר האָט ער אויף דזשימען אָנגעוואָרפן אַן אימה. זיין הייך, זיין ברייט און די געזונטע פּליי־צעס האָבן אים דערשראָקן. ער האָט זיך די ערשטע טעג געהאַלטן וואָס ווייטער פון אים. אָבער אַ וואָך שפּעטער האָט ער זיך שוין געדרייט מיט צוטרוי אַרום קלמנען, געוואָלט אַז דער „אינקאָס״ זאָל אים באַמערקן. זעענ־דיק ווי ערלעך קלמן באַהאַנדלט די שוואַרצע קונים און אונטערהערנדיק ווי די בורישע פאַרמערס לויבן דעם „נייעם באָס״ אונטער די אויגן, האָט ער דערפילט צו אים דרך־ארץ און צוטרוי. ער איז אַ חשובער ווייסער מאַן, האָט דזשים געטראַכט, און ער איז טאַקע געווען דער, וואָס האָט נאָך מער צעקלונגען קלמנס נאָמען און דערציילט אַלע שוואַרצע, אַז דער „אינקוני מאַלאַנגאַ״ (גרויסער, הויכער, שטאַרקער) האָט אַן „אינשליזיאַ מאַהלאַפּע״ (אַ ווייסע האַרץ). אַז דער „נמיאַזאַנאַ״ איז איצט געקומען אויפן אָרט פון אַלטן בעל־הבית וואָס איז געשטאָרבן, איז אַ גוטער. און העלער נאָך האָט אויפגעשיינט קלמנס שטערן און זיין פּאָפּולאַריטעט צווישן די שוואַרצע פון קאָמפּאָנד האָט נאָך מער קונים געצויגן.

דזשים דערציילט קלמנען זיין סוד

דזשים האָט דערפילט אז דער נייער בעל־הבית איז אַנדערש ווי אַלע פריערדיקע. „אינקאָס" קוקט ניט אויף אים ווי אויף אַ „טי־באַי", נאָר ער שמייכלט צו אים, באַגריסט אים פריער אפילו, און פריינדלט זיך. ער האָט דערפילט אז אַ ווייסער קען אויך זיין אַן אמתער פריינד, איז ער איצט גע־קומען וועגן יעדע קליניקייט זיך מיישב זיין מיט קלמנען און הערן זיין עצה. ער האָט באַמערקט אז קלמן האָט צו אים מער געדולד און אינטערעס ווי יעדער אנדערער, האָט ער זיך באַטראַכט אז גאָט אליין האָט אים אין דער ריכטיקער צייט צוגעשיקט דעם „אינשליזיא מאהלאַפע".

אַ שווערע זאָרג איז איצט געלעגן אויפן האַרצן ביי דזשימען און ער האָט זיך געניייטיקט אין אַ קלוגער עצה. ער איז זיכער געווען אז נאָר דער באָס קעלי קען אים אָנווייזן ווי אזוי ער זאָל האַנדלען. און איין מאָל, ווען אין סטאָר איז געווען שטיל, האָט זיך דזשים צוגעשאַרט צום טאָמבאַנק אויף וועלכן קלמן איז געשטאַנען און צוזאַמענגעלייגט סחורה אויף די פּאָליצעס, ער האָט פאַרריסן צו אים דעם קאָפּ און געפרעגט:

„קען איך אפשר זיך וועגן עפּעס מיישב זיין מיטן 'אינקאָסיא'?... זייער אַ וויכטיקער ענין..."

לויט זיין פאַרזאָרגטער מינע און נעבעכדיקער שטאַמלעניש האָט קלמן פאַרשטאַנען אז עס טוט אים עפּעס וויי און מ'דאַרף אים העלפן, האָט ער זיך צעשמייכלט און געענטפערט:

„געוויס, דזשים, קענסטו זיך מיט מיר מיישב זיין, און אויב ס'וועט נאָר מעגלעך זיין דיר צו העלפן מיט עפּעס אין וואָס דו נייטיקסט זיך, בין איך גרייט עס צו טאָן.". קלמן איז אראָפּגעשפּרונגען פון טאָמבאַנק און גע־בליבן שטיין לעבן דזשימען, ווי צוויי נאָענטע חברים וואָס האָבן עפּעס וויכטיקס צו ריידן. דזשים האָט גערעדט שטיל:

„איך מוז דיר דערציילן די גאַנצע געשיכטע, מיין באָס, הער מיך אויס און זיי ניט אין כעס. נאָר דו קענסט מיר העלפן מיט אַן עצה. די געשיכטע האָט זיך אָנגעהייבן ווען כ'האָב געהאַט מיין האָלידיי מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, כ'בין אוועק אהיים און פאַר גאַנצע דריי חדשים געבליבן אין קראַאַל. ס'איז געווען נאָך דעם שניט, האַרבסט, די צייט ווען יינגלעך און מיידלעך נעמען זיך די „מאהומבגע". ביי אונדז איז עס אזא מינהג — אַ מין חתונה־קאָנ־

טראַקט אויף פּראַבע — און דאָס איז די צייט ווען די ייִנגלעך און די מיידלעך דערגרייכן צו „פּובערטי"... און דזשים איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן.

„וואָס איז עס אַזוינס פּובערטי, דזשים?" האָט קלמן אים אָנגעקוקט.

„פּובערטי, דאָס איז... מיר שווער צו דערקלערן, מיין באָס. כ'שעם זיך..." האָט דזשים געפּלאָנטערט מיט דער צונג

„נו, ביסט אַ נאַר, דזשים. וואָס איז זיך דאָ צו שעמען, אויב איר האַלט פון דעם ווי דו זאָגסט. און דו ווילסט דאָך אַן עצה פון מיר, מוז איך אַלץ געגויי ווּיסן".

„פּובערטי, מיין באָס, איז די צייט ווען ייִנגלעך און מיידלעך דערגרייכן די יאָרן ווען זיי ווילן שלאָפן צוזאַמען, די צייט פון יאַכליקלאַ, קיצלען זיך. דעמאָלט קלייבן זיך צונויף אַלע ייִנגלעך און מיידלעך, וועלכע ווילן אָנטייל נעמען אין דער דאָזיקער שלאָף־שפּיל, אויף אַ געוויסן פּלאַץ, פאַר צוויי וואָכן צייט. מיר האָבן אויסגעבויט ניט ווייט פון אונדזער קראַאַל אַ דערפל, אַזעלכע כאַטקעס פון גראָז געמאַכט, פאַר ייִנגלעך, ווען דער חתן־בחור דערגרייכט פּובערטי, באַזונדער, און פאַר מיידלעך ווען די כלה־מיידן ווערן רייף, ווערן 'אינטאַמבי', באַזונדער.

„מיר, די ייִנגלעך, זיינען אַרויס אויף יאַגד, כאַפּן חיות, מייז און פייגל. און ווער פון אונדז ס'האָט באַוויזן צו כאַפּן דעם גרעסטן פאַנג, האָט זיך געקענט אויסקלייבן דאָס שענסטע מיידל און שלאָפן מיט איר. בין איך גראָדע געווען דער גליקלעכסטער, איך האָב געבראַכט דעם גרעסטן פאַנג. איז דאָרט געווען אַ מיידל מיטן נאָמען לעטי, וועלכע איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. אַלע בחורים האָבן אויסגעקוקט אויף דער שיינער לעטי.

„זי איז געווען גרויס, פעט, מיט אַ הייכן בוזעם און זי האָט מיך צוגעצויגן צו זיך, אַזוי ווי דער מאַגנעט וואָס ליגט אויפן באָסעס טיש, אין אָפּיס, און ציט צו די אייזערנע שטיפטן. פריער נאָך בין איך אַרומגעגאַנגען מיט דעם איין געדאַנק: איך מוז זיך אָנשטרענגען און ברענגען דעם גרעסטן פאַנג, כדי צו געווינען לעטיס האַרץ. דו דאַרפסט ווּיסן, באָס, אַז צו לעטין האָבן זיך געשדכנט אַ סך יונגען און יעדער האָט איר געוואָלט אַריינקריגן פאַר אַ ווייב. בין איך יענע נאַכט געווען דער גליקלעכסטער — איך האָב געשלאָפן מיט לעטין. אָבער דאָ, באָס, איז געקומען די צרה", האָט דזשים גערעדט מיט אַ פאַרצווייפלטן טאָן, „ווייל זי איז ניט טראָגעדיק געוואָרן.

וואָרן פּ׳ן דעם איין שלאָף. און לויט אונדזערע מינהגים פירט זיך, אז אויב זי ווערט ניט טראַגעדיק דאַרף איך מיט איר ניט חתונה האָבן.

„אָבער איך וויל יאָ מיט איר חתונה האָבן און כ׳בין זיכער אז זי וועט שפּעטער יאָ האָבן קינדער פון מיר. די צוויי וואָכן ׳מאַהומבגע׳ זיינען געווען די גליקלעכסטע טעג פון מיין לעבן און כ׳וועל זיי קיין מאָל ניט פאַרגעסן. איך מיט לעטין האָבן זיך זייער גוט פאַרבראַכט אונטער דער צייט און מיר האָבן זיך אפילו ליב באַקומען...״

„איז דאָך גוט! אז אַ מאַן ווייזט ארויס זיין בריהשאַפט, מוז ער גע־פעלן ווערן זיין כלה. איך בין זיכער אז לעטי וועט זיין דיין צוקונפטיקע ווייב״. האָט קלמן ערנסט גערעדט און פריינדלעך צוגעשמייכלט. „טאָ וואָס איז דאָ פאַראַן צו זאָרגן?״

„יע, מיין באָס, דאָ הייבט זיך טאַקע אָן מיין זאָרג, ווייל עס איז נאָך אַ לאַנגער מהלך ביז לעטי וועט קענען ווערן מיין ווייב. איצט קומען אונ־טער די גרויסע שוועריקייטן״.

„פאַר וואָס? וואָס זיינען די שוועריקייטן?״ האָט זיך קלמן געוווּנדערט.

„די גרעסטע צרה איז ביז איך וועל קענען לעטין אויף אַן אמת קריגן פאַר אַ ווייב. ווייל ביי אונדז איז ניט ווי ביי אייך, באָס. ביי די ווייסע קויפן דאָך די מיידלעך די מענער, און ביי אונדז איז פונקט פאַרקערט: די מענער מוזן קויפן די מיידלעך פון זייערע טאַטעס — זיי גיבן דעם טאַטן לאַבאָלאָ״.

„צווישן אונדזערע מענטשן רופט מען אייער לאַבאָלאַ נדן״, האָט קלמן אים איבערגעריסן, „אָבער ניט אַלע האלטן ביי אונדז פון דעם. אויב מ׳האָט ליב דאָס מיידל האָט מען חתונה און מ׳פרעגט ניט, צייטן האָבן זיך געביטן״.

„אָ, ניין, באָס, ניט ביי אונדז״, האָט דזשים גערעדט מיט פאַרדרוס, „מיר מוזן דעם מיידלס פאָטער ברענגען אָקסן, בהמות, ציגן און שעפּסן. און וואָס שענער זיין טאָכטער איז, אַלץ אַ גרעסערע לאַבאָלאַ פאַרלאַנגט איר פאָטער. אָבער די גאַנצע זאַך איז גאָר ניט אזוי איינפאַך. צוערשט מוז מיין פעטער קומען צו איר פעטער אין קראַאַל און מאַכן דעם אָנבאָט. פאַר־שטייט זיך, אז מיט ליידיקן קען מען ניט קומען. מוז מען מיטברענגען אַ פיינע מתנה און ערשט דאַן קען מען אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען. איך אליין האָב שוין אויך געשיקט לעטין גאַנץ פיינע מתנות: כ׳האָב איר גע־שיקט א שנירל קרעלן און פאַרביקע שטיינדלעך, אַ שיין פייפעלע און אַ

שטיקל באַדרוקטע שטאָף, וואָס דער באָס דזשעק האָט מיר ספּעציעל גע־שענקט פאַר איר, און גאָר לעצטנס האָב איך איר געשיקט אַ פעדער פון אַ פויגל, וואָס איז זייער מזלדיק״.

„איז עס דאָך אַ גוטער אָנהייב!״ האָט קלמן אויסגערופן.

„און דאָס איז נאָך ניט אַלץ, באָס. איך האָב נאָך געשיקט לעטיס טאַטע־מאַמע געלט — אַ גאַנצן פונט. דאָס רופט מען ביי אונדז 'אקאַנגעזילע' און אזא מתנה מיינט, אז אירע עלטערן זאָלן וויסן אז זי געפעלט מיר און איך שדכן זיך צו איר. אָבער איך האָלט ערשט ביים אָנהייב: מיין אָנקל דאַרף גיין צו איר קראַאַל אונטערהאַנדלען מיט איר אָנקל. און דאָס, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט, מיין באָס, איז נאָך אַלץ אַ לאַנגער וועג ביז איך וועל קומען צו דעם, אז לעטי זאָל זיין מיין ווייב״.

„ווי לאַנג נאָך?״ פרעגט קלמן נייגעריק און איז אפילו צופרידן, וואָס קיין קונדן קומען ניט און שטערן ניט דעם שמועס. „מען מוז דאָך קומען צו אַ סוף...״

„עס דויערט, באָס. ווייל נאָך דעם דאַרף דער אָנקל פון לעטין באַצאָלן מיין אָנקל פאַר מיין טאַטן 'וואָילאַ מלאָמאַ'״.

„וואָס איז דאָס?״ פרעגט קלמן נייגעריק.

„וואָילאַ מלאָמאַ איז אַ קליינע סומע געלט, וואָס לעטיס' אָנקל דאַרף געבן מיין טאַטן, ער זאָל „עפענען דאָס מויל״. איז אויב דעם חתנס פאָטער 'עפנט דאָס מויל' און זאָגט, אז ער איז ניט צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט באַקומען און בעט נאָך קליידער פאַר דער חתונה, דאַרפן זיי אים געבן. ס׳קען אויך טרעפן אז מיין פאָטער זאָל פאַרשווינדן פון יענער זייט טייך, אָדער ארויפקריכן אויף אַ בוים און זאָגן, אז ער קען ניט אריבער דעם טייך, צי ער קען ניט אַראָפּ פון בוים, דעמאָלט איז עס אַ באַווייז אז ער וויל נאָך עפּעס פון דער כלהס צד. אָבער מיט דער 'וואָילאַ מלאָמאַ' קומט מען ווי ניט איז דורך, די וויכטיקסטע זאַך, וואָס קומט צום סוף, זיינען די אונטערהאנד־לונגען וועגן דעם פּרייז פון 'לאָבאָלאָ'. דאָ גייט אָן אַ שטאַרקע און לאַנגע דינגעניש צווישן די אָנקלס פון חתן און כלה וועגן דעם פּרייז. ס׳איז נאָך ערגער, באָס, ווי דאָ אין סטאָר, ווען אַן אָרעמער זולו וויל קויפן אַ שיינע דעקע מיט אַ סך קאָלירן. ער מוז באַצאָלן ביז דער לעצטער פּעני. אָבער 'לאָבאָלאָ' מיינט ניט נאָר קריגן די כלה, נאָר עס איז אויך אַ צייכן פון אַ צו־זאַמענבונד צווישן צוויי משפּחות״.

„און ווי איז טאַקע אז דער חתן איז אָרעם און פאַרמאָגט ניט צו געבן געגנוג ׳לאַבאָלאַ׳, קען ער דאָך ניט קריגן די כלה, אזוי ווי דער זולו וואָס קען ניט קריגן די שיינע דעקע וואָס ער וויל, אויב ער האָט ניט גענוג געלט צו באַצאָלן ?"

„דאָן איז שוין גאָר אַנדערש", האָט דזשים אומעטיק דערקלערט. אויב ס׳איז ניטאָ די סומע וואָס איר טאַטע פאָדערט, דאַרפן די עלטערן שיקן זייער יונג בחורל צו דער כלהס קראַאַל און דאָרט דאַרף ער אַרבעטן ביי אירע עלטערן גאַנצע דריי יאָר און א מאָל מער נאָך. ער דאַרף טאָן אַלץ וואָס מ׳הייסט אים. ער אַרבעט אויפן לאַנד, העלפט אראָפּנעמען די תבואה, ער טוט אויך שטובּיקע ארבעטן און דאַרף פאָלגן דעם בעל־הבית. ביי אונדז הייסט דאָס — איינער וואָס וואַרט".

„איז וואָס זשע ווילסטו זאָל איך טאָן פאַר דיר און וואָס קען איך טאָן ?" האָט קלמן געפרעגט דזשימען מיט גרייטווילּיקייט. „כ׳שטעל זיך פאָר אז וואַרטן ווילסטו ניט".

„אָט דאָס איז דאָך, באָס. כ׳וויל ניט וואַרטן און דו קענסט טאָן פאַר מיר זייער פיל און דאָס ערשטע איז — אַן עצה. כ׳וועל ברענגען צום באָס מיין אָנקל, וועלכער איז גרייט צו גיין זיך זען מיט לעטיס׳ אָנקל אין קראַאַל. איז וועט גוט זיין אז דער באָס וועט אים לערנען ווי צו ריידן מיט דער כלהס אָנקל און דאָס קען זיין גוט, ווייל איך ווייס אז דער באָס איז זייער קלוג און גיט אַלעמען עצות. די צווייטע זאַך וואָס כ׳וויל בעטן: אזוי ווי איך ארבעט שוין לאַנג אין קאַנצעשן סטאָר, וואָלט געווען אַ גוטע זאַך אז דער באָס זאָל זען מ׳זאָל מיר העכערן מיינע שכירות. פון אזא העכערונג וועל איך גיכער קענען אָפּשפּאָרן צו קויפן אָקסן פאַר ׳לאַבאָלאַ׳. און צו לעצט וויל איך נאָך בעטן, אז ווען ס׳וועט די צייט קומען זאָל מיין באָס מיר אָנטאָן דעם כבוד און זיין מיין גאַסט אויף דער חתונה, כאָטש אראָפּקומען אויף עטלעכע שעה. ס׳וועט זיין אַ כבוד פאַרן גאַנצן קראַאַל".

קלמן האָט מיט אַ שמייכל אָנגעקוקט דזשימען און זיך אליין געוווּנדערט אויף די קליינע בקשות און וויפל רייד ער האָט אויף דעם געפּטרט. ער האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, ווי מ׳טוט עס צווישן אייגענע חברה און געזאָגט:

„גוט, דזשים, איך זאָג דיר צו אז דיינע אַלע בקשות וועל איך זען צו באַפרידיקן".

דזשים האָט זיך אַן אויפגעמונטערטער פאַרנויגט, פריילעך אונטערגע־שפּרונגען, אַ פּאַטש טוענדיק מיטביידע הענט, ווי אַ צייכן פון דאַנק.

די עצה און די מתנות

אין איינעם אַ פרימאָרגן, אַ שטיקל צייט נאָך דעם לאַנגן געשפּרעך מיט דזשימען, ווען קלמן איז געקומען אויפעפענען די קאָנצעשן סטאָר, האָט ער געטראָפןביידן וואַרטן אויף אים — דזשימין און זיין אָנקל. נאָכן אראָפּ־כאַפּן דאָס היטל און אַ פריילעכן „גוט־מאָרגן, באָס״, האָט דזשים פאָרגע־שטעלט פאַר קלמנען זיין אָנקל. דער אָנקל האָט צונויפגעלייגט די הענט, ווי דער מינהג פון די שוואַרצע פאַר אַ „נמימזאנא״, און האָט זיך טיף פאַרנייגט.

קלמן האָט זיי פאַרבעטן אין זיין אָפיס. זיי זיינען אים נאָכגעגאַנגען מיט הכנעה. מיט דער הילף פון דזשימין, וואָס איז געוואָרן דער דאָלמעטשער און געהאָלפן פאַר זיין אָנקל איבערזעצן קלמנס רייד, האָט קלמן אים דער־קלערט ווי אזוי און וואָס ער זאָל ריידן צו דער כלהס אָנקל. ער האָט איינ־געטענהט מיט אים, אז ער זאָל אויסדערציילן אַלע דזשימס מעלות — זיין פאַסטאַטשקע, זיין שיינקייט. ער קען אויך זאָגן אז דזשים איז אַ גוטער טענ־צער און ביי יעדן יום־טוב איז ער דער אָנפירער פון די טענץ. אָבער דער עיקר זאָל ער כסדר דערמאָנען אז ער איז שוין אזוי פיל יאָרן אויף דעם זעלבן פּלאַץ און די בעלי־בתים זיינען גאָר צופרידן מיט אים. אַט האָבן זיי אים איצט געהעכערט זיין געהאַלט, אז אין קיין קאָנצעשן סטאָר מיילן ארום קריגט קיין שוואַרצער ניט אזא הויכן לוין. ער קען אויך זאָגן, אז דזשים איז נאָך קיין מאָל ניט געווען פאַרמישט אין אַ פּריוואַטן סיכסוך און ניט אין אַ געשלעג צווישן שבטים און אז ער איז נאָך קיין מאָל פון דער פּאָליציי ניט געווען אַרעסטירט. די הויפּטזאַך, מוז ער זאָגן, איז וואָס דזשים ליבט לעטין אזוי שטאַרק, אז ער איז גרייט צו געבן אַ שבועה, אז ער וועט איר קיין מאָל ניט שלאָגן, ווי אַנדערע שוואַרצע טוען עס.

קלמן האָט איינגעקנעלט מיט דזשימס אָנקל אַלע פּרטים, אזוי אז ער האָט שוין אויף אויסווייניק געדענקט וואָס ער האָט צו זאָגן. און איצט האָט זיך אָנגעהייבן די סדרה פון מתנות וואָס דער אָנקל דאַרף מיטנעמען.

קלמן האָט אויסגעקליבן אַ גאָר שיין־געפּוצטע קאָנצערטינע, וואָס האָט געשיינט ווי גאָלד. ער האָט איר מיט ביידע הענט פונאַנדערגעצויגן און זי

האָט זיך געטאָן אַ בייג ווי אַ פּירקאַנטיק שלענגל. נאָך דעם האָט זי אַרויס־געלאָזן אַ טיפן מאָדנעם ברום, אַז דער אָנקל האָט זיינע אויגן ברייט פאַר־נאַנדערגעעפנט פאַר התפעלות. קלמן האָט אים גלייך מכבד געווען, אַז ער זאָל אַליין אויספּרובירן די קאָנצערטינע.

אויף קלמנס ווונק אַז ער זאָל אַ שפּיל טאָן האָט דער אָנקל מיט ציי־טעריקע הענט גענומען די קליינע קאָנצערטינע, אַ קוועטש געטאָן מיט זיין גאַנצער קראַפט הין און צוריק און אַ געברום פון טענער האָבן דעם אָפּיס פאַרהילכט. פון באַגייסטערונג האָט דער אָנקל זיך אַזוי הילכיק און האַרציק צעלאַכט, אַז עס האָט געדויערט אַ רעכטע ווילע ביז ער האָט זיך געקענט באַהערשן.

חוץ דעם האָט קלמן געפונען אַ ספּעציעלע בילד, אין אַ ראַם, פון דער הייליקער מאַריאַ, וואָס אירע אויגן שמייכלען זיס צו יעדערן וואָס קוקט אויף איר. דער אָנקל איז געבליבן פאַרגאַפט פון דעם בילד און האָט זיינע אויגן ניט געקענט אָפּרייסן פון דער פּרוי. אַז ער האָט זיך אַ ביסל אויסגעטשוכעט, האָט ער עפּעס געפרעגט אויף זולו־לשון זיין פּלימעניק.

„וואָס פרעגט ער?" איז קלמן געוואָרן פאַראינטריגירט.

„ער פרעגט צי דאָס איז דעם באָס' פרוי?"

„זאָג אים אַז איך האָב נאָך קיין פרוי ניט, נאָר מיין כלה איז אויך אַזוי שיין".

דער אָנקל האָט געקוקט מיט רעספּעקט אויף קלמנען און אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז מיט די עצות און מתנות וואָס דער באָס האָט אים געגעבן וועט זיין שליחות באַגליקט ווערן.

ביים געזעגענען זיך האָט ער צוזאַמענגעלייגט ביידע הענט, ווי אַ סימן פון דאַנק און האָט זיך מיט דרך־ארץ טיף פאַרנייגט פאַר קלמנען. דזשים האָט אַרויסבאַגלייט זיין אָנקל.

* * *

אַז דזשים איז צוריקגעקומען איז ער צוגעפאַלן צו קלמנען און גע־וואָלט אים קושן זיינע הענט, נאָר קלמן האָט אים לייכט אָפּגעשטופּט און געזאָגט: „רייד בעסער. זאָג וואָס דו ווילסט".

„אינקאָ", האָט דזשים גערעדט און זיינע ברוינע אויגן האָבן געגלאַנצט. „איך האָב זיך צוגעהערט צו דיינע קלוגע רייד און געזען די שיינע מתנות וואָס דו האָסט אויסגעקליבן פאַר מיין כלהס אָנקל און כ'וויל באַדאַנקען פאַר

אַלץ וואָס דער באָס האָט געטאָן פאַר מיר. איך בין גליקלעך וואָס די גייס־טער פון מיין משפחה האָבן מיך גענומען אין זייער שוץ און צוגעשיקט אזא גוטן באָס פאַר ווערמען איך וואָלט אַ גאַנץ לעבן געאַרבעט. דיין קלוגשאַפט האָב איך היינט געהערט, באָס, ווי דו האָסט געלערנט מיין אָנקל. פרייט מיך און איך בין זיכער, אז מיין אָנקל וועט מצליח זיין און אַ גרויסן דאַנק דיר, מיין באָס! אָבער איצט וויל איך דערמאָנען, אז דער באָס האָט מיר צו־געזאָגט צו קומען צו מיין חתונה, כאָטש אויף א האַלבן טאָג״.

„ווען מיר דאַרפסטו זיך ניט זאָרגן, דזשים, איך וועל מיין צוזאָג האַלטן. און איך האָף אז ס'וועט ניט לאַנג דויערן. ווילסט דאָך האָבן דיין לעטין...״

דזשים האָט אויף קלמנען אויפגעהייבן אַ פּאָר גרויסע ברוין־וואַרעמע אויגן, וואָס האָבן געהאַט אזוי פיל דאַנק אין זייער קוק אז קלמנען איז דאָס האַרץ איבערגעגאַנגען. וואָלט ער זיך ניט געשעמט און געוווּסט אז קיין פרעמד אויג וועט ניט זען וואָלט ער דעם איבערגעגעבענעם דזשימין ארומ־גענומען און צוגעקוועטשט צו זיין ברוסט. איצט האָבןביידע געשוויגן. קלמן האָט זיך מיט אַ מאָל דערמאָנט אָן זיין סאָניען און ס'איז אים איינ־געפאַלן, אז ביי דזשימין איז לעטי זיין סאָניע...

קלמן האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט זיין געוויינלעכן שמייכל אַ קלאַפּ געטאָן דזשימין אין פּלייצע: „דזשים, איך האָב אויך אַ לעטי...״

דזשים האָט אויסגעלופּעט די אויגן אויפן באָס און ניט באַנומען וואָס ער מיינט.

23

די מתנות קומען צוריק

די צערעמאָניעס און די פֿאַרהאַנדלונגען האָט צו לאַנג ניט גענומען. ווען דזשימס אָנקל האָט געבראַכט די צוויי אויסטערלישע מתנות — דאָס בילד פֿון דער הייליקער מאַריאַ און די קאָנצערטינע, וואָס האָט גע־שיינט ווי גאָלד, איז אין קראַאַל געוואָרן אַן אויפֿלויף ווי אויף גאָטס וווּנדער.

דער ערשטער האָט דזשימס אָנקל גענומען ציען די קאָנצערטינע אין דער ברייט און צוריק. פֿריילעכע טענער האָבן זיך גענומען קייקלען איבערן גאַנצן קראַאַל. נאָך דעם האָט ער פֿייערלעך איבערגעגעבן דעם אינסטרו־מענט לעטיס אָנקל און יענער האָט אויך דאָס זעלבע געפּרוּווט. אָבער די באַגייסטערונג האָט זיך אַ הייב געטאָן ווי אַ כוואַליע, ווען איינער פֿון די אורחים וואָס האָט געקענט שפּילן און זיך גערעכנט פֿאַר אַ מבֿין אויף מוזיק, האָט אַ נעם געטאָן די קאָנצערטינע אין זיינע הענט. אַלע אָנוועזנדיקע זיינען

געבליבן שטיין פֿאַרגאַפֿט פֿון דער שיינער מוזיק, וואָס די פֿאַרכישופֿטע צאַצקע גיט פֿון זיך אַרויס. אַרום איז געוואָרן לעבעדיק, פֿיס האָבן געטו־פּעט מיטן ריטעם פֿון טאַנץ און הענט האָבן צוגעפּאַטשט.

דער קאָנצערטינע־שפּילער האָט געלויבט די מחותנים אין הימל אַריין, געשאָטן מיט חניפֿות. ס׳איז געווען אַ ריכטיקע „איזיבאָנגאַ״. נאָך דעם האָבן אַלע געזונגען אַ טאַנץ־ליד און דער שפּילער האָט באַגלייט אויף דער קאָנצערטינע. דאָס געזאַנג האָט זיך געביטן פֿון טאַנץ־לידער אויף מאָנאָטאָן־פֿאַרבענקטע, ווי דער גאַנצער קראַאַל וואָלט געוואָרן פֿאַרכישופֿט פֿון טענער.

איצט האָבן שוין אַלע געוווּסט, אַז דער שידוך איז שוין ווי געשלאָסן. ס׳האָט געדויערט אַ היפּשע פּאָר שעה ביז די נייגעריקע און פֿרעמדע האָבן זיך אָנגעהייבן פֿונאַנדערגיין און עס זיינען געבליבן בלויז נאָענטע שכנים און די פֿאַמיליע־מענטשן. האָט דזשימיס אָנקל אַרויסגענומען דאָס גע־ראַמטע בילד און עס אויפֿגעוויקלט פֿון די פּאַפּירן, ווי ער וואָלט אַראָפּ־געשיילט הויטן פֿון אַ מיסטעריע.

אַלע האָבן געוואַרט געשפּאַנט וואָס דאָ וועט זיך באַווייזן. ווי נאָר עס האָט זיך פֿון לעצטן פּאַפּיר אַנטפּלעקט די הייליקע מאַריאַ, האָט אַ מורמל פֿון באַגייסטערונג זיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופֿט און עס איז גלייך שטיל געוואָרן ווי די מענטשן וואָלטן געזען אַ הייליקייט. אַלע אויגן זיינען גע־ווען אָנגעצילט אין איין ריכטונג, צום בילד, וואָס דזשימיס אָנקל האָט גע־האַלטן אויפֿגעהויבן פֿאַר זיי. לעטיס אָנקל האָט לאַנג געקוקט אויף דער ווייסער פֿרוי, נאָך דעם האָט ער זיך אויפֿגעשטעלט, צוגעקומען נאָענט און אַ גלעט געטאָן דעם פֿאַרביק־ליכטיקן בילד מיט זיינע פֿינגער. נאָך אים זיינען אַלע אַנדערע, לויט עלטער און שטאַנד, צוגעקומען נאָענט און יעדער האָט מיט אַ צופֿרידענעם שמייכל באַרירט דאָס בילד.

די מתּנות האָבן געמאַכט אַזאַ רושם אויף לעטיס׳ אָנקל, אַז ער האָט תּיכּף צוגעשטימט צו האָבן אַ צוזאַמענטרעף פֿון ביידע טאַטעס און ביידע אָנקלס — פֿון כּלס און חתנס צד אויף דעם קומענדיקן זונטיק. דאַן וועט מען זיך אויסדינגען וועגן „לאָבאָלאַ״ און ווי נאָר מ׳וועט דורכקומען וועט מען באַשטימען די חתונה. מ׳האָט באַשטימט אַז די משפּחות וועלן זיך טרעפֿן אין דער היים פֿון חתנס עלטערן.

דורך דער וואָך האָבן זיך געטראָפֿן עטלעכע מאָל לעטיס׳ פֿאָטער מיטן

אָנקל און אלץ ניט געקענט אייניק ווערן וועגן דער צאָל בהמות וואָס זיי זאָלן פאָדערן פון חתן. ענדלעך האָבן זיי באַשלאָסן צו בעטן זעקס אָקסן און זעקס קעלבלעך, פיר ציגן, פיר בעק און פינף שעפסן. און זיי האָבן דורך אַ ספּעציעלן שליח געלאָזט באַשטעטיקן זייער קומען.

אז מ׳האָט ביים חתן אין שטוב געוווסט אויף זיכער אז זיי קומען, האָבן זיך אָנגעהייבן צוגרייטונגען זיי אויפצונעמען. די מענער האָבן זיך גענומען צוגרייטן און צו פּראַווען דאָס ביר, אז עס זאָל האָבן דעם ריכטיקן טעם און זיין שטאַרק. די פרויען און העלפערקעס האָבן זיך גענומען איינפּיקלען אין געווירצן דאָס שעפּסן־פלייש, אז עס זאָל זיין גרייט ארויפצושטעכן אויף די שפּיזן און אויפהענגען איבערן פייער. אַ פעטער שטיק אָקסן־חלק האָט זיך געווייקט אין געווירצן.

* * *

זונטיק פרי האָט זיך שוין געטראָגן אַ רויך איבער דעם גאַנצן קראַאַל און דער גאַנצער ארום האָט פאַרשמעקט מיט געבראָטנס און געפּרעגלטס. אפילו צו די וויטסטעביידלעך האָט דער ריח פון די געשמאַקע פליישן זיך דערטראָגן און דער גאַנצער קראַאַל האָט געוווסט אז היינט קומען געסט צו דזשימיס עלטערן וועגן אַ כלה פאַר אים. ווען די מחותנים זיינען אָנגעקומען אַ ביסל שפּעטער, איז שוין די גאַנצע לופט געווען דורכגעזאַפּט מיט אַ זיסן שטאַרקן געמיש פון געדעמפטע פליישן און ביר. סלינע איז זיי געקומען אין מויל און זיי האָבן שוין געטראַכט וועגן דער סעודה.

אז מ׳האָט זיך באַגריסט און אָנגעוווּנטשן, האָבן זיך די צדדים געזעצט אין שאָטן פון בוים, וואָס איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון די ביידלעך און מ׳האָט גלייך אָנגעהייבן מיט תכלית — ריידן וועגן „לאבאָלא״. דער כלהס טאַטע האָט ארויסגעלייגט זיינע פאָדערונגען, און דעם חתנס אָנקל האָט אָן צערעמאָניעס געזאָגט, אז דאָס איז אַ סך צו פיל. ער האָט געזאָגט אז מ׳דאַרף עס פאַר דזשימין גרינגער מאַכן און אַראָפּלאָזן לפחות אַ העלפט פון דער צאָל. אָבער ווי דער כלהס פאָטער האָט דערהערט אז מ׳דערמאָנט דזשימין האָט ער אָנגעהייבן ארויסברענגען די מעלות פון לעטין, וואָס איז שענער פון אַלע מיידלעך אין קראַאַל, איז געזינטער פון אַלע און איז די גרעסטע בריה.

אויף דעם האָט טאַקע דזשימיס פאָטער געוואָרט און ער האָט אָנגעהייבן אויסרעכענען די גרויסע מעלות פון זיין זון. ער איז גרויס און פיין

געוואַקסן און ער קען אַ סך זאַכן, ער איז פּעאיק און טאַקע זייער אַ קלוגער, אַ סימן: דער נייער באַס פון קאָנצעשן סטאָר, דער „אינטשליזיא מאהלאפּע״ האַלט פון דזשימין עולם ומלואו. ער רעדט מיט אים, פאַרברענגט אפילו מיט אים, וואָס ער טוט ניט מיט קיינעם, און דאָס איז אַ גרויסע זאַך. און לעצטנס האָט מען אים נאָך דערלייגט געלט אויפן חודש, און מען האָט אים צוגעזאָגט אז נאָך דער חתונה וועט מען אים ווידער העכערן זיין לוין.

די לויב רייד פון פּאָטער זיינען געזאָגט געוואָרן מיט האַרץ און גע־מאַכט א רושם, אז דער כלהס צד האָט זיך אַ ביסל פאַרלאָרן מיט זיין „סחורה״ און גענומען אַראָפּלאָזן צו איין אָקס און גאַנצע צוויי פון אַלעם איבעריקן. דזשימיס פּאָטער האָט געזען אז דאָס דינגעניש נעמט אַ לאַנגע צייט און ס׳ווערט שפּעט, האָט ער געזאָגט אז מ׳וועט דערווייל גיין עסן און נאָכן עסן וועט מען פאַרענדיקן. ער האָט געוווּסט אז די גוטע סעודה וועט ווייכער מאַכן זיינע מחותנימס הערצער.

און אזוי איז טאַקע געווען. נאָכן זאַטן געשמאַקן מאַלצייט און נאָכן פאַרטרינקען מיטן שטאַרקן ביר, איז שוין דאָס דינגעניש צוגעגאַנגען לייכ־טער און מ׳איז באַלד מושווה געוואָרן אויף צוויי אָקסן, איין קעלבל, איין ציג, איין באָק און דריי שעפּסן. דאָס אַלץ וועט דער חתן געבן נאָך פאַר דער חתו־נה. שפּעטער, נאָך דער חתונה, זאָל דער חתן אויסצאָלן אין מזומן פאַר דער זעלבער צאָל בהמות, אָדער ער קען אויך אָפּגעבן מיט בהמות. נאָר טאָמער מאַכט זיך, אז ער האָט ניט ווי צו באַצאָלן, איז דער טאַטע זיך מתחייב אָפּ־צוצאָלן דעם איבערגעבליבענעם חוב פון דער „לאבאָלא״ נאָכן געבורט פון זייער ערשטן קינד, אויב ס׳ווערט געבוירן אַ מיידל. בכל אופן וועט ער דאַרפן דעם חוב איין טאָג סילוקן צו לעטיס פּאָטער אין פּי אָדער מיט געלט. לעטיס פּאָטער האָט שטאַרק געהאַלטן, אז זיין טאָכטער איז אַ סך מער ווערט ווי דער פּרייז וואָס דזשימיס צד האָבן אויסגעדונגען און ער איז באַשטאַנען אויף זיינע באַדינגונגען.

צו לעצט האָבן זיי באַשטימט אַ צייט, ווען זיי זאָלן זיך טרעפן מיט זייער „מפּונדיסא״, ער זאָל הערן וועגן די באַדינגונגען און עס פאַרשרייבן אין זיינע ביכער. דאַן וועט מען מיט אים צוזאַמען באַשליסן וועגן דער חתונה, די הוצאות פון אָפּריכטן די חתונה, צערעמאָניעס און אלע אנדערע איינצלהייטן. ביידע צדדים זיינען געווען צופרידן פון אויסגאַנג פון די

אונטערהאַנדלונגען און מ׳האָט זיך געזעגנט אַזוי ווי מ׳וואָלט שוין געווען איין משפּחה. דזשימיס פאָטער און אָנקל האָבן געהאַלטן, אַז זיי האָבן געהאַנדלט פאַר זייער זון און פּלימעניק אַ גרויסע מציאה.

קלמן אויף דער „ערשטער חתונה" אין קראַאַל

אַז דזשים איז דעם קומענדיקן מאָנטיק פרי געקומען אין סטאָר איז ער געווען גאָר אַנדערש ווי אַלע מאָל. זיין שטימונג איז געווען גוט, אויפגעהייטערט און ער האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכן. די ערשטע זאַך האָט ער איבערגעגעבן די גוטע נייעס דעם באָס טראַי, וואָס האָט אים גראַטולירט צו זיין דערפאָלג.

„איך האָב דיר געזאָגט אַז לעטי וועט זיין דיינע און גאָר גיך וועט מען פּראַווען אייער חתונה", האָט אים קלמן דערמאָנט זיינע טרייסט ווערטער.

„אַ דאַנק, באָס!" האָט דזשים געשטאַמלט און מיט אַ שעמעוודיקן שמייכל זיך געבעטן: „אָבער כ׳וויל דעם גוטן און קלוגן באָס דערמאָנען זיין צוזאָג, אַז ער וועט קומען צו דער חתונה... כאָטש אויף אַ פּאָר שעה... און מיין טאַטע און אָנקל האָבן מיר באַפוילן צו בעטן דעם באָס אין זייער נאָמען, אַז ער זאָל זאָגן עטלעכע ווערטער בעת דעם הויפּט מאָלצייט וועגן מיר... דער באָס קען מיר דאָך. זאָלן די אונדזעריקע אויך וויסן אַז דער באָס איז גוט צו מיר, העלפט מיר און איז געקומען צוליב מיר".

„זיכער וועל איך קומען, דזשים. קענסט עס זאָגן דיינע מענטשן. נאָר וועגן ריידן ווייס איך ניט ווי צו טאָן, ווייל אייער זולו־לשון קען איך נאָך ניט אַזוי גוט, אַז איך זאָל קענען ריידן פאַר אייערן אַ גרויסן עולם חתונה־געסט".

„דער באָס קען ריידן אויף ענגליש און מ׳וועט דאָס איבערזעצן. אַ סך ווייסע וואָס קומען צו אונדזערע חתונות טוען אַזוי".

קלמנען איז דער פּלאַן געפעלן געוואָרן. „דאָס איז זייער קלוג, דזשים. איך וועל נאָך באַצייטנס צוגרייטן זיך וואָס איך וויל זאָגן. מיר וועלן קומען מיט אַלעם פאַרטיקן און מיר וועלן קיינעם ניט פאַרשעמען און ניט אַנטוישן".

דזשים איז געווען באַגייסטערט פון דעם קלוגן איינפאַל פון זיין באָס, האָט ער טיף געריררט אַ פּאַטש געטאָן האַנט אין האַנט און זיך פאַרנויגט, ווי אַ צייכן פון דאַנק.

אָבער כדי זיך צו פֿאַרזיכערן אַז דער גרויסער באָס, מ״ר טראַי, וועט דאָך קומען צו דער ריכטיקער צייט אויף דער חתונה, האָבן די מחותנים אַרויסגעשיקט אַ ספּעציעלן שליח דעם זונטיק ווען די חתונה האָט זיך געדאַרפֿט אָנהייבן. דער יונגער שלאַנקער שוואַרצער איז געשטאַנען אַ באַרוועסער קעגנאיבער קלמנען און האָט אויסגעשטאַמלט, אַז דער אָנקל פֿון דזשימין האָט אים געשיקט צו זיין אַ וועגווייזער פֿאַר דעם „נמימזאַנגאַ״, ער זאָל ניט דאַרפֿן בלאָנדזשען אויף די זאַמדיק־געדרייטע וועגן צום קראַאַל.

קלמן האָט צו ערשט געהייסן מען זאָל דעם שליח געבן עסן. אַז ער האָט אים נאָך דעם פֿאַרבעטן זיך צו זעצן אין אויטאָמאָביל לעבן אים, האָט דער שליח אים אַנגעקוקט פֿאַרוואונדערט. זיין שטומער בליק האָט האַלב אין אומצוטרוי און האַלב אין קווענקלעניש געפֿרעגט: צי מעג איך זיצן לעבן דעם „אינקאָס״? קלמן האָט געפּרוווט אים דערקלערן, אַז ער זעט ניט קיין שלעכטס אין דעם ווען אַ שוואַרצער זיצט נאָענט צו אַ ווייסן. דער אונטערשייד פֿון הויט־קאָליר מאַכט ניט אַנדערש דעם מענטש, אָבער קלמנס רייד האָבן ניט געהאָלפֿן און דער שליח האָט ניט געהאַט די דרייסטקייט אַריינצוגיין אין אויטאָ.

ערשט ווען קלמנס שאָפֿער האָט דערקלערט אויף זולו־לשון דעם שוואַרצן, אַז דער „ביג באָס״ איז אַ מענטש מיט אַן „אינטשליזיא מאהלאַפּע״, האָט דער שליח זיך באַרואיקט און מיט יראת הכבוד זיך אַריינגעזעצט אין אויטאָ לעבן קלמנען. ער האָט זיך ווי ווייט מעגלעך איינגעקאָרטשעט און איינגענורעט אין סאַמע ווינקל פֿון הינטערשטן זיצפּלאַץ.

קלמן איז געווען צופֿרידן וואָס ער איז באַשטאַנען אויף זיצן מיטן שוואַרצן, זאָל דער שאָפֿער ניט מיינען אַז ער וויל ביידע שוואַרצע זאָלן פֿאָרן צוזאַמען און ער באַזונדער.

* * *

דער וועג צום קראַאַל האָט זיך געשלענגלט רויט און זאַמדיק. ער איז געווען איינגעפֿאָרן דורך וועגענער פֿון אָקסן און פֿערד, און איז געוועזן האַרט און טרוקן און דער אויטאָמאָביל האָט הינטער זיך איבערגעלאָזן אַ נידעריקן שטויב־וואָלקן, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט ווי אַ ברייטער געל־גרויער עק. גוואַלדיקע שטרעקעס ערד האָט געפּוסטעוועט אַרום און דערמאָנט קלמנען די ריזיקע סטעפּעס פֿון טיף־רוסלאַנד.

קלמן האָט מיט פאַרוווּנדערטע אויגן באַטראַכט די גרויסע שטחים ניט באַאַרבעטע ערד, ער האָט זיך געחידושט וואָס אַזוי פיל לאַנד פּוסטע־וועט. צי דען זשע זיינען ניטאָ קיין בעלנים עס צו באַאַרבעטן? ער האָט שנעל געמאַכט אַ חשבון, אַז דאָ קען מען באַזעצן הונדערטער פאַמיליעס, שוואַרצע און אפילו אָרעמע ווייסע, וואָס וואָלטן האָבן חיונה און ס׳וואָלט אויך ברענגען נוצן פאַרן גאַנצן לאַנד.

ער איז געזעסן און זיך געוויגט אויפן געמיטלעך־ווייכן געזעס פון אויטאָמאָביל און פלוצלינג, ביי אַ שאַרפן דריי פון אויטאָ, האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און אַ פאַל געטאָן אויף דעם שוואַרצן שליח, וואָס האָט זיך שנעל צוזאַמענגעקאָרטשעט ווי אַ וואָרעם. קלמנען האָט ארומגעכאַפּט אַ רחמנות אויף דעם דאָזיקן אָרעמען מענטשן און אַנדערע מחשבות זיינען אים געקומען אויפן זינען:

— פאַר וואָס טאַקע איז אַזאַ אונטערשייד צווישן די זעלבע מענטשן — איינער איז ווייס און אַ צווייטער איז שוואַרץ, ברוינע און געלע זיינען פאַראַן, און אפילו צווישן יעדער פאַרב זיינען פאַראַן גרופּעס און די אונטער־שיידן זיינען אַזוי גרויס. אפילו צווישן איין מענטש און אַנדערן איז אַזוי גרויס דער חילוק: איינער איז אָרעם און אַ צווייטער איז רייך, דער איז גוט און דער אַנדערער איז שלעכט, ס׳טרעפט אפילו ביי ברידער, אַז איינער איז נאַריש און דער אַנדערער איז קלוג צי כיטרע. און קלמנען גיט זיך מיט אַ מאָל אַזוי אַ שטעל אַוועק פאַר די אויגן יענקל הושאַק, וואָס האָט אים אָפּגעגעבן אין דער היים אַן אַגיטאַציע פאַר דעם בונד.

קלמן איז טאַקע דעמאָלט געוואָרן אַ בונדיסט, אָבער קאַרל מאַרקסעס טעאָריע, וואָס מ׳האָט געפּריידיקט אין דער פּאַרטיי, קען ער נאָך ביז היינט ניט באַנעמען. ניט ווייל ס׳איז צו שווער, נאָר ווייל ער האָט אויפגעהערט גלויבן אַז מען קען טאַקע אויסגלייכן אַלע מיליאָנען מענטשן פון דער גאַנ־צער וועלט. די צעטיילונג ביי מענטשן איז מסתמא פון אייביקע צייטן. נאָר די אָראַטאָרן קענען מאָלן דעם גן־עדן פון סאָציאַליזם מיט אַזעלכע זוניקע פאַרבן, אָבער ווען עס קומט צו דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטיק קענען זיי זיך אויך ניט קיין עצה געבן, אַז אַלע מענטשן זאָל זיך פילן גלייך ווי ברידער. און אפילו ביי ברידער פון איין טאַטע־מאַמע קומען דאָך אויך ארויס די קינדער מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, מיט באַזונדערע פעאי־

קייטן און קעגנגעזעצטע נייגונגען. און אזוי טראַכטנדיק כאַפּט קלמנען ארום אַ צווייפל פון דער טעאָריע וואָס דאַרף פאַרבינדן אַלע אָרעמע און אַרבעטנדיקע מענטשן, ווי מ׳האָט אים דאָרטן אין דער היים געלערנט. און קלמן דערזעט דעם אונטערשייד אזוי באַשיימפּערלעך: איך און דער שוואַרצער שליח — אָט פאָרן מיר ביידע אין זעלבן אויטאָ, נאָר מיט וואָס פאַר אַ געפיל פון זיכערקייט זיץ איך דאָ, און מיט וואָס פאַר אַ פיינלעכן שרעק ער?

קלמנס מחשבות זיינען איבערגעריסן געוואָרן דורך א ווייטן ריטמישן קלאַפּן פון פּויקן און מוזיק, וואָס איז געוואָרן פון מינוט הילכיקער און זיי האָבן שוין אויך געקענט הערן ווילדע פרייד־געשרייען און מאָנאָטאָנעם זינגען. דער אויטאָ האָט שוין פאַרבייגעיאָגט איינציקע און קליינע גרופּעס שוואַרצע, שפּעטער צו — גאַנצע מחנות וואָס האָבן זיך געצויגן צום קראַאַל פון פאַרשיידענע ריכטונגען.

אויפן האָריזאָנט האָט מען שוין געזען האָפּקענדיקע און טאַנצנדיקע מענטשן און אפילו געהערט דאָס טופּען פון פיס. דער אויטאָ איז איצט לאַנגזאַם געפאָרן צווישן רייען שוואַרצע, אויסגעפּוצטע אין זייערע נאַציאָ־נאַלע טראַכטן. פאָרויס זיינען געגאַנגען די מאַנסבילן און הינטער זיי די פרויען — מיט גלאַנציק־נאַקעטע בריסט אויפגעדעקט.

דער אויטאָמאָביל איז געבליבן שטיין ביים הויפּט־אריינגאַנג און דאָס בילד וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט איז געווען וווּנדערלעך־אימפּאָזאַנט: יע־דער איינער האָט אוועקגעגעבן צו דעם מאַן וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער חתונה־צערעמאָניע די קליינע מתנה וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך — אַ הון, אַ ציגעלע און אפילו אַ שעפּסעלע. אָבער די וואָס האָבן זיך ניט געקענט דערלויבן אזא רייכן געשאַנק, האָבן געבראַכט אויסגעטריקנטן אָפּפאַל פון אַ בהמה, וואָס האָט געדאַרפט זיין נאָר אַ סימבאָלישער זשעסט פון אַ חתונה־מתנה — און די מתנות זיינען געווען אַ מין „אריינטריט־בי־לעט" אין קראַאַל.

* * *

חתן־כלה זיינען געזעסן מיט זייערע טאַטע־מאַמע און אנדערע משפּחה־עלטסטע ביי דעם הויפּט־טיש. באַראַבאַנען האָבן אויסגעפּויקט אַ מאַרש און פרויען האָבן צוגעקלאַפּט מיט די פיס צום טאַקט. יעדע ווילע האָבן זיך די

פּייקלער געביטן, כדי דער ריטעם פונעם שפּיל זאָל ניט איבערגעריסן ווערן. ניט ווייט פון הויפּט־טיש איז געלעגן אַ געבראָטענער אָקס און עלטערע פּרויען פון דער משפּחה האָבן געשניטן שטיקער פלייש און געטיילט די געסט. אַ ספּעציעלן חלק, וואָס מ׳רופט „אומשלובולא״ און באַשטייט פון אַ גאַנצער זייט פון אָקס, האָט מען דערלאַנגט צום הויפּט־טיש פאַר חתן־כלה און מחותנים.

היימיש־געמאַכטער ביר איז סערווירט געוואָרן און יעדער האָט דער־ווייל בלויז פאַרזוכט פון דעם. אַ שוואַרצער האָט געזונגען לידלעך, גע־זאָגט גראַמען און עצות געגעבן דאָס יונגע פּאָרל, ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך באַ־גיין נאָך דער חתונה. ביי קלמנען אין די אויגן איז ער פאַרגעקומען ווי דער היימישער בדחן אויף אַ יידישער חתונה.

פלוצלינג האָט דזשים, דער חתן, דערזען דעם גלאַנץ פון זיין באָסעס אויטאָמאָביל אין געדראַנג. ער האָט געבעטן זיין אָנקל ער זאָל געבן אַ צייכן דעם צערעמאָניע־מייסטער ער זאָל מאַכן אַ שיינעם קבלת־פּנים זיין בעל־הבית, דעם „אינטשליזיא מאהלאפּע״. דאָס טירל פון אויטאָ האָט זייך געעפנט און צו ערשט איז ארויסגעקראָכן דער שליח, אַלע האָבן אויסגע־גלאָצט די אויגן און זיך געוווּנדערט, אָבער דאָס גרעסטע וווּנדער איז גע־ווען ווען קלמן האָט זיך באַוויזן. דער גאַנצער עולם האָט צונויפגעלייגט די הענט און זיך פאַרנייגט פאַר אים. די כלי־זמר האָבן גענומען אויספּייקלען מיט באַגייסטערונג: „סינדע בעלע, סאָלי באנאני״! דאָס האָט געמיינט: מיר זעען דיך, מיר באַגריסן דיר! און דער צערעמאָניע־מייסטער מיט אַ פּאָר עלטסטע זיינען צוגעקומען צו קלמנען און מיט כבוד אים צוגעפירט צום הויפּט־טיש, וווּ אַ ליידיקער פּלאַץ איז שוין געשטאַנען צוגעגרייט פאַר אים פון פריער.

קלמן איז געווען גערירט פון דער מלכותדיקער אויפנאַמע. אויף דעם האָט ער זיך ניט געריכט. האָט ער, אַ ביסל פאַרשעמט פון דעם צו גרויסן כבוד, צו אַלעמען געשמייכלט און געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי אַ באַגריסונג. אָבער דאָס איז געווען נאָר אַן אָנהייב. דער צערעמאָניע־מייסטער האָט אין זיין זולו־לשון פאַרגעשטעלט קלמנען. ער האָט ניט אַלץ פאַרשטאַנען, נאָר ער האָט געהערט ווי ער חזרט איבער דאָס ענגלישע וואָרט „ביג באָס״ און ניט ווייניק מאָל דערמאָנט ער די ווערטער „אינקונזי מאשלאנגא״ און „אינטשליזיא מאהלאפּע״.

אַ יונגער שלאַנקער און אויסגעפּוצטער שוואַרצער, מסתמא שוין א געלערנטער, האָט איבערגעזעצט אויף ענגליש די רעדע פון צערעמאָניע־מייסטער נאָך יעדע עטלעכע זאַצן. ווען ער האָט געענדיקט האָט דער עולם געמאַכט פריידיקע אויסרופן פאַר קלמנען. ווען ס׳איז שטיל געוואָרן האָט דער צערעמאָניע־מייסטער געבעטן דעם „ביג באָס״ זאָגן עפּעס וועגן חתן, וואָס אַרבעט אין זיין קאָנצעשן סטאָר. און דאָ איז פאָרגעקומען די זעלבע פּראָצעדור: קלמן האָט געזאָגט עטלעכע זאַצן אין ענגליש און דער שוואַרצער האָט עס פליסיק, ווי אויסגעלערנט, גלייך איבערגעזעצט אויף זולו. אָבער קיין צו לאַנגע רעדע איז עס ניט געווען. קלמן האָט שוין אין די בליקן באַמערקט, אז דער עולם וואַרט אז די חתונה־צערעמאָניע זאָל זיך שוין אָנהייבן און ער האָט זיינע עטלעכע אויסגעחזרטע ליבווערטער אָפּגע־כאַפּט אויף גיך.

פון אַלעמענס מיילער האָט זיך ארויסגעריסן אַן אויסגעשריי, ווי איין גרויסע לונג וואָלט אויפגעפּלאַצט מיט צופרידענער הסכמה צו די רייד.

איצט ערשט האָט זיך די חתונה אָנגעהייבן. די מאַמעס פון חתן־כלה האָבן אוועקגעלייגט די זייט פון אָפּגעבראָטענעם אָקס אויף אַ ווינקל פון גרויסן הויפּט־טיש. יעדערביים טיש האָט גענומען שניידן שטיקער פלייש און מ׳האָט געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. נאָך דעם האָט מען פאַרטרונקען מיט ביר, וואָס מ׳האָט געשעפּט פון אַ פּעסל מיט אזעלכע מין ספּעציעלע הילצערנע כלים.

קלמן האָט שוין פון פריער געהאַט געוווסט פון דעם מינהג, אז אַ גאַסט ביי די שוואַרצע אויף אַ שימחה מוז עסן, אויב ניט באַטראַכטן זיי עס ווי די גרעסטע באַליידיקונג. ער האָט זיך דעריבער זייטיק צוגעקוקט וואָס זיי אַלע טוען און פאַרזיכטיק זיי נאָכגעטאָן.

ער האָט זיך אָפּגעשניטן אַ קליין שטיקל פלייש, געגעסן ווי אַלע מיט די הענט און נאָך דעם אָפּגעלעקט די פינגער. מיט נייגער זיינען אַלע אויגן געווען געווענדט צו זיין זייט. יעדער האָט געוואָלט זען ווי די „אַנמימזאנא״ עסט און האָט הנאה. קלמן האָט עס באַמערקט און טאָפּלט הנאה געהאַט. ער האָט פאַרטרונקען מיט אַ גרויסע כלי ביר און זיך פאַסמאַקעוועט, ווי ער וואָלט אזא זאַך פאַרזוכט דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן. אַלע שוואַרצע ארום האָבן גערעדט וועגן אים און זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט צופרידן.

נאָך דעם פעטן און געשמאַקן מאַלצייט, ווען די זון האָט זיך געהאַלטן ביים אַראָפּזעצן הינטערן ראַנד פון האָריזאָנט, האָט דער שוואַרצער לידער־זינגער פלוצלינג געגעבן אַ שוידערלעכן און גוואַלדיקן געשריי. עס איז געווען דער סימן פון אזא שפּיל וואָס דאַרף זיך אָנהייבן מיט דעם געשריי. און אַלע יונגע ניט חתונה־געהאַטע מיידלעך האָבן זיך אַ לאָז געטאָן לויפן מיט זייערע אַלע כוחות אין דער ריכטונג צו די בערג. אַלע יונגען, ניט חתונה־געהאַטע, האָבן זיך גלייך פאַרנומען יאָגן נאָך זיי מיט דער גאַנצער קראַפט. דאָס איז געווען דער אַלטער מינהג־שפּיל ביי די זולוס. דער רעזולטאַט: יעדע מיידל וואָס ווערט געכאַפּט פון אַ בחור דאַרף ווערן זיין כלה.

און ווען קלמן איז געפאָרן צוריק, האָט ער זיך געזעצט לעבן שאָפער און אויסגעפרעגט אים וועגן די אַלע אַלטע מינהגים. שפּעטער האָט אים דער שאָפער דערקלערט, אז היינט איז נאָר געווען דער אָנהייב פון דער חתונה, וואָס וועט דויערן דריי טעג — דאָס איז „די ערשטע חתונה״ און קומט פאָר ביי דער כלה אין קראַאַל. אָבער אזא פייערלעכקייט מיט נאָך מער צערעמאָניעס וועט פאָרקומען ביים חתן אין קראַאַל — דאָס רופט מען „די צווייטע חתונה״. קלמן האָט מיט גרויס אינטערעס זיך צוגעהערט צו וואָס דער שאָפער האָט אים אַלץ דערציילט. דאָס זיינען געווען מאָדנע פּירונגען און חתונה־געזעצן וועגן וועלכע ער האָט געהערט צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן און זיינען געווען אַנדערש ווי ביי יידן, גויים און ביי אַנדערע פעלקער.

* * *

אין אָוונט איז קלמן געלעגן אויף זיין בעט און געשטאַרט אין דער פינצטערניש. ער האָט שוין געהאַט אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן דער היינטיקער חתונה אין קראַאַל. זיין האַרץ איז איצט געווען פול מיט אַ טרויער און בענקשאַפט, וואָס האָט שווער געמאַכט די גלידער. ער האָט ניט אויפגעדרייט דאָס ליכט און די שטילקייט ארום איז געווען אזוי געדיכט, ווי זי וואָלט זיך אויסגעמישט מיט דעם חושך. איצט האָט ער מיט אַ מאָל דערפילט אַ ציעניש צו יענע ווייטקייטן פון וואַנען ער איז ניט לאַנג צוריק געקומען. ער איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און געזען די געזונטע בעלי־עגלות, כאַטשען און העטשען, אָבער איבער אַלעמען איז געשטאַנען זיין קליינע מאַמע.

זיין מאַמע איז איצט אויסגעוואַקסן און עפּעס האָט אים אַ צי געטאָן.

ער האָט געוואָלט אויפשפּרינגען און לויפן צו איר. עפּעס אַ געהיימע קראַפט האָט אים געצויגן צו דעם אַלעם וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט. און דאָרט ברענט איצט זיין היים, זיין גאַס, זיין שטעטל, זיינע פריינד, זיין מאַמע! ער האָט געוואָלט שרייען, אָבער צו וועמען? ער האָט ניט ווו צו לויפן און צו וועמען צו שרייען. אַלץ און אַלע זיינען ווייט. דאָרטן פלאַקערט איצט די מלחמה וועגן וועלכער דזשעק האָט אים דערציילט.

קלמן גראָבט איין זיין בליק אין דער פינצטערניש. ער זעט ווי עס וויסלען זיך די בלומיקע גאַרדינען. ער שטרעקט אויס אַ האַנט און ציט זיי אויף. אַ פּירקאַנטיקע שטיק בלויקייט גיט זיך אַ שפּאַר אריין אין צימער, פאַלט אויף זיין בעט. אין פענצטער האָט אַ זילבער־שטערנדל ארייגעג־וונקען. קלמן מאַכט צו די אויגן און פילט ווידער די שטילקייט. שטיל און רואיק. אַיז דאָרט, אין רוסלאַנד, רייסן אויף סנאַריאַדן, דאָרטן איז אַלץ אין פייער. וואָלט ער איצט דאָרטן געווען, וואָלט ער איצט גאַלאָפּירט אויף אַ פערד צום פראָנט, ער וואָלט געשניטן מיט זיין שווערד מענטשישע קעפּ. ער גיט זיך אַ טרייסל און פילט אַ קעלט אין די ביינער. אפשר שניידט מען דאָרט איצט כאַטשעס און העטשעס קעפּ. געצל!... גיט עס אים מיט אַ מאָל ווי אַ ריס אין זיין אינגעווייד און ער קאָרטשעט זיך צוזאַמען. ווער ווייס צי ער לעבט נאָך. און קלמן זעט אים איצט א לעבעדיקן, ווי יענעם טאָג, ווען דער אונטער־אָפיצער האָט אים געפּאַטשט. — —

געצל שטרעקט אויס די הענט און בעט זיך: קלמן, ראַטעווע, נעם מיך מיט... קלמן גיט זיך אַ בייג צו אים, נאָר פון דער זייט קומט אָן סאָניע. זי שלעפּט אַ שווערן טשעמאָדאַן און ווינקט צו אים ער זאָל איר העלפן. קלמן טאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ: יאָ, ער טראָגט דאָס היטל מיטן נומער פון נאַסילשטשיק. ער גיט אַ כאַפּ פון סאָניען דעם טשעמאָדאַן און טראַכט: פאַר וואָס האָט זיך סאָניע אזוי געמאַטערט, אז דער טשעמאָדאַן איז לייכט ווי אַ פעדער. סאָניע קוקט אויף אים מיט ליכטיק־צעבלויטע אויגן און פרעגט: איר זייט עס קלמן טראַיעוויצקי?... אירע חן־גריבעלעך שמייכלען. קלמן ענטפערט: יאָ, סאָניעטשקע. איך וואַרט שוין אויף אייך אזא לאַנגע צייט. לאָמיר גלייך לויפן. איר הערט: אָט איז דער פייף פון דער באַן, זי קומט גלייך... לאָמיר אויך מיטנעמען געצלען, ווייל דער זשלאָב מיקאָליי ריזשי גייט מאַכן אַ מלחמה אויף עליע דעם בעל־עגלה!... איך וועל אים וויזן ווי מע שלאָגט יידן!... אָט...

קלמן גיט אַ צענעם די הענט און עפנט די אויגן.

דער הימל ליגט אַ בלוי־זילבערנער אין פענצטער.

קלמן ציט אריין אַ פולע ברוסט מיט קילן לופטיקן דרויסן.

זאָל שוין זיין נאָך דער מלחמה. אפשר איז גאָר אַ פּלאַן צו פאַרבעטן דער מאַמען אַהער, צו זיין חתונה מיט סאָניען. און קלמן פילט ווי אַ זיסער שלאָף וויגט אים איין.

(סוף פון צווייטן בוך)

נ אָ כ וו אָ ר ט

(באַמערקונג פון פאַרלאַג)

ווען דער מחבר האָט פאַרטראַכט אָנצוהייבן שרייבן דעם ראָמאַן „קלמן בולאַן”, האָט ער אויסגערעכנט, אז דער ראָמאַן וועט פאַרנעמען בלויז צוויי ביכער; דאָס ערשטע בוך — קלמן אין דעם אלטן היימישן שטעטל, און דאָס צווייטע בוך — קלמן אין דרום אפריקע.

ווען ער האָט אָבער דערגרייכט די צאָל זייטן פאַרן צווייטן בוך, וואָס האָט איבערגעשטיגן דאָס ערשטע בוך, און עס איז נאָך ניט אויסגעשעפּט געוואָרן אַ העלפט אפילו וואָס קלמן האָט געהאַט צו זאָגן, האָט ער באַשלאָסן, אז דער ראָמאַן „קלמן בולאַן” זאָל דערשיינען ווי אַ טרילאָגיע, און האָט זיך פאַרנומען מיט אַ דריטן בוך, וואָס וועט קלמנען דערפירן האַרט צו דער צווייטער וועלט מלחמה.

דאָס דריטע בוך איז שוין אין דרוק און די חשובע לייענער וועלן אויף אים לאַנג ניט דאַרפן וואַרטן.

דער לייענער וועט געפינען דאָס דריטע בוך — וואָס וועט דערשיינען אין די נאָענטסטע מאָנאַטן — אַלץ מערער אינטערעסאַנט און שפּאַנענד.

פ אַ ר ל אַ ג „ק אַ י אָ ר”.

ביכער פון מענדל טאַבאַטשניק:

„מענטש און זיין ארום״ — לידער און פּאָעמעס — 1963

„איך לאַך מיט אייך צו 70״ — הומאָריסטישע דערציילונגען — מאָנאָלאָגן — איינאַקטערס — 1965

„אין שפּעטע שעהן״ — לידער און פּאָעמעס — 1965

„די נייע הגדה״ — אָפּצוריכטן דעם דריטן סדר — 1967

„קלמן בולאַן״ (ראָמאַן) — ערשטער בוך — 1969